STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06405

MIT IDISHE OYGN

Meyer Brown

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט
אידישע
אויגן

מאיר בראַון

מיט ייִדישע אויגן

אַרויסגעגעבן פון

פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג

געגרינדעט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

ניו יאָרק — 1958

MIT YIDDISHE OYGEN

Through Jewish Eyes

By Meyer Brown

Copyright, 1958 *by*
Farband Book Publishing Association, Inc.
45 East 17th Street, New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A. by
Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

253

געווידמעט

מיין

לעבנס־באַגלייטערין

לאה'ן

אינהאַלט

א וואָרט צום לייענער 9

אריינפיר 11

אויטאָביאָגראַפישע שטריכן 13

פון מיינע רייזעס

אייראָפּע אין 1920 27

אין פּוילן, 1930 36

אונטערן צייכן פון האקן־קרייץ 43

א באַזוך אין אינדיע 47

אויף א שיף מיט מיסיאָנערן 52

אין א „ווילדן" ווינקל אין מעקסיקאָ 58

ארץ־ישראל

מיר וועלן נישט דערלאָזן 65

א ברודער־האַנט 70

א ביסל מער פּרנסה 74

ענגלישע סאָלדאַטן 79

ווי א תושב 84

די אומרועןּ 93

שטימונגען און באַאָבאַכטונגען 96

א באַזוך אין מדינת ישראל 101

עולים דערציילן 105

I אַמעריקע

60 יאָר 113

אידישע אָרדנס 120

מיט מזל 125

א. איד. נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד 127

ב. ארץ ישראל טעטיקייטן 153

דער לערער סעמינאַר 166

אָנהייב פון פּועלי ציון 173

די וועלט קאָנפערענץ 193

II

לעאָ פראַנק 202

המן־טאַש שטאָט 206

לויף, קעלבעלע, לויף 211

אינעם לאַנד פון מאָרמאָנען 216

מלחמה שטימונגען 221

פערזענלעכקייטן אויף מיין וועג

אַוועקגעגאַנגענע

דוד אבערסאָן 227
דר. שושנה בוכמיל 229
משה גודמאַן 231
פּנחס גינגאָלד 232
חיים גרינבערג 235
גריגאָרי גרשוני 239
פּרץ הירשביין 241
יצחק אייזיק הורוויטש 243
יצחק זאַר 245
זאב זשאַבאָטינסקי 249
דר. חיים זשיטלאָווסקי 252
דר. יהודה מאַגנעס 258
דר. נחמן סירקין 261
הירשע ערענרייך 263
פּנחס רוטענבערג 265
דוד רמז 269
וועלוועל שוואַרץ 271

זאָלן זיי לאַנג לעבן

ש. באָנטשעק 273
דר. הערמאַן זיידל 275
לואי ליפּסקי 277
ל. סיגאַל 278
יואל ענטין 283
דוד פּינסקי 285
ברוך צוקערמאַן 288

כדאי צו פאַרצייכענען

מחשבות 293
דער טאַטע און דער זון 296
וואָס דאַרף באַצוועקן אידישע דערציאונג 298
קולטור און דערציאונג אין מדינת ישראל 303
אַרום אידישן קולטור־קאָנגרעס 306
„ניו יאָרק טיימס" 309
אין שפּיטאָל 313
מיינע טאָג־נאָטיצן 316



מיינע עלטערן אריה־לייב און חוה

אַ וואָרט צום לייענער

מיט צופרידנקייט ברענגען מיר צום אידישן לייענער בכלל, צו די חברים פון אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, און צו דער ציוניסטישער אַרבעטער-באַוועגונג בפרט, דאָס בוך „מיט אידישע אויגן", וואָס אַנטהאַלט עסייען, באַאָבאַכטונגען, עפּיזאָדן און רייזע-באַשרייבונגען פון חבר מאיר בראַון, פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

אַ באַזונדער נחת-רוח איז פאַר אונז וואָס דאָס דאָזיקע בוך דער-שיינט אין דעם 70-יאָריקן געבוירן-יאָר פון מאיר בראַון, וועלכער געניסט אַ סך אַכטונג און ליבשאַפט סיי מצד אונזערע מיטגלידער, סיי מצד ברייטערע קרייזן אין דער היגער געזעלשאַפט, מדינת ישראל, ווי אויך אין די אידישע ישובים פון אַנדערע לענדער.

„מיט אידישע אויגן" שפּיגלט אָפּ ניט בלויז דאָס לעבן פון מחבר, נאָר גיט אויך אַן אַלזייטיק בילד וועגן וויכטיקע פאַזן פון אידיש-געזעלשאַפטלעכן און קולטור-לעבן אין אַמעריקע, מדינת ישראל און אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט אין פאַרלויף פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט.

מיר באַגריסן הארציק חבר מאיר בראַון צו זיין 70-יאָריקן יובל, און מיר שיקן אים איבער אונזער ברכה אַז ער זאָל ווייטער ממשיך זיין מיט דער זעלביקער פרישקייט, געטריישאַפט און איבערגעבנקייט זיינע שעפערישע טעטיקייטן, וואָס האָבן אינספּירירט און געדינט ווי אַ וועגווייזער פאַר אַ גרויסער צאָל חברים און פריינט.

פ אַ ר ל אַ ג

ביים

אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

אַריינפיר

בין איך שוין אויף אַ בן־שבעים. אַמאָל האָט מען אַ זיבעציק־יאָריקן פאַרעכנט ווי אַ זקן; על פּי רוב איז ער געווען מיט אַ ווייסער באָרד, איינגעבויגן, וואָס האָט שוין געקלערט, אַז עס איז באַלד צייט פאַרלאָזן די זינדיקע וועלט.

וואָס טוט מען היינט? דער לוח זאָגט מיר, אַז איך האָב דערגרייכט די עת זקנה. לויט יהודה בן תימא בין איך אין דער קאַטעגאָריע פון די גרייז־גרויע, אָבער איך פיל זיך נאָך ברוך השם יונג און פריש מיט אַ גוטן זכרון און מיט אַ מוח, וואָס לאָזט מיך ניט איינשלעפערן.

טענה'ן פריינט און אייגענע: „מאַך אַ חשבון הנפש. גיב אַ בליק אויף דיין לעבן, דערמאָן דיינע דערפאַרונגען, פאַרצייכן דיינע איבערלעבונגען, כדי אַנדערע, באַזונדערס דיינע חברים און מיטקעמפער, זאָלן מער וויסן וועגן ח' בראַון“.

איז דאָך מיין לעבן אַן אָפן בוך. איך האָב ניט קיינע פאַרבאָרגענע סודות. נאָר אפשר זיינען זיי פאַרט געדעכט? האָב איך גענומען אַריינקוקן אין מיינע פּאַפּירן, אַ בלעטער געטאָן „די וואַרהייט“, „דער טאָג“, „אידישער קעמפער“, „צייט“, „פאַרבאַנד שטימע“, אַלמאַנאַכן און זאַמלביכער, אין וועלכע איך האָב זיך באַטייליקט מיט מיין פען.

איך בין ניט אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, אָבער איך בין אַליין געווען איבעראַשט פון מיינע אָן אַ שיעור געדרוקטע אַרטיקלען און פון אַזוי פיל נאָטיצן וועגן רעדעס, רעפעראַטן וואָס איך האָב געהאַלטן אין לויף פון איבער פופציק יאָר.

און אויב שוין יאָ באַאַרבעטן דאָס געדרוקטע און איבערגעבן זכרונות, זאָל דאָס זיין מערסטנס אַן אויסדרוק פון מיינע באַאָבאַכטונגען און לעבנס־גאַנג. וויל איך ניט מאַטערן דעם קורא נכבד מיט אַ שווערן לייען־שטאָף. כ'לאָז דאָ אויס מערערע עסייען און אָפּהאַנדלונגען מיט אַ ריין טעאָרעטיש־פּאָלעמישן כאַראַקטער. אויב ס'וועט מיר באַשערט זיין נאָך אַ מאָל אַ בוך אַרויסצוגעבן, וועל איך עס טאָן אין ענגליש פאַר מיינע אינגערע חברים און פריינט, וואָס קאָנען לײדער, ניט לייענען קיין אידיש.

צווישן אַנדערע רובריקן איז פאַראַן אינעם בוך אַן אָפּטייל „פּערזענלעכ־קייטן“ — שטריכן סיי פון די, וואָס האָבן אויף מיר געהאַט אַן איינפלוס און סיי פון די, מיט וועלכע איך האָב יאָרן לאַנג מיטגעאַרבעט. איך באַדויער

בלויז וואָס איך האָב זיך געמוזט באַשרענקען. ס׳פֿעלן אין דער אָ סעריע יחזקאל עדעלשטיין, ליאָן כאַזאַנאָוויטש (כתריאל), חיים פֿיינמאַן, ש. קאַפּ־לאַנסקי, משה קאַץ, דר. ה. זאָלאָטאַריאָוו, יהואש, באַראַכאָוו, י. באַראָנדעס, ש. ניגער, דוב האָז, יצחק בן צבי, דוד בן גוריון, א. כאַשין, גאָלדע מאיר, ב. לאקער, ח. שויס, ה. לייוויק, נ. ב. מינקאָוו, י. שפּרינצאַק, זרובבל, י. שלאָס־בערג, יהושע גאָרדאָן, אבא חושי, ג. אַוורונין, ד. ווערטהיים, און אַנדערע, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגענט אין פֿאַרשידענע צייטן פֿון מײַן לעבן.

ס׳וואָלט געווען אַ גוטער געדאַנק מ׳זאָל אַמאָל אַרויסגעבן אַ „ווער איז ווער״ אין אונזער באַוועגונג און אין אידישן פֿאָלקס־לעבן — ביאָגראַפֿיעס פֿון פֿאַרדינסטפֿולע יחידים אין די לעצטע דורות.

מ׳וואָלט געדאַרפֿט אָנשרייבן אַ גרעסערן קאַפּיטל וועגן דערציאונג און קולטור־פּראָבלעמען, וואָס זיינען מיר טייער, אָבער „קצר המצע מהשתרע״ — מען קאָן דאָך ניט אַלץ, וואָס ס׳ווילט זיך, אַריינגעבן.

טאָ, זאָל זיין גענוג!

בין איך דאַנקבאַר דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד פֿאַר דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פֿון בוך.

שאַץ איך אָפּ די אַרבעט פֿון ח׳ ז. ברושי, וואָס האָט זיך גענומען די מי דורכזען מיינע מאַנוסקריפּטן און זיי ברענגען אין אָרדנונג. ער האָט כסדר געמאָנט אַז איך זאָל שרייבן וואָס מער, געהאַלטן דאָס מאַטעריאַל אינטערע־סאַנט און וויכטיק. דאָס פֿאַרצייכנטע איז מענטשלעך, די באַאָבאַכטונגען — מיינע אייגענע, ווי איך האָב זיי געזען מיט מיינע אידישע אויגן.

אויב דער לייענער וועט די אָ פֿאַרשריבענע בלעטער געפֿינען אינטערע־סאַנט — והיה זה שכרי.

אויטאָביאָגראַפישע שטריכן

איך שרייב די שורות אין זיבעציקסטן יאָר פון מיין לעבן און אין צענטן יאָר פון עצמאות ישראל. דעם אמת געזאָגט, איז דער ישראל יום־טוב פאַר מיר וויכטיקער ווי מיין פּערזענלעכער. איך קאָן זאָגן, אַז ווערנדיק אַ בן שבעים, פּייער איך, גלייכצייטיק, זעכציק יאָר זינט איך האָב מיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיטן ציוניזם.

איך געדענק ווען מיין עלטערער ברודער, מיכאל, האָט מיך מיטגענומען צו אַ ציוניסטישער אסיפה אין שול. עס האָט גערעדט גדליה בובליק. בישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען, אָבער איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיינע התלהבותדיקע רייד.

איך שטאַם פון אַ בעלי־הבית׳ישער הויז אין ביאַליסטאָק. לימודי קודש האָב איך געלערנט אין חדר, פאַרזוכט אויך דעם טעם פון אַ בלאַט גמרא. שפּעטער האָט מען מיך אריינגעגעבן אין אַ רוסישער שול. מיין לערער פאַר אַ קורצער צייט פון די רוסישע לימודים, איז געווען דער פּועלי ציון פירער, ש. קאַפּלאַנסקי.

מיר זיינען געווען ווייט פון צו זיין פאַרמעגלעך. מיין טאַטע האָט שווער געאַרבעט פון גאַר אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. ער איז געווען אַ איד אַ משכיל און אַ פּראָמינענטער לערער פון רוסישער שפּראַך, ליטעראַטור, מאַ־טעמאַטיק, געשיכטע וכד. מיר קינדער האָבן על פּי רוב גערעדט רוסיש, חוץ מיט מיין מאַמען און מיין באָבען, וועלכע זיינען געווען זייער פרום. מיין באָבע האָט אַפילו געקוקט קרום אויף מיין טאַטן, ווייל ער איז געווען מער אויפגע־קלערט, פריידענקעריש, אָבער נישט אַן אַפּיקורס.

מיין עלטערער ברודער מיכאל האָט אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. ער איז געווען אַ ציוניסט. צו אונז פלעגן אָפט אַריינקומען אידישע סטודענטן; כ׳פלעג זיך צוהערן צו זייערע ויכוחים איבער ציוניזם, ארץ ישראל וכד׳.

איך געדענק, ס׳פלעגט אונז פון צייט צו צייט באַזוכן דער באַקאַנטער אידישער פּאָעט לייב יפה, וואָס גאַר נאָנטע פלעגן אים רופן „לייבעטשקע יפה״, ווי אויך לעאָן פּאַפּערין, אַ מערקווירדיקער רעדנער אין רוסיש, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסט. ווי דורך אַ חלום טויכט אויף די גרויסע לויה פון ר׳ שמואל מאָהילעווער. מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן ווי אַן אַנטיסעמיטישער דאָקטאָר האָט אויסגעבערענט ביי אַ אידן אויפן שטערן דאָס וואָרט „גנב״, ווייל ער האָט עפּעס צוגענומען פון זיין גאָרטן.

מיין ברודער מיכאל האָט פיל געלייענט און האָט אויך געזאַמלט ביכער, וואָס ער פלעגט צושטעלן דר. יוסף כאַזאַנאָוויטש. דר. כאַזאַנאָוויטש איז געווען אַ מערקווירדיקע פערזענלעכקייט, אַ פאָלקס־מענטש, און אַן אמתער דעמאָקראַט. זיינע צימערן זיינען געווען באַלאָדן מיט ספרים, וואָס ער האָט געזאַמלט פאַר דער ביבליאָטעק אין ירושלים. אַרום זיין פערזאָן זיינען אַרומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס. ער איז געווען שטאַרק באַליבט אין שטאָט, איבערהויפּט ביי דער אָרעמער אידישער באַפעלקערונג.

איך געדענק נישט פיל פון מיינע קינדער־יאָרן. נאָר ס׳רייסן זיך דורך אין זכרון פאַרנעפּלטע עפּיזאָדן: ביי אונז האָט פון צייט צו צייט געדינט אַ מיידל, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן מיין מאַמען, וועלכע איז געווען שוואַך אין געזונט. ווי עס איז דער שטייגער, ווערטלט זיך אַדורך אַמאָל אַ בעל־הבית׳טע מיט אַן אַרויסהעלפערין. איך האָב תמיד זיך אָנגענומען פאַר דעם בעוולטן מיידל. פלעגט מיין טאַטע זאָגן אויף מיר, אַז: „דער אַ יונגאַטש וואַקסט אַ סאָציאַליסט״. דעם זיידן פון מיין מאַמעס צד האָב איך נישט געקענט. ער איז געשטאָרבן איידער איך בין געבאָרן געוואָרן. מיין באָבע האָט געוואוינט מיט אונז. זי פלעגט איינקויפן פאַרן הויז. איך האָב זייער ליב געהאַט פריש־שוואַרץ־ברויט. ווען איך פלעג גיין אין חדר און זי באַגעגענען, פלעג איך בעטן זי זאָל מיר געבן אַ פּענעץ לחמא. זי פלעגט כלומרשט ברוגז ווערן, מיר געבן אַ קניפּ אין בעקל, און זיך צעבייזערן: „קינדערלעך, וואָס וועט פון אים אויסוואַקסן?״ אַמאָל פלעג איך ווערן אין כעס, מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, האָט די מאַמע געגעבן אַ זאָג: „פאַרמאַך דיינע גזלנ׳ישע אויגן!״ דעם זיידן, פאָטער פון מיין טאַטן, פלעג איך פון צייט צו צייט באַזוכן. ער איז געווען אַ למדן, אַ פרומער איד און געהאַט סמיכות אויף רבנות. אָבער פון זיין תורה האָט ער נישט געמאַכט קיין „קרדום לחפור בה״. חיונה האָט ער געצויגן פון יגיע כפים. אידן פלעגן קומען צו אים מיט שאלות. ער האָט מחבר געווען אַ רבניש ספר, וואָס זיין אינהאַלט איז מיר אומבאַקאַנט.

ווען איך בין אַביסל עלטער געוואָרן, האָב איך נישט פאַרשטאַנען וויאַזוי ביי מיין פרומען זיידן, האָט געקאָנט אויסוואַקסן אַ זון — מיין טאַטע — וועלכער האָט געגאַשט פון לימודי חול. משמעות אַז אַחוץ לומדות האָט מיין זיידע אויך פאַרמאָגט אַ מאָס פון טאָלעראַנץ און סבלנות. ער האָט נישט געשטערט זיינע קינדער אויסצוקלייבן זייער וועג. מיין שוועסטער, סאָניאַ מאשעוויצקי, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער טאַטע פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן פון זיין שטיף־מאַמע מיט זיין לערנען.

מיין פאָטער האָט געהאַט נאָך איין לייבלעכן עלטערן ברודער, מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן אַ ראָמאַנטישע אַוואַנטוריסטישע געשיכטע. מיט

אַמאָל — גאָך זיין בר מצוה — איז ער נעלם געוואָרן פון דער היים. וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי מיין זיידן אין שטוב קאָן מען זיך משער זיין. עס זיינען אַוועק עטלעכע יאָר — ואין קול ואין עונה! מ'האָט זיך געהאַט מיאש געווען פון אים. פּלוצלונג, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, קומט אָן אַ בריוו פון אַדעלאַאיד, אויסטראַליע — דער פאַרלאָרענער בחור האָט זיך אָפּגעזוכט. ער האָט געשריבן, אַז אים האָט זיך פאַרגלוסט צו זען די גרויסע וועלט. עלף חדשים האָט ער געוואָגלט מיט שיפן איבער ימים ביז ער האָט זיך דער־שלאָגן קיין אויסטראַליע. דאָס לאַנד געפעלט אים, גאָר בקרוב וועט ער ווערן אַ בירגער און וועט מיט דער צייט זיין „אָל־רייט". בייגעלייגט זיינען געווען עטלעכע ענגלישע פונטן ווי אַ מתנה פאַרן זיידן, מיין טאַטן און פאַר די קינדער.

שוין אין פריסטן עלטער האָב איך זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט ארץ ישראל און ציוניזם. אין אונזער הויז פלעגן מיר קריגן רוסישע בלעטער און זשורנאַלן, אויך אַ העברעאישע צייטונג „הצפירה". עס האָט דאַן געקאָכט מיטן דרייפוס פּראָצעס, וואָס האָט מיך אויך פאַרכאַפּט. איך געדענק נאָך ווי היינט אַ צאָל פון מיינע העלדן פון יענער צייט — ווי עמיל זאָלאַ, דער פראַנצויזישער מלוכה־מאַן דזשאָרזש קלעמאַנסאָ, פּאָלקאָווניק פּיקאַר, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַרן אָנגעקלאָגטן און געקערט וועלטן צו באַווייזן, אַז ער איז אומשולדיק. קאַפּיטאַן דרייפוס האָט אַרויסגערופן ביי מיר קינדערשע טרערן. איך האָב באַקלאָגט זיין מזל וואָס מען האָט אים פאַרשיקט אויפן „טייוול'ס אינזל".

איך האָב געלערנט מיט חשק די רוסישע לימודים, אָבער אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט העברייאיש. אַ אידישע צייטונג, אַ אידיש בוך, האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו לייענען ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ פיינע ביבליאָטעק, איבערהויפּט וועגן יודאַאיקאַ. ביי אונז אין הויז זיינען געווען וואָכן־בלעטער און אויך אַנדערע שריפטן וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין רוסלאַנד, ווי „רוסקי יעווריי", „יעווריעיסקאַיע אָבאָזרעניע", וואָסכאָד" וכד'. איך פלעג שלינגען די זשורנאַלן און די ביכער. פילע פון די אידיש־רוסישע שרייבער, לעוואַנדאַ, בוקי בן יאָגלי, בן עמי (מרדכי ראַבינאָוויטש), זיינען מיר געוואָרן באַקאַנט אין דער רוסישער שפּראַך. איך בין געווען פאַרכאַפּט מיט אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן אידישן לעבן אין רוסלאַנד. דייטש האָב איך נאָך דאַמאָלט נישט געלערנט, אָבער מיין ברודער פלעגט קריגן צוגעשיקט „די וועלט", אַרויסגעגעבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דוכט זיך, אין ווין. ער פלעגט פאַר מיר אַסך אַרטיקלען איבערזעצן, אָדער איבערגעבן זייער אינהאַלט. אויף אַזאַ אופן בין איך געוואָרן באַקאַנט, באַהבנ'ט אין ציוניסטישע ענינים.

איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיט דער אידייע פֿון דעם קרן קימת און זיין גרינדער, דער באַרימטער מאַטעמאַטיקער פּראָפעסאָר שאַפּיראָ האָט מיך פּאַראיבטריגירט. איך פּלעג זאַמלען לויט מיינע כחות גראָשנס און מאַרקעס פֿאַרן אידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד. איך האָב געהאַט אַ גרופּע יונגע חברים, און ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָבן זיי מיך געמאַכט פֿאַר זייער פֿירער. איין מאָל האָב איך באַצאָלט רבי געלט פֿאַר דעם. אַ פּאָר פֿון אונז האָט זיך פּאַרוואָלט בראָטן קאַרטאָפֿל אין הויף. חברה האָט געמאַכט אַ פֿייער און האָט זיך גענומען פּאַרען אַרום דער סעודה. אָבער אין יענער צייט האָט מען געהאַלטן אין איבערבויען דאָס הויז. עס זיינען געלעגן ברעטער און סטרוזשקעס. גראָד דאַמאָלט האָט געבלאָזט אַ ווינט, און ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שריפֿה, וואָס צום גליק האָט די פֿייער־לעשער קאָמאַנדע אויסגעלאָשן. ס׳איז אָבער געווען שאָדן. איך האָב געציטערט־געפּלאָטערט וואָס מיין טאַטע וועט זאָגן. מיין מאַמע האָט אים נישט געוואָלט דערציילן. אָבער אַ שכן האָט זיך אַרויסגע־כאַפּט: „וויסטו כאָטש וואָס דיין מאיר האָט אָפּגעטאָן היינט?״ און אים דערציילט די מעשה. איך גופא האָב נישט געהאַט צו טאָן מיטן פֿייער. אָבער מיין טאַטע, אַן אויסגעמאַטערטער, און אַן אויפֿגערעגטער, האָט מיך צום ערשטן מאָל מכבד געווען מיט אַ פּאָר פּעטש. איך האָב זיך איינגעהאַלטן פֿון וויינען, אַוועק אין אַ צימער, זיך פֿאַרשפּאַרט און נישט געוואָלט אַרויסגיין עסן. איינע פֿון מיינע צוויי שוועסטער האָט אָבער אויף מיר רחמנות געהאַט און מיר געבראַכט עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין. ביי מיר האָט זיך דערוועקט אַ געדאַנק צו אַנטלויפֿן פֿון שטוב. אַ פּאָר טעג האָב איך נישט גערעדט מיט מיין טאַטן. מיט אַמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, מיך אַ גלעט געטאָן, און געזאָגט: „איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דו ביזט נישט געווען שולדיק, זיי מיר מוחל״. מיין כעס איז מיר אָפּגעגאַנגען, און איך האָב זיך צוגעטוליעט צו אים.

מיין טאַטע איז געווען אַן עוסק בצרכי ציבור, ווי „ביקור חולים״ און „הכנסת כלה״, וכד׳. מיט ציוניסטישע ענינים האָט ער זיך נישט צו שטאַרק פֿאַרנומען. ער האָט דאָס, משמעות, איבערגעלאָזט צו זיין עלטערן זון, וואָס איז געווען מיין רבי און וועגווייזער. איך האָב אויך דאַן געגאַשט אַ פּאָר בראָשורן פֿון רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. פּלעגט זיך ביי מיר דערוועקן אַ האַס צום צאַר און צו די אונטערדריקער, און אַן אינטערעס אין סאָציאַליזם.

מיר זיינען געווען פֿיר ברידער: מיכאל, נח, מאיר, יעקב, און צוויי שוועסטער: בערטאַ און סאָניאַ. מען זאָגט מיר, אַז זעקס זיינען פּריצייטיק אַוועק. מיין מאַמע האָט זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט, אַז אַ קינד איז געשטאָרבן באַלד ווי איך בין געבוירן געוואָרן. אַ צייט לאַנג האָט מיך דאָס געוויסן געפּלאָגט און געמוטשעט. היינט זיינען מיר בלויז צוויי געבליבן: איך און מיין שוועסטער סאָניאַ.

די משפחה פון מאיר און לאה בראָון אין 1958

ס׳זיצן פון רעכטס : די אייניקלעך מאַרק און ראַשע קעלער, מאיר און לאה, און בתיה כהן (אייניקל).
ס׳שטייען : ל. קעלער, דינה, אביבה און ה. כהן (טעכטער און איידעמס). ס׳פעלן צוויי אייניקלעך :
יואל כהן און דניאל קעלער.



מאיר און לאה בראון אין יאָר פון זייער חתונה — 1908

פיר ברידער בראַון



פון רעכטס צו לינקס: מיכאל, נח, מאיר און יעקב — אַ בילד גענומען אין 1896 אין ביאַליסטאָק. פון די פיר לעבט בלויז מאיר בראַון.

מיכאל און מאיר בראַון אין ירושלים אין 1926

כ׳האָב געהאַט שטאַרק חשק אָנצוקומען אין דעם אידיש־רוסישן לערער אינסטיטוט אין ווילנע. איינער פון די גראַדואַנטן איז געווען אַ צייט מיין לערער אין דער רוסישער שול. ער האָט געטראָגן אַ מונדיר, מיט אַ שיינער היטעלע. קאָנטיק, אַז דאָס האָט אויף מיר אויך געהאַט אַ ווירקונג.

די מאַטעריעלע לאַגע איז אָבער געוואָרן ערגער ביי אונז. מיין טאַטע האָט זיך דורכגעשריבן מיט אייניקע קרובים אין פילאַדעלפיע, און סוף 1901 זיינען מיר אָנגעקומען קיין אַמעריקע. עס האָט אונז באַגעגנט מיין פאָטערס אַ קוזין, אַ ציגאַר־מאַכער, מיט אַ גרויסן ציגאַר אין מויל. ער האָט גלייך אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען מיט אונז, געזאָגט אַז מיר זיינען „גרינע״ און מוזן אויספאָלגן זיינע אָנווייזונגען. ערשטנס, האָט ער פאַרלאַנגט מיר זאָלן אַרונטערוואַרפן דעם „סקי״ פון אונזער נאָמען — אָנשטאָט בראַנסקי, זאָל זיין בראַון. דער טאַטע האָט אפּנים אָנגענומען זיין עצה ווי גוטע סחורה. צווייטנס, האָט ער געזאָגט, אַז מיר אַלע וועלן דאַרפן גיין אַרבעטן, אַפילו איך, אין מיין יונגען עלטער. דריטנס, מוז מען זיך גלייך נעמען לערנען ענגליש און פאַרגעסן די אַנדערע שפּראַכן. בעת ער האָט גערעדט, פלעגט ער אָפּט אַריינבראָקן ענגלישע ווערטער. מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז טאַקע אַ גרויסער קענער פון ענגליש. ווען מיר האָבן זיך אַביסל אויס־געגרינט, האָבן מיר ערשט זיך געכאַפּט, אַז ער איז אַ קנאַפּער ווייסער און אַז ער באַנוצט זייער אַ וואולגאַרע און פּשוטע שפּראַך.

פאַר מיר איז אַמעריקע געווען אַ גרויסע אַנטפּלעקונג. ווען איך פלעג אַרויס אין גאַס, פלעג איך דערזען אויך אידישע צייטונגען. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ חידוש און איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו זיי. איך האָב ליב געקראָגן דעם אידישן לשון, קאָנטיק אַז די ליבשאַפט האָט ביי מיר געטליעט אַ געוויסע צייט נאָך פון פריער.

אין פילאַדעלפיע איז געווען אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט אידישע און העברייאישע ביכער, און איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיי ווי אַ דורשטיקער. פאַר פילע וועט זיין אַן איבעראַשונג, אַז ערשט אין אַמעריקע האָב איך דורכגעלייענט די אידישע קלאַסיקער און אָנגעהויבן פליסיק צו ריידן, שרייבן און לייענען מאַמע לשון.

אין דער זעלביקער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ גרופּע יונגע אידן אין מיין עלטער. מיר האָבן געגרינדעט אַ ראַדיקאַלן פאַריין פון רוסיש־ריידנדיקע. מיר פלעגן דורכפירן אַלע צוויי וואָכן אַ פאַרזאַמלונג. אַ מיטגליד האָט געדאַרפט האַלטן אַ רעדע אָדער רעפעראַט, ווי מיר האָבן דאָס דאַן אָנגערופן. דער רעדנער האָט געמעגט אויסקלייבן וועלכע טעמע ער האָט געוואָלט. ווען עס איז געקומען צו מיר — אַ בחור פון אַ יאָר פערצן — האָב איך אָנגעגעבן מיין טעמע: „ציוניזם און ישראל״. איך האָב זיך גוט צוגעגרייט

און געהאַלטן אַ שטאַרקע רעדע; מיט התלהבות באַוויזן פאַרוואָס אידן דאַרפן זיין ציוניסטן און זיך אינטערעסירן מיט דעם אויפלעב פון ארץ ישראל.

נאָך מיין פאָרטראַג, זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס. איינער פון די מיטגלידער, וואָס איז געווען מיינער אַ שול־חבר פון ביאַליסטאָק, האָט זיך אויפגעשטעלט, מיר דערלאַנגט אַ גאַב. ער האָט דערקלערט, אַז ער פאַרשטייט נישט וויאַזוי אינטעליגענטע יונגע מענטשן קענען זיך אינטערעסירן מיט אַזאַ רעאַקציאָנערער באַוועגונג ווי ציוניזם, און טראַכטן גאָר פון ארץ ישראל, „וואָס שמעקט מיט שימל". זיינע ווערטער האָבן מיך אויפגעקאָכט. איך האָב אים ליידנשאַפטלעך געענטפערט און איבערגעריסן מיין חברשאַפט מיט אים. הגם ער איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָמינענטער מעדיקער, האָב איך קיינמאָל נישט באַנייט אונזער יוגנט פריינטשאַפט.

איך האָב באַזוכט אַן ענגלישע מיטל־שול און אַרויסגעהאָלפן אַ פּאָר שעה אַ טאָג אין אַ קראָם. שפּעטער האָב איך זיך אויסגעלערנט די פאַך פון טאַשן־מאַכעריי, געפּראַצעוועט אַ געוויסע צייט אין אַ פאַבריק, געפונען חן ביי דעם אויפזעער און אים געבעטן אַז ער זאָל מיר געבן אַרבעט אין דער היים, ווייל איך וויל נישט איבעררייסן מיין לערנען. ער האָט גערעדט וועגן דעם מיטן בעל־הבית. קאָנטיק אַז זיי איז ביידן געפעלן געוואָרן מיין וואונטש צו שטודירן און זיך קענען מפרנס זיין. צו יענער צייט האָב איך זיך אָנגעהויבן אינטערע־סירן מיט כעמיע. איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און בין אָנגעקומען אין אַ פילאַדעלפיער אוניווערסיטעט. לויט אַן עצה פון אַ פּראָפעסאָר האָב איך אויסגעקליבן צו אַרבעטן אין אַ כעמישער פאַבריק, וואָס האָט פּראָדוצירט בראָמידן, פאָספאַטן און אַנדערע זאַלץ־שטאָפן.

מיין עלטערער ברודער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם ציוניסטישן חוג „אוהבי ציון". איך אָבער האָב, נאָך דעם אָפּשניט ביי מיין ראַדיקאַלן פאַריין, באַשלאָסן פון דאָרט אַרויסצוטרעטן און גרינדן אַ גרופּע פון ראַדיקאַלע יונגע מענטשן. מיר האָבן געגרינדעט אַ קרייזל „צעירי פועלי ציון". איך האָב נאָך דאַמאָלט נישט געוואוסט וועגן פועלי ציון, און מיר זיינען געווען אינ־גאַנצן זעלבסטשטענדיק. בעיקר האָבן מיר שטודירט ציוניסטישע און ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעמען. ביסלעכוויז האָט זיך אונזער קרייז אויסגעברייטערט.

אין 1904 האָט מיר מיין ברודער דערציילט, אַז עס האַלט זיך ביים גרינדן אַ פאַריין פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן, מיטן נאָמען „פועלי ציון", וואָס זיין גרינדער איז איינער אַ יחזקאל עדלשטיין. דער־אַ עדלשטיין זאָל האָבן געווען אַ טשיקאָווע פּערזאָן. ער איז אַנאַרכיסטיש געשטימט, אַ פאַרברענטער ציו־ניסט און אַ פייערדיקער רעדנער. איך האָב געבעטן מיין ברודער, אַז ער זאָל אויך מיך פאַרשלאָגן, הגם איך בין נאָך נישט אַלט געווען קיין זעכצן יאָר.

אויף מיין ברודערס פאַרלייג האָט עדלשטיין מיך פאַרבעטן צו זיך אין שוך־געשעפט כדי אויסגעפינען וואָסער מין פויגל איך בין. משמעות, אַז כ׳האָב „אויסגעהאַלטן עקזאַמען” און כ׳האָב נושא חן געווען, ווייל ער האָט געזאָגט אַז נישט געקוקט אויף מיין עלטער וועט ער פאַרשלאָגן מ׳זאָל מיך אַריינגעמען ווי אַ מיטגליד פון „פועלי ציון”.

איך בין טאַקע איינגעלאַדן געוואָרן צו דער ערשטער זיצונג שפּעט פרילינג פון 1904. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס מ׳האָט די פאַרזאַמלונג געפירט אין ענגליש. די מערסטע אַנוועזנדיקע זיינען געווען שטאַרק אַמעריקאַניזירט, אייניקע הי־געבאָרענע.

אין דער ערשטער גרופּע זיינען געווען אַ פּאָר אינטערעסאַנטע טיפּן, ווי חיים פיינמאַן, דער יונגער קינסטלער א. בריק, דער אידיש־ענגלישער שריפטשטעלער, דזשאַן קורנעס, וואָס איז געוואָרן נאָכדעם אַ באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער און צו מיין איבעראַשונג האָט ער זיך גע׳שמדט; דער יונגער פלאַמיקער רעדנער, ה. סלאָנימסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָפעסאָר אין ראַביי סט. וויז׳ס אינסטיטוט פאַר אידישער רעליגיע, און נאָך אַנדערע מערקווירדיקע יונגע מענטשן, מענער און פרויען.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די גרויסע פאַרזאַמלונג פון פילאַדעלפיער פועלי ציון, אָנהויב יולי, ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז פאָן פּלעווע איז דער׳הרג׳עט געוואָרן פון אַ באָמבע. סלאָנימסקי האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע און געלויבט דעם אַטענטאַט ווי אַ איד, אַ פועלי ציון און אַן אַמעריקאַנער. ער האָט באַטאָנט, אַז אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען איז אָפּטמאָל טעראָר אומפאַרמיידלעך.

אויף יענער פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט אייניקע אידישע „גענאָסן”. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי „פועלי ציון” קאָנען זיין אין דער זעלביקער צייט סאָציאַליסטיש און לויבן רעוואָלוציאָנערע מעשים אין רוסלאַנד.

פאַמעלעך איז דער פאַריין געוואָקסן. מיר האָבן געהאַט אָפטע וויכוחים מיט די קעגנער; איינמאָל האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז עפּעס מער ווי מיט אַ יאָר צוריק איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק אַ פועלי ציון פאַריין. עדלשטיין האָט אָנגעקניפּט מיט זיי אַן ענגן קאָנטאַקט, ווי אויך מיט די אַנדערע גרופּן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין אַנדערע שטעט.

איך בין געווען געצוואונגען צו אַרבעטן דורך די טעג און לערנען ביי דער נאַכט. איין אָוונט, אין יולי פון 1904, בין איך געקומען אַהיים און האָב געטראָפן מיין ברודער, מיכאל, אַ באַקלעמטער, אַ פאַרצערטער און מיט פאַרוויינטע אויגן. ער האָט מיר דערציילט, אַז דער ציוניזם האָט געקראָגן אַ גרויסן קלאַפּ. עס איז אָנגעקומען די ידיעה אַז דר. הערצל איז נפטר

געוואָרן אין עלטער פון 44 יאָר. איך גופא בין שטאַרק דערשיטערט געוואָרן און נישט געקאָנט קומען צו זיך.

אויף מאָרגן זיינען דערשינען די אידישע צייטונגען, מיט אַ גרויסער שוואַרצער ראַם אַרום דעם נאָמען פון דעם נפטר. דער פריצייטיקער טויט האָט שטאַרק געטראָפן די אידן פון פילאַדעלפיע און פון אַנדערע שטעט. פילע זיינען אַרומגעגאַנגען ווי אבלים.

אין 1905 האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען קיין פילאַדעלפיע פּועלי ציון חברים פון רוסלאַנד, ווי י. ל. כהן (שפּעטער באַקאַנט ווי דער זאַמלער פון אידישע לידער און פאָרשער פון דער אידישער שפּראַך), ז. שנייער וכד׳. שנייער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רעדנער און דעבאַטאַנט. קעגנער פלעגן מורא האָבן אַריינלאָזן זיך אין וויכוחים מיט אים. די נייע אַריבערגעקומענע האָבן נישט געקענט די ערשטע צייט זיך איינלעבן מיטן „פּועלי ציון״־פאַריין און האָבן געמאַכט שבת פאַר זיך. זיי האָבן אָבער סוף כל סוף זיך צוזאַמענ־געגאָסן מיט דעם עקזיסטירנדיקן פאַריין. עדעלשטיין האָט געהאַט אַ האַנט אין דער פאַרייניקונג.

חבר עדלשטיין, אַ איד מיט ברויזנדיקער ענערגיע, האָט געהאַלטן אַז עס איז געקומען די צייט פאַר אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע פּועלי ציון פאַריינען. דער צענטראַל קאָמיטעט אין ניו־יאָרק איז אויך געווען פאַר דעם. אָנהויב מאַי איז טאַקע פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר, מיטן אָנטייל פון דרייסיק דעלעגאַטן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַסך טעריטאָריאַליסטן, בלויז זעקס פּועלי ציון „פּאַלעסטינצעס״.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פילע דראַמאַטישע מאָ־מענטן. איין זיצונג האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. די געפאַר פון שפּאַלטונג איז געהאַנגען אין דער לופט, אָבער עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די פראַגע פון אָנהאַלטן די גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי זאָל איבערגעלאָזט ווערן נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס.

אויף מיר האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק די מאַסן־פאַרזאַמלונג אין אַרטש סטריט טעאַטער. דאָרט איז צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרינדונג פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי, וואָס האָט צוזאַמענגעבונדן די אַלע עקזיסטירנדיקע גרופּעס אין די פאַרשידענע שטעט. אויך אויף אַ צאָל „געגנאָסן״ — ווי מען האָט דאַמאָלט גערופן די אידישע סאָציאַליסטן — האָט די פאַר־זאַמלונג איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם.

דער יאָר 1905 האָט צייטיק געמאַכט מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען און מיין אינטערעס אין פּועלי ציוניזם. איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען פון די „פּאַלעסטינצעס״, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט אַרומלויפן אין דער וועלט זוכן טעריטאָריעס, בעת היסטאָריש־עמאָציאָנעל איז דאָ בלויז

אין לאַנד, וואו אַ אידיש נאַציאָנאַלע היים קאָן געבויט ווערן — און דאָס איז ארץ ישראל.

אין 1906 איז דער עולם אויפגעברויזט געוואָרן צוליב אַ פּראָצעס אין קאָלאָראַדאָ. מען האָט אויסגעטראַכט אַ בלוט־בלבול אויף די אַרבעטער־פירער מאָיער, הייוואוד און פּעטיבאָן, און זיי זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. די יוניאָן באַוועגונג איז גוואַלדיק אויפגערודערט געוואָרן. דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען איבערן גאַנצן לאַנד. אויך אין פילאַדעלפיע האָבן די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, לאַנדסמאַנשאַפטן און „דער אַרבעטער רינג״, „פועלי ציון״ און אידישע סאָציאַליסטן באַשלאָסן דורכצופירן אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע מיט אַ מאַרש צו סיטי האָל.

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גוטע דיוויזיע פון פועלי ציון און פריינט. זיך אָנגעשלאָסן אין מאַרש און אָנגעקומען אין סיטי האָל סקווער. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אַ צאָל דייטשע אַרבעטער וועלן זיך אויך באַטייליקן אין דעם פּראָטעסט. דערווייל האָט דער עולם געוואַרט, געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און אייניקע האָבן אַפילו אין זייער ענטוזיאַזם אויסגעשריען: „בידער מיטן סיטי האָל!״

פּלוצים האָבן מיר דערהערט פונוויטן מוזיק. אַ צאָל אידישע אַרבעטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן באַגעגענען זייערע דייטשע „ברידער״. אָבער אייניקע פון די „ברידער״ האָבן אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון אונז און גענומען אויסרופן: „העלאָ איציק, העלאָ בעני, העלאָ אידלעך!״

דער־אָ „קבלת פנים״ האָט אונז שטאַרק אויפגערעגט. שנייער האָט אויס־געשריען: „לאָמיר אַוועקגיין פון דער באַנדע אַנטיסעמיטן. לאָמיר זיך נישט באַטייליקן מיט זיי אין דער דעמאָנסטראַציע, לאָמיר גיין אויף דער אידישער גאַס און דאָרט דורכפירן אַן אייגענע פאַרזאַמלונג״. עטלעכע הונדערט דע־מאָנסטראַנטן זיינען אַוועק מיט אונז. דאָס איז געווען מיין ערשטע „האַרציקע״ דערפאַרונג מיט דייטשן.

חבר שנייער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט ברען אין דער אַרבעט. ער איז געוואָרן דער פילאַדעלפיע־פאַרוואַלטער פון דער טאָג־צייטונג „וואַרהייט״. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רעדנער מיט פיל חריפות. שפּעטער האָט ער געליטן פון אַ צוזאַמענברוך, און מ׳האָט אים אַריינגענומען אין אַ סאַני־טאַריום פאַר גייסטיק קראַנקע, וואו ער איז געווען אַ צאָל יאָרן.

דער סאַניטאַריום האָט זיך געפונען אין קאַנאַדאַ. חברים פלעגן אים דאָרט באַזוכן. טייל האָט ער דערקענט און טייל — נישט. אַ מאָנטרעאָלער חבר האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איין מאָל האָט ער אים באַזוכט. זיי האָבן פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין הויף. פּלוצים האָט שנייער אויפגעהויבן אַ שטיין, עס אַ וואָרף געטאָן און צעבראָכן אַ שויב. עס איז געוואָרן אַ טומל,

די גוישע אָנגעשטעלטע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן. ערשט, שנייער שטייט און קייקלט זיך פון געלעכטער. מיטאַמאָל גיט ער אַ זאָג: „זעט נאַר, הונדער־טער יאָרן ברעכן גוים אידישע שויבן, און גאָרניט. און דאָ, האָט אַ איד אויסגעהאַקט איין גוישע שויב, ווערט אַזאַ ליאַרעם!"

דאָס איז געווען שנייער, אַפילו ווען ער איז געווען אין זיין צערודערטן צושטאַנד!

איין מאָל אין אַ זומערדיקן טאָג, אין 1907, ווען איך בין נאָר וואָס געקומען פון דער אַרבעט, רייסט זיך אַריין צו מיר אַ חבר, בלאַס ווי די וואַנט, און זאָגט צו מיר: „עס איז געשען אַן אומגליק. עדלשטיין איז היינט דערטרונקען געוואָרן". איך בין געבליבן געפּלעפּט און נישט געקאָנט קומען צו זיך. זיין לוויה איז געווען איינע פון די גרעסטע אין שטאָט.

חיים פיינמאַן איז אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, וואו ער איז געוואָרן סעק־רעטאַר פון פּועלי ציון. ווילבדיק, נישט ווילנדיק, איז געפאַלן אויף מיינע פּלייצעס דער יאָך פון דעם פּאַריין. אַזוי בין איך אומדערוואַרט געוואָרן אַ „פירער" פון פּועלי ציון.

אונזערע פאַרזאַמלונגען פלעגן זיין אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט. איך געדענק דעם אידעאַליזם פון אונזערע חברים. איין מאָל איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פון ניו־יאָרק, אַז דער „קעמפער" איז אין געפאַר, און אַז די פּאַרטיי נויטיקט זיך אין מאַטעריעלער הילף. איך האָב אויף שנעל צוזאַמענגערופן אַ זיצונג און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז יעדער איינער פון אונז זאָל אָפּגעבן אַ וואָך פון זיינע פאַרדינסטן לטובת אונזער שריפט. דאָס האָט געמיינט אַז מיר האָבן געדאַרפט אַפילו אָפּשפּאָרן פון אונזער ביעדנער חיונה.

ווען מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אַ וואָך שפּעטער, האָט איטלעכער געבראַכט אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט זיין וועכנטלעכן לוין. צווישן אונזערע חברים איז געווען איינער, אַ שמיד, מיטן נאָמען סטרוק. ער איז געווען אַ ניצרך און אַ גרויסער מטופל, און זיינע פאַרדינסטן זיינען געווען אפשר אַכט אָדער ניין דאָלער אַ וואָך. שעמעוודיק, האָט ער מיר דערלאַנגט דריי דאָלער, און האָט געזאָגט אין דער שטיל: „דאָס איז דאָס בעסטע וואָס איך קאָן טאָן". וויסנדיק זיין לאַגע, האָב איך דעם אַ צושטייער נישט געוואָלט נעמען. ער האָט זיך אַ בייזער געטאָן: „פאַרשעמט מיך נישט, חבר בראַון, איך וויל זיך אויך באַטייליקן מיט מיין בייטראַג". די חברות זיינען ניט אָפּגעשטאַנען, באַזונדערס טילי בן־עמי, אַנאַ כהן און לאה זוואַנקין.

אין 1908, האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו גרינדן אַ פּאַרייק, פון וועלכן ס'זאָל זיך שפּעטער אויספּיקן אַ נאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן. איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט עטלעכע פּועלי ציון און אייניקע סאָציאַ־

ליסטן־טעריטאָריאַליסטן. די לעצטע האָבן געבענקט נאָך נעכטיקע חברים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך צעשיידט, זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ פאַריין קאָן מיט דער צייט ברענגען צו אַ ווידערפאַראייניקונג פון פועלי ציון און די ס. ט. אויפן געביט פון פראַקטישער אַרבעט לטובת ארץ ישראל.

ה. וועקסלער און י. מילער, האָבן גלייך געשטיצט מיין פּלאַן, און מיר דריי, האָבן איינגעלאַדן אַ צאָל חברים צו דער ערשטער פאַרזאַמלונג אין יולי 1908. אין פילאַדעלפיע האָבן מיר געמאַכט דעם אָנהויב פאַר דעם איצט עקזיסטירנדיקן צווייג איינס פון פאַרבאַנד.

מיר האָבן וועגן דעם מודיע געווען צום צענטראַל קאָמיטעט פון פועלי ציון און אויך צו אַ צאָל חברים איבערן לאַנד, מיט וועלכע איך בין געשטאַנען אין פאַרבינדונג ווי דער סעקרעטאַר פון נאַציאָנאַל פאָנד און פון קאָלאָניאַל באַנק ביורא. אייניקע האָבן באַגריסט דעם שריט, אַנדערע זיינען געווען סקעפּטיש. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט מיר געגעבן אַ גאָב פאַר אַרויסשיקן אַזאַ צושריפט אָן זיין דערלויבניש.

מיר האָבן געפאָדערט אַז די־אַ פראַגע זאָל געשטעלט ווערן צו אַ דיס־קוסיע ביים פּאַרטיי ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער, 1908, אין באַפאַלאָ. חברים פון צענטראַל קאָמיטעט האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אַריינטרעטן אין דעם נישט לאַנג געגרינדעטן „בני ציון אָרדער"; אַנדערע זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף זיך אָנשליסן אין „אַרבעטער רינג" און בויערן פון אינווייניק. נאָך אַ לאַנגער שקלא וטריא האָט דער פּאַרטיי ראַט באַשלאָסן צו שטעלן צו אַ דיסקוסיע די גרינדונג פון נאַציאָנאַלן אַרבע־טער פאַרבאַנד.

מיר האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ נצחון. איך בין דערוויילט געוואָרן צו באַפאַלאָ פּאַרטיי־ראַט און אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. יענעם יאָר האָב איך חתונה געהאַט מיט לאה זוואָנקין, אַ חברה פון פועלי ציון. ס'איז געווען מיין ערשטע ליבע, מיר זיינען דאַן ביידע יונג געווען.

1958 איז נישט בלויז מיין געבוירן־יאָר, נאָר שליסט אויך אָפּ אַ תקופה פון פופציק יאָר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אין 1908 האָב איך געלייגט דעם גרונטשטיין פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, פאַרלאָזט פילאַדעלפיע און אַריבער צו אַן אָנפירנדיקער פּאָזיציע אין אונזער באַוועגונג אין ניו־יאָרק.

די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר פון מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זיינען געווען אינטערעסאַנט. מיט יעדן יאָר איז אָנגעגאַנגען מיין אַנטוויקלונג, יעדן יאָר האָב איך עפּעס געלערנט. פאַר מיינע אויגן זיינען דורכגעגאַנגען אַ צאָל פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאַט אויף מיר אַ טיפע ווירקונג, ווי יהואש, דר. נ. סירקין, י. א. הורוויטש, דר. י. ל. מאַגנעס, ה. זאָלאָטאַריאָוו, דר. זשיטלאָווסקי, יצחק זאר, א. ש. וואַלדשטיין. יעדער פון די דערמאָנטע האָט

פּיל באַרייכערט מיין וויסן. איך האָב געלערנט אויך פון מיינע באַגעגענישן מיט דוד בן גוריון, יצחק בן צבי, ש. קאַפּלאַנסקי, גאָלדע מאיר, דוד רמז, בערל קאַצענעלסאָן, דוב האָז וכד׳. מיט פילע חברים — ווי דוב אבערסאָן, פּרוי פּעוזנער, פּרוי בוכמיל, ה. עהרענרייך, דר. י. קויפמאַן, ברוך צוקערמאַן, ש. באַנטשעק, פּ. גינגאָלד, וועלוול שוואַרץ, יואל ענטין, ש. סיגאַל, ש. שאַפּיראָ, ש. סעגאַל ל. סיגאַל, פּ. קרוסאָ, דוד ווערטהיים — איז מיר אויס־געקומען צוזאַמען אַרבעטן צענדליקע יאָרן, בויען אונזער שול־וועזן און אידישן לערער־סעמינאַר, אַרויסרופן אַן אינטערעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, קעמפן פאַר אַ דעמאָקראַטישן אידישן קאָנגרעס און אידישער קאָנ־פערענץ. מיר האָבן געהאַט נצחונות און אויך מפּלות.

לויט מיינע באַשיידענע כחות, האָב איך געהאָלפן שאַפן אונזער באַוועגונג און אַריינברענגען אידישע ווערטן אין אידישן לעבן. אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך אַוודאי נישט געחלום׳ט צו ווערן איינער פון די פירער. איך האָב זיך געשניטן צו ווערן אַ כעמיקער און זיין איינער פון פאָלק. דאָס לעבן האָט ווייזט אויס אַנדערש באַשטימט, און איך האָב נישט חרטה.

ווען איך זע היינט צו טאָג הונדערטער חברים, וואָס אַרבעטן פאַר ארץ ישראל, און צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע זיינען אַמאָל געווען גאַנץ גלייכגילטיק צו דעם־אַ געראַנגל אונזערן, און זיך געהאַלטן קעגנעריש, בין איך צופרידן און טראַכט: „מיין חלק און צושטייער איז דאָ אין דעם היגן אידישן לעבן, אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־מחנה און אין דעם קולטור און חינוך־וועזן״.

נישט געקוקט וואָס איך בין אַ בן שבעים, פאַרמאָג איך נאָך גענוג ענערגיע און גלויבן. איך שלעפּ נישט אויף זיך אַרויף די עלטער. איך האָב נאָך אַ יוגנטלעכן גייסט און אַ טיפע אמונה. איך דיינק אַז איך האָב באַטראָטן דעם ריכטיקן וועג, וואָס פירט צום האַרצן און צו דער נשמה פון מיין פאָלק.

מיט דעם פאַרענדיק איך מיינע ביאָגראַפישע נאָטיצן, אָבער טיילן פון מיין לעבן און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט געפינען אויסדרוק אין די מערערע אַרטיקלען פון דעם בוך, און אין אַ צאָל זכרונות איבער אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן.

איך בין אויך גליקלעך וואָס די פופציק יאָר פון מיין צוזאַמענלעבן מיט מיין פרוי, לאה, זיינען געווען באַהויכט פון אידייען־פאַרשטענדעניש און באַווירקט פונעם אידעאַליזם, און געגנזייטיקער באַציאונג. איך האָב גע׳ירשנ׳ט נאָך פון מיין פריסטער יוגנט טאָלעראַנץ, כ׳בין קיינמאָל נישט געווען פון פאַנאַטישע דאָגמאַטיקער. איך האָב אָפשיי פאַרן ערלעכן קעגנער, אָבער כ׳בין פעסט פאַראַנקערט אין מיין אייגענער וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז געווען און איז דער עמוד האש אין מיין לעבנס־שפּאַן.

פון מיינע רייזעם

* אייראָפּע אין 1920
* אין פּוילן, 1930
* אונטערן צייכן פון האַקן־קרייץ
* אַ באַזוך אין אינדיע, 1941
* אויף אַ שיף מיט מיסיאָנערן
* אין אַ „ווילדן" ווינקל אין מעקסיקע

אייראָפּע אין 1920

אונזער שיף „קאָלומביאַ" זעגנט זיך מיט ניו יאָרק, מיט אַמעריקע! מאַסן מענטשן ביים ברעג צעשיידן זיך, מיט די ליפּן, מיט הענט־באַוועגונגען, מיט טיכלעך; אין די אויגן באַמערקט זיך אַ פאַרדעכטיקע פייכטקייט, עפּעס טרעט צו צום האַלז, אַט־אַט און אַ געוויין קאָן אויספּלאַצן. פאַרלאָז־זשע גיכער „קאָלומביאַ", און זאָל אויפהערן דער פיינלעכער מאָמענט פון געזעגענען זיך!

גליטשט זיך שוין די שיף איבערן ברייטן אָקעאַן. בלויז הימל און וואַסער, הימל און וואַסער! עס טראָגט זיך אונזער מולטערל, איבער דער ברייטקייט פון ים. דאַכט זיך אַליין און איינזאַם. אָבער ניין, מיילן פון אונז טראָגן זיך אַוודאי אַנדערע שיפן מיט מענטשן, יעדע שיף אַ וועלטל פאַר זיך!

ווער זיינען די מיטפאָרער אויסער די פאַר חברים? וואוהין פאָרן זיי? וואָס טרייבט זיי קיין אייראָפּע? איז עס לוקסוס־דראַנג? יאָגעניש נאָך פאַרגעניגן? געשעפטן? נאָענטע צו זען? אַ היים צו בויען מיט דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט פון אַמעריקע? ווער ווייסט? די פּאַסאַזשירן על פּי רוב ענגלענדער, אַמעריקאַנער און אירלאַנדער. מאָדנע אומעטיקע מענטשן. העפלעכע, אָבער אומעטיקע.

עפּעס זעט מען גאָר ווייניק מאחינו בני ישראל. אפשר ליגן זיי אין די בעטלעך און ציטערן פאַר דער ים־קראַנקייט?

שוין דורכגעמאַכט אַ שטורם אויפן ים! אַך, איז דאָס אַ בילד, — דאָס דונערן, קראַכן און גוס־רעגן, אַלץ גיסט זיך צונויף און באַווירקט דיך איינגאַנצן.

אַ רעגן אויפן ים! עס מאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. עס פעלט אונז טאַקע וואַסער! די נאַטור דערמאָנט דיך, בשעת מעשה, אַן יענעם פּראָפעסאָר, וואָס איז אין אַ גוס־רעגן אַרויס אונטער אַ שירעם צו באַשפּריצן זיין גאָרטן. ס'איז נאָך ווייניק וואַסער, באַדאַרף מען דעם רעגן צו באַשפּריצן די שיף!

די נאַטור האָט אונז באַלוינט. נאָך דעם רעגן איז געקומען די זון! ווי וואונדערשיין איז איצט דער ים! און דער הימל! פאַרוואָס פאַר'כשופ'ט ער אַזוי היינט? וואו איז ער דער געבענטשטער מאָלער, וועלכער קאָן אַרונטערכאַפּן די שיינקייט? נאַרישקייטן! ניטאָ אַזעלכער! ניט אומזיסט ווערט מען צייטנווייז אַרומגעכאַפּט פון אַ מיסטעריעזן געפיל. די נאַטור איז אַזוי שיין. און מיר, מענטשן, אַזוי ווייט פון אמת'ער שיינקייט, אַזוי ווייט.

אייניקע חברים זיינען מיר דאָ, אמת׳ע אידן. זוכן מיר אַריינברענגען אַ אידישן טאָן אין דער אַרומיקער „גוישער" שטילקייט אויף דער שיף. קוקן אונז די גוים אָן און טראַכטן וועגן די מאָדנע שלעק, וואָס פאָרן מיט זיי צוזאַמען. אויסטערלישע פאַרשוינען מוזן מיר ביי זיי אויסקוקן: זינגען אידישע לידלעך און האַקן אין דער הויך אונזער אידיש; מען קאָן פון די אידן ניט אויסהאַלטן.

פאַרשוואונדן זיינען די לבנה־נעכט. אויך די שטערן האָבן ערגעץ־וואו זיך באַהאַלטן. איינגעהילט אין פינסטערניש האָט זיך אונזער שיף געשניטן אַ וועג. מען האָט ממש געקאָנט פילן ווי עס שניידט דאָס וואַסער. און שטייענדיק שפּעט אין דער נאַכט אויפן דעק און איינקוקנדיק זיך אין דעם געדיכטן חושך האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז אונזער שיף איז אַ גרויסע חיה, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם ים און פאַר זיך אַ וועג אויסגעקעמפט.

***

שוין צוויי שבתים אויף דער שיף. וואָס טוט זיך איצט אויף דער וועלט? קיינע צייטונגען, טעלעגראַמעס, ידיעות, — אָפּגעריסן פון דעם כדור־הארץ. אָבער מיר דערנעענטערן זיך צו דער יבשה, צו ענגלאַנד.

די ענגלענדער, די מיטפאָרער, זיינען פאַרקאָכט אין עולם הזה. לעבן אַ טאָג. אָנגעטאָן אין קורצע הייזקעס און לאַנגע זאָקן, ווי דרייצן־יאָריקע בחורים, שפּאַצירן זיי אַזוי ברייטלעך אַרום, זאָרגלאָז, זאַט, רואיק. ס׳איז זייער וועלט. חברה פוסט־און־פּאַסניקעס, באָדן זיך אין פאַרגעניגן.

די שאָטלענדער פון צווייטן קלאַס אַמוזירן זיך אויף זייער שטייגער. מען כאַפּט אַ האָפּקע אונטער באַגלייטונג פון אַ גרויסער שאָטלענדישער ליולקע, און ס׳הויבן זיך די פיס, אַזש עס נעמט אָן אַ חשק צו כאַפּן אַ טענצל.

פונדעסטוועגן איז ביי אונז באַשלאָסן, אַז די וועלט אָן אידן וואָלט משוגע געוואָרן פון אומעט. אונזער שיף האָט ניט קיין אידן. איז טאַקע ניט ליהודים׳דיק!

זייט מוחל! אין סאַלון איז פריילעך. מען שכור׳ט גאַנץ געמיטלעך, און מען פייפט אויף קאָלומבוס׳ן. עפּעס אויסגעקלערט „פּראָהיבישאָן".

דער לעצטער טאָג אויף דער שיף! מיר האָבן לאַנד דערזען! מיר זיינען גאָר־גאָר פרי אויפגעשטאַנען, אַלע זיינען אויסגעפּוצט יום־טוב׳דיק לכבוד דער יבשה.

דאָס אינגל רופט דורך אַ טרובע אונז עסן. ער שפּילט אויס דאָס לידל „איך פויל מיך אויפשטיין אינדערפרי". נאָר היינטיקן מאָל מאַכט ער חוזק פון אונז. מיר זיינען שוין אויף פון באַגינען. די שפּאַנונג פון די פּאַסאַזשירן שטייגט, איבערהויפּט ביי די אירלענדער, ווען זיי האָבן דעם ברעג פון

אירלאַנד דערזען. זייערע פּנימער שטראַלן, ביי פילע פּערלען טרערן אין די אויגן. די בליקן געצילט צום ווייטן־ווייטן ברעג.

אָט שטייט אַן אירלענדישע פּאָרל מיט קינדער. זיי טאַנצן פון שמחה: אירלאַנד, אירלאַנד! ווי מיר מעגן אין אַזעלכע מינוטן מקנא זיין די, וועלכע האָבן אַן אייגן לאַנד.

אָט, זיינען מיר צוגעקומען צום ברעג. באַלד שטייגן מיר אַראָפּ. אַרויס פון דיין הערשאַפט, דו ים! מיר צעזעגענען זיך אָבער ווי גוטע פריינט.

***

ענגלאַנד, לאָנדאָן. עפּעס גליקט אונז. די זון שיינט טאָג איין, טאָג אויס. איז עס ניט אַ וואונדער? אַ ריזיקע שטאָט, אָבער עס קאָכט ניט ווי אין ניו־יאָרק. ניטאָ די ריזיקע געביידעס, די הויכע טענעמענט־הייזער. גרויס, אָבער פאַרהעלטניסמעסיק רואיק!

און ווייטשעפּל, — די אידישע געגנט, — איז זייער שיין, ברייט, נאָר צו ניו־יאָרק קומט עס ניט. עפּעס פאַרשלאָפן זיינען די אידן, אָפּגעשטאַנען די אידישע אַרבעטער. און ס׳איז באמת אַ חידוש ווען מען פאַרגלייכט עס מיטן פאָרשריט און וואוקס פון דער בריטישער אַרבעטערשאַפט.

אַריינגעפאַלן אין סאַמע ברען און קאָך פון דער אַלוועלטלעכער ציון־קאָנפערענץ. אַלע פּני זיינען דאָ. פון די „גדולים“ ביז די „קטנים“. אָבער אַן איינדרוק באַקומט זיך ניט קיין דערפרייענדיקער: עפּעס, ווייסט מען ניט ווי זיך אַ קער צו טאָן. קיין פּלאַן. קיינע ממשותדיקע מעשים פאַר ארץ־ישראל.

און די מאַסן זיינען אַזוי אומגעדולדיק. עס דערטראָגן זיך די בלוטיקע ידיעות פון פוילן און אוקראַאינע. דאָס בלוט ווערט פאַרקילט אין די אָדערן, כאַפּט פילע אַרום יאוש, און דאָ ציט זיך די קאָנפערענץ, שפּילן די אַמערי־קאַנער מיטן „הויפּט ריכטער“ — בראַנדייס — קלעגלעכע, טרויעריקע פּאָ־ליטיק!

איך באַטראַכט זיי אַלעמען. עס פעלט דער אמת׳ער מנהיג, וואָס זאָל מיט אַ קרעפטיקער האַנט און אייזערנער געדולד דערפירן די פּראַקטישע פּיאָנער־אַרבעט אין ארץ־ישראל צום דערפאָלג. עס זיינען דאָך דאָ מעג־לעכקייטן, ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן און שטערונגען. שווער אויף דער נשמה!

נאָרדוי איז אויך דאָ. ער איז דער אמת׳ער טריבון, דער לייב, וואָס ברומט, רייסט, שניידט, קריטיקירט, אַנאַליזירט. ער איז אין דער אָפּאָ־זיציע, מען ציטערט פאַר אים, און מען פּרואווט אים צו דערווייטערן, דער־נידעריקן.

מיר האָבן פאַרבראַכט מיט אים אַ שעה צוויי. ער איז פייערדיק־

פלאַקערדיק, מען קאָן אים ניט פאַרגעסן, דעם אלט־יונגגן, מוטיקן, קלוגן איד מיט זיינע דורכנעמענדיקע אויגן. ער איז דער געבוירענער אָראַטאָר, קאָן אָנצינדן אַ פלאַם ביי יעדן אין האַרצן. ער האָט אַ טיפע אמונה אין פאָלק, וויל די ברייטסטע אָפענע טירן אין ארץ ישראל, וואָס זאָל קאָנען אַריינגעמען דעם שטראָם פון הונדערטער טויזנטער וואַנדערער, וואָס זיינען גרייט. ער וויל...

און אָט איז פנחס רוטענבערג, די זעלביקע אַנאַליטישע, שניידנדיקע, דיקטאַטאָרישע נאַטור; ער האָט זיך אין ארץ ישראל געפונען; האָט גרויסע פּלענער, פּראַקטישע, דורכפירעוודיקע, מען איז איינגעגלויבט אין אים, מען האַלט פון אים. ער איז אומגעדולדיק, ער וויל שוין צוגיין צו דער גרויסער אַרבעט; אים זיינען דערעסן די רעזאָלוציעס, די קאָנפערענצן, אים ווילט זיך מענטשן — בויער און טוער, און געלט־מיטלען. ער מוז און וועט זיי קריגן, דער דאָזיקער פּראַקטישער פּאָליטיקער און טעכניקער. סאָוועטן־רוסלאַנד האָט אים איינגעלאַדן אַהין, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. „מיין פּלאַץ איז אין ארץ ישראל", און דאָס לאַנד באַדאַרף אים טאַקע.

***

באַזוכט אַ פּאָר מאָל די הויפּט־ביוראָ פון דער בריטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. זיך נענטער צוגעקוקט צו זייער טעטיקייט אויפן אָרט. זיך באַקענט מיט דער ליטעראַטור, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן. געהאַט מערערע גע־שפּרעכן מיט די פירער. איך מוז זאָגן: מיינע שטענדיקע סימפּאַטיעס זיינען געשטיגן קומענדיק אין נענטערן באַריר מיט זיי. די פּאַרטיי אין ענגלאַנד — איר איינפלוס שטייגט, ס'איז ניט אַ לאָקאַלער איינפלוס, נאָר אַן אינטער־נאַציאָנאַלער. די אַרבעטער קעמפן קעגן רעאַקציע, קעגן דער בלאָקאַדע אַרום רוסלאַנד, קעגן אינטערווענץ, און פאַר פרייער אומגעשטערטער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז זיי זיינען אין אַלץ מסכים מיט לעניך. „מיר וועלן דורכפירן אין ענגלאַנד די רעוואָלוציע מיט די בריטישע מעטאָדן", זאָגן זיי. זיי וועלן; אָה, זיי זיינען אַ גרויסע האָפענונג און אַ זייל אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטערשאַפט, זיי וועלן זיגן! אין אַ געהויבענער שטימונג פילט מען זיך ווען מען איז מיט זיי צוזאַמען.

אַ דאַנק פאַרדינען זיי פאַר דעם אונטערזוך פון דעם ווייסן טעראָר אין אונגאַרן און דעם פאַרעפנטלעכטן באַריכט איבער די אונגאַרישע רציחות קעגן אידן. ס'איז אַ שוידערלעכע אָפּנהאַרציקע שילדערונג פון אידישעליידן און יסורים.

זיי פאַרדינען אויך אַ גרויסן יישר כוח פאַר זייער אינטערעס אין קאַמף פון אידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל; יאָ, זיי זיינען גוטע, אויפריכטיקע פריינט, גרייט צו העלפן און דינען! הלוואי זאָלן זיי ניט אַנטוישן.

**
*

כ׳פאַרלאָז ענגלאַנד. ענדלעך די דערלויבעניש געקראָגן צו פאָרן דורך דער מיליטעריש אָקופּירטער דייטשער טעריטאָריע קיין ווין, קרייציק דורך בעלגיען.

אַן איבעראַשנדיקער איינדרוק. פעטע פעלדער מיט תבואות, גאַנצע שטעט מיט שטעטלעך, פריילעכע זאָרגלאָזע פּנימער, סימנים פון „וואוילזיין״ אומעטום. וואָס איז דאָס? זיינען די בעלגיער אַזעלכע בריות, אַז זיי האָבן אין אַ קורצער צייט זייער חורבן פאַרוואַנדלט כמעט אין אַ גן־עדן? אָדער, אָדער, אפשר איז דער חורבן ניט געווען אַזוי שרעקלעך? אפשר האָט מען אים מגזם געווען? אפשר האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט בלויז צו פעסטונגען, אפשר האָט מען די בעלגיער באַנוצט פאַר אַן אָביעקט פון סימפּאַטיע צוליב באַשטימטע צוועקן, אפשר, אפשר?... על כל פנים, זעט מען ניט די גרויסע ליידן און וואונדן. אַ מערקווירדיקער אויפלעב! הלוואי האַלטן מיר, אידן, שוין אַזוי!

אָט זייט איר אין דייטשלאַנד, אין דייטשע שטעט. איר רעדט מיט דייטשן אין די וואַגאָנען, אויף דער פּלאַטפאָרמע, אומעטום; איר זעט פאַר זיך קליינע קינדער, דערוואַקסענע, אַרבעטער, באַאַמטע, מיטל־קלאַס מענטשן. איר באַטראַכט זייערע פּנימער, הלבשה, קוק, אויסזען. איר לייענט זייערע צייטונגען, איר עסט זייערע „עסנס״, — און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אַנט־פּלעקט זיך פאַר אייך דייטשלאַנד נאָך דער מלחמה, פאַרביטערקייט, ציניש־קייט, אַ חוזק־מאַכעריי פון דער אַמאָליקער „סיסטעמאַטישקייט און גרינט־לעכקייט״, הונגער, אַרבעטלאָזיקייט. רעדט דער דייטש צו אייך און דערווייזט אייך זייער אָפּגרונט.

דער קאָנטראַסט פון בעלגיען ביז דייטשלאַנד איז אַזוי גרויס. איר מוזט אים באַלד באַמערקן. מיט קנאה און פאַרבאָרגענער שנאה איז אָנגעפּילט דער דייטש ווען ער רעדט מיט אייך און ווייסט, אַז איר זייט אַן אַמעריקאַנער.

דער דייטש האָט געגלויבט, אַז די „פערצן פּונקטן״ וועלן אים ראַטעווען. ער האָט געהאַט צוטרוי צו ווילסאָנ׳ען, און ער איז אַזוי אָפּגענאַרט געוואָרן אין זיינע האָפענונגען. ער פילט זיין מאַכטלאָזיקייט, הילפלאָזיקייט, אָרעמקייט, — און פאַרביטערקייט פילט אָן זיין גאַנצע נשמה.

**
*

אָט זייט איר אין דער שיינער קונסט־שטאָט, אין דעם קולטור־ווינקל, אין דער אַמאָליקער זאָרגלאָזער, פריילעכער, שטיפערישער ווין.

ווין און עסטרייך מאַכן אַן איינדרוק פון אַן אָפּגעשלאָגענער הושענא. שטעלט אייך פאָר! ווין איז געוואָרן די מעטראָפּאָליע פון אַ מלוכה׳לע

פון קרוב צו זעקס מיליאָן אייגוואוינער, די מערהייט פון וועלכע לעבן גאָרניט בשלום מיט דער הויפּט־שטאָט.

אָרעמקייט, צרות, ליידן און הונגער. אַלע לעבן אָן אַ חשבון, מען גיט זיך ניט אָפּ קיין רעכענונג. צוליב וואָס? וואָס וועט דען העלפן? פילע זיינען פּאַטאַליסטן געוואָרן. אַזוי איז אונזער גורל. מען האָפט, מען האָפט עפּעס אויף אַן אומבייט, נאָר אין וואָס וועט עס זיך אויסדריקן, אין וועלכע פּאָלי־טישע און עקאָנאָמישע קאָמבינאַציעס וועט עס זיך אויסגיסן? ווער ווייסט? אפשר וועט מען זיך צונויפשליסן מיט דייטשלאַנד, אפשר וועט טשעכאָ־סלאָוואַקיען זיך צעטיילן, אפשר וועט זיין אַן ענדערונג אין יוגאָסלאַוויען? אפשר וועט זיין אַן עקאָנאָמיש־פּאָליטישע איבערקערעניש? אפשר, ווער ווייסט זיי, ווער קאָן זיי אויסרעכענען די אַלע „אפשר׳ס". ס׳איז ביטער אויפן האַרצן, אויף דער נשמה, מען זעט דעם אונטערגיין, מען פילט אַז מען איז קראַנק, אָבער די רפואה, ווי אַזוי? אָה, דאָס וועט נאָך לאַנג באַאומ־רואיקן די עסטרייכער...

איך בין אין דער אידישער געגנט, אויף לעאָפּאָלד־שטראָסע. באַטראַכט די פּנימער, דאָס לעבן. רעד, שטודיר, אונטערזוך, — ווייניק פרייד צו זאָגן וועגן די אידן, איבערהויפּט וועגן די אַנגעלאָפענע און אַנטלאָפענע פון שרעק און פּיין, מען הונגערט גאַנץ ניש׳קשה׳דיק. בילדער פון עלנט און ליידן... און דאָ קומען אָן די נייע ידיעות פון פּוילן וועגן פּאָגראָמען, — נייע שחיטות, און אונטערגיי פון צענדליקער טויזנטער פון אונזער פאָלק.

פאַרשוואונדן איז די רואיקייט, דער מוח אַרבעט אומרואיק, אַ ווייטיק נאָגט.

אָה, די אידן פון אַמעריקע פילן ניט וואָס עס מאַכן איצט דורך מיליאָנען פון אונזער פאָלק.

וויפיל מען באַשרייבט און מען דערציילט איז עס קיין פאַרגלייך ניט מיט דער אמת׳ערווירקלעכקייט. איר שטייט פאַר אַן אָפענער אייטערנדיקער וואונד, פאַרן חורבן, און מיט פּחד ווערט אָנגעפילט אייער גוף און נשמה. און ניט איינמאָל לויפט דורך אין אייער מוח די גאַנצע מאַרטירער־געשיכטע פון אונזער פאָלק, — איר פאַרגלייכט די שפּאַנישע אינקוויזיציע, דעם פינסטערן מיטל־אַלטער, כמעלניצקי׳ס צייטן מיט די איצטיקע. די פאַר־גאַנגענע ווערן בלאַס כלפּי דעם היינט.

עס בריט און ברענט אייך די גרויסע טראַגעדיע פון פאָלק; צו משוגעת טרייבן די באַריכטן פון רדיפות און רציחות אין פּוילן, גאַליציען און אונגאַרן. ס׳איז אָך און ווי אויך אין רומעניען. דער איד איז אַ סימבאָל פון דער גרעסטער דערנידעריקונג. מען וויל אים ברענגען צו דער שענדלעכסטער שטופע פון דעמאָראַליזאַציע, כדי ער זאָל ווערן צו שאַנד און שפּאָט. און

דאָך, איז דער מוט ניט געבראָכן. די אידישע מאַסן אין פּוילן שטייען אין קאַמף פאַר זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, מאַכן אָנשטרענגונגען אויפן קולטורעלן געביט, זיינען באַוואוסטזיניק און טריי די פאָלקס אויפגאַבן.

***

געהערט אַ ברייטן, אַ לאַנגן גרוס פון סאָוועטן־רוסלאַנד, פון דער מדינה וואָס איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט שנאה פון אַלע זייטן און וואָס ווערט מיט סימפּאַטיע נאָכגעפאָלגט פון דער אַרבעטער־שאַפט. שווער לעבט זיך אין רוסלאַנד; די בלאָקאַדע און קריג האָבן אַ חורבן געבראַכט. ניט דערעסן איז שטענדיק דער רוסישער איינוואוינער. די אייזערנע האַנט פון דיקטאַטור לאָזט זיך פילן אין לאַנד. קיין פרייהייט איז ניטאָ. די רויטע אַרמיי איז מעכטיק אָרגאַניזירט, זי ווייזט אַרויס מערק־ווירדיקן ווידערשטאַנד, נצחונות.

אָבער ווי לאַנג וועט דאָס לאַנד זיין אַ מיליטערישער לאַגער? ווי לאַנג וועט די „טשרעזוויטשאַיקע" זיין די הערשערין? ווי לאַנג וועט די פּסיכאָ־לאָגיע פון דער לעצטער באַווירקן די מוחות? שווער צו זאָגן. אפשר ביי רואיקערע באַדינגונגען, אין די צייטן פון שלום, נאָך דעם אַרונטערנע־מען די בלאָקאַדע, אין אַ פרייער אַנטוויקלונג, וועלן פאַרשווינדן דער אומנאָרמאַלער צושטאַנד, די פאַרשטייפטע באַציאונגען, די שטיקנדיקע אַטמאָ־ספערע. און רוסלאַנד וועט קאָנען אומגעשטערט דורכפירן איר ציל, וואָס זאָל ווערן אַ ברכה פאַרן לאַנד און דערמוטיקן די אַרבעטערשאַפט אומעטום.

שווער איז דער פּראָצעס פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, און ניט דורך אַ צויבער־שטעקל, איבער דער נאַכט, וועט עס פאַרווירקלעכט ווערן; ס'וועט נעמען יאָרן און יאָרן און ניט איין צוריקשטויס וועט קומען ביזן פולן נצחון.

און די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד? ניט זייער דערפרייענדיק. דאָס פאָלק גייט אונטער, דאָס פּראָבלעם פון אויסוואַנדער איז שאַרף אויך דאָרט, די אידן וואָלטן זיך אַ לאָז געטאָן ווען מען וואָלט געקאָנט...

די אידישע ניט־צוגעגרייטקייט, דאָס לעבן פון אַ לופט־מענטשן, די פּרנסות פון פריער — זיינען זיכער ניט פּאָזיטיווע ווערטן אין דעם וואונטש פון די אידן צו פּראָדוקטיווירן זיך.

אין דאָרף קאָן דער פּויער ניט גיין, ניטאָ קיין פרייע ערד, זאָגט דער פּויער. אין די העכערע צווייגן פון אינדוסטריע קאָן ער ניט אַריינדרינגען, ער באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד, ווערט ער אַ ספּעקולאַנט אין דער קאָמוניסטן־לאַנד; שטעלט ער צו אַ גרויסן פּראָצענט פון אַרבעטסלאָזע. און אַזוי ווי מען דאַרף דאָך אַרבעטסלאָזיקייט באַקעמפן, קאָן מען פילע אידן זען רייניקן די רינשטאָקן, די גאַסן, און ביי אַנדערע שמוציקע, שווערע אַרבעטן. קיין

זייער שמייכלהאַפטיקע פּראָדוקטיווירונג איז עס אַפילו ניט, אָבער אַ ברירה האָט ער? זעט איר, מיט איינס איז דער איד רואיק: קיינע פּאָגראָמען אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער אמת׳ע פּראָדוקטיווע הילף גיט זי דעם אידן ניט.

אפשר וועט אַ טיילווייזע לייזונג אַרויסקומען דורך די מוסטער־„קאָלכאָזן״, וואָס די רעגירונג וויל גרינדן און אויסנוצן די אידן ווי מענטש־מאַטעריאַל? אפשר? ווייל דער רוסישער פויער איז נאָך זייער ווייט פון אַן אמת׳ן קאָמוניסט. און דער אידישער קאָמוניסט — ער איז דאָך באַוואוסטזיניק רעוואָלוציאָנער, בעת דער רוס איז סטיכיש־רעוואָלוציאָנער.

אַ שווער שטיקל צייט פאַר אונזער פאָלק, אַ פיינלעכע הילפלאָזיקייט!

***

זיך באַטייליקט אין דער פּאָליטישער קאָנפערענץ פון פּועלי ציון. אינטערעסאַנטע טיפּן באַגעגנט מען. די לענדער און אומשטענדן האָבן זייער שטעמפּל אָוועקגעלייגט אויף יעדן. דאָס פילט זיך אין די רייד און אין די האַנדלונגען. יאָ, חברים פאַרשטייען זיך ניט און צעשיידן זיך אויף באַזונדערע וועגן. וועלכער וועג וועט געווינען? ווי לאַנג וועט די צעשיידונג אָנהאַלטן? דאָס לעבן וועט באַווייזן. קיין צו גרויסע פרייד האָט די קאָנפערענץ ניט געגעבן קיינעם ניט. עס ווילט זיך נאָך זאָגן עטוואָס וועגן ארץ ישראל, וועגן די דאָרטיקע אידישע אַרבעטער, אויף וויפיל מיר האָבן זייערע פאַרטרעטער, — די טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער, — געזען און מיט זיי פאַרבראַכט.

ארץ ישראל איז אויפן טאָג־אָרדענונג; אין די הונדערטער טויזנטער, וואָלטן די אידישע מאַסן געלאָפן אַהין, ווען דער וועג זאָל זיין פריי, די מעגלעכקייטן רייך.

פון סאָוועטן־רוסלאַנד, פון פוילן, גאַליציען, אונגאַרן, עסטרייך רומעניען — פון אומעטום ווערט גרויס אויפמערק ארץ ישראל געשענקט. און עס איז פאַרשטענדלעך דערפאַר די אומגעדולד פון די ארץ־ישראל׳דיקע און פון די מחוץ לארץ; עס איז פאַרשטענדלעך דערפאַר דער פאַר׳עקשנ׳טער, האַרטער קאַמף פון די ארץ ישראל אַרבעטער, זייער ווילן דורכצוברעכן די וואַנט, אַלע מיטלען אָנוועגדן אַבי מעגלעך מאַכן די עליה פון גרעסערע אַרבעטער־מחנות.

אַ וואונדערפולער עלעמענט זיינען די ארץ ישראל אַרבעטער. זיי זיינען די העלדן און מאַרטירער פון אונזער באַוועגונג און קאַמף. זיי אַליין ווילן ניט אַזעלכע שבחים, זיי בויטיקן זיך אין זיי ניט, אָבער איר קאָנט זיך נישט העלפן. זיי ווערן איינגעבאַקן אין אייער האַרץ ווען איר הערט פון זייער אַרבעט, פון זייער לעבן, מוט און קרבנות גרייטקייט...

זיי ליידן פיל, זיי דערעסן ניט, — אָבער אַלץ איז כדאי, ווייל זיי האָפן

אַז זייער מחנה וועט זיך פאַרגרעסערן, און נייע וועלן קומען, און זייער כוח וועט זיך שטאַרקן.

זיי ווילן שליסן דעם אמת'ן ברודער־בונד מיטן אַראַבישן אַרבעטער, זיי דולדן ניט אומגערעכטיקייט צו זיך און צו אַנדערע. איר וואָלט באַדאַרפט זען די שמחה ווען ס'איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פון ארץ ישראל, אַז דרייסיק אַראַבישע אַרבעטער זיינען צופרידן אַריינצוטרעטן אין דעם קאָאָפּעראַטיוו פון אידישע אַרבעטער צו בויען אַ שאָסיי, און זיי האָבן זיך מתחייב געווען צו פאָדערן דעם זעלבן אַרבעטס־לוין, ווי די אידישע אַרבעטער.

די אידישע אַרבעטערשאַפט פון ארץ ישראל — איז איינער פון די שענסטע צווייגן פון דער אַלוועלטלעכער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג!

**
*

אייראָפּע איז מערקווירדיק אינטערעסאַנט, אומרואיק, ליידנדיק, אָבער עס פאַר'כשופ'ט. עס גיט אַ זעלטן מאַטעריאַל צו שטודירן די סאָציאַלע לאַגע, די געבורט ווייען פון אַ נייער אָנקומענדיקער תקופה. מען רעדט וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אויף יענער זייט ים, מען האָפט, מען קעמפט, מען ליידט. און מעגן די ליידן פאַרשטאַרקט ווערן, און מעג די אומרואיקייט נאָך מערערע אַרומכאַפּן, מעגן די קאָנוואולסיעס פון פילע לענדער און פעלקער נאָך שאַרפער ווערן — טענה'ן פילע, אַז די איצטיקע אָרדענונג איז פאַר'משפט צום אונטערגיי, און אַ נייע, אַ גערעכטע, אַ פרייע וועט געבוירן ווערן.

איך פאָר שוין צוריק. נייע איינדרוקן. און ווידער וויג איך זיך אויפן ברייטן ים. עס פאָרן אויף מיין שיף איבער טויזנט אידישע אימיגראַנטן, וואָס דערציילן פון צרות, צרות... בילדער מאָלן זיי אַז ניט איין מאָל גייט דיר דורך אַ סקרוך אין די ביינער.

אָבער גליקלעכע, זיי האָבן זיך שוין אַרויסגעריסן. און די מיליאָנען הינטער זיי? יענע האָפן, האָפן. פילע פון זיי — זייער האָפענונג וועט אויסלעשן ווי אַ חלום.

אַ ביטערער מזל, דער אידישער!

1920 —

אין פוילן, 1930

האַרבסט 1930.

מיר זיינען געבליבן עטלעכע וואָכן אין בערלין, ערב דעם וועלט־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. ס׳זיינען צו מיר צוגעשטאַנען אַ צאָל חברים, מיט דער בקשה איך זאָל — אין נאָמען פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי — באַזוכן פוילן.

איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג, און באַזוכט קראָקע, וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע און פּיעטריקאָוו.

איך האָב אויסגעקליבן צו פאָרן דריטן קלאַס, אויף אַ הילצערנער באַנק, בכדי צו קאָנען זען „עמך" און באַאָבאַכטן מער דאָס לעבן און באַציאונגען צווישן איד און נישט־איד.

איך האָב זיך אָנגעהערט אַזויפיל וועגן פוילן, אַז מ׳רייסט אידישע בערד, אַז אַ איד קאָן ניט דורכגיין פריי די גאַס, אַז מען וואַרפט אידן פון וואַגאָנען און אַז דער אַנטיסעמיטיזם פון פאָלק בושעוועט. מוז איך זאָגן, אַז מיין ערשטער איינדרוק האָט ניט געשטימט מיט דעם וואָס איך האָב געהערט.

אָט פאָר איך מיטן צוג. די באַנען זיינען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז עס זיינען פאַראַן קופּעס פאַר אַכט פּאַרשוין. פּאַסאַזשירן לויפן אַרום ווי פאַר׳סמ׳טע און זוכן פּלעצער. אויף איין באַנק האָט זיך ברייט צעשפּרייט און אויסגעצויגן אַ איד, מיט אַ לאַנגער געלבלעכער באָרד, און כראָפּעט גאַנץ געשמאַק, אָבער קיינער וועקט אים ניט אויף און שטערט אים ניט.

און אָט שפּאַציר איך אין אַ גאַס אין קראָקע. כ׳בין אַריין אין אַ קליינעם גאָרטן. זיצט דאָרט אַ איד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און היטל, שמועסט גאַנץ געמיטלעך און פריינטלעך מיט אַ פּאָליאַק. ביידע לאַכן. זיי זיינען קענטיק גאַנץ גוט געשטימט. אין אַנדערע שטעט זע איך ווי אידישע און פּוילישע קינדער שפּילן זיך צוזאַמען. טראַכט איך ביי זיך: „אפשר האָט מען זאַכן מגזם געווען אין דער פּרעסע און אידן ווערן ניט אַזוי שלעכט באַהאַנדלט". ליידער איז דאָס געווען ניט מער ווי אַן אויבערפלעכלעכער איינדרוק.

וואָס מער איך האָב פאַרבראַכט אין לאַנד, זיך צוגעהערט וועגן דער באַנעמונג פון פּוילישע סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן, צוגעזען דעם מורא׳דיקן דלות פון אידישן האַרעפּאַשניק, ווי רעגירונגס־באַאַמטע נעמען צו די בעבעכעס פון אָרימע קרעמער אויפן חשבון פון דעם שטייער, וואָס זיי האָבן

ניט צו באַצאָלן, — אַלץ מער איז מיר קלאָר געוואָרן אַז פוילישע אידן לעקן ניט קיין האָניק.

פון דער צווייטער זייט בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם קאָכיקן אידישן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון דעם גרויסן דראַנג פון דער יוגנט צו קריגן אַ וויזע קיין ארץ־ישראל, פון דער צאָל אידן, וואָס שטייען אין די „פּאַלעסטינע־אַמטן", כדי זיך דערשלאָגן צום „שיר המעלות" — דעם סערטיפיקאַט. איך האָב טיפער דערפילט וואָס ארץ־ישראל מיינט פאַר די אידן אין פוילן.

איך וויל אָנהויבן גראָד פון פּיעטריקאָוו וואָס איך האָב באַזוכט. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז דאָס געווען די ערשטע שטאָט אין פוילן, וואָס האָט אין מיטלאַלטער געצוואונגען אידן צו טראָגן די געלע לאַטע אויף זייערע בגדים.

איך בין דאָרטן אָנגעקומען אַרום פיר נאָכמיטאָג. מיך האָט באַגעגנט אַ חבר פון פועלי־ציון, וואָס איז געווען דאַן אַ מיטגליד אין שטאָט־ראַט. דוכט זיך, מען האָט אים גערופן מאַלץ. מיר האָבן זיך וואַרעם באַגריסט. איך האָב אים אַ פרעג געטאָן: „ווי קומט עס וואָס אין אַ געוויינלעכן טאָג זאָלן זיין אַזויפיל מענטשן אויפן וואָקזאַל? וואו פאָרן זיי?" ער האָט מיר מיט אַ שמייכל געענטפערט: „זיי פאָרן ניט, זיי זיינען געקומען מקבל פנים זיין אייך, דעם גאַסט פון אַמעריקע". איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אויב זיי וואָלטן געאַרבעט, וואָלטן זיי וואַרשיינלעך ניט געקומען אין אַזאַ צאָל, נאָכמיטאָג, מיך צו באַגעגענען. זאָגט צו מיר דער חבר: „לאָמיר נעמען אַ דראָזשקע און פאָרן צום האָטעל, וואָס מיר האָבן פאַר אייך באַשטעלט". די דראָזשקע האָט זיך אָנגעהויבן רירן פון אָרט, האָב איך מיטאַמאָל דערזען, אַז צענדליקער מענטשן ווילן אונז נאָכגיין, און אויף אַזאַ אופן מיך באַגלייטן. זאָג איך צום חבר: „צו דעם בין איך ניט געוואוינט געוואָרן. זאָל דער דראָזשקאַזש אָוועקפירן מיין באַגאַזש אין האָטעל און איך וועל גיין צוזאַמען מיטן עולם".

קענטיק אַז דאָס האָבן דערהערט אייניקע פון מיינע באַגלייטער; הער איך ווי איינער גיט אַ זאָג: „אַן אַמעריקאַנער דעמאָקראַט, משמעות איינער פון אונזערע".

נאָך מיין אָפּרו אין האָטעל האָט מיך אַ חבר באַגעגנט און מיר האָבן דורך פאַרשידענע געסלעך זיך געדרייט אַהין און אַהער, ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ פּלאַץ, וואו די פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פאַרקומען. ווען איך בין אַריין — איז דער זאַל שוין געווען געפּאַקט מיט אַרבעטער, יונג און אַלט. מיטאַמאָל קומט צו אַ פּוילישער באַאַמטער און פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אים סומירן דעם אינהאַלט פון מיין לעקציע. מען האָט אים דאָס בקיצור איבערגעגעבן. ער האָט פאַרשריבן און איז אַוועק.

— „אָט אַזוי פירט זיך ביי אונז!" — זאָגט צו מיר דער פאָרזיצער.

אָבער צווישן עולם באַמערק איך נאָך עטלעכע באַאַמטע; איינער איז מיט אַ פּאָרטפעל.

— „ער וועט פאַרשרייבן אַלץ, וואָס איר וועט זאָגן! ער פאַרשטייט אידיש" — רוימט מען מיר אַריין אַ סוד.

איך האָב געהאַלטן מיין פּאָרטראַג, אָפּגעגעבן אַ גרוס פון דער אידישער אַמעריקע און אידישן אַרבעטער און דערציילט זיי וועגן דעם אינטערעס וואָס איז דאָ פאַר ארץ־ישראל. די פאַרזאַמלונג האָט געדויערט אַ פאַר שעה. דער עולם איז געווען גוט געשטימט. מ'איז געוואוינט געווען, אַז אַמערי־קאַנער זאָלן זיין הויפּטזעכלעך אַזוינע שליחים וואָס ברענגען געלטער פאַר הילפס־טעטיקייטן. דאָ האָבן זיי מיטאַמאָל דערזען אַן אַנדער „אַמעריקאַנער". עפּעס רעדט ער זייער לשון, דריקט אויס מיינונגען און איבערצייגונגען, וואָס זיינען זיי נאָענט צום האַרצן. זאָגט צו מיר דער פאָרזיצער: „אפשר וואָלט איר געוואָלט פאַרברענגען מיט אַ צאָל פון אונז? מיר האָבן דאָ אַ פּרנסה, וואָס האָט אונז אָפּגעגעבן אַ צימער פאַר אַ היימישער וועטשערינקע". עס פאַרשטייט זיך אַז איך האָב צוגעשטימט. מיר זיינען אַהין אַוועק.

קענטיק אַז דער עולם האָט זיך דערוואוסט וועגן אָוונט. איך בין אַריין אין אַ גרויסן איבערגעפּאַקטן צימער. מען האָט סערווירט הערינג און קאַר־טאָפל. מעגלעך אַז פאַר אַ צאָל איז דאָס געווען זייער איינציקער אָנבייסן פאַרן גאַנצן טאָג. מיטאַמאָל קומט צו צו מיר איינער:

— „איר זייט פון אַמעריקע? איך האָב אַ פעטער אין סאַן פראַנציסקאָ. נאָט אייך דעם אַדרעס און זאָגט אים, אַז איך בין אויף געהאַקטע צרות, זאָל ער מיר העלפן".

פרעג איך אים:

— „ווייסט איר ווי וויט ניו־יאָרק איז פון סאַן פראַנציסקאָ? ווייסט איר, אַז עס נעמט צו פאָרן מיטן באַן פון ניו־יאָרק אַהין, כמעט אַזוי פיל ווי מיטן שיף פון ניו־יאָרק קיין איראָפּע?"

איז אָבער דער איד אַן אָפּטימיסט און שטופּט מיר אַ צעטל:

— „איר וועט דאָך זיין דאָרט אַמאָל, בעט איך אייך, באַזוכט אים".

איך האָב צוגעזאָגט דאָס צו טאָן און אויך פאַרשפּראָכן צו שרייבן אַ בריוו צום וויטן אָנקל אין סאַן פראַנציסקאָ און זאָגן, אַז איך האָב זיך געזען מיט זיין פּלימעניק פון פּיעטריקאָוו און מען דאַרף אים באַהילפיק זיין.

און „כטוב לב המלך" בהערינג וקאַרטאָפל האָט מען זיך שטאַרק צע־זונגען. פלוצלונג גיט די טיר אַ פראַל אויף און עס קומט אַריין אַ מונדיר־טער פּוילישער באַאַמטער. ס'איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך שטיל. עטלעכע

חברים, — וואָס זיינען געזעסן מיט מיר צוזאַמען, — זיינען בלאָס געוואָרן און האָבן מיר איינגערוימט:

— „אַ פּנים אַז מיר זיינען אַריינגעפאַלן, ווייל מיר האָבן ניט געבעטן קיין דערלויבעניש פאַרן צוזאַמענקום".

דער באַאַמטער איז צוגעגאַנגען צו אונזער טישל, אַ דריי געטאָן מיט זיינע לאַנגע וואָנצעס, און געפרעגט, וואָס קומט דאָ פאָר.

דער פאָרזיצער האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ גאַסט פון אַמעריקע, וועלכן זיי זיינען מקבל פּנים היינט אָוונט. דער „משגיח אויף פּאָליטישער כשרות" האָט זיך קענטיק ניט צופרידנגעשטעלט, אָבער ער איז אַוועק. עס האָט ניט גענומען קיין צען מינוט און ער איז געקומען צוריק, באַגלייט פון נאָך דריי אינספּעקטאָרן, מיט אַ פּאָרטפעל און פּאַפּירן צו מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. איין קלייניקייט. שוין איינמאָל אַ „קאָנספּיראַציע" האָבן זיי דערשנאַפּט! צום גליק איז צוגעקומען אַ חבר, וואָס האָט געהאַט אַ פּוילישע צייטונג מיט מיין בילד, און אַן אויפשריפט „אַ גאַסט פון אַמעריקע".

די באַאַמטע זיינען געוואָרן נייע מענטשן. מעגלעך, אַז זיי האָבן אַ טראַכט געטאָן: „דער גאַסט איז אפשר אַן אָנגעשטעלטער ביי דער אַמעריקאַנער רעגירונג, און פּוילן וויל דאָך לעבן גוט מיט אַמעריקע". זיי האָבן געדריקט מיין האַנט, גערעדט צו מיר פריינטלעך אין פּויליש, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען, אָבער איך האָב אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט אין ענגליש: „אַ דאַנק".

דערווייל איז שוין געוואָרן שפּעט. דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנ־דערגיין. אַרום 2:30 בין איך אַרויס אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָר חברים, אויפן וועג צו מיין האָטעל. פּלוצים האָב איך דערהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אוממענטשלעכע געשרייען און געיאָמער. איך האָב אַ פרעג געטאָן: „וואָס קומט דאָ פאָר?" האָט מען מיר דערקלערט, אַז בחצות הלילה, ווען אַלע שלאָפן, שלאָגט מען די אַרעסטירטע, איבערהויפּט די פּאָליטישע. איך האָב ניט געקענט קומען צו זיך אַ לאַנגע צייט.

אויף מאָרגן בין איך געגאַנגען זען די אידישע אָרעמקייט, וואָס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן. איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ קראָם, לעבן וועלכער עס איז געשטאַנען אַ יונגער איד, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד און אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. די „סחורה" אין זיין געוועלבל איז ווערט געווען אַ שיבוש. פרעג איך דעם אידן: „חיונה האָט איר?" זאָגט ער צו מיר: „ווי קאָן מען האָבן חיונה אַז אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק קומט אַ טשינאָווניק, פאַרשרייבט מיינע בעבעכעס, און די סחורה ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער. איך האָב אַ ווייב און פיר קינדערלעך, געזונט זאָלן זיי זיין. אָבער ווי אַזוי מיר לעבן — פרעגט שוין נישט"... ער האָט זיך פאַרהאַקט און

מער ניט געקאַנט אויסרעדן קיין וואָרט. איך האָב איינעם פון מיינע באַקאַנטע דערלאַנגט עטלעכע דאָלער ער זאָל אים איבערגעבן ווי אַ מתן בסתר. איך האָב אים ניט געוואָלט מבייש זיין.

דאָס איז פּיעטריקאָוו, און אַזוינע שטעטלעך זיינען געווען פיל אין אידישן פּוילן!

אין ווילנע האָב איך פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג. די שטאָט האָט פאַרכאַפּט מיין נשמה. איך האָב באַזוכט די באַרימטע סטראַשון־ביבליאָטעק. ר׳ חייקל לונסקי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן מיט אַ גרויסן שלאָס. איך בין פאַר׳כישופ׳ט געוואָרן פון די יקר המציאות׳ן און כתבי יד׳ן, וואָס די נאַציס האָבן שפּעטער חרוב געמאַכט און צוגענומען. איך האָב אויך באַזוכט דעם „ייוואָ״ און געזען דעם אָנהויב פון זיין נייעם בנין. מיין באַגלייטער איז געווען אַ גוואַלדיקער מאמין אין אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און האָט פאַראויסגעזען פאַר אים אַ גרויסע צוקונפט. מיט זעלטענער ליבשאַפט האָט ער מיר געוויזן פאַרשידענע מאַנוסקריפּטן, אפילו עטלעכע פון מיינע אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען געדרוקט מיט יאָרן פריער. איך האָב זיך דאָרט באַקענט, דוכט זיך, מיטן פּעדאַגאָג גאָלאָמב און אַנדערע לערער. איך געדענק ניט אויב דאַן האָט נאָך עקזיסטירט דער אידישער לערער־אינסטיטוט.

ניט אומזיסט האָט מען ווילנע גערופן „ירושלים ד׳ליטא״. איך בין אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן פון איין זייט אין אַ גוואַלדיקער נשמה־דערהויבונג און, פון דער צווייטער זייט, דערדריקט פון דער אָרעמקייט און פון דער אַרומיקער שנאה צו אידן.

אין וואַרשע האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע טעג, אַדרעסירט אַ פאַרזאַמלונג פון קרוב דריי טויזנט חברים און פריינט, איינגעאָרדנט פון דער „ליגע פאַר׳ן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל״. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן אַ צאָל וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי אויך „טלאָמאַצקע 13״ און באַקענען זיך מיט אַ צאָל פּראָמינענטע שרייבער. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון די אידישע קוואַרטאַלן, געלייענט אַלע טעגלעכע אידישע צייטונגען און זשורנאַלן, מיט וועלכע דאָס אידישע פּוילן איז געווען אַזוי רייך. בייגעוואוינט אַ פּאָר לעקציעס און פאַרזאַמלונגען און געפילט וואָס דאָס אידישע וואַרשע מיינט קולטורעל פאַר דער אידישער באַפעלקערונג פון פּוילן.

וואַרשע האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט אירע בולוואַרן, אַלייעס און שטאָט־גאָרטנס. פּאָליאַקן זיינען געגאַנגען מיט פאַרריסענע קעפּ. עס איז געווען ערשט אַ יאָר עלף זינט זיי האָבן געוואונען פון דאָס ביי זייער זעלבסטשטענדיקייט. דעם אַנטיסעמיטיזם האָט מען געקענט אָנטאַפּן מיט די הענט, אָבער די אידן זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט, געשיקט

טויזנטער בחורים און מיידלעך קיין ארץ־ישראל, גע׳חלומ׳ט פון בעסערע צייטן. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז אַ מורא׳דיקע געפאַר רוקט זיך אויף זיי מצד דעם דייטשן שכן און אַז דאָס אידישע פוילן פון דריי און אַ האַלב מיליאָן וועט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

ביאַליסטאָק איז מיין געבוירן־שטאָט. אַהין בין איך געפאָרן מיט אַ באַזונדער נייגער און אינטערעס. יעדן ציט צום פלאַץ, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן. ליידער האָב איך זייער ווייניק דערקענט די ביאַליסטאָק פון מיינע קינדער־יאָרן. איך האָב דאָרט ניט געהאַט מער קיינע קרובים און באַקאַנטע, בלויז חברים פון דער באַוועגונג.

איך בין דאַן געווען אַ מיטגליד פון דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט ביי דער ניי־געגרינדעטער אידישער אַגענטור. האָט מיך דער ציוניסטישער קאָמיטעט פון ביאַליסטאָק איינגעלאַדן צו רעדן ביי זיי. איך האָב דאָס גערן אָנגענומען, ווייל איך האָב געוואָלט זען וואָס מער אידן און ציוניסטן. דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען — לא עלינו — בלינד אויף די אויגן. ער האָט גערעדט מיט התלהבות וועגן ארץ־ישראל־אויפבוי, וועגן די ניט־ציוניסטישע מיטגלידער אין דער אַגענטור. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל כאַראַקטעריזירן אַזוינע פּערזענלעכקייטן ווי לואיס מאַרשאַל, פעליקס וואַרבורג, ריכטער בראַנדייס, לואיס ליפסקי וכדומה. ער איז צוגעשטאַנען איך זאָל אויך דערציילן וועגן אידישן לעבן אין אַמעריקע. איך האָב זיך באַמיט נאָכקומען זיין פאַרלאַנג. אָפט האָב איך זיך צוגעקוקט צום פּנים פון מיין בלינדן חבר און באַמערקט, אַז ער לעבט איבער אַלץ וואָס איך ברענג אַרויס. נאָך דער רעדע האָט זיך אַנטוויקלט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער שמועס ביז שפּעט אין דער נאַכט. צום סוף האָט דער פאָרזיצער מיר באַדאַנקט און געבעטן איבערגעבן אַ גרוס די אידן אין אַמעריקע.

איך האָב אויך געהאַט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, איינגעאָרדנט פון די פועלי־ציון. דאָרט האָב איך זיך באַגעגנט מיט חבר שטשופּאַקעוויטש, וועלכער איז איצט איינער פון די וויכטיקסטע אָנפירנדיקע חברים אין שיקאַגאָ. איך בין איינגעשטאַנען, דוכט זיך, אין „ריטץ האָטעל". אין מיין פרייער צייט פלעג איך אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן פון ביאַליסטאָק און געזוכט צו דערקענען געגנטן. דער לעצטער אָוונט פאַר מיין אָפּפאָר האָט געגאָסן אַ גוס רעגן. די באַן האָט געזאָלט אָפּגיין צווישן צען און עלף אין דער פרי. איך בין אַ נאַכט ניט געשלאָפן. באַגינען בין איך אויפגעשטאַנען און מיט אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן אין דרויסן. אויף די גאַסן איז נאָך געווען שטיל, ניט גאָר ליכטיק. פּלוצים האָב איך דערקענט די געגנט, וואו מיין זיידע האָט געוואוינט. ווען איך וואָלט דעמאָלט געפונען אַן אוצר, וואָלט איך זיך אַזוי ניט געפרייט ווי אין יענע מינוטן. אָבער צו מיין זיידן האָב איך ניט געקאָנט

גיין. ער איז שוין דאַן געווען ניט צווישן די לעבעדיקע. איך בין אָבער צו־געגאַנגען צו זיין הויז און זיך אַרומגעדרייט אַ לענגערע צייט — — —

אין קראָקע האָב איך געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע פאַר־זאַמלונג. די אידישע אינטעליגענץ פון שטאָט איז געווען פאַרזאַמלט; די צוהערער זיינען געווען נייגעריק צו הערן אַן אַמעריקאַנער רעדנער. דאַן איז דאָרט דערשינען אַ אידישע צייטונג אין פויליש.

אידן פלעגן רעדן צווישן זיך אידיש, אָבער פויליש האָט מען שוין גע־הערט אויף טריט און שריט, איבערהויפּט ביי די אינגערע מענטשן. איך וועל ניט פאַרגעסן אַ קליינע דערפאַרונג: איך גיי אַזוי אין גאַס. פּלוצים דערזע איך אַ אידן מיט אַ לאַנגער באָרד, וואָס רעדט מיט אַ יונגער אידי־שער פרוי אויף אַ באַלקאָן. מיין אויער האָט פריער אויפגעכאַפּט עטלעכע אידישע ווערטער, אָבער ווען מיר זיינען נעענטער צוגעגאַנגען האָט זיך דער איד שוין דורכגערעדט מיט איר אין פויליש. קענטיק אַז ער האָט מיך ניט אָנגענומען פאַר אַ אידן, האָט ער געפילט אַז עס איז געזינטער פאַר אים צו רעדן פויליש אַנשטאָט אידיש.

מיין ערשטער און איינציקער באַזוך אין פוילן, — זייט איך האָב פאַר־לאָזן רוסלאַנד, — האָט מיך גוואַלדיק באַווירקט. איך האָב שאַרפער דער־פילט דעם כוח פונם טויזנט־יאָריקן ישוב, פון וועמעס וואָרצלען ס׳ציען זייער גייסטיקע יניקה די אידן פון אַמעריקע, ווי אויך פון אַנדערע לענדער. און כל זמן ס׳האָט געלעבט די דריי און האַלב מיליאָניקע אידישע באַפעל־קערונג אין פוילן, האָבן מיר געפילט זיכער מיט אונזער אידישקייט, און ארץ־ישראל האָט געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן, אין דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון חלוצים, וואָס האָבן זיך געגרייט פאַר „הכשרה״, איידער זיי האָבן עולה געווען.

איך האָב בייגעוואוינט אַ סצענע ביים אייזנבאַן, ווען אַ גרופּע יונגעלייט איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. הונדערטער אידן האָבן זיי באַגלייט. ביי פילע זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן, אַנדערע האָבן אויסגעשריען: „לשנה הבאה בירושלים!״

און איצט איז אַלץ פאַרטיליקט, פאַרשניטן — — —

אונטערן צייכן פון האַקן־קרייץ

(בערלין, 1930)

איך בין געפאָרן ווי איינער פון דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער דעלעגאַציע צום אַלוועלטלעכן קאָנ־גרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך גע־דאַרפט עפענען אין אויגוסט 1930. דער קאָנגרעס איז אָפּגעלייגט געוואָרן פאַר עטלעכע וואָכן. איך האָב אין צווישנצייט באַקומען אַן איינלאַדונג צו באַזוכן פוילן. נאָך מיין צוריקקומען האָט מען אין דייטשלאַנד שוין דאַן געפילט אַז ענדערונגען קומען פאָר. די נאַציס פלעגן איינאָרדענען פאַרזאַמלונגען און געהאַט מערערע געשלעגן מיט קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן.

איין מאָל, גייענדיק אין די גאַסן פון בערלין, האָט מיר אַ יונגער דייטשער בחור דערלאַנגט אַ געדרוקטע מעלדונג וועגן אַ גרויסער נאַצישער פאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף פאָרקומען אין איינעם פון די גרויסע זאַלן אין שטאָט. אין דער מעלדונג איז געווען אַן אַטאַקע אויף קאָמוניסטן און אידן, און דער עולם איז געבעטן געוואָרן צו קומען.

איך האָב זייער שטאַרק געוואָלט זיין ביי דער פאַרזאַמלונג און באַקענען זיך מיטן כאַראַקטער פון נאַצי־רעדנער און מיט דער שטימונג פון די צושויער. איך האָב אָפּגערופן מיינעם אַ באַקאַנטן אידן מיט בלאָנדע האָר, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַן „אַריער", און געזאָגט אים מיין פאַרלאַנג. ער האָט זיך גע׳חידוש׳ט. אָבער נאָך דעם ווי איך האָב אים דערקלערט, אַז ער קוקט אויס ווי אַן עכטער דייטש, און איך האָב אַן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט, האָט ער צוגעשטימט צו גיין מיט מיר.

מיר זיינען אָנגעקומען מיט דער געדרוקטער מעלדונג און האָבן זיך געזעצט אויף דער לעצטער באַנק אין דעם געפּאַקטן זאַל. איך בין געווען איבעראַשט צו זען יונגע דייטשע מיידלעך און אינגלעך, וועלכע האָבן ליידנ־שאַפטלעך געזונגען לידער. דאַן האָב איך דערהערט צום ערשטן מאָל דאָס באַרימטע „האָרסט וועסל"־ליד, וואָס האָט אויך אויסגעדריקט די „פרייד, ווען עס טריפט אידיש בלוט".

איך בין געווען פיינלעך איבעראַשט צו זען אַזוי פיל יונגע ביי דער פאַרזאַמלונג און פילן זייער התלהבות. מיטאַמאָל איז אַרויפגעקומען דער רעדנער אויף דער בינע. בחורים און מיידלעך האָבן אויפגעהערט צו זינגען. ער איז געשטאַנען עטלעכע מינוט און ניט אויסגערעדט אַ וואָרט, אָבער ער האָט געוואָרפן זיינע בליקן אין פאַרשידענע ווינקלען פון דעם זאַל.

איך האָב פּלוצים דערפילט ווי דאָס יונגוואַרג ווערט כמעט היפּנאָטיזירט, זייערע פּנים'ער האָבן זיך געווענדט צו דער בינע און צו דעם רעדנער. די צוויי־דריי מינוט האָבן מיר אויסגעזען ווי צוויי־דריי שעה.

און אָט האָט ער אָנגעהויבן שיטן מיט קורצע זאַצן: „ווער איז שולדיק אין דעם שלום־טראַקטאַט פון ווערסיי? ווער איז שולדיק אין דער קאַטאַסטראָפע פון דייטשלאַנד? ווער ברענגט שאָדן אונזער פאָטערלאַנד? ווער זיינען אונזערע בלוטיקע פיינט?" ער איז ווידער שטיל געבליבן, און מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן מיט אַ באַנומענעם קול: „די פאַרפלוכטע יודן!"

ווי אַן ענטפער האָט אָפּגעהילכט דער געבריל פון טויזנטער, אַזוי ווי אַ רעווע פון אַ פאַרוואונדעטער, טויזנט־קעפּיקער חיה: „הערויס יודן, יודן הערויס!"

איך האָב דערפילט ווי איך זיץ אויף הייסע קוילן און איך ווער דערשטיקט. איך האָב אַ זאָג געטאָן צו מיין באַקאַנטן: „איצט קאָנען מיר גיין".

מיר האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון זאַל. צען מינוט בין איך געשטאַנען, האָב איינגעאָטעמט אין זיך די קילע נאַכט־לופט און זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם סם פון דער פאַרזאַמלונג. איך האָב די גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט איינשלאָפן. אויף מאָרגן איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן די צייטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

מיך האָט אויפגענומען איינער פון דער רעדאַקציע און באַגריסט ווי „געגנאָסע" פון אַמעריקע. ער האָט מיך געפרעגט וועגן צוועק פון מיין באַזוך אין בערלין. האָב איך אים דערציילט וועגן אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל. איך האָב אים אויך איבערגעגעבן וועגן מיין דערפאַרונג לעצטע נאַכט ביי דער גרויסער פאַרזאַמלונג, און מיין אומרואיקייט וועגן דער לאַגע אין דייטשלאַנד, אויב די נאַציס וועט ווירקלעך געלינגען צו פאַרכאַפּן די דייטשע יוגנט. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און מיט אַ שמייכל געזאָגט: „זי האָבען מוט געהאַט!" כ'האָב אים געענטפערט, אַז „איך וויים ניט אויב דאָס איז מוט, אָבער איך האָב געוואָלט זיין אויף זייער פאַרזאַמלונג, און נאָכדעם האָב איך אַ נאַכט ניט געשלאָפן".

האָט ער צוגערופן זיינעם אַ קאָלעגע, אים דערציילט וואָס איך האָב אים געזאָגט, און מיך אַ פרעג געטאָן אויב איך האָב אַ פרייע פאַר שעה צייט אין לויף פון דער וואָך ערגעץ צו־צופאָרן. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין גרייט וואו די „געגנאָסן" וועלן באַשטימען.

אַ טאָג שפּעטער, נאָכמיטאָג, האָט מיך אַ דייטשער סאָציאַליסט גענומען צום ספּאָרט־פּלאַץ אין בערלין. ווען איך בין אַריין, האָב איך געזען אַ גרויסע צאָל פון דייטשע אַרבעטער, וועלכע האָבן מאַרשירט, געמאַכט איבונגען מיט שטעקנס און געזונגען. האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין וועגווייזער: „וואָס איז

דאָס פּאַראַ צוזאַמענקונפט?" האָט ער מיר מיט שטאָלץ געענטפערט: „דאָס איז אַ טייל פון אונזער סאָציאַליסטישן שוץ־בונד, און דאָס איז אונזער ענטפער אויף דיין אומרואיקייט".

פּאַר אַ מאָמענט בין איך באַרואיקט געוואָרן. איך האָב געוואָלט גלויבן, אַז די סאָציאַליסטן אין בערלין זיינען מעכטיק גענוג צו קאָנען ווידערשטיין די נאַצי־אַטאַקעס, און אַז אין די רייכסטאַג וואַלן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרקומען פאַר טעג שפּעטער, וועלן די נאַציס ניט האָבן אַ צו־גרויסן זיג.

די וואַלן אין רייכסטאַג האָבן אָבער דערוויזן איבעראַשנדיקע רעזולטאַטן. די נאַציס האָבן צום ערשטן מאָל דערוויילט 107 דעפּוטאַטן און זיינען געוואָרן די צווייטע פּאַרטיי, און פאַר׳שיכור׳ט פון זייער זיג. די סאָציאַליסטן זיינען אַליין צעטומלט געוואָרן איבער דעם אומדערוואַרטעטן נצחון פון די נאַציס. די זעלביקע מענטשן, וואָס איך האָב נאָכאַמאָל געזען, האָבן ניט געהאַט קיין ענטפער און זיינען משמעות אַליין צעטרייסלט געוואָרן.

איך האָב פאַרלאָזן בערלין אין אַ שווערער שטימונג. איך האָב געפילט, אַז עס רוקט זיך אַ גרויסע געפאַר אויף דייטשלאַנד, אויף דער גאַנצער וועלט.

נאָך מיין צוריקקומען קיין אַמעריקע, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אַ צאָל שטעט, ריידן וועגן בערלין, אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פאַר „דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל", האָב איך אויך דערציילט מיין דערפאַרונג מיט דער נאַצי־פאַרזאַמלונג. איך האָב אויסגעדריקט פּעסימיזם וועגן דער פּאָלי־טישער לאַגע אין דייטשלאַנד און דער נאַצי־סכנה.

אַ צאָל פון מיינע צוהערער, גוטע חברים, אין די פאַרשידענע שטעט, האָבן מיר געזאָגט, אַז איך זע זאַכן צו־שוואַרץ, און די דעמאָקראַטישע ווייִמאַר רעפּובליק וועט האָבן כח ביייצושטיין די שווערע נסיונות.

אין 1933, נאָכדעם ווי היטלער איז געוואָרן קאַנצלער פון דייטשלאַנד, און האָט אָנגעהויבן זיין שוידערלעכע אויסראָטונג־פּאָליטיק קעגן אידן, האָבן מיר אַ צאָל חברים, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער סקעפּטיציזם איבער דער געפאַר, געשריבן אַז איך בין, משמעות, געווען גערעכט אין מיין אָפּשאַץ פון דער לאַגע. הלואי וואָלט איך ליגן געזאָגט.

אין דעם נאַצי־זיג זיינען ניט ווייניק שולדיק געווען די סאָציאַליסטן, ליבעראַלן און די אַזוי־גערופענע, דעמאָקראַטישע וועלט.

בערך אין מאַי, 1933, האָט דר. סטיפען ווייז, פּרעזידענט פון אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס, גערופן אַן ענגע זיצונג פון פּאָליטישן קאָמיטעט ביים אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס, פון וועלכן איך בין געווען אַ מיטגליד. ער האָט געמאָלדן אין דער איינלאַדונג, אַז זיי דערוואַרטן אַ וויכטיקע אַמערי־קאַנער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון נאַצי־דייטשלאַנד. די זיצונג איז געווען אַ פּאַרטרוילעכע.

די אַמעריקאַנער פערזענלעכקייט איז געווען אַ באַקאַנטע פיגור אין דער אַמעריקאַנער וועלט — דזשיימס מעקדאָנאַלד, וועלכער האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט באַזוכט נאַצי־דייטשלאַנד, געהאַט שמועסן מיט „אים" גופא און מיט אַנדערע נאַצי־פירער. ער האָט באַטאָנט, אַז היטלער האָט צוגעגרייט אַ פּלאַן צו פאַרטיליקן די אידן פון דייטשלאַנד, און שפּעטער — די אידן פון אַנדערע לענדער. דער רשע מרושע האָט אים געזאָגט, אַז כל זמן עס וועלן זיין אידן אין דריטן רייך און אין דער וועלט, וועט דייטשלאַנד ניט קאָנען קומען צו זיך: „מען מוז דאָס אידישע פאָלק אויסראָטן!" — האָט ער דערקלערט.

מעקדאָנאַלד'ס באַריכט האָט אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינטלעך פּייניגבער שטימונג ביי די אָנוועזנדיקע. אַ פרוי, וואָס איז בייגעווען יענע זיצונג, האָט זיך אויפגעהויבן און אַ זאָג געטאָן: „מיר לעבן אין אַ פרייער וועלט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. איך גלויב ניט, אַז היטלער'ן וועט געלינגען דורכצופירן דעם פּלאַן; די פרייע וועלט און אויך די דעמאָקראַטישע דייטשלאַנד וועלן אים לאַנג ניט לאָזן אין מאַכט".

ווען זי האָט גערעדט, האָט איר מעקדאָנאַלד שטאַרק אָנגעקוקט. אויף זיין פּנים פלעגט זיך פון צייט צו צייט באַווייזן אַ לייכטער שמייכל, וואָס האָט געהאַט אַן אויסדרוק פון איבעראַשונג. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט צו ענטפערן, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „איר זייט נאַאיוו, איר ווייסט ניט אין וועלכער צייט מיר לעבן. איך בין איבערצייגט, אַז נאַצי דייטשלאַנד וועט זיגן פאַר אַ לענגערער צייט און ברענגען אַ גרויס געפאַר די אידן און דער פרייער וועלט. דעם סם פון נאַצי־אַנטיסעמיטיזם וועט סוף כל סוף באַווירקן אויך אַנדערע לענדער, און איר דאַרפט זיך וועגן דעם פאַרטראַכטן".

עס איז דאַן אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ טעטיקייט־פּראָגראַם, ווי אַן עפנטלעכער מאַרש אין די גאַסן פון ניו־יאָרק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ האַלבן מיליאָן אידן; ווענדונגען צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג און צו רוזוועלט'ן. אָבער וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט פון די דעמאָנסטראַציעס און די ווענדונגען, ווייסן מיר זייער גוט.

מיר זיינען היינט אָרעמער מיט איין דריטל פון אונזער פאָלק, אידישע רעליגיעזע און קולטור־אינסטיטוציעס זיינען פאַרטיליקט געוואָרן. די בלוטיקע יאָרן פון נאַציזם, וואָס האָבן געפירט צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן געבראַכט די גרעסטע קאַטאַסטראָפע פאַר אונז. ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען די לאַגע אין דער וועלט, ווען די דעמאָקראַטישע לענדער, איבערהויפּט אַמעריקע, וואָלטן געהאַט דעם מוט צו האַנדלען באַצייטנס. ליידער איז מקוים געוואָרן דער פסוק „משיב חכמים אחור ודעתם — יסכל".

אַ באַזוך אין אינדיע, 1941

אין פרילינג 1941 איז מיר אויסגעקומען צו פאַר־ברענגען אין אינדיע אַרום אַ חודש צייט. איך בין אַריינגע־פלויגן פון ארץ־ישראל. מיין ערשטער אָפּשטעל איז געווען קאַראַטשי, וואָס איז איצט די הויפּט־שטאָט פון פּאַקיסטאַן.

אין 1941 איז נאָך די דאָזיקע אייגנאַרטיקע וועלט מיט אַזוי פיל דיאַלעקטן געווען אונטער דער ממשלה פון ענגלאַנד, אָבער עס האָט זיך שוין געפילט דאָן, אַז דער טאָג איז ניט ווייט ווען אינדיע וועט ווערן פריי. איר האָט זיך דאַן ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד וועט צעטיילט ווערן, אַז עס וועט אויפשטיין אַ מוסולמאַנישע מדינה פון אַכציק מיליאָן, וואָס וועט זיך אָפּרייסן פון אינדיע, ניט געקוקט אויף די הונדערטער יאָרן פון צוזאַמענלעב.

איך בין איינגעשטאַנען אַ פּאָר טעג אין קאַראַטשי, וואו איך האָב גע־דאַרפט זיך באַגעגענען מיט עטלעכע יחידים, צו וועלכע איך האָב געזאָלט איבערגעבן וועגן געוויסע ענינים.

די עקזאָטישקייט פון אינדיע פילט איר גלייך ביי אייער אָנקום. ביים שוועל פון אייער צימער זיצט תמיד אַ מענטש, וועלכער באַגריסט אייך ביים אייער אַריינגיין און אַרויסגיין. ער דערוואַרט אַ באַלוין פאַר דער באַגריסונג, ווייל ביי אים איז דאָס אַ באַשעפטיקונג, אַ מלאכה. ווען איך בין אַריין אין עס־צימער פון האָטעל איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ קעלנער וועלכער האָט מיך איבעראַשט. מיר האָט זיך פּלוצים אָפּגעדאַכט, אַז איך האָב פאַר זיך דערזען דעם גרויסן אינדיאַנישן פּאָעט, ראַבינדראַנאַט טאַגאָר. ער האָט געהאַט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, אַ לאַנגע באָרד, זיין קאָפּ פאַר־דעקט מיט אַ ווייסן טוך, די פּנים־שטריכן איידל און ראַפינירט. איך האָב פּשוט ניט געהאַט די העזה צו באַשטעלן ביי אים מיין אָנבייסן. אָבער ער איז צוגעשטאַנען צו מיר און האָט געוואַרט מיט געדולד. אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויף אַזאַ פיינעם אופן און אַזוי איידל, אַז ער האָט מיך געמאַכט פילן דערהויבן. איך האָב אים שוין נאַטירלעך געמוזט איבערלאָזן אַ שיינעם „טיפּ" פאַר מיין אָנבייסן.

פון קאַראַטשי בין איך געפאָרן קיין באָמבעי, איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין לאַהאָר, די פּונדזשאַב־פּראָווינץ. איך האָב דאָרט דורכגעלעבט אַ קוריאָז, וואָס האָט פאַר מיר נאָך אַמאָל באַשטעטיקט ווי שטאַרק עס האָבן זיך געפילט די ענגלענדער אין די אַלע לענדער, וואָס זיי האָבן באַהערשט.

מיין פרוי און איך האָבן זיך באַקאַנט מיט צוויי פרויען פון אינדיע, וועלכע האָבן גערעדט אַ גוטן ענגליש. זיי האָבן אונז איינגעלאַדן אויף דער לאַהאָר באַן־סטאַנציע אין אַ גרויסן צימער, וואו מיר האָבן זיך געטיילט מיט די ערשטע איינדרוקן. איך בין אַרויס קויפן אַ צייטונג. מיין פרוי איז געבליבן מיט די אַנדערע צוויי אינדיאַנערינס. קומענדיק צוריק האָבן מיין פרוי און אירע באַגלייטערינס מיך באַגעגנט און האָבן געזאָגט: „לאָמיר גיין ערגעץ אַנדערש". איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. זיי האָבן מיר דערקלערט: „אין דער צייט וואָס מיר זיינען געזעסן און האָבן געשמועסט, איז פאַרבייגעלאָפן אַן ענגלענדערין, איר פּנים איז געווען צעקאָכט. מיר האָבן נאַטירלעך ניט געוואוסט פון קיין פּותר חלום, אָבער ווען דו ביזט אַוועק קויפן אַ צייטונג, איז זי צוגעלאָפן צו אונז און האָט אַ זאָג געטאָן — 'ווי וואָגט אַ מאַן צו זיצן אין אַ צימער, וואָס איז באַשטימט בלויז פאַר פרויען? אויב ער וועט דאָס נאָך אַמאָל וואָגן צו טאָן, וועל איך גיין צו דער פּאָליציי מען זאָל אים גלייך אַרעסטירן'".

די פרויען פון אינדיע האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם. די ענגלענדערין האָט זיך אָבער געקאָכט, אַז זי גייט מיך אַרעסטירן. דערפאַר האָט מען מיך אָפּגעוואָרט און מיר זיינען אַוועק ערגעץ אַנדערש.

די צווייטע איבערלעבונג האָב איך געהאַט אין אַן אַנדער שטאָט, דוכט זיך אין באָמבעי. איך האָב געדאַרפט זען אַן ענגלישן באַאמטן. כ'האָב אים טעלעפאָנירט און מיר האָבן באַשטימט צו טרעפן זיך אויף מאָרגן עלף אין דער פרי. ווען איך בין אָנגעקומען אין צייט, האָט מיך דער באַדינער, אויך אַ תּושב פון אינדיע, באַגעגנט, גענומען מיין וויזיט־קאַרטל און אַריינגעטראָגן צום באַאַמטן. דער באַדינער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן ווייסן און ציכטיק־ריין כאַלאַט. אַ פּאָר מינוט שפּעטער עפנט זיך די טיר און דער באַאַמטער גייט מיר גלייך אַנטקעגן, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. ער האָט מיך אויפגענומען צו זיך אין צימער, און די ערשטע זאַך מכבד געווען מיך מיט סעלצער און שנאַפּס.

איך האָב אים איבערגעגעבן צוליב וואָס איך בין געקומען און געווען איבעראַשט ווי שנעל ער האָט דאָס דערלידיקט. איך האָב אים באַדאַנקט און געוואָלט אַוועקגיין. ער האָט אָבער געזאָגט: „זיץ מיט מיר אַביסל. איך בין אַמאָל געווען אין פּאַלעסטינע. וואָס הערט זיך דאָרט?"

פּלוצים האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר דער באַדינער, וועלכער האָט אים דערלאַנגט נאָך אַ וויזיט־קאַרטל. דער באַאַמטער האָט שנעל איבערגעלאָפן מיט די אויגן און אַ זאָג געטאָן: „איך וועל אים ניט אויפנעמען איצט!" אָבער איידער וואָס־ווען, האָט ער באַשלאָסן: „גוט, לאָז אים אַריין!" די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אַ הינדו מיט אַ וואונדערלעכן

מאיר בראַון לייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַן אַרבעטער־צענטער נעבן חיפה אין יאָר 1930

דער ירושלים׳ער קאָמיטעט פון קרן קימת אין 1941 (מאיר בראַון איז געווען פאָרזיצער פון קאָמיטעט)



מאיר בראַון, ה. ערענרייך ז״ל, זרובבל, ברוך צוקערמאַן, ש. באַנטשעק, ס. מהול ז״ל, וועלוול שוואַרץ ז״ל



דוד פינסקי און מאיר בראַון אין רחובות ביים ערשטן יאָרצייט פון דר. חיים וויצמאַן, ז״ל

פנים, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט זיך פאַרנייגט. אָבער דער ענגלענדער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען זיין זייגער און אַ ברום געטאָן: „איך קאָן דיר בלויז געבן צוויי מינוט, איך דאַרף גיין שפּילן גאָלף". ביים הינדו האָבן זיך געביטן די קאָלירן אין פּנים. ער האָט זיך געמוזט פילן באַליידיקט פאַר אַזאַ באַהאַנדלונג אין דער אָנוועזנהייט פון אַ פרעמדן. דאָס ווערט אָנגערופן אין ענגליש „הי לאָסט פּייס". ער האָט גאָרנישט געזאָגט און פאַרלאָזט דעם צימער.

איך בין געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער. דער באַאַמטער האָט מיר געגעבן נאָך אַ סאָדע און געזאָגט: „דאָס איז דער איינציקער וועג צו באַהאַנדלען די היגע מענטשן, די „בייטיווס". ווען ניט, וואָלטן זיי געקראָכן אויף אונזערע קעפּ". מיר איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס מען האָט געהאַסט די ענגלענדער אומעטום, וואו זיי זיינען געווען די קאָלאָניאַלע מאַכט. איך האָב גוט געקענט פיל ענגלישע פּקידים אין ארץ־ישראל, וואָס זיינען ניט געווען פיל בעסער פון דעם באַאַמטן אין באָמבעי.

איך בין געפאָרן קיין אינדיע אין אַ שרעקלעך הייסער צייט. אין באַן איז געווען אַ שוידערלעכע היץ — 118 גראַד. איך האָב געפילט ווי מיין בלוט הויבט אָן צו זידן. האָבן מיר באַשטעלט אַ שטיק אייז פון 150 פונט, און געהאַלטן אונזערע פיס אויף דעם. אַלע פּאָר מינוט האָבן מיר גענומען אַ שפּריץ, אָבער ס'וואַסער איז געווען קאָכיק. עפּענען אַ פענצטער האָט מען ניט געקאָנט, ווייל עס האָט געטראָגן מיט אַ הייסן זאַמד־ווינט. ווען די באַן פלעגט זיך אָפּשטעלן און מיר פלעגן זיך אַרויסכאַפּן אויף אַ סטאַנציע, זיינען מיר שיער ניט פאַר'שרפ'עט געוואָרן. איך האָב געזען פאַר זיך אויס־געדאַרטע, פאַרמאַרעטע פּנימ'ער, שרעקלעך אָרעם און הונגעריק. מען האָט מער דערציילט, אַז 95 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָבן קיינמאָל ניט געהאַט אַ פולן מאָלצייט און ניט זאַט געווען. איך האָב געזען אַ סך אָרעמקייט אין פאַרשידענע לענדער, אָבער אַזאַ דלות און הונגער, אַזוינע וואוין־באַדינ־גונגען, האָב איך ניט געזען אין קיין לאַנד.

אין באָמבעי האָב איך פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין איינעם פון די שענסטע האָטעלן, וואָס רופט זיך דער טאַדזש־מאהאל. דאָרט פלעגט אָפט קומען די הינדו־אינטעליגענץ, וואָס איז גוט געבילדעט. פילע פון זיי אָקספאָרד־און קעמברידזש־גראַדואַנטן. אַ צאָל ריידן אַ פּרעכטיקן ענגליש, זיי זיינעןליידנשאַפטלעך אין זייערע דיסקוסיעס, און אָפט ריידנדיק מיט זיי, האָט זיך מיר דערמאָנט אין דער אַמאָליקער רוסישער אינטעליגענץ מיט זייערע האַר־שפּאַלטעריי דיסקוסיעס. די מערסטע פון זיי זיינען געווען אָנהענגער פון גאַנדי און נעהרו. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט דער באַרימטער דיכטערין נאאידו.

מיט איינעם פון זיי בין איך באַפריינדט געוואָרן און אָפט מיט אים פאַר־בראַכט אין אינטערעסאַנטע שמועסן. איין מאָל האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אים אַ פרעג געטאָן: „זאָג מיר, מיין פריינט, פאַרוואָס איז גאַנדי אַזוי קאַלט, אויב ניט קעגנעריש, צום אידישן פאָלק אין זיין געראַנגל פאַר ארץ־ישראל?" איך האָב אים דערציילט, אַז דער מאַהאַטמאַ האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט חסידים צווישן דער אידישער אינטעליגענץ. טייל האָבן געגלויבט, אַז אפשר וועט פון אים און פון אַזיע אַרויסקומען אַ ניי וואָרט, וואָס וועט זיין אַ גייסטיקער אָנשפּאַר און מונטערונג אין איצטיקן דור פון שגעון און פאַרלאָרנקייט; אפשר וועט זיין עטישע פערזענלעכקייט באַווירקן פילע, וועלכע זיינען קראַנק פון דער אַזוי גערופענער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. באַזונדער נאָך דעם וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אין דער מכלומרשטער „קולטור"־דייטשלאַנד, וואָס גייט אָן מיט איר אויסראָט־פּאָליטיק לגבי אידן.

מיין הינדו־פריינט האָט מיך אויסגעהערט געדולדיק און דערנאָך גע־ענטפערט בזה הלשון: „איר זייט אַן אַלט פאָלק, מיט אַן אַלטער קולטור און ציוויליזאַציע, איר שטאַמט פון נאָענטן מזרח, איר האָט דער וועלט געגעבן גרויסע אמת'ן און דעם תנ"ך. מיט אייך האָט אָבער פּאַסירט אַן אומגליק. מען האָט אייך פאַרטריבן פון ארץ־ישראל און איר זייט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, וואו איר לעבט שוין נאָענט צו 1900 יאָר. אין די פאַרשידענע לענדער האָט איר גענאָסן פון דער אייראָפּעאישער קולטור, וואָס ביי אונז איז עס דער סינאָנים פון אימפּעריאַליזם. האָבן מיר מורא, אַז ווען די אידן וועלן זיך צוריקקערן קיין ארץ־ישראל, וועלן זיי אַריבערברענגען די קראַנקייט פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און אימפּעריאַליזם. איר וועט אויף אַזאַ אופן העלפן חרוב מאַכן דעם נאָענטן מזרח. דערפאַר זיינען מיר גלייכגילטיק און קאַלט צום ציוניזם, צו אייער שטרעבונג צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל".

איך מוז זאָגן, אַז תחילת האָט מיך דער אַרגומענט געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט און טיילוויז צעטומלט. עס איז געווען אַ נייער אויסדרוק פון קעגנערשאַפט צום ציוניזם, אָבער אין אַ פּאָר מינוט האָב איך אים געענטפערט בערך: „עס איז אמת וואָס דו זאָגסט, אַז די אידן האָבן געגעבן פיל און עס איז אויך אמת אַז די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד און געווען געצוואונגען צו וואַנדערן אין פאַרשידענע לענדער, אָבער דאָ שטעל זיך אָפּ. אידן האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן און ניט פאַרראַטן זייער קולטור, רעליגיע און לעבנס־שטייגער. זיי האָבן זיך געראַנגלט אָנצוהאַלטן זייער אייגנאַרטיקייט, זיי האָבן דאָס געטאָן אין געטאָס. אויב מיר האָבן גענאָשט פון דער אייראָפּעאישער קולטור און ציוויליזאַציע, האָבן מיר איבערגענומען דאָס גוטע וואָס איז דאָ אין איר, און דו קאָנסט דאָס ניט לייקענען. די אידן

פון היינט זיינען געטריי דער טויזנט־יאָריקער אידישער קולטור און געשיכטע, און ווען זיי קערן זיך אום קיין ארץ־ישראל, וועלן זיי מיט זיך מיטנעמען זייער אידישקייט און דאָס בעסטע און נאָבלסטע פון זייערע שכנים. זיי וועלן אַזוי אַרום אויפשטעלן אַ אידישע מדינה, ניט אַן אימפּעריאַליסטישע פעסטונג פאַר עמיצן, נאָר אַ היים פאַר זיך, וואו דער אידיש־מענטשלעכער גייסט זאָל געפינען אַ נייעם אויסדרוק. „פון ציון זאָל ווידער אַרויס די תורה און גאָט׳ס וואָרט פון ירושלים". מיר וועלן ניט זיין אַ פרעמדער עלעמענט אין מיטעלן מזרח, מיר וועלן לעבן אויף אַ פריינטלעכן אופן מיט די אַראַבער".

ער האָט מיך אָנגעקוקט, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אויב דאָס איז דיין אויסטייטש פון ציוניזם, קאָן מען ניט האָבן קעגן דעם. מען דאַרף אָבער זען, אַז גאַנדי זאָל בעסער פאַרשטיין אייערע שטרעבונגען. איר דאַרפט בעסער אויפקלערן די אַזיאַטישע לענדער, זיי דאַרפן קאָנען פאַרשטיין אייער אויפגאַבע".

ער האָט מיך איינגעלאַדן צו ריידן פאַר אַ גרופּע אינדיאַנער אינטעליגענץ. כ׳האָב באריכות איבערגעגעבן וואָס עס מיינט פאַר אידן ציוניזם, ארץ־ישראל, און ווי אַזוי די אידישע אַרבעטערשאַפט שאַפט נייע פּראָגרעסיווע און סאָציאַלע פאָרמען. איך האָב געוואונען אַ צאָל פריינט. שפּעטער בין איך געווען צופרידן וואָס ציוניסטן האָבן אָנגעהויבן אָפטער באַזוכן אינדיע און אייניקע ארץ־ישראל׳דיקע תושבים האָבן געטאָן גוטע אַרבעט.

ליידער איז די פּאָליטישע לאַגע אין אַ צאָל אַזיאַטישע לענדער היינט אַזעלכע, אַז נעהרו, וואָס איז אַן צווייפל אַליין אַן עטישע פּערזענלעכקייט און אַ קלוגער מלוכה־מאַן, זאָל זיך חבר׳ן מיט נאַסער, מיטן מלך סאַוד, און זאָל ניט אָנערקענען — מחמת פּאָליטישע טעמים און אייגענער באַקוועמ־לעכקייט — מדינת ישראל.

מעגלעך, אַז ווען דער „קאַלטער קריג" צווישן מזרח און מערב וועט איינגעשטילט ווערן, וועט מען קאָנען געפינען אַ וועג פאַר שלום צווישן מדינת ישראל און אירע שכנים; ס׳קאָן געמאָלט זיין, אַז דאַן וואָלט נעהרו און אַנדערע הינדו־פירער געקאָנט אויסאיבן זייער ווירקונג לטובת אַ פאַר־שטענדעניש. אָבער ניט וויניקער וועט דאָ שפּילן אַ ראָל, ווי אַזוי די אַראַ־בישע לענדער זאָלן ווערן סאָציאַל און עקאָנאָמיש פריי און פּראָגרעסיוו.

אויף אַ שיף מיט מיסיאָנערן

אויף מאַי 1941 איז מיר אויסגעקומען אָפּצופאָרן פון באָמבעי, אינדיע, מיט אַן אַמעריקאַנער שיף אויפן וועג קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען אַ נסיעה פון שיינע עטלעכע וואָכן, אָפּט פאַרבונדן מיט געפאַרן צוליב די דייטשע סובּ־מאַרינען.

איין מאָל האָט אונזער שיף געדאַרפט ענדערן איר קורס, און זי איז געטריבן געוואָרן מורא׳דיק שנעל, ווייל עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אַ סובמאַרין האָט געזונקען אַ שיף. צום גליק האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן ווי אַ פאַלשער אַלאַרם.

אויפן שיף איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט פאַרשידענע טיפּן. אַ צאָל משומדים, וואָס זיינען געפאָרן קיין בראַזיל; אידישע פּליטים; אייניקע אַמעריקאַנער — אחינו בני ישראל און גויים — און אַ גאַר גרויסע צאָל מיסיאָנערן.

די לעצטע איז געווען אַ מערקווירדיקע גרופּע און איז באַשטאַנען פון מענער און פרויען: פּראָפעסאָרן, לערער, דאָקטוירים, כירורגן און פון אַנדערע פאַכן.

איך האָב מיט די ערשטע ניט געהאַט קיין מגע ומשא. אָבער איין מאָל, זיצנדיק אין מוזיק־צימער און צוהערנדיק זיך צו דער ראַדיאָ, האָב איך אויפגעכאַפּט די ידיעה וועגן דער ווישי־רעגירונג און סיריע. איך האָב געזאָגט דאַן צו מיין פרוי אין ענגליש: „די נייס זיינען ניט גוט פאַר ארץ־ישראל״.

פלוצלונג איז צוגעגאַנגען צו מיר אַן אַמעריקאַנער און מיך אַ פרעג געטאָן: אַנטשולדיקט מיר, איך האָב געהערט וואָס דו האָסט געזאָגט. פאַר־וואָס האָסטו דערמאָנט די ׳האָלי לאַנד׳?״ איך האָב אים געענטפערט, אַז ערשטנס בין איך אַ איד, און צווייטנס, קום איך אָקאָרשט פון ארץ־ישראל.

ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער צוגערופן עטלעכע באַקאַנטע, מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי און געזאָגט: „דאָס פּאָרל קומט פון הייליקן לאַנד״. ס׳האָט זיך גלייך אַ שאָט געטאָן אויף מיר אַ קנויל פון פראַגעס.

איך האָב געענטפערט. די מיטרייזנדיקע האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי זיי־נען מיסיאָנערן און לערער. זיי האָבן פאַרבראַכט יאָרן־לאַנג אין אינדיע און אין דער בעלגישער קאָנגאָ, איצט פאָרן זיי אויף באַזוך קיין אַמעריקע. זיי האָבן מיך געבעטן זיך צו טרעפן מיט זיי און מיט זייערע קאָלעגן און זיי אינפאָרמירן מער וועגן ארץ־ישראל, די באַציאונגען צווישן די אידן און זייערע שכנים

און די שטעלונג פון דער מאַנדאַטן־מאַכט. זיי האָבן אויך געוואָלט וויסן די רעאַקציע פון ישוב און אַראַבער בנוגע דער מלחמה. איך האָב צוגעשטימט מיט זיי זיך צו באַגעגענען, בתנאי זיי זאָלן מיר דערקלערן אויך וועגן זייער אַרבעט. זיי האָבן גערן צוגעשטימט.

האָבן מיר זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט. איך האָב זיי אויפגעקלערט, אויף ווי ווייט מעגלעך אָביעקטיוו, וועגן ארץ־ישראל־אויפבוי, וועגן די אידיש־אַראַבישע באַציאונגען. איך האָב באַטאָנט, אַז ווען ניט אַ צאָל פאַנאַטישע פירער און ביטערע שונאי־ציון, וואָס ווילן זען די מפלה פון די דעמאָקראַטישע אַליאירטע לענדער און דעם נצחון היטלער, וואָלט מעגלעך געווען אַ בעסערע פאַרשטענדיקונג צווישן ביידע צדדים. די אַראַבישע יוגנט ווערט אָבער פאַר׳סמ׳ט. אַ היפשע צאָל פון זיי פאָרט יעדן יאָר קיין דייטשלאַנד; זיי האָבן בייגעוווינט די נאַצי־דעמאָנסטראַציעס אין נירנבערג, צוגעזען ווי היטלער האָט אויסגעראָטן דאָס אידיש לעבן און די אידישע ווירטשאַפט. זיי פלעגן זיך אומקערן צוריק אין לאַנד, נאָך מער פאַר׳סמ׳טע אין זייער האַס און קעגנערשאַפט צו די אידן.

די מיסיאָנערן האָבן מיר דערקלערט וועגן זייער טעטיקייט. איך האָב געקראָגן דרך־ארץ פאַר אַ צאָל פון זיי. זיי האָבן מיר איבערגעגעבן וועגן זייערע שוועריקייטן, וועגן פרויען, וואָס דאַרפן אָפט טראָגן וואַסער אַ מהלך פון אַ האַלבן און דריי־פערטל מייל. זיי האָבן מיר אויך דערציילט וועגן דער דערציאונג וואָס זיי גיבן צו אַ צאָל תושבים פון אינדיע און דער בעלגישער קאָנגאָ. עס איז געווען אַ מערקווירדיק אינטערעסאַנטע און אינטעלעקטועלע גרופּע. זיי האָבן דערקלערט, אַז אין אינדיע געפינען זיך עטלעכע מיליאָן קריסטלעכע הינדוסן, און זיי גלויבן אַז זיי טוען אַ וויכטיקע שליחות.

פון מיינע ווערטער האָבן זיי ניט געקאָנט מערקן התפעלות וועגן זייער „קריסטלעכן באַקערן", אָבער איך האָב ניט אָפּגעלייקנט זייער מענטשלעכע אַרבעט און קרבנות. איך בין געוואָרן מיט פיל פון זיי גוטע פריינט. זיי זיינען געפאָרן מיט אַ צאָל קינדער, וואָס זיינען געווען גוט דערצויגן און זיך אויפגעפירט אָנשטענדיק אויף דער שיף.

אַזוי זיינען אַוועק טעג נאָך טעג. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן אַפריקע, קייפּ טאַון, בראַזיל, טרינידאַד און האָבן זיך ענדלעך דערנענטערט צו ניו־יאָרק.

איי ניקע טעג פאַרן אָנקומען קיין ניו־יאָרק, בין איך געזעסן אין אַ ווינקל און האָב געלייענט אַ בוך. פּלוצלונג זיינען צוגעקומען צו מיר אַ פּאָר פון די באַקאַנטע ניט־אידן — איינער אַ פּראָפעסאָר פון מוזיק, דער צווייטער אַ לערער פון געאָגראַפיע און דער דריטער אַ דאָקטאָר. זיי האָבן

מיך געפרעגט צי זיי קאָנען זיך זעצן לעבן מיר און כאַפּן מיט מיר אַ שמועס. פרשטייט זיך, אַז איך האָב גערן צוגעשטימט.

רופט זיך אָפּ איינער פון זיי: „דו ווייסט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן מיר אָנקומען קיין ניו־יאָרק. עס איז געווען אַ שווערע רייזע, אַ לאַנגע און פול מיט סכנות. דענקסטו ניט, אַז עס איז כדאי אַז אַלע פּאַסאַזשירן זאָלן זיך צוזאַמענקומען און געבן ‚טענקס גיווינג׳ צו דעם אויבערשטן, וואָס האָט געהאַט די השגחה איבער אונז?" איך האָב זיי געזאָגט, אַז כ׳בין ניט קעגן דעם. האָבן זיי מיך געפרעגט: מיינסטו אַז אויך די אידישע פּאַסאַזשירן וועלן זיך באַטייליקן אין דער „גאָטעס דינסט"? האָב איך זיי געזאָגט: „איך קאָן אין זייער נאָמען ניט רעדן. אָבער אויב איר זאָלט אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם וואָס זאָל קאָנען זיין אָנעמעוודיק אויך פאַר די אידן, גלויב איז אַז זיי וואָלטן זיך באַטייליקט". האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי וועלן אָנוואַרפן אַזאַ פּראָגראַם, און עס מיר ווייזן אין לויף פון טאָג, און אויב איך בין מסכים, זאָל איך זיך טרעפן מיט די אידישע ים־פאָרער און איבערגעבן זיי דעם פאָרשלאָג.

אַ פּאָר שעה שפּעטער זיינען זיי געקומען צו מיר און פאָרגעלייגט אַ פּראָגראַם, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קאַפּיטל תהלים, אַ תפילה אין העב־רעאיש, אַ תפילה אין ענגליש און עפּעס פון „ברית החדשה" — אָן „אומ־שולדיק" אויסצוג, וואָס דערמאָנט ניט ישו׳ן. זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז איינע אַ זינגערין, מרס. דזשאָנסאָן, וועט אויפטרעטן מיט עטלעכע נומערן, צווישן זיי אויך אַ אידיש ליד אין ענגליש, וואָס אַ באַקאַנטע אידישע פרוי האָט איר געגעבן מיט יאָרן צוריק. די צערעמאָניע וועט דורכגעפירט ווערן ניט פון אַ גייסטלעכן, נאָר פון אַ דאָקטאָר. איך האָב דורכגעזען דאָס פּראָגראַם און געזאָגט, אַז איך וועל איבערגעבן דעם ענין די אידישע מיטפאָרער.

נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָב איך זיי איינגעלאַדן, זיי איבערגעגעבן דעם שמועס, זיי פאָרגעלייגט דאָס פּראָגראַם און געפרעגט זייער מיינונג.

די עטלעכע אַמעריקאַנער אידן האָבן גלייך צוגעשטימט. די אידישע פּליטים האָבן אויסגעדריקט זייער בייז וואונדער, וואָס „גוים" ווילן זיך צוזאַמענקומען מיט אידן. זיי האָבן געפרעגט: „איז דאָס אַמעריקע? איז דאָס אַ לאַנד, וואו גוים און אידן טרעפן זיך צוזאַמען?" האָט איינער פון די אַמעריקאַנער אידן געזאָגט: „געוויס!" די פּליטים האָבן צוגעשטימט מיט פרייד צו באַטייליקן זיך אין דער „גאָטעס־דינסט צערעמאָניע", וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען זונטיק.

שבת, פרי, האָב איך געזאָלט אַריין אין מוזיק צימער; פלוצלונג בין איך געבליבן שטיין: איך האָב דערהערט אַ באַקאַנטע מעלאָדיע. מרס. דזשאָנסאָן האָט געזונגען אין ענגליש די „התקוה". איך האָב געוואַרט ביז זי האָט

געענדיקט. איך בין דאַן אַריין און איר געזאָגט, אַז זי האָט פּראַקטיק גע־זונגען. זי האָט מיר געדאַנקט פאַרן קאָמפּלימענט. האָב איך איר אַ פרעג געטאָן: „ווייסטו וואָס דו האָסט געזונגען?“ ענטפערט זי מיר, אַז אַ באַקאַנטע אידישע פרוי האָט איר מיט יאָרן צוריק געגעבן די ווערטער און די מעלאָ־דיע, וואָס האָט שטאַרק נושא חן געווען ביי איר. איך האָב איר מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז דאָס ליד איז דער אידישער נאַציאָנאַלער הימן. זי איז געוואָרן אויפן מאָמענט צעטומלט, האָט זיך אַנטשולדיקט און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען.

אַ פערטל שעה שפּעטער זיינען צוגעגאַנגען צו מיר אַ פּאָר באַקאַנטע ניט־אידן. איינער פון זיי האָט מיר געזאָגט, אַז מרס. דזשאַנסאָן האָט מיט זיי גערעדט און געפרעגט אויב זי קאָן זינגען דעם אידישן נאַציאָנאַלן הימן. „פאַרוואָס ניט?“ — האָב איך זיי געפרעגט, און צוגעגעבן, אַז ווען מען וועט זינגען דעם הימן, וועלן אַלע אידן זיך אויפשטעלן לכבוד „התקוה“. זיי האָבן מיר געפרעגט: „וואָס זאָלן טאָן די ניט־אידן?“ „דאָס לאָז איך איבער צו אייך“ — האָב איך זיי געענטפערט.

אויף מאָרגן איז דער זאַל געווען געפּאַקט מיט קריסטן, אידן און אויך מיט די משומדים.

איינער פון אונז האָט געזאָגט אַ תפילה אין העברעאיש, אַ צווייטער האָט געלייענט אַ קאַפּיטל תהילים, וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אין ענגליש. צום סוף האָט דער פאָרזיצער דערקלערט, אַז זיי האָבן זיך ערשט דער־וואוסט, אַז דאָס ליד וואָס מרס. דזשאַנסאָן וועט זינגען איז דער אידישער נאַציאָנאַלער הימן. די אידן וועלן זיך אויפשטעלן, בעט ער די ניט־אידן זאָלן אָפּגעבן כבוד דעם אידישן פאָלק. אַלע האָבן זיך ספּאָנטאַן אויפגעהויבן.

אַ „רחמנות“ איז מיר געווען אויף די משומדים. זיי זיינען געשטאַנען אין געהאַקטע וואונדן.

נאָכן פרימאָרגן זיינען צוגעגאַנגען צו מיר אַ צאָל קריסטן און האָבן אויסגעדריקט זייער פריידּ; זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן איבערגעבן דוועגן זייער דערפאַרונג אין אַ צאָל שטעט. אַ היפּשע סומע איז געשאַפן געוואָרן פאַרן „פאָנד אָוו סיילאָרס“. אויך די אידן זיינען געווען צופרידן.

ווען איך בין אַרויס פון זאַל, האָב איך באַמערקט צוויי משומדים גייען מיר נאָך. איינער האָט מיך פאַרהאַלטן און אַ פרעג געטאָן אויב ער קאָן מיט מיר ריידן עטלעכע מינוט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט צו דעם וואָס ער האָט מיר געזאָגט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז זיי זיינען געוואָרן משומדים דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען זייערע קינדער פון רדיפות, אָבער היינטיקער פרימאָרגן האָט זיי אויפגעעפנט די אויגן.

זיי וועלן ווערן בעלי־תשובה, און האָבן מיר פאַרשפּראָכן, אַז ווען זיי וועלן אָנקומען אין בראַזיל, וועלן זיי ווידער זיך באַהעפטן מיט כלל ישראל.

דעם זעלביקן טאָג איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אַליין אין אַ צימער. פּלוצלונג איז צוגעגאַנגען צו מיר אַ הויכער גוי, אין די מיטעלע יאָרן, זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דער פאַרוואַלטער פון זינגער־מאַשינען אין אינדיע. ער איז אויך אַ „גבאי" אין זיין קירך — „עלדער אין מיי טשוירטש" — ער האָט מיר געזאָגט:

„דו קענסט די הויכע דאַמע, מיט די ווייסע האָר, מיט וועלכער איך שפּאַציר פון צייט צו צייט? זי איז אַ העכסט אינטעליגענטע פרוי, אַן אלמנה פון אַ פּראָפעסאָר. האָט זי מיר היינט געבעטן, איך זאָל דיר שטעלן די פאָלגנדיקע פראַגע: איר ,אידן, גלויבט אין משיח׳ן, אַז ער דאַרף קומען און אויסלייזן די וועלט. אונזער דערלייזער איז ישו, וואָס איז שוין איין מאָל געקומען און וועלכן די אידן האָבן צוריקגעוויזן. היות ווי מיר גלויבן, אַז ער דאַרף דערשיינען אַ צווייט מאָל, איז די פראַגע: צי וועלן די אידן אים ווידער צוריקווייזן, אָדער אים אָננעמען?"

איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז קיין אַנדערע קלאָפּאָטן האָבן מיר שוין ניט, אָבער אים האָב איך געענטפערט:

„עס איז אמת, אַז מיר גלויבן אין משיח׳ן, אָבער מיר האָבן קיינמאָל ניט באַטראַכט דעם „אותו האיש" פאַר אַ דערלייזער. אין זיין נאָמען זיינען באַגאַנגען געוואָרן די גרעסטע רציחות קעגן אידן פון קריסטן אין פאַרשידענע צייטן און אין כמעט אַלע לענדער. מעגלעך ווען דאָס קריסטנטום וואָלט ניט געהאַנדלט אַזוי אומברחמנות׳דיק לגבי אידן, — ווי די שפּאַנישע אינקוויזיציע, גזירות ת"ח אין כמיעלניצקי׳ס צייטן, און די נייע שחיטות אין אונזערע טעג, — וואָלטן אַ צאָל אידן „אים" באַטראַכט מער נאַטירלעך. זיי וואָלטן געהאַלטן, אַז ער איז געווען איינער פון די פּריידיקער, מיט וועלכע דאָס אידישע לעבן פון אַמאָל איז געווען אַזוי פול. אָבער קיינמאָל האָבן זיי ניט געגלויבט אין זיין געטלעכקייט, און וועלן, פאַרשטייט זיך, אויך ווייטער דאָס ניט טאָן".

ער איז געוואָרן צעטומלט, משמעות אַנטוישט פון מיינע ווערטער. ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ פערטל שעה שפּעטער, קומט ער ווידער צו. זיין פּנים שיינט און ער זאָגט מיר: „איך האָב איבערגעגעבן דיינע רייד צו דער פרוי. ווייסטו וואָס זי האָט מיר געענטפערט? ווען „ער" וועט קומען אַ צווייט מאָל, וועלן די טויערן פון הימל זיין אָפן טויזנט יאָר. אין משך פון דער־אַ צייט וועלן אידן האָבן די מעגלעכקייט אָפּצומאַכן ביי זיך, אַז „ער" איז טאַקע דער משיח און זיי דאַרפן אים אָנערקענען.

איך האָב בלויז געקאָנט אַ שמייכל טאָן איבער דער נאַאיוּוקייט פון דער גלויביקער און פאַרפרומטער, קריסטלעכער פרוי. אָבער דער שליח איז געווען צופרידן און איבערצייגט, אַז סוף־סוף וועלן די אידן דערזען דאָס „אמת'דיקע" ליכט.

***

יעדן ראש־השנה פלעג איך באַקומען ווינטשעוואַניעס פון אייניקע מיסיאָנערן. זיי זיינען פאַרבליבן פריינט; וואָס זיי האָבן באמת געטראַכט וועגן אידן, איז מיר אומבאַקאַנט, אָבער זיי זיינען זיכער געוואָרן אידן־פריינטלעכער, אַ דאַנק דער לאַנגער רייזע אויפן שיף, וואָס איך וועל לאַנג באַהאַלטן אין מיין געדעכעניש.

אין אַ „ווילדן” ווינקל אין מעקסיקע

איר פאַרט קיין סאַן דיעגאָ? פאַרגעסט ניט צו באַזוכן „טי־הו־אַן” — האָבן מיר געראָטן פריינט פון לאָס־אַנדזשעלעס.

— וואָס איז דאָס פאַרא פלאַץ?

— אָ, ס׳לוינט זיך צו באַזוכן!

אין סאַן דיעגאָ איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן אַ פאַרטראַג. ערשט נאָך דער פאַרזאַמלונג גייען צו מיר צו אייניקע און גיבן אַזוי אומשולדיק אַ פרעג: „אפשר ווילט איר מאָרגן צופאָרן קיין טי־הו־אַן?”

ווידער טי־הו־אַן. האָט עס מיר שוין פאַראינטריגירט.

— וואָס איז דאָס פאַרא מקום?

— אָ, ס׳איז אַ ווילדער ווינקל אין מעקסיקאָ און ס׳איז כדאי אָנצוקוקן.

היות ווי די מעקסיקאַנער שמ׳ען דאָך ביי אונז מיט באַנדיטן־העלדיש־קייט, און היות ווי ס׳איז אַ מצוה פאַר אַמעריקאַנער תושבים צו ווערן קוצעניו־מוצעניו מיט זייערע שכנים, האָב איך באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך אַריינ־כאַפן אין טי־הו־אַן, און טאַקע גלייך אויף מאָרגן.

ס׳איז געווען אַ שיינער, קלאָרער פרימאָרגן, אָנגעוואַרעמט פון דער קאַליפאָרניער זון. אַ צאָל אידן, מענער און פרויען, האָט זיך געיאַוועט אין אויטאָמאָבילן, גרייט צו באַגלייטן מיך אויף דער נסיעה.

יאָגט זיך דער אויטאָמאָביל איבער אַ מייל אַ מינוט, און אין אַ קורצער צייט שטייען מיר ביים גרענעץ.

באַטראַכטן אונז די גרענעץ־באַאַמטע, גיבן אַ שטורך מיטן שטעקן צי ס׳ליגט ניט פאַרשטעקט עפּעס קאָנטראַבאַנד, און אין אַ מינוט זיינען מיר אין טי־הו־אַן.

אינגאַנצן אפשר איין גאַס און אַ פריי פעלד. און אָט דער ווינקל האָט אַ גוואַלדיקע צוציאונגס־קראַפט פאַר מאַסן אַמעריקאַנער, יונג און אַלט, מענער און פרויען.

אין וואָס באַשטייט זיין כישוף? ס׳איז אַ מעקסיקאַנישע מאָנטע־קאַרלאָ, מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון געלט־שפּיל, פון געווינען און פאַרלירן, מער פאַרלירן ווי געווינען. און ס׳איז באַגלייט פון אַ נעץ הייזער, וואו מען ווייס ניט פון וואָלסטעד׳ס ביל, פון אַכצנטן אַמענדמענט, נאָר מען זויפט און מען הוליעט, מען זשלאָקעט און מען זינדיקט.

די לופט איז אָנגעפּילט מיט זינד. ס׳איז דער מאָדערנער סדום, וואו אַלץ איז אָפן. מען לאָזט אייך פּריי ניט דורכגיין אין מיטן העלן טאָג. „דאַמען״ געפּאַרבטע, געפּוצטע, פּאַרפּוצטע, ווינקען צו אייך, ריידן אויף שפּאַניש, אויף ענגליש און אויף שטום־לשון. די גאַס איז גרויס ווי אַ גענעץ, אָבער אָנגעפּיקעוועט מיט טרינק־הייזער. אין יעדן הויז שטייען „דאַמעלעך״, רויכערן, טרינקען, גרייט צו שיכור׳ן, טאַנצן און זינדיקן מיט יעדן.

איר ווערט תחילת איבעראַשט און נאָכדעם הייבט אייך אָן צו עקלען; איר ווילט ניט גלויבן אייערע אויגן. איר זייט ניט געוואוינט צו זען אַזוינע זאַכן אַזוי פרעך אין אייערע מקומות אַפילו אין יענער צייט, ווען די סאַלונען זיינען געווען אָפן און דער ביטערער טראָפּן איז ניט געווען פאַרווערט.

ווער זיינען די קרבנות פון די הייזער? אַמעריקאַנער טוריסטן, לעב־יונגען, פּוסט און פּאַסניקעס. פּאַר זיי און צוליב זיי און פון זיי האַלטן זיך די אַלע קנייפּעס און די פריילעכע ערטער. דער אָרעמער מעקסיקאַנער, דער לוין־אַרבעטער און פּויער האָט דאָ ניט קיין דריסת רגל. ס׳איז ניט פּאַר זיין קעשענע.

— אָט דאָס איז עס טי־הו־אַן און צוליב דעם זיינען עס אַזוי נייגעריק געפּאָרן אידן? ערשט, ס׳איז ניט דאָס אליין. טי־הו־אַן פאַרמאָגט נאָך עפּעס — אַ גרויסע אַרענע, וואו מען שפּילט אויף פערד.

אָנגעקומען אין סאַמע ברען פון שפּיל. אַ געפּילדער, אַ ווילדער גערויש, אַ גרויסער עולם שטייט אויף די בענק, וואַרפט מיט די הענט, שרייט, לאַכט, געוואַלדעוועט, און אַלעמענס אויגן געצילט צו איין פּונקט. דאָרט פליען זעקס פערדלעך מיט דאַרינקע, קליינינקע מענטשעלעך, אין משונה׳דיקע קורצע הייזקעס, מיט היטעלעך. דער קערפּער איינגעבויגן, און איינער גאַרט דעם צווייטן אַריבעריאָגן: עס שטייען אין קאָן טויזנטער דאָלערס, און די גאַנצע לויפּעניש און יאָגעניש דויערט אַ מינוט צוויי אָדער דריי. מיט־אַמאָל ווערט שטיל. עס באַווייזן זיך אויף אַ ברעט ציפערן. דאָס זיינען די נומערן פון די געווינער, ווער ס׳איז געווען מזל׳דיק און ס׳האָט אים אָפּגע־גליקט, און ווער — אַ יורד.

אַן איבעררייס אויף פופצן־צוואַנציק מינוטן. מיר באַטראַכטן דעם פּלאַץ, דעם עולם, די פערד, די „דזשאקיס״. ס׳איז כדאי: קליינע שטיבעלעך, בוד־קעס. ס׳שטייען מענטשן און וואַרפן פּאַפּירלעך, פינף־דאָלערדיקע, פינף־און־צוואַנציקער, הונדערטער און העכער. דאָס לייגן זיי אין די „ממתקים״ אויף אַ געוויסן פערד, זיי וועטן זיך. דערשנאַפּט איינער עפּעס אַ סוס׳ל — אַן „אָסאָבע״, איז ער גרייט צו גיין אויף „קידוש השם״. די אויגן לויפן ביי אים אומרואיק, די ליפּן גיבן פון צייט צו צייט אַ נערוועזן צוק, די מענטשלעכע געלט־גיריקייט אַנטפּלעקט זיך דאָ אין איר נאַקעטקייט.

און איר זעט פאַר זיך וואַזשנע הערן און גראַציעזע דאַמען, וועלכע גייען אַרום רואיק, סטאַטעטשנע, זיצן אַזוי געמיטלעך אויף זייערע פּלעצער. נאָר מיט אַ מאָל ווען עס דערהערט זיך אַ קלאַנג, און פונדערוויטנס גיבן זיך אַ לאָז די פערדלעך — בייט זיך אַלץ: אויס רואיקייט, אויס געמיטלעכקייט. ניט איין חנוודיק פּנימל פון אַ פרוי בייט זיך איבגאַנצן, ניט צו דערקענען; און זי — די בת חוה — שרייט, ליאַרעמט און שפּרינגט אין דעם ווילדסטן ברען פון ליידנשאַפט.

און בעת מעשה קוקט איר שוין ניט אויף די פערד, נאָר אויף די פרויען און מענער, אויף די „רואיקע" אַמעריקאַנער בירגער, און איר קלערט: דאָס זיינען דאָך טאַטעס, מאַמעס, עלטערן, דערציער פון אַ יונגן דור. זיי זיינען געקומען אַהער, געטריבן פון געלט־דורשט, און פילע פון זיי וועלן פאַרשפּילן דאָס לעצטע, פאַרברעכן מיט די הענט, זיך אומקערן אַהיים פאַרצווייפלטע, און מאָרגן ווידער זיך אַראָפּכאַפּן אַהער שפּילן, פאַרשפּילן זייער געלט און סוף כל סוף זייער ערע און ווירדע.

אָט האָבן געענדיקט די פערדלעך דעם צווייטן געלויף, און מערקווירדיקע קאָנטראַסטן! איין פּנים לאַכט, אַזוי גליקלעך־נאַריש, אַ געווינער אָדער געווינערין, און אַן אַנדער פּנים איז שוואַרץ ווי די ערד, פאַרשפּילט, פאַר־שפּילט. דאָס אייביקע יאָגעניש נאָך געלט, שנעל, משונה׳דיק, ווילד.

און צווישן די פּנים׳ער שניידט זיך דורך — וואו ניט וואו — איינער מאחינו בני ישראל. וואָס דען? אידן וועלן אָפּשטיין פון אַזאַ מצוה? און ס׳וואַרפט זיך אין די אויגן די גרויסע צאָל פרויען וואָס ווערן מיטגעריסן מיטן אַזאַרט. ניט איינע ווערט דאָ רואינירט, ניט איין מאַטראָנע פאַרלירט זיך דאָ און ווערט ענדלעך געוואָרפן אין אָפּגרונט, אין אָרעמס פון זינד; עס זיינען שוין דאָ אַזוינע, וואָס לויערן, דערשפּירן דעם קרבן און שפּרייטן אויס זייער נעץ.

אַ פּאָר מינוט פאַרן לויפן שטעלט מען אויס זעקס פערד אין איין שורה, מיט די 90־100־פונטיקע רייטער, אַ שטריק גלייכט זיי אויס. מען מעסט אויס מיט זאָרג, און פּינקטלעכקייט, אַז איין פערד זאָל ניט אַפילו אויף איין טריט זיין ווייטער פון אַנדערן, אַלע אין איין סטרונע, אין אַ גלייכער ליניע, אין אַ גלייכער פּאָזיציע. און אַלץ איז אָנגעצויגן, געשפּאַנט: די פערד, די רייטער, דער עולם. און אָט — דער סיגנאַל, דער שטריק אויפגעהויבן: לויפט, פערדלעך, יאָגט אייך, רייטער; שרייט, איר אַלע זייט דאָך אַ בלינד ווערקצייג פון אייער ווילדן אינסטינקט.

און ווען דאָס שפּיל איז פאַרענדיקט, און דער עולם גיט זיך אַ לאָז פון דער אַרענע, גייען די מערסטע מיט אַראָפּגעלאָזטע בעזער; גע׳חלומ׳ט האָבן זיי פון אַן אוצר, און אַוועק גייען זיי מיט צערונענע חלומות. טייל פאַרטרינקען

זייערע צרות אין די פריילעכע הייזער און שטאַרקן זייער מוט מיט אַ געמאַכ־טער פריילעכקייט; און די נאַכט וועט צופאַלן, און איינדעקן טי־הו־אַן. און אין דער פינצטערניש וועט די זינד נאָך מער אויפטרעטן, מער לויערן.

אַ ווילדער ווינקל טי־הו־אַן. אָבער באַשולדיקט ניט די מעקסיקאַנער! זוכט די זינדיקע צווישן די וואַזשנע הערן און דאַמען, וואָס זיינען אַהער געקומען פון פאַרשידענע טיילן פון אונזער מדינה צו „שטילן" זייערע ליידנ־שאַפטן, האָט נישט פאַריבל אויף די פערדלעך. זיי דרימלען איצט אַזוי רואיק אין זייערע שטאַלן און חלומ׳ען אפשר פון אַ זעקעלע האָבער.

— 1921

ארץ ישראל

* מיר װעלן נישט דערלאָזן...

* אַ ברודער־האַנט

* אַביסל מער פרנסה

* ענגלישע סאָלדאַטן...

* װי אַ תושב

* די אומרוען

* שטימונגען און באַאָבאַכטונגען

* אַ באַזוך אין מדינת ישראל

* עולים דערציילן



דוד בן־גוריון גיט אַ תנ״ך צו מאיר בראַון אין 1952 אין ירושלים ביי דער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ

מאיר בראַון באַגריסט דעם נשיא, יצחק בן־צבי, אין ירושלים

אויף אַ שיף קיין ארץ־ישראל אין 1939 (אויפן בילד
געפינט זיך אויך דר. חורגין, ז״ל)



מאיר און לאה בראַון אין בית בערל, כפר סבא

אַ גרופּע חברים, מיטרייזנדע מיט די בראַונ׳ס אין מדינת ישראל, אין 1952, נעבן אַ טאַנק אין דגניה



מאיר בראַון און משה קאַפּלאַן פון לייקוואוד ביים קבר פון בערל קאַצענעלסאָן



בנימין טעלער גיט איבער אַ תעודה צו מאיר בראַון ; זיין פרוי לאה זיצט דערביי.

מיר וועלן נישט דערלאָזן...

איך האָב באַזוכט ארץ ישראל צום ערשטן מאָל אין 1926.

פאַרנדיק פון מצרים דורך קאַנטאַרא, האָב איך אַ נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן. נאָך אידן זיינען געזעסן מיט מיר און קיינער האָט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. מיטן זון־אויפגיי זיינען מיר שוין געווען אין לאַנד. ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערזען די באַן־אויפשריפט, אין אידישע אותיות, און ווען מיר האָבן דערנאָך באַגעגנט אידישע קינדערלעך, אידישע אַרבעטער און דערהערט אויף דער סטאַנציע עברית, האָבן מיר איבערגעלעבט מינוטן פון התלהבות און התרוממות הנפש.

איך האָב דאָן פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל דריי חדשים. איך האָב געהאַט אַ מיסיע פון דער "הסתדרות" און פון „פאַרבאַנד" אונטערזוכן די מעגלעכקייט צו גרינדן אַן אייגענע אַרבעטער פאַרזיכער־געזעלשאַפט. איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען די גאַנצע צייט. נישט געהאַט אַ מינוט רו. אָבער איך האָב געהאַט די באַפרידיקונג וואָס די חברים דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי — מיט וועלכע איך האָב זיך אָפט באַגעגנט — האָבן מיר געזאָגט: „אַזוי ווי דו האָסט געזען ארץ־ישראל און זיך באַקאַנט מיט די פּראָבלעמען, האָבן זוכה געווען זייער וויניק באַזוכער.

ווי אַ פּועל־יוצא פון מיין אויספאָרש און די פאַרהאַנדלונגען מיטן „ועד הפועל" פון דער הסתדרות, האָבן מיר געשלאָסן אַן אָפּמאַך, אַז די הסתדרות און דער פאַרבאַנד גרינדן אַן אייגענע פאַרזיכער־געזעלשאַפט. דער לעצטער האָט אין 1927 איבערגעשיקט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר לטובת דעם גרונט־קאַפּיטאַל.

עס האָט דאָן עקזיסטירט „הסנה", וואָס האָט באַלאַנגט צו צוויי שותפים, און איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון „ועד־הפועל". היינט־צו־טאָג פאַרמאָגט זי 35 טויזנט מיטגלידער מיט אַ פאַרמעג פון איבער 75 מיליאָן פונט און פאַר־נעמט זיך מיט אַלע פאַרזיכער־צווייגן.

מיך האָבן אינטערעסירט די אידיש־אַראַבישע באַציאונגען. איך האָב זיך באַקאַנט מיטן דאמאָלסטיקן אַדמיניסטראַטאָר פון „איקא", הער קאַלוואַריסקי, און אויסגעדריקט מיין ווּאונטש צו באַזוכן אַראַבישע דערפער, זיך באַגעגענען מיט אַראַבישע אַרבעטער, אַראַבישע אינטעליגענץ, סוחרים, און בעיקר מיט די פירער פון דעם קריסטלעך־מוסולמאַנישן קאָמיטעט, וואָס האָט דאָן עק־

זיסטירט אין ארץ־ישראל. איך האָב אַזאַ געלעגנהייט געקראָגן מיט דער מיט־הילף פון קאלווארינסקי און פון אבא חושי.

אין מיינע שמועסן מיט די פאַרשטייער פון די אַראַבישע צייטונגען, האָט אַ רעדאַקטאָר פון אַ וואָכנבלאַט מיך פּרובירט צו איבערצייגן, אַז אין ארץ־ישראל איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ גרויסער אידישער עליה. ער האָט אָנגעגעבן אַ ציפער פון טויזנט, וואָס קאָן זיין דער מאַקסימום עולים אַ יאָר. איך האָב געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז מיר לעבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אַז די וויסנשאַפט און טעכניק קאָנען אויפטאָן דאָס וואָס יאָרהונדערטער פון פאַרנאַכלעסיקייט און פּרימיטיווע קאָלאָניזאַציע־פאָרמען האָבן ניט געקאָנט דערוויזן. האָט ער מיר פּלוצים אַ זאָג געטאָן: „דו קומסט פון אַמעריקע — אַ גרויסע און רייכע מדינה — וואו אידן לעבן זיך זייער באַקוועם. פאַרוואָס זאָלן זיי זיך אינטערעסירן מיט אַזאַ אָרעם, פאַרנאַכלעסיקט לאַנד ווי ארץ־ישראל?"

איך האָב אים איבערגעגעבן דעם תמצית פון דעם ציוניסטישן פּראָגראַם, און אָנגעוויזן, אַז עס איז אפשר די ערשטע סאָרט קאָלאָניזאַציע וואו קאָלאָניזאַטאָרן קומען ניט ווי הערשער און דעראָבערער, נאָר ווילן אויפלעבן דאָס לאַנד און שאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר אידן און אַראַבער זיי זאָלן לעבן צוזאַמען און געניסן פון פּראָגרעס.

ער האָט אויף מיר מאָדנע אַ קוק געטאָן און אַ זאָג געטאָן: „די אַראַבער וועלן קיינמאָל ניט צושטימען אַז אידן זאָלן ווערן אַ מערהייט. פּאַלעסטינע איז אַן אַראַבישע מדינה אין איר מאַיאָריטעט, און אַזוי וועט דאָס פאַרבלייבן".

אַזאַ מיינונג וועגן די באַשרענקטע מעגלעכקייטן פון ארץ־ישראל האָבן אויך אַרויסגעוויזן די מלוכה־מענער פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט.

איך האָב זיך געטראָפן מיט צוויי פירער פון קריסטלעך־מוסולמאַנישן קאָמיטעט. איינער איז געווען דער פאָרזיצער, אַן אַלטער, בכבוד׳יקער אַראַבער. מען האָט אים גערופן קיאסים פּאַשאַ. ער איז ניט געווען בייזוויליק אין זיין שמועס מיט מיר, אָבער אַ צו גרויסע פריינטלעכקייט צו דער אידישער קאָלאָניזאַציע האָט ער ניט אַרויסגעוויזן, אפילו ווען ער איז געווען זייער העפלעך אין זיין ריידן מיט מיר. דער צווייטער איז געווען אַ וויכטיקער פאַרשטייער פון קריסטלעך־מוסולמאַנישן קאָמיטעט. קאלווארינסקי האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים און געזאָגט אַז איך בין אַ גאַסט פון אַמעריקע, וואָס אינטערעסירט זיך מיט די פּראָבלעמען פון די אידיש־אַראַבישע באַציאונגען. ער איז נאָכדעם אַוועק און מיר זיינען געבליבן אויג אויף אויג.

גערעדט האָבן מיר ענגליש. פאַרשטייט זיך, געטרונקען עטלעכע מאָל טערקישע קאַווע. מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען איבער דריי שעה. פריער האָט דער שמועס זיך געדרייט אַרום אַמעריקע. ער האָט זיך אינטערעסירט

מיט איר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע און האָט אָנגעוויזן אַז „פּאַלעס־טינע" לעבט איצט דורך אַ גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס, אין וועלכן ער האָט באַשולדיקט די ציוניסטן און ענגלאַנד׳ס מאַנדאַטן־מאַכט. מען האָט קיינמאָל ניט געטאָרט אַריינלאָזן אזוי פיל אידן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פּוילן אין 1925־1924 (די אַזוי־גערופענע „גראַבסקי־עליה"). ער איז געווען זייער קאָ־רעקט אין זיין שמועס, אָבער קאַלט. ביני־לבינו האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: „מיר זיצןביידע אונטער פיר אויגן, זאָג מיר, איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו שאַפן אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אידן און אַראַבער?"

האָט ער מיר אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען דאָס פּראָגראַם פון קריסטלעך־מוסולמאַנישן קאָמיטעט און איבערקייען דאָס וואָס דער אַראַבישער רעדאַק־טאָר האָט מיר געזאָגט.

איך האָב זיך אַנטשולדיקט און אַ זאָג געטאָן: „דאָס וואָס דו דערציילסט איצט, איז מיר באַקאַנט פון אייער געדרוקטן פּראָגראַם, וואָס דאַרף וואַרשיינ־לעך דינען פאַרן אַראַבישן געברויך. אָבער — צווישן אונז גערעדט — וויל איך וויסן: קאָן מען טאַקע ניט קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג?" ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און פּלוצים געפרעגט: „זאָג מיר, איז טאַקע דר. חיים ווייצמאַן איצט אין אַמעריקע?" איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס ער צילט מיט זיין פראַגע. אָבער איך האָב אים געענטפערט: יאָ! זאָגט ער מיר: „ווייצמאַן איז דאָך געקומען צו שאַפן אַ סך געלט, טאָמער וועט עס אים געלינגען — צי וועלן די אַמעריקאַנער אידן געבן גרויסע סומען פאַרן נייעם פאָנד, וואָס די ציוניסטן האָבן באַשאַפן?" ער האָט וואַרשיינלעך געמיינט דעם קרן־היסוד. איך האָב נאָך אַלץ ניט באַגריפן זיין כוונה. אָבער איך האָב געענטפערט אַז „יאָ, די אַמעריקאַנער אידן וועלן שטיצן ווייצמאַנ׳ען און שאַפן אַ גרויסן פאָנד פאַר קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריע".

ער האָט עטלעכע מאָל אויפגעהויבן זיינע אויגן, מיך גוט באַטראַכט, משמעות אַז ער האָט זיך געקווענקלט עפּעס צו זאָגן, אָבער צום סוף האָט ער דאָך אַרויסגעלאָזט די קאַץ פון זאַק: „אויב ווייצמאַנ׳ען וועט זיך איינגעבן צו שאַפן אַ סך געלט, קאָן מען איצט קויפן דאָ גאַנצע שטחים באָדן".

איך בין נשתומם געוואָרן. מיט עטלעכע מינוטן פריער האָב איך פאַר זיך געזען אַן אַראַבישן פּאַטריאָט, און דאָ, פּלוצים אַזאַ באַמערקונג, וואָס האָט מיך געמאַכט צו דענקען, אַז אפשר איז ער גאָר אַ ספּעקולאַנט. איך האָב פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו פירן ווייטער דעם שמועס.

ער האָט קאָנטיק באַמערקט אויף מיין פּנים אַז איך בין פריטשמעליעט, האָט ער געוואָלט „פאַרבעסערן" דעם איינדרוק: „דו ווייסט, מיר זיינען ביידע כמעט פון זעלביקן עלטער, מיר זיצן און פירן אַ פריינטלעכן שמועס, אָבער

דיינע קינדער וועלן ניט זיצן צוזאַמען מיט מיינע, נאָר וועלן זיך אָנכאַפּן ביים גאָרגל און וועלן פּרוּאוון איינער דעם צווייטן דערשטיקן״.

— „איך ווייס ניט וואָס פאַראַ דערציאונג איר גיט אייערע קינדער, אָבער אין די אידישע שולן פון ארץ־ישראל לערנט מען ניט צו באַטראַכטן די אַראַבער ווי שונאים, נאָר ווי שכנים, מיט וועלכע עס וועט אויסקומען צו לעבן און שאַפן צוזאַמען״ — האָב איך אים געענטפערט.

האָט ער אַרויסגענומען אַן ענגלישן זשורנאַל און ציטירט פון זשאַבאָ־טינסקי׳ס שריבן, אַז די אידן מוזן באַהערשן פּאַלעסטינע אונטער אַלע אומ־שטענדן און, אַז זיי טראַכטן נאָר צו פאַרכאַפּן דעם עבר־הירדן, בכדי אויפצו־שטעלן אַ אידישע מדינה אין אירע אַמאָליקע היסטאָרישע גרענעצן.

האָב איך אים געענטפערט אַז איטלעך פאָלק איז באַרעכטיקט צו האָבן עקסטרעמיסטן. אַז אַזא גרופּע איז דאָ געוויס אויך ביי אידן. אָבער איז זי אויך ניטאָ ביי אייך? זייט איר ניט אַליין אַן עקסטרעמיסט? זעט איר ניט אַז דער באַשלוס זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל מיט אַ גרויסער אידישער באַ־פעלקערונג איז אַן אויסדרוק פון אידישע דורות און בענקעניש פון אַ פאָלק, וואָס איז מיט ניינצן הונדערט יאָר צוריק פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד און האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו חלום׳ען וועגן דעם? אַזאַ לעכצן און אַזאַ בענקעניש קאָן מען ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט״.

ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר קאַלט און אַ זאָג געטאָן: „כל זמן מיר לעבן וועלן מיר ניט דערלאָזן צו אַ אידישן נצחון אין פּאַלעסטינע״.

איך בין אָוועקגעגאַנגען פון אים היפּש צעדרודערט, און געפילט אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אפשר פאַרפעלט אין לויף פון צענדליקער יאָרן זיך אָפּטער באַגעגענען מיט אַראַבישע פירער און זיך מיט זיי צוזאַמענריידן. אַ שמייכל פון אַן אייראָפּעאישן מיניסטער אָדער דיפּלאָמאַט איז דאַן געווען — פאַר אַ צאָל ציוניסטישע פירער — מער ניחא ווי באַגעגענישן מיט אַראַבישע פאַרטרעטער.

די וועלט־געשיכטע האָט יאָרהונדערטער פאַרביימאַרשירט דעם נאָענטן מזרח. משמעות אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן אויך די אַזיאַטישע לענדער דערוואַכט, און אַז דער פּאָליטישער זיג וואָס די אַראַבער האָבן געהאָט נאָך דעם צעטייל פון דער טערקישער אימפּעריע — ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָט צערייצט זייער אַפּעטיט און פאַרשטאַרקט זייער נאַציאָנאַליזם.

איך האָב איבערגעגעבן צו עטלעכע אַרבעטער־פירער מיינע שמועסן מיט די אַראַבישע פאָרשטייער, האָבן זיי מיר געפּרוּאווט צו איבערצייגן, אַז דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם האָט ניט און וועט ניט האָבן קיין האַפט. בלויז אין נאָמען פון דער מוסולמאַנישער רעליגיע וועלן די אַראַבער — וואָס צווישן

זיך זיינען זיי צעריסן — פירן אַ קאַמף אויף לעבן און אויף טויט. מען קאָן ניט טראַכטן וועגן אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, וואָס וועט פירן מיט דער צייט צו אַ גרויסער אַראַבישער אימפּעריע.

***

ווי אַנדערש זעט אויס דער היינט אין פאַרגלייך מיט די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלטמלחמה! מיר האָבן אַ אידישע מדינה, וואָס פאַרשטאַרקט זיך, און וועט בקרוב האָבן אַ אידישע באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן נפשות; אָבער אויך די אַראַבישע לענדער זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן, רייך געוואָרן פון אויל, און שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דעם נאָענטן מזרח.

אַמאָל וועט מוזן קומען אַ שלום צווישן מדינת ישראל און די אַראַבער. דערוויל זעען מיר אָבער ווי דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם פאַר׳סמ׳ט די מוחות, ברענגט זיי גופא שאָדן און ציט אָפּ פון אונז וואָס מער פריינטלעכע עלעמענטן.

אַ ברודער־האַנט

באַשערט געווען באַלד ביי מיין אָנקום קיין ארץ־ישראל צו באַגעגענען זיך פּנים לפנים מיט אַרבעטער פון אַלע ווינקלעך פון לאַנד, וועלכע זיינען זיך צונויפגעפאָרן צו אַ קאָנפערענץ פון „אחדות העבודה" („איצטיקע מפא״י).

„אחדות העבודה" איז די גרעסטע אַרבעטער־פּאַרטיי אין לאַנד און שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין עפנטלעכן לעבן. זי ציט ביי די וואַלן דעם גרעסטן פּראָצענט שטימען (פון 55 ביז 60) און פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין דער פאַראייניקטער אַרבעטער־באַוועגונג פון לאַנד. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1917 אין פּתח־תקוה.

צווישן אירע אָנפירער געפינען זיך דוד בן־גוריון, יצחק בן־צבי, בערל קאַצענעלסאָן, רעדאַקטאָר פון „דבר", און אַ צאָל אַנדערע פּראָמינענטע טוער, וועלכע זיינען שוין אין לאַנד קרוב צו צוואַנציק יאָר און האָבן דורכגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די שווערע לאַסט פון דער אַרבעט, העלפנדיק דעם אידישן ציבור הפּועלים צו ווערן דער גרעסטער כח אין לאַנד מיט אַ נעץ פון וויכטיקע פינאַנציעלע, קולטורעלע און פאַרזיכער־אינסטיטוציעס.

דער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין תל־אביב מיט דעם אָנטייל פון 115 דעלעגאַטן. ס'איז געווען גענוג איין בליק אויף זיי און איר האָט דערזען און דערפילט, אַז פאַר אייך זיצן האַרעפּאַשניקעס, וואָס קעמפן שווער פאַר זייער קיום. אָט די־אָ דעלעגאַטן — פילע אויסגעמאַטערטע, טייל ניט איבריק זאַטע — זיינען זיך צוזאַמענגעקומען באַהאַנדלען זייערע נויטן, פאָדערונגען און די פּראָבלעמען פון לאַנד.

עס האָט גערעדט דער חבר, די חברה, פאַרשטייער פון שטאָט און פון דאָרף. אַ וואָך צייט האָט עס אָנגעהאַלטן. דרייסט האָט מען באַטראַכט דעם קנויל פּראָבלעמען און געזוכט וועגן און מיטלען אויסצובעסערן די לאַגע.

ס'איז קיין סוד ניט, אַז ארץ־ישראל לעבט איצט דורך אַ קריזיס, באַזונדערס פילט ער זיך אין תל־אביב, וואו טויזנטער זוכן צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. די אַרבעטסלאָזיקייט פילט זיך דאָ שטאַרק. איר קאָנט ניט זי פאַרבייגיין, זי לייגט זיך ווי אַ שווערע משא אויף יעדן.

העראָאישע פּרוּוון מאַכט די אַרבעטערשאַפט. מען טיילט זיך מיטן לעצטן ביסן, ווער עס האָט. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אין תל־אביב האָבן אַרבעטער פון זייער קלעגלעכן לוין צונויפגענומען צוואַנציק טויזנט דאָלער פאַר אַרבעטסלאָזע. איז עס אַ וואונדער, אַז אויף דער קאָנפערענץ האָט דער

קריזיס, די אַרבעטסלאָזיקייט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט? און דאָך איז די קאָנפערענץ דורכגעגאַנגען אָן פּאַניק. די פאַרהאַנדלונגען זיינען געפירט געוואָרן גרונטיק. מען האָט אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן, וואָס ווענדן באַווירקן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אַרבעטער־לעבן, ווי אויך דעם קאַמף קעגן אַר־בעטסלאָזיקייט.

אין תל־אביב איז די דערעפענונג פאָרגעקומען אונטערן פרייען הימל, אין „בית־עם", אין דער אָנוועזנהייט פון איבער פיר טויזנט צושויער. דער עולם אַפּלאָדירט דאָ ווייניק, אָבער ער הערט זיך צו זייער אויפמערקזאַם; דער ציבור־הפועלים פון ארץ־ישראל איז אָן ספק דער אינטעליגענטסטער טייל פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט. בן־גוריון — גענעראַל־סעקרעטאַר פון הסתדרות, וואָס ציילט דריי־און־צוואַנציק טויזנט אַרבעטער — האָט געהאַלטן זיין דערעפן־רעדע. ער ווערט דאָ באַ־טראַכט — ניט בלויז אין די אַרבעטער־קרייזן אליין — פאַר אַ וויכטיקן פּאָ־ליטיקער. ער איז פלינק, אָריענטירט זיך שנעל און איז באמת גלענצנדיק אין פּאָליטישע פראַגן. זיינע מיינונגען ווערן ציטירט, ער שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין היגן לעבן. ער איז אַ קעמפער; ער רעדט מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן, אָפט מיט אַ זעץ אין טיש, אָבער ער פאַרכאַפּט אייך מיט זיין פעסטקייט, מיטן כוח פון זיין וואָגיק וואָרט, מיט זיין אַנטשלאָסנקייט.

ער האָט אָפן גערעדט, אַז מען דאַרף האָבן מוט צו זאָגן דעם אמת וועגן דער לאַגע אין לאַנד. די אַרבעטער מוזןריידן אָפן, און מיטן כוח פון אמת באַקעמפן די אַלע ליקווידאַטאָרישע טענדענצן און שטימונגען אין ציוניזם, וואָס זיינען פאַר באַשרענקן די עליה אָדער אָפּזאָגן זיך פון איר; עליה מוז אָננגביין אומגעשטערט. ער האַלט, דער קריזיס אין לאַנד איז ניט קיין אָרגאַ־נישער, אַז די רעטונג ליגט אין פאָלק גופא, און אויך אין דער אַקטיווער פּאָליטיק, אָן וועלכער ס'איז אוממעגלעך צו בויען אַ מדינה. מען מוז האָבן מלוכה־מיטלען. די אַרבעטערשאַפט צילט צו פּראָדוקטיוויזירן דאָס אידישע לעבן, צו דערוועובן אַרבעט־פּאָזיציעס, אָבער זי באַציט זיך פּאָזיטיוו צו יעדער פריוואַטער אונטערנעמונג, וואָס שאַפט נייע פרנסה־צווייגן און פאַר־גרעסערט די אויפנעם־פעאיקייט פון לאַנד פאַר נייע אַרבעטנדיקע כוחות אין שטאָט און אין דאָרף.

בן־גוריון ווייס אַז איינס־צוויי קאָן מען ניט פאַרוואַנדלען די פעלזן און בלאָטעס פון ארץ־ישראל אין אַ בליענדיקן ישוב. פאַר דעם מוז מען אַרבעטן שווער. אין 1905 האָבן די עולים פון דער צווייטער עליה ניט גע'חלומ'ט וועגן אַן אייגענער אַרבעטער־ווירטשאַפט. אחד־העם האָט נביאות געזאָגט, אַז דער פועל האָט דאָ נישט קיין צוקונפט און וועט זיך נישט אַנטוויקלען. די־אָ נבואה איז נישט מקוים געוואָרן. די היגע אַרבעטערשאַפט איז דורכ־

געדרונגען מיטן גלויבן, אַז אין פּאַלק געפינען זיך די מעגלעכקייטן צו שאַפן אַ אידיש ארץ־ישראל, און דער אַרבעטער־ציבור באַדאַרף שטיין אויף זיין פּאָסטן און קעמפן פאַר די גרויסע אויפגאַבן צו פּראָדוקטיוויזירן דאָס אידישע לעבן.

דעם הויפּט־רעפעראַט אויפן צוזאַמענפאָר האָט געהאַלטן בערל קאַצע־נעלסאָן. זיין גרונט־געדאַנק איז געווען, אַז דער קריזיס איז נישט קיין אָרגאַנישער פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, נאָר אַ פּועל־יוצא פון דעם וואָס די פּערטע עליה האָט נישט געשאַפן פּראָדוקטיוו־ווירטשאַפטלעכע ווערטן אין לאַנד. אין דער צייט ווען די ציטרוס־פּלאַנטאַציעס האַלטן אין בליען, און ווען ס׳האָט זיך געעפנט די מעגלעכקייט פאַר אַן אינדוסטריעלער טעטיקייט אין שטאָט, האָט מען זיך פאַרנומען מיט באָדן־ספּעקולאַציע. דאָס האָט געמוזט ברענגען צו אַ קריזיס, וואָס האָט אָנגערירט אַ געוויסע שיכט פון ניי־איינגע־וואַנדערטע און בוי־אַרבעטער, אָבער אין דער זעלביקער צייט פאַרמערט זיך די הכנסה פון ציטרוס־פּלאַנטאַציעס און ס׳מערקט זיך אַ געוויסע סטאַבילקייט אין די ניי־געגרינדעטע קלענערע און מיטעלע אינדוסטריעלע פּרנסה־צווייגן. דער עקספּאָרט שטייגט. דער געברויך פון עלעקטריציטעט אין זיבן מאָגערע חדשים באַווייזט, אַז ער איז גרעסער ווי אין זיבן חדשים פון „וואוילזיין" אין יאָר 1925. די צאָל פּריוואַטע אונטערנעמונגען אין יולי, 1925 איז געווען 547, אין יולי, 1926 — 592. דער עקספּאָרט אין 1925 האָט באַטראָפן אַ מיליאָן מיט 297 טויזנט פונט, אַ שטייגן פון הונדערט טויזנט פונט אין פאַרגלייך מיט 1924. אויך אינדוסטריעלער עקספּאָרט איז געשטיגן (300 טויזנט פונט אין 1925 קעגן 186 טויזנט פונט אין 1922). שטאָטישע אַרבעטער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון זיינען געוואַקסן — אין קריזיס־צייט — פון 22 ביז 76. אין תל־אביב גופא זיינען צוגעקומען נייע 25.

צוויי פאַקטאָרן האָבן פאַרבעסערט די לאַגע: דאָס אָפּשאַפן פון עקספּאָרט־אָפּצאָל, ווי אויך דאָס פאַרלייכטערן דעם טאַריף־אימפּאָרט פון אַ ריי רוי־מאַטעריאַלן און געצייג, וואָס האָבן צו טאָן מיט טעקסטיל. דאָס פינאַנסירן די רוטענבערג־אונטערנעמונג וועט געבן אין גיכן גרויסע אַרבעט־מעגלעכקייטן. אין דאָרף אַנטוויקלט זיך דער אַרבעטער־סעקטאָר און ס׳מאַכן פאַרשריט אַרבעטער פּרויען־גרופּן. דעם קריזיס האָט מען גע־קאָנט אָפּשטעלן ווען מען וואָלט געפירט אַ בעסערע, געפּלאַנטע פינאַנץ־פּאָליטיק אין דער ציון־אָרגאַניזאַציע, אָבער מען פאַרלאָזט זיך אויף נסים. ער האַלט, אַז דר. וויצמאַן האָט זיך גראָד באַצויגן וואָרעם צו די נייע פּרוואוון, אָבער האַלפערן איז געווען קאַלט און האָט אָנגעטאָן צרות זיין אייגענעם מיטל־שטאַנד, ניט אָנווייזנדיק אים ווי אַזוי צו העלפן זיך אין דער אינדוסטריע.

די רעגירונג ווייזט אַרויס גאָר ווייניק פאַראינטערעסירונג. דער ישוב

האָט אַנטוויקלט וויניק איניציאַטיוו צו פאַרלייכטערן די לאַגע. די פּראָקלאַ־מאַציע פון ועד־הלאומי פאַר אַ באַנק צו פינאַנסירן געוויסע אונטערנעמונגען האָט נישט אַרויסגערופן קיין אָפּקלאַנג. נאָר דער אַרבעט־דעפּאַרטמענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט פיל מאָל געהאָלפן אין קאַמף קעגן אַרבעטלאָזיקייט. 120 טויזנט פונט וואָלטן געגעבן אַרבעט צו פינף טויזנט מענטשן פאַר זעקס חדשים און אינגאַנצן באַזייטיקט דעם קריזיס. דאַן מוז מען אויך טראַכטן וועגן אַ גרעסערן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן.

דוד רמז האָט רעפערירט וועגן אַ נאַציאָנאַלער הלואה פון זעכציק מיליאָן פונט (צום ערשטן מאָל האָט ער דעם־אָ פאָרלייג פאָרגעבראַכט ביים אַמעריקאַנער ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין באַפאַלאָ, יולי, 1926). דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף מער פּרטים און האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. אינטעליגענץ און פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פון לאַנד פעלן ניט דער אַרבעטערשאַפט. האָט מען דיסקוטירט און גערעדט און נאָכדעם איבער־געגעבן די פראַגע צו אַ ספּעציעלער קאָמיסיע. יצחק בן־צבי האָט באַהאַנדלט די פּאָליטישע לאַגע. ער האָט אַנגערירט די פּראָבלעמען פון סאָציאַלן שוץ, וואַלן, קאַמף פאַר עפנטלעכע אַרבעטן ביי דער רעגירונג, און באַטאָנט, אַז די אַרבעטערשאַפט דאַרף זיך ענערגישער באַטייליקן אין ועד־הלאומי. זלמן רובאַשאָוו איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער אַרבעטער־ציבור דאַרף זיין פאַר־טראָטן אין דער ציוניסטישער פאַרוואַלטונג אין לאָנדאָן און טראָגן אויך אחריות פאַר איר טעטיקייט.

מ׳האָט באַשלאָסן צו שאַפן 120 טויזנט פונט פאַר פאַרשידענע עפנטלעכע אַרבעטן. רמז׳ס פאָרשלאַג וועגן אַ נאַציאָנאַלער הלואה איז אָנגענומען גע־וואָרן אין פּרינציפּ, ווי אויך אַ צאָל אַנדערע וויכטיקע באַשלוסן אין שייכות מיט די פּראָבלעמען פון לאַנד. די קאָנפערענץ האָט געהאַט אַ וויכטיקן גאַסט, קאָל. וועדזשוואוד — ענגלישער אַרבעטער־פירער און דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. מ׳האָט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות. ער איז געווען טיף גערירט. זיין פאָרטראַג, בן־גוריונ׳ס ענטפער און אַנדערע רעדעס האָבן אַנגערירט פּאָלי־טישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ענינים. די קאָנפערענץ האָט געלאָזט אַ רושם, און וועט געוויס ווירקן אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון לעבן אין לאַנד.

***

די אידישע אַרבעטער קעמפן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, אָבער זיי זיינען דער מוטיקסטער עלעמענט, די האָפענונג פון אידישן פאָלק. מען דאַרף זיין באַזאָרגט איבער זייער לאַגע און מען מוז זי פאַרבעסערן. אַ גרויסע ליכטיקייט שטראַלט אַרויס פון אַרבעטער־ציבור. ער איז אַ כוח, מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען. ער קעמפט פאַר אַ פּראָדוקטיוו אידיש לעבן, זיין לאָזונג איז „דת העבודה״, ער מונטערט און מוטיקט די וואָס קומען אין לאַנד.

— ארץ־ישראל, דעצעמבער, 1956

אַביסל מער פּרנסה

אַ טייערע מדינה ארץ־ישראל, נאָר אַביסל מער פּרנסה!

אַזאַ מין אויסדרוק הערט איר גאַנץ אָפט אין ישראל פון טוריסטן און תושבים. מען האָט ליב דאָס לאַנד מיט זיין שיינקייט, די זוניקייט, די וואַרעמקייט; מען ווערט אָפט פאַרכאַפּט פון די טיפסטע געפילן באַזוכנדיק היסטאָרישע פלעצער; מען פאַרשטייט דאָ מער דעם זין פון דער אידישער געשיכטע, דער טויזנט־יאָריקער קיום און קאַמף פון פאָלק.

— „אָבער אַביסל מער פּרנסה״.

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פאָדערט עס, די ניי־אָריבערגעקומענע זוכן עס, די תושבים באַדאַרפן עס — פּרנסה!

מער פון אומעטום פילט איר דאָס אין תל־אביב, וואָס ציילט היינט קרוב צו פינף און פערציק טויזנט נפשות, און וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ ריזיקן אויפבוי אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

אפשר דערפאַר פילט מען עס שאַרפער אין תל־אביב, ווייל די־אָ שטאָט האָט דורכגעלעבט אָט ערשט גאָר ניט לאַנג אַ צייט פון „שפע״, און האָט געחלומ׳ט צו ווערן איינע פון די גרעסטע שטעט אין ישראל, אויב ניט די גרעסטע.

שפּאַצירט איר איבער די גאַסן פון תל־אביב און איר שטייט פאַרוואונדערט־געפּלעפט איבער דעם שנעלן וואוקס. אָט ערשט, אין 1919, איז די צאָל איינוואוינער געווען איבער פינף טויזנט, און היינט — אין 1926 — בערך פינף און פערציק טויזנט. אין 1919 זיינען געווען בלויז 200 הייזער; היינט — איבער 3,000, אחוץ הונדערטער הילצערנע באַראַקן. מיט צוויי יאָר צוריק האָט תל־אביב געהאַט אַ שטח פון 1631 דונאַם*; היינט איז עס איבער 6800, און עס שפּרייט זיך אויס אַלץ מער און מער. נייע קוואַרטאַלן און געגנטן קומען צו.

דער בודזשעט פון דער תל־אביב׳ער מוניציפּאַליטעט איז היינט איבער 600 טויזנט פונט יערלעך און ער שטייגט. דער פאַרמעג פון דער שטאָט און פון הייזער־אייגנטום איז איבער צוואַנציק מיליאָן דאָלער. זי פאַרמאָגט איבער צוויי טויזנט קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ביי וועלכע ס׳זיינען געווען באַשעפטיקט מיט אַ יאָר צוריק קרוב צו זיבן טויזנט פּערזאָן.

---

*) אַ דונאַם = $1/4$ אַקער.

שטייט דאָ די גרויסע רוטענבערג עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס באַשעפּ־טיקט קרוב צו 150 אַרבעטער, און וואָס גיט ליכט און באַהייצונג צו די איינוואוינער פון תל־אביב און יפו, און באַזאָרגט פאַבריקן מיט קראַפט. פאַרמאָגט תל־אביב „לודזיה", אַ זאָקן־פאַבריק, מיט אַ האַלב מאה אידישע האַרעפּאַש־ניקעס און איז גאַנץ דערפאָלגרייך, זי שפּרייט זיך מער אין אָריענט און קריגט אַן אָפּזאַץ־מאַרק אין סיריע. רוישן דאָ די מאַשינען אין דעלפינער'ס פאַבריק, אויף וועלכער מען לייגט פיל האָפענונגען און וואָס גיט אַרויס אמת גוטע סחורה פון זייד. בסך־הכל עקזיסטירן 150 אונטערנעמונגען פון אַ ריין־אינדוסטריעלן כאַראַקטער, ווי אויך אַ צאָל רעסטאָראַנען, קראָמען, האָטעלן.

פאַרמאָגט תל־אביב 49 שולן, אַ גימנאַזיע, אַן אייגענע אָפּערע־געזעל־שאַפט, אַ טעאַטער, אַן אַרבעטער דראַמאַטישע סטודיע „אהל, אַ שטאָט־ביב־ליאָטעק, צוויי טעגלעכע צייטונגען „דבר" און „הארץ" און אַ צאָל וועכנטלעכע און חודש'לעכע פּובליקאַציעס, אַ בית־עם, וואָס נעמט אַריין איבער פינף טויזנט פּערזאָן, אַן ארבעטער־אינסטיטוט ביים ים, וואָס דינט ווי דער צענטער פון טעטיקייט און בירזשע פאַר 10,500 אידישע אַרבעטער פון תל־אביב. אַ שיינער אויסשטעל־פּלאַץ, געגרינדעט פון דער יהודה אינדוסטריעלער קאָר־פּאָראַציע — אינסטיטוציע פון אַמעריקאַנער אָרדן „בני ציון" — וואָס דינט ווי אַן אויסשטעלונג פון ארץ־ישראל פּראָדוקטן.

פאַרמאָגט תל־אביב קליניקס, אַמבולאַטאָריעס, „הדסה"־שפּיטאָל און אַר־בעטער קראַנקן־קאַסע. בענק, לייַ־קאַסעס, ביוראָס, קאָמערץ־הייזער, אַ מרכז מסחרי, וואָס קאָנצענטרירט אַ היפּשן טייל פון האַנדל.

קורץ, תל־אביב מאַכט דעם איינדרוק פון אַ לעבעדיקער שטאָט. און דאָך ווען איר געפינט זיך דאָ אַ געוויסע צייט, הויבט איר אָן צו פילן, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדנונג, אַז דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז ווייט פון צו זיין סטאַביל, און אַז ס'פעלט פּרנסה, ס'פעלט אַרבעט.

איר דערשפּירט שאַרפער דעם קריזיס, די שווערע צייטן אין תל־אביב, מער ווי אין ירושלים. ירושלים מאַכט אַ סאָלידן איינדרוק. זי אָטעמט מיט מער פעסטקייט, מער גרינטלעכקייט. ניטאָ אַזאַ אומרואיקייט ווי אין תל־אביב, וואָס איז די הויפּט־שטאָט פון לאַנד מיט אַ גרויסער צאָל רעגירונגס־אַנגעשטעלטע.

אין חיפה פילט איר זיך מוטיקער, מונטערער. דער אַנבליק פון שטאָט, דער פּאָטענציאַנעלער אויפבוי פון האַפן, דאָס מעגלעכע ציען אַ נאַפט־רער פון מאָסול — די גרויסע אויסזיכטן שטעקן אייך אָן מיט גלויבן, אַז חיפה וועט לעתיד לבוא ווערן די גרעסטע אינדוסטריעלע שטאָט פון ארץ־ישראל, האַנדל און אינדוסטריע וועלן דאָרטן שפּעטער שטייגן גאָר־גאָר הויך. און אַרום חיפה וועלן בייע קאָלאָניעס און קבוצות אַנטשטיין. שוין איצט זעצט אָפּ

דער עמק — אין אַ גרויסער מאָס — זיינע פּראָדוקטן צווישן דער דאָרטיקער באַפעלקערונג.

רעדט איר מיט אינדוסטריאַליסטן, מיט באַנקירן, מיט עקאָנאָמיסטן, איז כמעט קיינער ניט פּעסימיסטיש. דאָ און דאָרטן טרעפט איר עמיצן וואָס איז אפשר מער קאָנסערוואַטיוו — איז ער פאָרזיכטיקער, געצוימט מיט זיינע ווערטער, אָבער ניט פאַרצווייפלט.

געפירט לענגערע געשפּרעכן מיט פּנחס רוטענבערג'ן, מיט האָפּיע'ן, דירעקטאָר פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטינע באַנק, מיט מאיר דיזענהאָפ'ן ,איצ־טיקער לייטער פון דעם ציוניסטישן דעפּאַרטמענט פאַר אינדוסטריע און האַנדל, געהאַט אונטעררעדונגען מיט פאַבריקאַנטן, סוחרים, מיט אַרבעטער־פירער. איטלעכער האָט זיין אייגן בילד פון בויען ארץ־ישראל. איז איינער מער אָפּטימיסטיש בנוגע קאָלאָניזאַציע, האַלט דער צווייטער — להיפוך — פון אינדוסטריאַליזאַציע.

זאָגן אָבער די מערסטע, אַז מען מוז קודם־כל שאַפן פאַרבאַדינגונגען, צוציען דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, אויסקעמפן ביי דער רעגירונג אַ ריי וויכטיקע פאַרלייכטערונגען אין די געזעצן פון לאַנד, וואָס האָבן צו טאָן מיט אָפּצאָל אויף רוי־מאַטעריאַלן, מיט אימפּאָרט און עקספּאָרט־טאַריפן, מיט אימיגראַציע. די־אָ שינויים וועלן סטימולירן דעם אַריינקום פון פּראָדוקטיוון אידישע קאַפּיטאַל. דער ישוב האַלט, אַז די ענגלישע אַדמיניסטראַציע איז מחויב צו העלפן פאַרווירקלעכן די „אידישע נאַציאָנאַלע היים", אונטערשטופּן עקאָנאָמיש דאָס לאַנד, נישט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים. די אַדמיני־סטראַציע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פּאַסיוו און קאַלט. אַזאַ באַציאונג האָט געשטערט דעם אויבוי־ווערק.

אַזוי איז בנוגע פריי באָדן, וואָס אידן האָבן ניט געקראָגן, בעת הונדער־טער טויזנטער דונאַם זיינען צעטיילט געוואָרן צווישן אַראַבער אין אַזעלכע געגנטן, וואָס איז פאַר זיי אוממעגלעך אליין זוי געהעריק צו באַארבעטן. מ'האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם וואָס ארץ־ישראל נויטיקט זיך אין אינטענסיווער התישבות, און פון עפנטלעכע רעגירונגס־פּראָיעקטן ווערט צו־געטיילט די אידישע אַרבעטער אַן אומבאַדייטנדן חלק.

האַלט דער ישוב, אַז די רעגירונג האָמעוועט די אינדוסטריעלע אַנטוויק־לונג פון לאַנד. די נאַטירלעכע שוועריקייטן — דער מאַנגל אין קוילן, מע־טאַלן, מאָדערנע האַפנס, באַשרענקטע קויף־פעאיקייטן פון די איינוואוינער — פאָדערן באַזונדערס אַ סיסטעמאַטישע הילף. דאָס האָט אפילו איינגעזען די טערקישע רעגירונג, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אין דעצעמבער, 1912 אַן אינ־דוסטריעלן אַקט. זי האָט געגעבן ניי־געגרינדעטע פאַבריקן פינף דונאַם באָדן, האָט באַפרייט פון אימפּאָרט־טאַריף מאַשינעריי, בוי־און רוי־מאַטעריאַלן, וואָס

מען קאָן ניט באַקומען אין לאַנד; האָט בטל געמאַכט דעם שטייער אויף נייע אונטערנעמונגען פאַר אַ פּעריאָד פון פופצן יאָר. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע, ניט נאָר וואָס זי גיט ניט פאַבריקאַנטן קיין פריי באָדן, וואָס וואָלט זיי באַפרייט פון ספּעקולאַנטן, האָט נאָך גלייך ביים דערעפענען די פאַבריקן אַרויפגעלייגט אַ שטייער אויף באָדן און געביידעס.

אויך פון אָפּפאַל־שטייער קומט נישט צו קיין געזונט די אינדוסטריעס. בעיקר מוז מען באַפרייען פון אָפּצאָל אימפּאָרטירטע רוי־שטאָפן פאַר אינדוסטריעלע צוועקן (די רעגירונג האָט לעצטנס שוין געמאַכט געוויסע פאַרלייכטערונגען, אָבער ווייט ניט גענוגנדיקע).

און דאָס זיינען די טענות וואָס דער ישוב האָט צו דער מאַנדאַטן־מאַכט:

א) אַז די רעגירונג איז באַגאַנגען אַ גרויס אומרעכט אָפּשאַפנדיק אין מאַי, 1921 דעם געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן אַ גרעסערן לאַנד־פאַרקויף. דאָס האָט פאַראורזאַכט דעם מיאוס'ן האַנדל און ספּעקולאַציע אין לאַנד אין די יאָרן פון 1924 און 1925 (די פאַרגרעסערטע אידישע איינוואַנדערונג); און דאָס האָט זיך אָפּגערופן שווער אויף דעם דאָרפס־מענטש, ניט דערלויבנדיק אים צו באַזעצן זיך אויפן טייערן באָדן און קריגן אַ לעגיטימען ריוח. אויך אין שטעט האָט דאָס שעדלעך געווירקט און געשאַפן אַ ניט־געזונטן צושטאַנד.

ב) אַז פאַר די לעצטע יאָרן האָט ענגלאַנד געהאַט אַ באַדייטנדיקע הכנסה פון ארץ־ישראל. דאָס איז על־פּי רוב געווען צו פאַרדאַנקען דער עליה. האָלט אָבער די רעגירונג פאַרריגלט די טויערן, זאָרגט נישט פאַרן געזונט־צושטאַנד פון דער אידישער באַפעלקערונג, סובסידירט מיט אַ שה"י־פּה"י דעם אידישן שול־וועזן, בעת דער בודזשעט פאַר דערציאונג ווערט מערסטנס פאַרווענדט פאַר אַראַבישע לער־אַנשטאַלטן. דער אַראַבער צאָלט פּאַקטיש גאָרניט פאַר דער עלעמענטאַרער דערציאונג פון זיינע קינדער, בעת די אידן קאָסט חינוך זייער פיל.

ג) גאַנצע רעגירונג־אָפּטיילן ווערן אויסגעהאַלטן פון אידישע שטייערן. אַזוי, למשל, האָט דער בודזשעט פון לאַנד־דעפּאַרטמענט אין די יאָרן פון 1921—1925 באַטראָפן 322,310 דאָלער. אידן האָבן אויסגעצאָלט דער מלוכה — אין דעם זעלביקן פּעריאָד — פאַר רעגיסטראַציע פון געקויפטן באָדן די סומע פון 318,225 דאָלער. אפילו דער קרן־קימת איז ניט באַפרייט געוואָרן פון שטייער. גאַנץ אַנדערש וואָלט אויסגעקוקט די לאַגע, ווען די רעגירונג וואָלט איינגעמאָנט שטייערן לויט די אמת'ע הכנסות פון באָדן.

עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע וויכטיקע טענות בנוגע שוץ, בירגערשאַפט, מוניציפּאַליטעטן, ועד הלאומי, אימיגראַציע וכד'. די רעגירונג וועט מוזן אַנטקעגנקומען, ווען עס וועט זיין אַן אָרגאַניזירטער דרוק אין און מחוץ ארץ־ישראל לטובת נויטיקע ענדערונגען און פאַרבעסערונגען. אידן האָבן מעגלעך

געמאַכט די הכנסות פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, אָבער זיי זיינען דאָך פּאַראינטערעסירט, אַז דאָס לאַנד זאָל זיך עקאָנאָמיש אַנטוויקלען, זאָל זיין ביכולת אויפנעמען נייע עולים און זאָל סוף־כל־סוף ווערן די נאַציאָנאַלע אידישע היים.

מוזן אידן, פון איין זייט, ניט אויפהערן פאָדערן פון דער רעגירונג זי זאָל סטימולירן דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון לאַנד און, פון דער צווייטער זייט, מוזן זיי פעסטשטעלן, וואָס עס קאָן ממשות'דיק געטאָן ווערן אויף דעם געביט. די זאָרג פאַר מער פרנסה און אַרבעט, פאַר אַ געזונטן עקאָנאָמישן מצב אין לאַנד איז איצט אויף דעם סדר־היום. אַמעריקאַנער אידן באַדאַרפן האָבן זייער חלק און דערפילן אַ וויכטיקע ווירטשאַפט־ראָל אין דעם אויפלעב פון אונזער נאַציאָנאַלער היים.

— ארץ־ישראל, נאָוועמבער, 1926.

ענגלישע סאָלדאַטן...

ניט לאַנג צוריק האָט גענעראַל וויוועל אַ פרעג געטאָן אַ אידישן פירער פון ארץ־ישראל: — „זאָג מיר, ווי אַזוי קאָנען מיר געווינען די סימפּאַטיע און פריינטשאַפט פון דער אַראַבישער וועלט? מיר טוען אַלץ זיי צו געווינען, אָבער ס׳גייט נישט". האָט אים דער ארץ־ישראל׳דיקער איד קורץ און שאַרף געענטפערט: „אַ ברִיטישער זיג!"

יאָ, אַ בריטישער נצחון אין נאָענטן מזרח — דאָס איז דער בעסטער וועג צו באַווירקן די אַראַבישע וועלט, וואָס איז שטאַרק אָפּאָרטוניסטיש.

איצט, מיטן זיג אין סיריע, קאָן ענגלאַנד ענדלעך דערגרייכן אַ גרויסן חלק פון דעם, וואָס זי האָט געשטרעבט.

אידן, אין ארץ־ישראל, האָבן די גאַנצע צייט געפילט, אַז סיריע אין די הענט פון ווישי־פראַנקרייך — וואָס איז אַ ווערקצייג פון נאַצי־דייטשלאַנד — שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויס געפאַר פאַר די בריטישע פּאָזיציעס און פאַר ארץ־ישראל, ווייל זי איז אַ מקור פון נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַראַבער, און איז אַ שליסל־פונקט אויפן וועג קיין סועץ. אַראַבער האָבן די פּראָנצויזן ניט ווייניקער ווי די ענגלענדער. דאָס האָט אַ צייט געשפּילט און שפּילט נאָך היינט אין די הענט פון די נאַציס. ס׳איז געווען אַלעמענס וואונטש אין ארץ־ישראל — גלייך נאָכן פאַלן פון פראַנקרייך — אַז ענגלאַנד זאָל אַריין אין סיריע. אין יוני, 1940 האָבן אייניקע טויזנט ענגלישע סאָלדאַטן געקאָנט איינגעמען גאַנץ סיריע כמעט אָן בלוט־פאַרגיסונג, אָבער ענגלאַנד האָט וואַרשיינלעך געהאַט אַנדערע חשבונות און מורא געהאַט, טאָמער וועט אַדמיראַל דאַרלאַן שיקן זיין פלאָט קעגן ענגלישן אין מיטלענדישן ים.

איז אַריבער אַ יאָר און די דייטשן האָבן געמוזט אַריין אין ליביע און זיך דערנענטערן צו מצרים, ביז ענגלאַנד האָט ענדלעך באַשלאָסן איינצונעמען סיריע מיט פייער און בלוט.

ס׳איז אָבער שוין געשען. אין ארץ־ישראל אָטעמט מען היינט פרייער און מען ריכט זיך אויף ברייטערע און זיכערערע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן. שוין מערקט מען דעם פּאָליטישן פּרעסטיזש וואָס ענגלאַנד האָט איצט גע־וואונען אין נאָענטן מזרח.

ס׳איז מערקווירדיק ווי ווייניק ליב מען האָט ענגלאַנד אין יענע לענדער. זי האָט דאָך אַזוי פיל געטאָן פאַר מצרים; באַדייטנדיק אויפגעלעבט איראַק,

איר געגעבן זעלבסטשטענדיקייט, געזאָרגט פאַר דער אַראַבישער באַפעלקע־רונג אין ארץ־ישראל, געשטיצט סאַאוד׳ן. ווען ניט ענגלאַנד, וואָלטן וואַר־שיינלעך די אַראַבישע לענדער געווען היינט פאַרשקלאַפט צו דייטשלאַנד און איטאַליע און געליטן הונגער און נויט.

די פראָ־אַראַבישע אָריענטאַציע איז שטענדיק גובר געווען אין דער ענג־לישער פּאָליטיק. דער ישוב און דער אויפבוי פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער היים האָבן ניט ווייניק געליטן פון דעם. אַ צאָל ענגלענדער הויבן אָן איינזען, אַז זיי האָבן ניט קיין געטרייערע און בעסערע פריינט ווי די אידן אין ארץ־ישראל.

דריי און צוואַנציק חדשים פירט ענגלאַנד אַ מלחמה אויף לעבן און טויט, און וואָס האָבן די אַראַבישע לענדער געטאָן צו העלפן ענגלאַנד אין איר שווערער שעה?

אין ארץ־ישראל הערשט טאַקע אַ צענזור, אָבער ס׳איז אַן אָפענער סוד, אַז מצרים — וואָס איז שוין אַ פּאָר מאָל געווען אין געפאַר פון אינוואַזיע — האָט ניט מיט אַ פינגער אַ קלאַפּ געטאָן צו העלפן ענגלאַנד. מיט ציניזם האָט זי זיך באַצויגן צום העלדישן ענגלישן קאַמף. טייל האָבן געהאָפט אויף אַן איטאַליענישן און נאָך מער אויף אַ דייטשן זיג. דעם פינפטן קאָלום אין מצרים האָט מען געקאָנט געפינען אין די גאָר הויכע פענצטער. ס׳זיינען געווען קלאַנגען, אַז דער מלך פאַרוק איז אַ צייט געווען כמעט אַ געפאַנגענער אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ און אַז מצרים׳שע באַטאַבלען זיינען אונטערגעקויפט געוואָרן מיט איטאַליעניש־דייטש גאָלד.

און אין איראַק? וויפיל אין אַמעריקע ווייסן, אַז נאָך חדשים לאַנג פאַר דעם מיליטערישן אויפשטאַנד און איבערקערעניש דאָרט סוף אַפּריל, האָט דער דאַמאָלסטיקער פּרעמיער פון איראַק, סאיעד־יאשים־אל־גאלאני, געשיקט אַ מענטשן קיין אַנקאַראַ צו פירן פאַרהאַנדלונגען מיט פאָן־פּאַפּען, אַז דייטש־לאַנד זאָל שטיצן איראַק אין קאַמף קעגן ענגלאַנד? פאָן־פּאַפּען האָט אַלץ צוגעזאָגט אין נאָמען פון „פירער״. דאָס איז ניט געווען קיין סוד פאַר ענג־לאַנד און טערקיי, און ענגלאַנד האָט געמוזט היפש בלוט פאַרגיסן ביז זי האָט דעם פּרעמיער פאַרטריבן פון איראַק און אַ נייע רעגירונג איינגעזעצט, וואָס איז אויך ניט איבעריק ענגליש פריינטלעך.

מיר האָבן אויך געוואוסט וועגן די פינצטערע מאַכינאַציעס פון מופטי, וועלכער איז געזעסן אין באַגדאַד און האָט פאַרגעזעצט צו שיקן זיינע אַגענטן אין די אַראַבישע דערפער פון ארץ־ישראל, זיי צו האַלטן גרייט פאַרן „טאָג״ פון היטלער׳ס נצחון.

די „פאַרגיבקייט״־פּאָליטיק פון ענגלאַנד האָט באַנקראָטירט אין נאָענטן

מזרח; און ווען אפילו די אַראַבישע פרעסע אין לאַנד איז פאָרמעל פריינטלעך צו ענגלאַנד, ווייס מען אַז דאָס איז נאָר מיטן מויל, און אַז די מאַיאָריטעט פון דער אראבישער יוגנט איז פאשיסטיש, פאנאַטיש און באַטראַכט היטלער׳ן פאַר איר אָפּגאָט.

די בריטישע אַדמיניסטראַציע שטיצט פיל די אַראַבער, דער עיקר די נאַשושיבי־עלעמענטן. די אַראַבישע דערפער האָבן נאָכן בלוטיקן אַראַבישן טעראָר גאָר אויפגעלעבט און באַזאָרגן דאָס לאַנד און מיליטער מיט דאָרף־פּראָדוקטן; צענדליקער טויזנטער אַראַבער האָבן היינט ארבעט ביי דער רעגירונג.

מען מוז צוגעבן, אין לאַנד איז היינט רואיקער. ס׳זיינען דאָ סימנים פון אַ דערנעענטערונג צווישן אידן און די אַראַבער, ס׳מערקן זיך פּרוואוון פון מיטארבעטערשאפט אויף פילע עקאָנאָמישע געביטן, הגם צו זיכער מיט זיי איז מען ניט. צי די רעגירונג־קרייזן פון ארץ־ישראל זיינען צופרידן פון דעם? — דאָס איז א פראגע.

מיט אונז זיינען דאָך די ענגלענדער זיכער, און ווען מען אַפּעלירט פאַר פּריוויליקע, שליסן זיך אידן אָן אין גרויסע צאָלן. אַראַבער וואָלונטירן זיי־נען אָבער פיל־פיל ווייניקער פאַראַן. ס׳האָט שוין אויך פּאסירט אז מערערע אראבער סאָלדאַטן האָבן זיך ניט צוריקגעקערט פון אורלויב. די מיליטער־קרייזן ווייסן, אַז אויף די אידן קאָן מען זיך שטיצן. ווי אנדערש וואָלט אויסגעזען די לאַגע ווען אין ארץ־ישראל זיינען דאָ היינט אַ מיליאָן מיט אַ האַלב־צוויימיליאָן אידן, מיט צענדליקער טויזנטער געטרייע און מוטיקע אידישע סאָלדאַטן, וועלכע ווייסן ווי צו באַשיצן זייער לאַנד און ווי צו העלפן ענגלאַנד.

יאָ, די מלחמה האָט שוין אַנטפּלעקט די מעגלעכקייטן און קרבנות־גרייט־קייט פון ישוב. די ענגלישע, אויסטראַלישע, ניו־זילענדישע סאָלדאַטן זעען דאָס אליין, אפילו ווען מען פּרוּווט זיי פאַר׳סמ׳ען מיט שנאת ישראל.

אייניקע ווערטער וועגן דעם ענגלישן און אויסטראַלישן מיליטער: ארץ־ישראל איז שוין יאָרן צוגעוואוינט צו דער ענגלישער אַרמיי; אָבער פריער זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן, היינט קומען זיי פון פאַרשידענע שיכטן פון פאָלק. מען טרעפט צווישן זיי אויסערגעוויינלעך פיינע טיפּן, וועלכע מען באַמיט זיך צו באַקענען מיטן אידישן אויפבוי־ווערק, אויף וויפיל ס׳לאָזט זיך.

איך וויל איבערגעבן אַן עפּיזאָד, וואָס איך האָב אליין בייגעוואוינט אין ירושלים. אין אַ קאַפע־הויז איז געזעסן אַ גרויסער עולם און האָט פיין פאַרבראַכט. פלוצים עפנט זיך אויף די טיר און ס׳קומט אריין אַן ענגלישער סאָלדאַט מיט א גרויסער נאַציאָנאַל־פאָנד פּושקע. ער הויבט אָן גיין פון טישל צו טישל און פאָדערט געלט פאַרן קרן־קימת. דערקלערנדיק אַז דער

פאַנד באַצוועקט אויסלייזן אידישן באָדן. האָט יעדער געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט, אפילו די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט. ווען ער האָט געענדיקט זיין „זאַמלונג", און די פּושקע איז געווען פול, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל, באַשטעלט אַ גלאָז מילך און אַ זאָג געטאָן צו די אַרומיקע: „איך קום פון ענגלאַנד, מיינע צוויי ברידער זיינען געפאַלן ביי דאָנקירק. ווען איך האָב געזאָלט אָפּפאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָט מיך מיין מאַמע אַרומגענומען און אַ זאָג געטאָן: 'מיין זון, דו פאָרסט איצט אין 'האָלי־לענד', דערמאָן זיך אין דיינע ברידער און טו עפּעס פאַר זייער אָנדענק'. האָב איך באַשלאָסן היינט צו ערן מיינע ברידער דורך זאַמלען פאַר דעם אידישן פאָנד, וואָס וויל אייך געבן פרייהייט". ער האָט געענדיקט טרינקען, אַריינגעלייגט אַ פונט אין דער פּושקע און איז אַרויס. דער עולם איז געבליבן זיצן, טיף גערירט.

ליב האָט מען באַקומען די אויסטראַליער, די גוטמוטיקע, לעבעדיקע, ברייטפּלייצעדיקע בחורים, וואָס דערמאָנען אָפּט די „קאָובאָיס" פון דער וועסט. זיי זיינען שטענדיק גרייט צו העלפן. בעת תל־אביב איז געווען באָמבאַרדירט, האָבן זיי געטראָגן די געפאַלענע און פאַרוואונדעטע, געריייניקט די גאַסן אַרום און געהאָלפן אויף אַ מענטשלעכן אופן. די אידישע קינדער גייען זיי כסדר נאָך און פאַרברענגען מיט זיי. איז געווען אַמאָל אַ זאַמלונג פאַר די פּוילישע אידן און מען האָט פאַרקויפט בלימעלעך, האָט מען געזען הונדערטער סאָלדאַטן מיטן בלימל אין לאַץ. ניט איינמאָל קומען זיי צו צו אַ אידישן בעטלער און בעטלערקע, נעמען צו די פּושקע, און לאָזן ניט דורך די פאַרבייגייענדיקע, זיי מוזן אַריינוואַרפן אין איר ניט ווייניקער פון אַ פּיאַסטער אָדער צוויי, און דערנאָך נעמען זיי אַ דראָזשקע און שיקן אָפּ דעם בעטלער אַהיים: „גענוג געאַרבעט היינט!"

אויך די פּוילישע סאָלדאַטן האַלטן זיך פיל־ווייניק קאָרעקט. די באַפעלקערונג וויזט זיי אַרויס מער גאַסטפריינטלעכקייט, ווי די פּאָליאַקן ווייזן אַרויס צו „זייערע" אידן אין פּוילן. דער פּוילישער זעלנער זעט אין ארץ־ישראל אַן אַנדערן אידן, אַ האַרעפּאַשניק און בויער, אַ שטאָלצן קעמפער פאַר אַן אייגענער מדינה.

בכלל קאָן מען זאָגן אַז ביים ישוב שטאַרקט זיך דער געפיל און איבערצייגונג אַז די לאַגע וועט זיך מוזן ענדערן צום גוטן, און אַז דער האַלבמיליאָניקער ישוב איז שוין אַ גרויסער כוח; וואָס גרעסער ער וועט ווערן, אַלץ שנעלער קאָן קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די אידן און זייערע שכנים, אויב די ענגלענדער זאָלן נאָר ניט שטערן און אינטריגירן.

די אידן זיינען פריינט פון ענגלאַנד און זיי האַלטן אַז אַן ענגלישער זיג, אין ליכט פון דער בריטישער דערפאַרונג מיט די אַראַבער אין איראַק און

אַנדערע לענדער, קאָן מיט דער הילף פון אַמעריקע משפּיע זיין אַז די ענג־לענדער זאָלן גוטמאַכן זייערע שווערע טעות'ן קעגן ישוב און קעגן זייער אייגענער „באַלפור־דעקלאַראַציע".

די אידן גלויבן אָבער אַז אידישע אַמעריקע, וואָס האָט אַ גרויסן אינטערעס אין ארץ־ישראל, קאָן און מוז ווערן אַ וויכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר לטובת דעם ישוב. אין ארץ־ישראל לייגט מען פיל האָפענונג אויף פּרעזידענט רוז־וועלט'ן. און אין געוויסע קרייזן איז מען איבערצייגט אַז סוף־כל־סוף קאָן מען באַווירקן אויך די אַראַבער, בעיקר ווען עס וועט קומען די געוואונ־טשענע מפּלה פון פאַשיזם און נאַציזם, און עס וועט ליכטיקער ווערן אויף דער וועלט.

יולי, 1941.

ווי אַ תושב

(1933—1941)

כמעט אַכט יאָר בין איך געווען אַ תושב אין ארץ ישראל. איך בין אָנגעקומען אין מיטן נאָוועמבער 1933, ווי דער לייטער פון דער פּאַרזיכער־געזעלשאַפט „יהודה“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון אַמעריקאַנער אידן.

צוויי מאָל פריער בין איך געווען אין לאַנד, אָבער בלויז ווי אַ באַזוכער. דאָס מאָל בין איך אָנגעקומען צו פאַרבלייבן אַ צאָל יאָרן. ס'איז אַ גרויסער חילוק צווישן אַ טוריסט און אַ תושב. די מענטאַליטעט איז אַן אַנדערע. אַלע פּראָבלעמען — אַפילו פון דער וועלט — ווערן אָנגעשפּיצט צו איין פראַגע: „איז דאָס גוט פאַר אידן?“

אין דער צייט פון מיין אָנקומען איז אָנגעגאַנגען אַ באַדייטנדיקע עליה פון דייטשע אידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון נאַצישן גהינום. די ערשטע אויסוואַנדערער האָבן נאָך געהאַט די געלעגנהייט אַריבערצוברענגען זייערע זאַכן אין קאַסטנס, וואָס זיינען געווען גרויס ווי אַ צימער, און זיינען טאַקע אָפט באַנוצט געוואָרן ווי אַ שלאָף־פּלאַץ.

די אידן פון דייטשלאַנד האָבן אַריינגעבראַכט ענדערונגען און דינאַמיק אין לאַנד, באַזונדערס אין די שטעט. פּלוצים האָבן זיך באַוויזן שיין אויסגעשטאַטעטע קראָמען. טעכנישע אַרבעט האָט אָנגעהויבן פּראָגרעסירן. אין די אָוונטן פלעגט מען זיי, די „יעקעס“, טרעפן אין קאַפעען, וואו זיי האָבן געשמאַק גערעדט צווישן זיך דייטש, און אַרויסגעבראַכט זכרונות וועגן די אַמאָליקע גוטע צייטן. זיי האָבן זיך נאָך נישט געפילט צוגעבונדן צו דער נייער היים ווי זייערע קינדער, וואָס האָבן זיך שנעל צוגעפּאַסט און געלערנט מיט התמדה עברית.

עס האָט אין יענער צייט קורסירט אַ שפּאַס וועגן אַ דייטשן אידן, וואָס האָט נאָך געוואוינט אין דייטשלאַנד. ער האָט געשריבן צו זיינעם אַ פריינט אין חיפה אַז ער האָט באַשלאָסן צו קומען קיין „פּאַלעסטינע“. ער וויל אָבער האָבן פאַר זיך און פאַר די קינדער און דעם קליינעם הינטל אַ דירה פון פינף צימערן אין תל אביב, אָבער ווייט פון אידן. פון דעם שפּאַס האָט מען געקאָנט מערקן, אַז פילע דייטשע אידן האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן ארץ ישראל און נישט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן געראַנגל פונעם ישוב. זיי האָבן געוואָלט אַנטרינען פון דייטשלאַנד, און נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט

אויסצעוואַנדערן קיין אַמעריקע, האָבן זיי באַין ברירה אויסגעקליבן „פּאַ־לעסטינע״.

נאַטירלעך, זיינען געווען אויך אַנדערע דייטשע אידן, וואָס זיינען מורא־דיק אַנטוישט געוואָרן אין זייער געבוירנלאַנד און אין זייער לעבן־שטייגער. זיי האָבן באַשלאָסן צו ווערן אַ טייל פונעם ישוב. האָבן מיט חשק געלערנט עברית און זיך גענומען די מי צו באַקאַנען זיך מיט די נייע אומשטענדן. בדרך כלל, מוז מען אָבער זאָגן, אַז די אידן פון דייטשלאַנד האָבן צוגעגעבן אַ באַדייטנדיקן צושטייער צום ארץ ישראל אויפבוי.

שפּעטער האָב איך געזען עולים פון אַנדערע לענדער, איבערהויפּט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דייטשלאַנד האָט פאַרנומען עסטרייך, פּוילן, ליטע, לאַטוויע, יוגאָסלאַוויע, רומעניע, בולגאַריע און גריכנ־לאַנד. די אַרויסגעראַטעוועטע אידן פון יענע מקומות זיינען געווען מער פאַלקסטימלעך און האָבן געמאַכט אַלע פּרואוון זיך איינבירגערן אין לאַנד.

בעיקר האָט דער ישוב הנאה געהאַט פון די בולגאַרישע און יוגאָסלאַ־ווישע אידן, וועגן די אחינו בני ישראל פון פּוילן איז דאָך אָפּגערעדט. דאָס לאַנד האָט זיך ראַשיק געבויט. בעת דער דעפּרעסיע אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט מען געפילט אַ שפע אין ארץ ישראל. כמעט איבער נאַכט האָט מען געזען נייע קוואַרטאַלן און נייע בנינים. דוכט זיך אין 1935, זיינען אין לאַנד אַרייַן 61,000 אידן. די פרייד פון די ארץ ישראלדיקע איינוואוינער איז געווען גרויס. יעדער אָנקומענדיקער שיף איז געווען אַ יום־טוב פאַרן ישוב.

צום גליק האָט דער הויך־קאָמיסאַר וויקאָפ פאַרשטאַנען די אידישע שטרעבונגען, דעם מהות פון ציוניזם און זיין ענד־ציל: אַ אידישע מדינה. עס זיינען אָבער געווען פאַרברענטע שונאי ציון אין דער ארץ ישראל־ענגלישער רעגירונג. זיי האָבן אינטריגירט, געהעצט די אַראַבער קעגן די אידן, זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו שאַפן אַ מצב וואָס זאָל פאַרקלענערן, אויב נישט אָפּשטעלן לחלוטין די עליה.

די אַראַבער האָבן פיל געגנאָסן פון דער עליה. מען האָט פאַרקויפט לאַנד און גענומען געשוואָלענע פּרייזן. אָבער די אַראַבישע רעדל־פירער, באַזונ־דערס דער מופטי מיט זיין קליקע, האָבן געטאָן זייער פינצטערע אַרבעט און געהעצט קעגן די אידן.

אין 1935 איז די וועלט אויפגעטרייסלט געוואָרן. די פאַשיסטישע איטאַליע האָט באַפאַלן אַביסיניע. פאַטעטיש איז געווען דער אויפטריטביים פעלקער־בונד פון עטיאָפּישן נעגוס, הייל סעלאַסי. ער האָט געבעטן הילף און געוואָרנט, אַז זיין לאַנד איז דער ערשטער קרבן פון פאַשיזם און נאַציזם. דער פעלקער־בונד האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע לטובת דער אָקופּירטער מדינה, וואָס

איז אונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון איטאַליענישן פאַשיזם. אָבער מוסאָליני האָט אַלעמען געהערט ווי דער קאָטער, און דער קיסר מיט זיין פאַמיליע און מיניסטאָרן זיינען אַוועק אַפריכטן גלות.

איין מאָל, אין אַ זומער־באַגינען, אַרום צוויי אין דער פרי, בין איך אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ שטילן יאָמערן. איך האָב דאַן געוואוינט נישט ווייט פון דער אַביסינישער קירך. איך בין אַרויס אויפן באַלקאָן. איך האָב באַמערקט אַ גרויסע מאַסע מענטשן. איך האָב זיך אַנגעטאָן און בין אַרונטער. ווען איך בין צוגעגאַנגען נענטער, האָב איך געזען אַ געזעמל אַביסיניער, אייניקע פון זיי באַקאַנטע. איך האָב אַ פרעג געטאָן וואָס קומט דאָ פאָר. האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי קלאָגן אויף דעם אומגליק פון זייער לאַנד. „מיר וויינען זיך איצט אויס. מאָרגן וועט אָנקומען אַהער אונזער קעניג און מיר ווילן אים אויפנעמען אַזוי פריילעך ווי מעגלעך".

מיטאַמאָל איז דורכגעלאָפן אין מיין געדאַנק: אפשר איז דאָס געווען דער פאַל מיט די אידן אין ירושלים, ווען זיי האָבן געוואוסט אַז די הייליקע שטאָט וועט איינגענומען ווערן פון טיטוס הרשע. הונדערטער יאָרן האָבן זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק. דער פאַרגלייך איז געווען אַזוי בולט. איך בין שעהן לאַנג געשטאַנען מיט דער אומגליקלעכער מאַסע. ווילנדיק־נישט־ווילנדיק זיינען מיינע אויגן אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן.

אויף מאָרגן, נאָכמיטיק, זיינען די גאַסן געווען פול מיט אויטאָמאָבילן און לאַסט־וועגענער. דער אַביסיניער קעניג איז אָנגעקומען מיט די בני בית, זיין סוויטע און מיט צענדליקע קאַסטנס גאָלד, וואָס איז געלונגען אַרויס־ראַטעווען פון לאַנד.

די אַביסיניער האָט מען אָנגעהויבן אָפטער צו זען אין די גאַסן. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען. אַ צאָל האָבן זיך באַפריינדט מיט אידן און געוואָרן אוהבי ישראל. דער ישוב האָט סימפּאַטיזירט מיט זיי.

אין פרילינג פון 1936 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין מצרים. צוריק־וועגס האָב איך אויפגעשטיגן אויף אַ שיף פון „אַמעריקען עקספּאָרט ליין", וואָס האָט זיך געלאָזט פון אַלעקסאַנדריע קיין יפו. איך האָב געהערט די פּאַסאַזשירן ריידן אַז „עס האָט זיך אָנגעהויבן אין ארץ ישראל" און אַז אַראַבישע אומרוען האַלטן ביים אויסברעכן. ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז איך בין אַ תושב אין ארץ ישראל, האָבן זיי זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן דעם מצב אין לאַנד. איך האָב זיי דערקלערט אַז מיט זעקס טעג צוריק איז אַלץ געווען רואיק.

ווען מיר האָבן געלאַנדט אין יפו, האָב איך דערלאַנגט מיין פּאַספּאָרט דעם באַאַמטן — אַן אַראַבער. ער האָט אים אָפּגעשטעמפּלט און מיט אַ ציינישן

שמייכל אַ פרעג געטאָן: „דו ביסט אַן אַמעריקאַנער און דו קומסט צוריק קיין פּאַלעסטינע, פאַרוואָס ביסטו נישט פאַרבליבן בעסער אין אַמעריקע, וואו עס לעבט זיך רואיקער?" איך האָב נישט געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ לענגערן שמועס. כ'בין אַראָפּגעשטייגן און געוואָלט כאַפּן אַ טעקסי קיין תל אביב.

די טעקסיליַיט האָבן געריסן אַ פּאַס, האָב איך איינעם פון זיי אַ זאָג געטאָן: „איך בין נישט קיין טוריסט. איך לעב איצט אין לאַנד. פאַרוואָס פאַרלאַנגסטו אַזאַ הויכן פּרייז?" ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט, אָבער עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער צו מיר צוגעלאָפן אַ בלאַסער און אַ צעשראָקענער: „שנעל, שנעל, קומט אַריין, עס האָט זיך אָנגעהויבן אין יפו." איך און נאָך צוויי פּאַסאַזשירן זיינען אַריין. דער „נהג" האָט גענומען טרייבן די מאַשין זייער גיך. די פענצטער זיינען געווען פאַרמאַכט. מיר זיינען דורכגעפאָרן גאַסן. ס'האָבן געשווּבלט און געגריבלט אַראַבער אויפגעהעצטע, ווילדע, מיט גרויסע שטעקנס. זיי האָבן פּרובירט צו צוברעכן די שויבן פון דער טעקסי, האָט אָבער דער שאָפער געלאָזט די מאַשין מיט דער גרעסטער געשווינדקייט. אין צען מינוט אַרום זיינען מיר בשלום אָנגעקומען קיין תל אביב.

עס האָבן אונז באַגעגנט אַ צאָל אידן, זיי האָבן זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן יפו. זיי האָבן שוין געהערט אַז מען האָט גע'הרג'עט עלף נפשות און די אידישע באַפעלקערונג איז אין גרויס געפאַר. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די געשיכטע איז אַן אמת'ע, און עס זיינען געפאַלן קרבנות יענעם טאָג — דוכט זיך, דעם 19טן אַפּריל, 1936.

די אומרועַן האָבן זיך פאַרשפּרייט אין די מערסטע טיילן פון לאַנד. עס איז דאַן געווען אַ שטימונג ביי די פירער פון ישוב: הבלגה — אַז מען זאָל צוימען די געמיטער און זיך באַהערשן. די רעגירונג האָט נישט געקאָרגט קיינע הבטחות, אַז אָט אָט וועט זיך אַלץ איינשטילן. ליידער איז דאָס נישט געשען. די אומרועַן האָבן אָנגעהאַלטן. עס איז קאָנטיק געווען אַ פירנדיקע האַנט סיי מצד די אַראַבער, סיי מצד אַנדערע שונאי ישראל, וואָס האָט נישט דערלאָזן, אַז דאָס פייער זאָל אויסגעלאָשן ווערן.

די וועלט איז אויפגערודערט געוואָרן, די ענגלישע רעגירונג האָט געשיקט עטלעכע קאָמיסיעס צו אונטערזוכן די לאַגע און ברענגען געוויסע פאָרשלאָגן. די „פּיל קאָמיסיע" האָט צווישן אַנדערע אויסגעהערט אויך דר. ח. וויצמאַן און דוד בן גוריון. דער ישוב איז געווען שטאָלץ מיט זייערע דערקלערונגען און זיך געפילט דערהויבן.

די אַראַבער האָבן געצילט אָפּצושטעלן דעם פאַרקער איבערן לאַנד, האָבן אידן זיך איינגעשפּאַרט, אַז זיי וועלן פאָרן אין באָסעס און טעקסיס. ווי וויט

מעגלעך, האָט די רעגירונג געפּרואווט צו באַשיצן די פּאַסאַזשירן, אָבער עס האָבן נישט אויסגעפעלט קיין קרבנות אין וועג. איך קאָן נישט פאַרגעסן ווי אַ באָמבע האָט אַמאָל אויפגעריסן אין אַ באָס, וואָס האָט מיך געפירט פון ירושלים קיין תל אביב. צום גליק איז קיינער נישט געניזוקט געוואָרן, חוץ טיילן פון דער מאַשין.

די „פּיל קאָמיסיע" האָט אויסגעהערט אידן, אַראַבער און ענגלענדער. זי האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון חלוקה, ד.ה. מ׳זאָל צעטיילן ארץ ישראל אין צוויי שטאַטן: אַ אידישן און אַן אַראַבישן. די ענגלישע רעגירונג האָט נאָך אַ ישוב הדעת אָנגענומען די־אָ רעקאָמענ־דאַציע.

אין ישוב האָבן זיך אַרויסגעטיילט צוויי חילוקי דעות: די מיט אַ מער רעאַליסטישן צוגאַנג — דר. וויצמאַן, בן גוריון, שרת וכדומה — האָבן געהאַלטן, אַז מען זאָל אָננעמען דעם חלוקה־פּלאַן און גרינדן אַ אידישע מדינה, אַפילו ווען זי זאָל זיין אַ קליינע, אַנדערע — ווי למשל מ. אוסישקין, בערל קאַצנעלסאָן — זיינען געווען קעגן דעם. דר. מאַגנעס האָט געוואָלט זען אַ בי־נאַציאָנאַלן שטאַט פון אידן און אַראַבער. ער האָט אָבער פאַרטרעטן די מיינונג פון זייער אַ קליינעם מיעוט.

אויך אַמעריקאַנער אידן, וואָס האָבן באַזוכט דאָס לאַנד אין דער צייט פון די אומרועןן, זיינען געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען. סטיפען וויס האָט מיך איינמאָל באַגעגנט אין ירושלים און מיך געפרעגט אויב איך בין פאַר דעם חלוקה־פּלאַן. איך האָב אים געענטפערט, אַז עס איז בעסער אַ קליינע מדינה, אָבער אַן אייגענע אײדער לעבן אין דעם־אָ צושטאַנד. ער האָט מיך געפעצה׳ט כ׳זאָל בייטן מיין מיינונג, ווייל — „עס וועט זיין אַ מדינה׳לע אַזוי גרויס ווי מיין פינגער".

די אומרועןן אין לאַנד האָבן זיך אָבער פאַרשטאַרקט נאָך דער רעקאָ־מענדאַציע פון דער „פּיל קאָמיסיע", און די קלוגע פּאָליטיקער אין דעם ענגלישן קאַבינעט האָבן געמאַכט אַ „השיבנו נאַזאַד" און חרטה געהאַט אויפן שידוך.

מען דערציילט, אַז ענגלישע פּאָליטיקער האָבן אַ פרעג געטאָן ביי האָר בעלישאַ, קריגס־מיניסטער — אַ משלנודיקער — וואָס איז זיין מיינונג. האָט ער געענטפערט: „מיר שטייען ערב אַ צווייטער וועלט־מלחמה. מיט די אידן זיינען מיר זיכער, אַז זיי וועלן גיין מיט די פאַרבינדעטע קעגן דייטשלאַנד, דאַרף מען די אַראַבער נאָכגעבן". און די רעגירונג האָט טאַקע אַרויסגעלאָזט דעם „ווייסן פּאַפּיר", וואָס האָט באַשרענקט די עליה צו פינף און זיבע־ציק טויזנט אידן פאַר פינף יאָר, און דערנאָך זאָלן בכלל פאַריגלט ווערן די טויערן פון ארץ ישראל.

דער ישוב און די גאַנצע אידישע וועלט זיינען אויפגעטרייסלט געוואָרן. די פאַרביטערונג לגבי ענגלאַנד, איז געוואַקסן. מער און מער האָט זיך אויס־קריסטאַליזירט די שטימונג, אַז אידן אין ארץ ישראל מוזן ווערן די בעלי בתים איבער זייער לעבן און אַז דערדאָזיקער ציל קאָן פאַרווירקלעכט ווערן אין די ראַמען פון אַ אידישער מדינה. די „הגנה״ האָט גענומען ענטפערן אויף די אַראַבישע אומרוען. די מאַנדאַטן מאַכט האָט רעאַגירט מיט נייע גזירות. די אַראַבער זיינען געווען זיכער, אַז היטלער און מוסאָליני וועלן זיגן, און מיט זייער הילף וועט מען פאַרטיליקן דעם ישוב. בלויז אַ קליינע גרופּע רעוויזיאָניסטן האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר אין מוסאָליני׳ן קעגן ענגלאַנד; מאַנכע האָבן זיך געחנפט צו אים און געדענקט, אַז פון אים וועט קומען די ישועה.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די עליה „ב״ — די אַזוי־גערופענע אומלעגאַלע אימיגראַציע. די מאַנדאַטן־מאַכט — מיט איר נייעם הויך־קאָמיסאַר טשענס־לאָר, אַ קנאַפּער פריינט פון אידישן ישוב — האָט געמאַכט אַלערליי שוועריקייטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט. די „הגנה״ און דער מער עקסטרעמער קרייז פון רעוויזיאָניסטן, אָרגאַניזירט אין „אירגון״, האָבן געשטערט דער מאַנדאַטן־מאַכט אין אירע טייוולשע פּלענער. און דאָ האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

די אידישע אָגענטור האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צום ישוב זיך צו אָר־גאַניזירן און העלפן די פאַרבינדעטע אין קאַמף קעגן היטלערן און מוסאָליני. הונדערט און פינף און דרייסיק טויזט אידן האָבן זיך רעגיסטרירט. בן גוריון האָט דאַמאָלט געמאַכט די באַרימטע דערקלערונג: „מיר וועלן קעמפן צו־זאַמען מיט ענגלאַנד און פאַרבינדעטע, פונקט ווי עס וואָלט נישט עקזיסטירט קיין ׳ווייסער פּאַפּיר׳. מיר וועלן אָבער קעמפן קעגן דעם ,ווייסן פּאַפּיר׳, פונקט ווי עס וואָלט נישט געווען קיין מלחמה״. די מאַנדאַטן־מאַכט האָט זיך באַצויגן זייער קאַלט צו דער פאָדערונג, אַז מ׳זאָל פאַרמירן אַ אידישע בריגאַדע, און בכלל צו דער רעגיסטראַציע פון אַזוי פיל אידישע וואָלונטירן. פון די אַראַבער האָט זיך כמעט קיינער נישט אָפּגערופן.

איך האָב געלעבט אין ארץ ישראל צוויי און צוואַנציק חדשים זייט דעם אויסברוך פון דער צווייטער שריפה. די מלחמה־שטימונג האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. אַ שטאַרקע צענזור איז איינגעפירט געוואָרן. יעדן טאָג פלעגן מיר מיט שפּאַנונג לייענען איטלעכע שורה אין די צייטונגען און נאָכגעפאָלגט די אָפּעראַציעס אויף די פראָנטן. מיר האָבן געוואוסט אַז מיטן איינעמען פוילן איז די אידישע באַפעלקערונג אויסגעשטעלט אויף אומקום. אידן האָבן געפּרואווט אַנטלויפן, אָבער ליידער זייער ווייניק איז דאָך געלונגען

זיך צו ראַטעווען און אַריינקומען אומלעגאַל אין לאַנד. מיר קאָנען נישט פאַרגעסן די מעפּילים־שיף שטרומא מיט ניין הונדערט עולים, וואָס איז געזונקען געוואָרן צוליב ענגלישע קריגס־שיפן.

פון דער אַנדער זייט, האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע באַדייטנדיק פאַר־בעסערט, אַדאַנק דעם אָנקום פון אַ גרויסער צאָל ענגלישע און אויסטראַלי־אַנער סאָלדאַטן. עס איז געוואָרן אַ גרויסער וואוילזיין אין ארץ ישראל. פילע אידן זיינען בין־לילה רייך געוואָרן.

איך קאָן נישט פאַרגעסן די דאַטע פון 10טן יוני 1940. איך בין געזעסן מיט חבר שילוח, איצט אַ הויכער באַאַמטער אין ישראל׳ס מיניסטעריום, אין זיין הויז. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו דער ראַדיאָ. עס איז געווען אַרום איינס ביינאַכט. זיינען מיר פּלוצים דערשיטערט געוואָרן פון דער מעלדונג, אַז פּאַריז איז געפאַלן. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און זיינען געבליבן שטיל, מיט די אייגענע געדאַנקען. מיר האָבן דערפילט די ערנסטקייט פון דער געשעעניש. מיר האָבן געוואוסט אַז עס רוקט זיך אָן אויפן אידישן ישוב אין פראַנקרייך אַ מורא׳דיקער אומגליק. אין ישוב איז די שטימונג געוואָרן אומרואיקער און די פאָדערונג פאַר אַ אידישער בריגאַדע שטאַרקער.

איין מאָל, אין זומער פון 1940, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין „הרצליה" — אַ שטעטל נישט ווייט פון תל אביב. איך בין געזעסן אויף אַ טעראַסע, און פּלוצים האָב איך באַמערקט פיר עראָפּלאַנען דערנענטערן אין אונזער ריכטונג. דער אַלומינום האָט געשיינט ווי זילבער אין דער זון. אַ צען מינוט שפּעטער האָב איך דערהערט אַ מורא׳דיקן קראַך באַגלייט מיט גרויסע וואָלקנס רויך. נאָכדעם האָב איך געזען די זעלביקע שטאָלענע פויגלען זיך אומקערן צוריק. די ראַדיאָ האָט געמאָלדן, אַז איטאַליענער עראָפּלאַנען האָבן אַטאַקירט תל אביב.

איך בין אָפּגעפאָרן קיין תל אביב און דאָרט געטראָפן אַ גרויס צערודער. עס זיינען אַטאַקירט געוואָרן הייזער. איין הויז האָט אויסגעזען פונקט ווי אַ מעסער וואָלט צעשניטן די גאַנצע וואַנט. עס זיינען געווען קרבנות. איך האָב דערפילט ווי הפקר עס איז אַ ציווילע באַפעלקערונג, אויב עס זיינען נישטאָ קיין שוץ־מיטלען צו באַגעגענען דעם שונא.

דער ישוב האָט זיך גערעכנט, אַז נאָך אַטאַקעס וועלן קומען. צום גליק איז דאָס געווען דער איינאונאיינציקער פאַל.

פיבערהאַפטיק האָט מען געבויט שוץ־קעלערן אין די פאַרשידענע שטעט. מערערע מאָל האָט אונז די סירענע גערופן אין מיטן דער נאַכט מיר זאָלן פאַרלאָזן אונזערע דירות און זיך אויסבאַהאַלטן אין די „מקלטים" . . . מען קאָן, קאָנטיק, זיך צוגעוואוינען צו אַלץ. אידן האָבן געאַרבעט, חתונה געהאַט,

געהאַפּט אויף בעסערע צייטן, און אין דער שטיל דורכגעלעבט מאָמענטן פון שרעק און יסורים.

אָפּט האָבן מיר נישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. די צייטונגען זיינען געווען אונטער אַ שטאַרקער צענזור. ס'איז צו אונז דערגאַנגען די ידיעה אַז ראָמעל, דער דייטשער קריגס־פירער, איז אין אַפריקע און זוכט אַ וועג צו פאַרכאַפּן מצרים, און פון דאָרט גיין ווייטער. איין טאָג האָבן מיר געלייענט אין דער פרעסע, אַז טאָברוק איז געפאַלן. מיר האָבן דערפילט, אַז די סכנה דערנעענטערט זיך און אַלערליי פּלענער האָט מען אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן פאַרן אייגענעם זעלבסטשוץ.

אין דער נאַכט ווען עס איז אָנגעקומען די נייס פון טאָברוק'ס פאַלן, בין איך געזעסן אין אַ קאַפע, וואָס איז געווען באַזוכט פון אחינו בני ישראל, ענגלענדער און אַראַבער. אידן זיינען געווען שטאַרק צעטרודערט, די אַראַבער זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַ שמייכעלע אויפן פּנים, די ענגלענדער זיינען געזעסן קאַלטבלוטיק און האָבן געטרונקען ביר.

איינער מייבער אַ באַקאַנטער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער איז צוגעגאַנגען צו אַן ענגלישן באַאַמטן און האָט צו אים אַ זאָג געטאָן: „איך זע, דו זיצסט גאַנץ רואיק, אַרט דיר גאָרנישט וואָס טאָברוק איז געפאַלן? וואָס די מלחמה דערנעענטערט זיך צו אונז?"

האָט דער ענגלענדער אַ זופּ געטאָן דאָס ביר און געזאָגט: „די מיליטער־רישע סטראַטעגיע געהערט צו גענעראַל וויוועל, דיפּלאָמאַטיע לאָז איך איבער צו טשוירטשיל. איך האָב איין אויפגאַבע דאָ אין לאַנד, וואָס איך באַמי זיך דורכפירן". דער־אַ ענטפער איז געווען אייגנטלעך כאַראַקטעריסטיש. מעגליך, אַז אַן אַנדער פאָלק וואָלט נישט געווען אין שטאַנד אויסצוהאַלטן דעם מורא'דיקן בליץ־קריג און די טעגלעכע דייטשע אַטאַקעס אויף לאָנדאָן. אפשר האָט ענגלאַנד — וואָס איז נישט אַריינגעפאַלן אין פּאַניק — געהאָלפן ראַטעווען די פרייע וועלט.

אַראַבער פלעגן אָפּט שפּאַצירן אין די אידישע גאַסן פון ירושלים, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן הויז, עס גוט באַטראַכט, און אַוועקגיין מיט אַ שמייכל. איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז אין זייער פאַנטאַזיע טיילן זיי זיך שוין מיטן אידישן האָב און גוטס. זיי זיינען געווען זיכער אַז היטלער'ס חיילות וועלן סוף כל סוף איינגעמען ארץ ישראל.

די צוויי און צוואַנציק חדשים וואָס איך האָב געלעבט אין ארץ ישראל, האָבן מיך איבערצייגט, אַז דער ישוב איז מוטיק און אַנטשלאָסן. נישט איין מאָל האָב איך זיך דערמאָנט אָן שמשון'ס זאָג: „תמות נפשי עם פלישתים"!

עס זיינען געווען חברים, וואָס האָבן געדענקט אַז היטלער וועט זיגן. איינער פון זיי איז געווען בערל קאַצנעלסאָן. איינמאָל, ווען די נייס זיינען

געווען שלעכטע, האָט ער פּלוצים אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו יעדן קיבוץ פון קבוצה זיי זאָלן שיקן צוויי מענטשן צום סעמינאַר וואָס ער האָט געגרינדעט. ווען מען האָט אים געפרעגט צי איז איצט די צייט צו אָרגאַניזירן אַזאַ מין לער־אַנשטאַלט, און צי וויל ער אויפבויען אַ צווייטע יבנה? האָט ער גע־ענטפערט: איך ווייס נישט וואָס דער סוף וועט זיין. מעגלעך, אַז ארץ ישראל זאָל צעשטערט ווערן. אויב דאָס אומגליק זאָל חס ושלום געשען, וויל איך אַז אַ פּאָר הונדערט יונגע אידן זאָלן זיך אַרויסלאָזן איבער דער אידישער וועלט און זאָגן צו אונזערע ברידער: ארץ ישראל איז חרוב געוואָרן, ארץ ישראל מוז ווידער אויפגעבויט ווערן, וויפל יאָרן עס זאָל נישט נעמען.

די רעגירונג האָט געדענקט, אַז זי וועט קאָנען אָנשרעקן דעם ישוב מיטן אַרעסט פון זיינע פירער. האָט זי אַרעסטירט הרב מימון, משה שרת און אַנדערע. בן גוריון איז דאַן געווען אין חוץ לארץ. די פאַרביטערונג קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט איז געוואָרן שאַרפער, און אין יענע טעג איז נאָך פעסטער געוואָרן די איבערצייגונג אַז די אידישע מדינה מוז אויפקומען, בכדי אידן זאָלן קאָנען זיין בעלי־בתים איבער זייער אייגענעם לעבן.

איך בין מיט עטלעכע אויפגאַבן אָפּגעפאָרן אין מאַי, 1941, פון ארץ ישראל. מיין כוונה איז געווען זיך דאָרטן צוריקקערן סוף יאָר. אָבער „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה, און דער צוריק־קער איז פאַר מיר געוואָרן אוממעגלעך.

די אומרוען

ירושלים, 25טער אַפּריל, 1936

מײַן ליבער סיגאל:

דער ערשטער טאָג, נאָך אַ גאַנצער וואָך פון אויפ־רעגונג, שפּאַנונג, יסורים, ווען מען קאָן אַביסל פרייער אָפּאָטעמען.

נעכטיקן פרימאָרגן, און די נאַכט פריער, זיינען געווען איבערלעבונגען וואָס מען קאָן ניט צו לייכט פאַרגעסן. עפּעס האָט זיך ביים עולם געשאַפן אַן איינדרוק וואָס האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט, אַז פרייטיק — דער טאָג ווען די פעלאַכן קומען דאַוונען — וועט עפּעס געשען. אַלערליי העצעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די דערפער. די חוראַנער האָט מען דאָנערשטיק נאַכט געגעבן גוטן שפּייז און אַ סך פלייש, און מען האָט זיך געגרייט. אין די אידישע קוואַרטאַלן האָט מען געזען זייער ווייניק אַראַבער. טיילן אַראַבער האָבן גע'עצה'ט די אידן צו זיין פאָרזיכטיק פרייטיק. דער מופטי, דזשאַמעל הוסיני, און אַנדערע העצער פון די עקסטרע־מיסטן האָבן איינגעלייגט ווערטן, אַז גרויסע מחנות פעלאַכן זאָלן קומען פון די דערפער. דאָס וואָלט אויך געשטאַרקט די שטאָט־אַראַבער, וואָס זיינען בכלל גרויסע פּחדנים. די פאָרשטייער פון דעם ועד הלאומי האָבן געוואָרנט אין פּריוואַטע קאָנפערענצן דעם מושל פון ירושלים, אַז פרייטיק קאָן זיין אַ פאַטאַלער טאָג. האָט מען צעשיקט שליחים אין די דערפער און אָנגעזאָגט, אַז די רעגירונג ראָט ניט די פעלאַכן צו קומען פרייטיק קיין ירושלים. דאָס האָט מען געקאָנט טייטשן אויף צוויי אופנים: ערשטנס, אַז די רעגירונג וועט דערשטיקן אומרוען, פאַרהיטן אַראַבישע אָנפאַלן; צווייטנס, אַז די אידן זיינען גרייט און וועלן נעמען נקמה, אויב דער מצב זאָל ווערן ערנסט. האָט זיך אין די דערפער אָנגעהויבן אַ גרויסער קאַמף: גיין אָדער ניט. האָבן פילע אַראַבער געפרעגט: וואָס וועט אָבער זיין אַז די אידן וועלן פאַרברע־נען דעם „מסגד"? האָבן זיי די רעגירונגס־פאָרשטייער איראָניש געענט־פערט: אויב עס וועט אַזוינס פּאַסירן, וועלן מיר אייך גלייך איינלאַדן צו קומען. העצע־פּראָקלאַמאַציעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן. די אונטערשטע שורה איז, אַז עס זיינען געקומען ווייניקער אַראַבער ווי אין אַ געוויינלעכן פרייטיק. דאָס איז געווען אַ ביטערע מפּלה פאַר די העצער און עקסטרעמיסטן. די רעגירונג איז קענטיק נעכטן געשטאַנען אויף דער וואַך. איך בין עטלעכע מאָל געווען לעבן יפו־טויער און כ'האָב געזען מחנות באַוואָפנטע סאָלדאַטן

און פּאָליציי גרייט אויף אַלץ. אויך די אידן זיינען געווען גרייט אומעטום און ס׳וואָלטן געפאַלן קרבנות אָן אַ צאָל.

אַלע גיבן צו, אַז די עקסטרעמיסטן, די אַראַבער, האָבן געליטן אַ מורא־דיקע נידערלאַגע. איצט, הויבט זיך שוין אָן אינערלעכע רעאַקציע: די סוחרים פּראָטעסטירן, פילע אַרבעטער זיינען קעגן דעם סטרייק, וואָס וועט, האָפן מיר, פּלאַצן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

די אַראַבישע פּאָליטיקער ווילן זיך מן הסתם אָנכאַפּן איבעראַנייס אָן זייער דעלעגאַציע קיין לאָנדאָן, צו ראַטעווען זייער רעפּוטאַציע. די פראַגע פון לעגיסלאַטיווין ראַט איז איצט שטאַרק אין ספק.

פון די געשעענישן מוז תל־אָביב געווינען. יפו וועט נאָך מער פאַלן עקאָנאָמיש. ס׳וועגדט זיך ווי קרעפטיק ס׳וועט זיין די פאָדערונג פון ישוב.

די רעגירונג טראַכט, משמעות, אַז זי וועט פּטור ווערן פון אירע פליכטן לגבי די פּליטים פון יפו און חברון; זי דענקט, אַז די אידן וועלן ווידער שאַפן אַ גרויסן הילפס־פאָנד, אָבער היינטיקס מאָל האָט מען קלאָר געמאַכט דער מאַנדאַטן־מאַכט, אַז זי קאָן זיך פון פינאַנציעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט ניט באַפרייען.

פעסט, מוטיק און אַנטשלאָסן איז דער ישוב.

די פּאַסירונגען האָבן נאָך מער צוגעבונדן די אידן צום לאַנד. וואָס שנעלער מוזן מיר ווערן אַ מערהייט. דאָס איז דער געבאָט פון דער שעה, און צו דעם מוז מען ווידמען אַלע כוחות אין און אויסער ארץ־ישראל. די ווענדונג פון דער עקזעקוטיווע, וואָס איז נעכטן טעלעגראַפיש איבערגעשיקט געוואָרן צו דער אידישער וועלט וועגן מצב, מוז באַקומען אַן ענטפער פון אידישע ישובים, אַז זיי זיינען מיטן ארץ־ישראל ישוב און גרייט צו געבן פּאָליטישע און פינאַנציעלע הילף. וואַרשיינלעך איז די סכנה פון גרויסע איבערפאַלן שוין פאַריבער, אָבער צו זיכער קאָן מען ניט זיין. ערשט איצט מוז די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט פאַרשטאַרקט ווערן און די עליה מוז מען באַ־טייטנדיק פאַרגרעסערן.

דער ישוב וועט זיכער אָנגיין מיט זיין אַרבעט, אַנטשלאָסן און אָן פּחד. הלואי, זאָל טאַקע ביי אידן אין דער וועלט זיין מער אייניקייט און מער פאַרשטענדעניש פאַר אונזערע וויכטיקע אויפגאַבן היינט צו טאָג.

10:40 ביינאַכט — געקליבן זיך גיין שלאָפן. ערשט, דערזען אַז דער הימל איז רויט, מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז עס ברענט אין דער אַלטער שטאָט. אַ נייע טאַקטיק פון די אַראַבער אונטערצינדן. זיי האָבן זיך קאָנטיק דאָס אויסגעלערנט פון זייערע נאַצי־חברים אין דייטשלאַנד. איך גיי אַרויס אין גאַס זען וואו, וואָס, ווען. צו לייכט וועלן זיי קאָנטיק ניט אויפגעבן דעם קאַמף. מען מוז זיין גרייט פאַר אַלץ. אַזוי גייט עס אין לעבן: דער

מענטש ווערט פאַרהאַרטעוועט. מיר ווען דאָס אויך זיכער בשלום איבער־קומען.

ס׳ברענט אַן אַלטע געביידע לעבן שער ציון פון דער אַלטער שטאָט. דאָס פייער פאַרשפּרייט זיך ניט, ס׳ווערט קאָנטראָלירט. ס׳איז 11:30. ס׳איז עטוואָס אומהיימלעך אין מיטן נאַכט צו הערן וועגן אַ שרפה, און דערצו נאָך, ווען ס׳זיינען דאָ אונטערצינדער.

ס׳איז אַ נייער מיטל ביי זיי פאַרניכטן פאַרמעגן. אַ גוטע נייעס איז נעכטן געווען ווען מיר האָבן געהערט, אַז די אַראַבער האָבן אָנגעבראָכן די ביינער אַן אמת׳ן אַריער, אַ דייטשן נאַצי אין יפו. דער אַנטיסעמיט האָט פאַרזוכט דעם טעם געשלאָגן צו ווערן. אין אַנדערע פאַלן, ווען דייטשן באַווייזן זייער פּאַספּאָרט און זאָגן „הייל היטלער" ווערן זיי פון אַראַבער אַפּלאָדירט.

די קאָמוניסטן זעצן פאָר זייער פינסטערע אַרבעט, מען ווייסט נאָך ניט וויפל זיי זיינען און ווער. די פּאָגראָמשטשיקעס און פאַרברעכער דענקען, אַז זיי מאַכן אַ רעוואָלוציע אין לאַנד.

מען האָט אָפּגעאָטעמט פרייער נעכטן נאָכמיטיק און היינט, אָבער באַרו־איקן וועט מען זיך נאָך ניט קאָנען. שבת איז אָבער געווען אַן אמת׳ער רו־טאָג.

מען מוז אָבער צוגעבן: די אַראַבער האָבן פּראָגרעסירט אין זייער אַגרעסיוויטעט; ווער ווייסט וויפל פאַרבינדעטע זיי האָבן צווישן באַאַמטע? ס׳איז ניט דאָ געגנוג קאָנטאַקט צווישן אידן און ענגלענדער, דאָס איז צו באַדויערן.

איינס איז זייער גוט: מען האָט די רעגירונג אין די פריערדיקע יאָרן צופיל „צעבאַלעוועט", איצט צווינגט מען איר צו העלפן די אידישע פּליטים.

דער ישוב איז מוטיק און בראַוו. דאָ און דאָרט, צווישן עלטערע דייטשע אידן מערקט זיך אַביסל נערוועזיטעט, אָבער די יוגנט האַלט זיך שטאָלץ און פעסט. איצט האָט אונזער עמק אַ שווערע זאָרג, צו פאַרהיטן פעלדער פון פייערן.

די האַנט פון צעשטערונג אין מדבר באַוועגט זיך. ס׳וועט מוזן צו דעם שנעל קומען אַ סוף. ס׳איז גוט וואָס דער ישוב ווייזט אַרויס גרויס זעלבסט־קאָנטראָל.

די פּרעסע ביי אייך איז מן הסתם היפּש סענסאַציאָנעל. ווי פילט דער עולם, אונזערע און זייטיקע, און וואָס זאָגן עפּעס די אַמעריקאַנער קאָמו־ניסטן? עס חזרט זיך איבער דאָס וואָס זיי האָבן אַזוי שעדלעך געטאָן אין 1929.

ניטאָ מער קיין געדולד צו שרייבן.

אייער,

מאיר בראַון

שטימונגען און באַאָבאַכטונגען

מיט לייכט איז היינט צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל, אפילו ווען דו מוזט. די יאָרן פון אונזער לעבן דאָרט האָבן טיף באַווירקט סיי די מחשבות, סיי די עמאָציעס. מיר האָבן דורכגעלעבט וואונדערלעכע טעג פון עליה, פון אויפשטייג, פון בויען און שאַפן. איבערנאַכט זיינען נייע פונקטן געבוירן געוואָרן אין ווייטע ווינקעלעך פון לאַנד, און אַראַבער־שכנים האָבן געזען אין די אָנגעקומענע חלוצים — מכשפים. אַט ערשט איז דאָס ווינקל געווען וויסט און פוסט, הונדערטער יאָרן פאַרנאַכלעסיקט, און איבער־נאַכט — ממש איבערנאַכט — שטייט אויף דאָס ווינקל צום לעבן, און געזאַנג פון אַרבעט הערט זיך, און ס'איז שוין דאָ ליכט און אויפגעבויטע ווענט, און צעלטן, און קליינע טורעמס. אויפגעלעבט איז דאָס לאַנד, און די געגנט אַרום. נאַציאָנאַל־פאָנד אין ארץ־ישראל מיינט ניט אַ געלט־זאַמלונג, ס'מיינט לאַנד, אַרבעט, קאָלאָניזאַציע, לעבן. פאַר אונזערע אויגן איז אויך פאַרגעקומען דער אויפלעב און אויסברייטער פון ירושלים, תל־אביב, חיפה און קלענערע פונקטן. גאַנצע גאַסן אין אַ קורצער צייט אויפגעשטעלט. הויז נאָך הויז, שיין אַרכיטעקטאָניש און באַקוועם פאַר די איינוואוינער, זיינען אויפגעבויט געוואָרן. מען האָט אָפט ניט דערקענט געגנטן. די שטעט זיינען גרעסער געוואָרן. צענדליקער טויזנטער נייע עולים זיינען אָנגעקומען, און יעדער האָט עפּעס מיטגעבראַכט פאַרן לאַנד, און נאָך מער באַקומען צוריק. די וואונדערלעכע חדשים פון סוף 1933, 1934, 1935!

אַזוי גרויס איז געווען די פרייד פון שאַפן און בוי, אַז צייטנווייז האָט זיך אַליין געשראָקן פאַר דיין גליקלעכן איבערלעב.

איז געקומען אַן איבערברוך. אַ קליינע, אָבער ביטערע אַראַבער מלחמה קעגן אונזער גאַנצן אויפבוי־ווערק. דער נייצענטן אַפּריל, 1936 און די דריי און אַ האַלב יאָר פון אַראַבישן טעראָר, מיט זיין גרויסער צאָל פון אידישע קרבנות און אויסראָטונג.

דער ישוב האָט אויפגעציטערט, זיך אַ צאַפּל געטאָן. די אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט, פונקטן ניט אויפגעגעבן, פאַרקער — אָנגעהאַלטן, לאַנד־קויף פאַרן קרן קימת פאַרגעזעצט. דער אידישער דאַרף האָט גלענצנדיק אויסגעהאַלטן זיין עקזאַמען. פינסטערע איבערלעבונגען, אָפט אַ טייערן און ליבן קרבן באַגלייט מיט אַ טרער צו אייביקער רו, און — זיך ווידער צום אויפבוי גענומען. יענע יאָרן פון טעראָר האָבן טיפע שפורן געלאָזט

אויף יעדן, מען קאָן זיי ניט פֿאַרגעסן. און אינמיטן — די קאָמיסיעס פֿון ענגלאַנד. פֿריער די פּיל־קאָמיסיע מיט איר מערקווירדיקן אַנאַליז און פֿאָרשלאָג פֿון אַ אידישער מלוכה און צעטיילונג פֿון לאַנד. דערנאָך די וואודהער־קאָמיסיע מיט איר מיטלמעסיקן אָפּשאַץ. און דאַן אַ מעסער אין רוקן: מעקדאָנאַלד מיט זיין „ווייסן" פּאַפּיר, וואָס איז געוואָרן די ביבל פֿאַר דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל.

אויפֿטרייסלענדיקע איבערלעבונגען אין ישוב, צער און צאָרן אין דער אַרבעטערשאַפֿט און אַנדערע שיכטן! האָט זיך אַ נייע אימיגראַציע אָנגעהויבן, עליה ב׳, די מכלומרשטע „אומגעזעצלעכע" איינוואַנדערער. אויף קליינע שיפֿלעך, איבערפּאַקט, מיט גרויס סכנה, האָבן זיך אַרויסגעלאָזן טויזנטער, אַנטלויפֿנדיק פֿון נאַצי־גיהנום. זיי האָבן געוואָלט צושווימען צו אַ ברעג, צו אונזער ברעג. און פֿילע זיינען צוגעשוואומען און די ערד געקושט, און ביטערע טרערן פֿון פֿרייד פֿאַרגאָסן. ענדלעך צווישן אייגענע, און אין דיין אייגן ווינקל. ווער עס האָט געזען יענע אָנגעקומענע, זייערע פּנימ׳ער, זייערע אויגן, איז דערשיטערט געוואָרן.

און מיט אַמאָל דער שטורם, די וועלט־מלחמה. יענעם טאָג, דעם אָנהויב, האָט דער ישוב ערשט דערפֿילט אי זיין סכנה, אי זיין גרויסע אחריות. אַ וואונדערלעכע מאַניפֿעסטאַציע! פֿרייוויליקע רעגיסטראַציע פֿון 135 טויזנט אידישע יונגעלייט. אָן אָנבאָט צו ענגלאַנד צו באַנוצן זיך מיט דעם־אָ מענטשן־מאַטעריאַל, מיט זיינע טעכניקער, אַרבעטער, וויסנשאַפֿטלער. האָט אויפֿגעבליצט דער געדאַנק פֿון אַ אידישער אַרמיי, און ער האָט יעדן אָנגעצונדן. אָבער די אַדמיניסטראַציע איז קאַלט געבליבן. אפֿשר זיך דערשראָקן פֿאַרן פֿייער אין די אידישע אויגן, פֿאַר דער אידישער אַנטשלאָסנקייט.

אייז־קאַלטע באַציאונג, אַ פֿראָסט האָט זיך דערפֿילט אין דעם באַנעם פֿון דער אַדמיניסטראַציע צום ישוב, און האָט אַ נייע פֿאַרביטערונג אַרויסגערופֿן.

און דאָך האָבן זיך טויזנטער פֿרייוויליקע בחורים, אָנגעשלאָסן אָן דער בריטישער אַרמיי, זיך באַטראַכט ווי די פֿאַרקעמפֿער פֿון אַ אידישן לעגיאָן. ניט איינער פֿון זיי האָט זיין גבורה דערוויזן, און לויב פֿון מיליטערישע מענטשן פֿאַרדינט.

איטאַליע איז אַריין אין קריג. באָמבעס אין חיפֿה, אין תל־אביב. מלחמה־איבערלעבונגען און פֿאַרבאַרייטן. ביינאַכט ווערן אויסגעלאָשן אַלע ליכטער. דאָס אַלץ ווירקט אויף דיר, יעדן טאָג, יעדע שעה. אין קיין לאַנד טייטשט ניט אַזוי אויס דער אידישער מענטש יעדע פּאַסירונג, פֿון אַ אידישן שטאַנדפּונקט — מיט אומרו און האָפֿנונג — ווי דער איד אין ארץ־ישראל. אין ערגיץ פֿילט מען ניט אַזוי דאָס „אידישע" אין זיך, אין באַוואוסטזיין.

„איז דאָס גוט פאַר אידן?‟ פרעגט מען אָפט מיט שפּאַס. אין ארץ־ישראל איז עס אַ טויט־ערנסטע פראַגע. מען וויל דאָרט אַזוי וויסן, צי די אידן פאַרשטייען זייער גורל, דעם גורל פון ארץ־ישראל ווי אַ פּאַרפאַסטן פון אַ קעמפנדיקן אַלטן פאָלק, וואָס וויל באַנייט ווערן, און זיין נאַציאָנאַלן קיום אָנהאַלטן. אַמעריקע, די אידישע אַמעריקע, איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן. וואָס טוט דאָרט דער גרויסער אידישער קיבוץ? פאַרשטייט ער דעם טראַגישן גערעַנגל פון אונזער היינטיקער געשיכטע? דעם זין פון ארץ־ישראל ניט בלויז פאַרן האַלבן מיליאָן אידן אין לאַנד, נאָר פאַר די „מיליאָנען אין חוץ לארץ‟?

שווער צו פאַרלאָזן היינט ארץ־ישראל, אַפילו פאַר אַ באַשרענקטער צייט. און ווען דו ביזט ענדלעך, נאָך אַלע שוועריקייטן, גרייט אָפּצופאָרן, לעבסטו ערשט איבער פיינלעכע מאָמענטן, בעת דו זעגנסט זיך מיט חברים און אַנדערע. יעדער באַטאָנט דיין חוב, דיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. יעדער דערוואַרט, אַז דו זאָלסט עפּעס טאָן דאָרט, אין דער ווייטער אַמעריקע, פאַר ארץ־ישראל.

און ווען דו פאַרלאָזט, און הויבסט אָן פליען אין דער הויך, דערווייטערנדיק זיך פון לאַנד, ווערסטו ערשט פאַרכאַפּט פון אַ טיפן געפיל, פון פּיין, און דו קערסט דיין בליק צוריק צום ווינקל, וואָס דו האָסט ערשט פאַרלאָזט; דו קאָנסט שעה'ן־לאַנג זיך ניט באַרואיקן, און ניט פאַרגעסן. און דו ווייסט, אַז דו וועסט קומען צוריק, און וועסט אין דער ווייטער אַמעריקע תמיד האַלטן אין אויג ארץ־ישראל, מיט איר שווערן מצב אין קאַמף, מיט איר שאַפן און פאָדערונגען, מיט איר ליכטיקייט און שאָטנס. ארץ־ישראל איז אין דיין געמיט.

איך בין שוין דאָ אַ פּאָר מאָנאַטן, זיך באַגעגנט מיט אַזוי פיל, געפרעגט, דערציילט, אָבסערווירט דאָס היגע לעבן, און קאָן זיך ניט צוגעוואוינען צו פילע דערשיינונגען. בין געקומען פון אַ מלחמה־לאַנד, וואָס האָט נאָך ניט דורכגעלעבט די אַלע גרויזאַמקייטן פון קריג, אָבער וואָס איז יעדן טאָג גרייט פאַרן שונא'ס אָנגריף. עס האָט שוין אויך פאַרזוכט דעם טעם פון לופט־באָמבעס אויף אַ שוצלאָזער באַפעלקערונג. אויסלעש זינט יוני, 1940, אָוונטן פון פינסטערניש, חושך מצרים אין די גאַסן. די הייזער זיינען אינגאַנצן אָן ליכט, אָדער טיר און פענסטער אַזוי באַדעקט מיט טונקל פּאַפּיר און לייוונט, וואָס לאָזן ניט דורך קיין אָפּשיין אין גאַס. מען לעבט, און מען פּאַסט זיך צו. אין דער פינסטער גייט מען אין טעאַטער, צו קאָנצערטן, לעקציעס, לעבעדיקע צייטונגען. וואָס פינסטערער, אַלץ מער ווילט זיך זיין צווישן מענטשן, מיט באַקאַנטע, פריינט, אייגענע. און מען גאַרט נאָך אַ פריש וואָרט, אַ נייעס, אַ שפּאַס. די אויערן אָנגעשפּיצט, ווען מען הערט זיך

צו צו ראַדיאָ־ידיעות. אַ שווער לעבן, אַזוי ערנסט; אָפט איז די סכנה נאָענט, לויפט מען אין די קעלערן, ווען מען הערט די „מוזיק" פון דער סירענע. זיצט מען אָנגעשטרענגט, און דאָך הערט מען דאָרט אָפט אַ גוטן וויץ, און מען צעלאַכט זיך האַרציק.

מען לעבט אין אַ לאַנד, וואו מען מוז איצט זיין שפּאָרעוודיק, וואו מען מוז זיך צופּאַסן צו שפּייזן, וואָס מען קריגט, און פעלט אָפט אַ מאכל, וואָס דו האָסט ליב, נעמט מען עס אויך גוטמוטיק.

אויסברענגעריי, פאַרשווענדעריש? זיי פּאַסן זיך ניט אַריין אין דער מלחמה־עקאָנאָמיע פון לאַנד. שפּאָרט מען פּאַפּיר, צייטונגען, זשורנאַלן, וואַרפט מען ניט אַרויס קליידער, שמאַטעס, מעטאַל, בלעך; דו ווערסט פּסיכאָלאָגיש באַווירקט ניט צו פאַרשווענדן זאַכן און געלט, דו טראַכסט ערנסט־ערנסט וועגן מאָרגן, און ביסט צייטנווייז אומרואיק, אַז ס'וועלן דיר אויספעלן נויטווענדיקייטן. האָבן אַרבעטער, נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אָנגעהויבן צו זאָרגן פאַר זייערע מיטגלידער, אַז זיי זאָל ניט אויספעלן שפּייז־פּראָדוקטן. האָט „הדסה" און קופת חולים זיך פאַר־באַרייט מיט פילע מעדיקאַמענטן און אַנדערע מאַטעריאַלן. און זיי זאָרגן, אַז קיין זאַך זאָל ניט גיין אין ניוועץ.

בין איך, בכן, איצט אין אַמעריקע, און פון ערשטן טאָג אָן איבער־ראַשט פון דער אויסברענגעריי, פון עסן אַזוי פיל, פון אַרויסוואַרפן דרויסן פילע זאַכן, ווי פּאַפּיר, מעטאַל, וואָס וועלן שפּעטער גאָר שטאַרק צונוץ קומען. איך ווייס, אַז אַמעריקע איז אַ רייך לאַנד, און וואָס איז ניט אין מלחמה. מענטשן ווילן לעבן לייכטער, פרייער, נאָרמאַלער. און דאָך, איבעראַשט דיך היינט, אין אַ וועלט פון נויט און יסורים, די היגע פאַרשווענדעריי און לייכטזיניקייט. וואָס וואָלטן דען אונזערע אַמעריקאַנער אידן אַזוי געליטן, ווען למשל, אין אַ זונטיק פּראָוועט מען ניט פּאַראַדנע, רייכע סעודות, אָדער מען פאַרפעלט גאָר אַ מאָלצייט, און דאָס געלט גיט מען אָפּ פאַרן אידישן הילפס־פאָנד, וואָס קריגט ניט אַריין געגנוג, אין פאַרגלייך מיט די ליידן און מורא'דיקן דערנער־וועג פון אונזער אייגן בלוט און פלייש אין אייראָפּע.

ווען מען מאַכט בלויז אָן אָנהויב, וואָס פאַראַ שטויס וואָלט עס געווען דער הילפס־אַרבעט!

איך קען אַמעריקע. איך ווייס, אַז ווען די ערנסטע שעה וועט קומען, וועט מען זיך אַ כאַפּ טאָן מיט ברען, אָניאָגן דאָס פאַרנאַכלעסיקטע און אָפּשטעלן דאָס פאַרשווענדערישע. מוז מען טאַקע וואַרטן אויף דער לעצטער מינוט? מוז מען אונז געבן מיט דובינע איבערן קאָפּ, אַז מיר זאָלן אַלע דאָ פאַרצאַפּלט ווערן?

אַ, אידישע אַמעריקע! וויפיל האָפנונגען מען לייגט אויף דיר, און ווי ניט־פאַרבאַרייט, רוי, דו ביסט נאָך היינט, אין אַ וועלט פון פלאַמען, כמעט פנים לפנים מיט דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן מיליאָנען אונזערע אויף יענער זייט ים.

לעצטע וואָך איז מיר געראָד אויסגעקומען צו זיין אויף פענסילווייניאַ וואָקזאַל, ניו־יאָרק. ס'איז געווען אַ נאָכמיטאָג, אַ גרויסע צאָל סאָלדאַטן האָט זיך געגרייט אָפּצופאָרן צו זייערע לאַגערן, קענטיק, נאָך זייער אורלויב. ס'זיינען מערסטנס געווען אחינו בני ישראל, באַגלייט פון יונגע פרויען, אָדער מאַמעס און טאַטעס. אין גרופן זיינען זיי געשטאַנען, פילע אַרומגענומען. פרויען, יונג און אַלט, האָבן זיך געווישט די אויגן, אייניקע כמעט היסטעריש.

אויף דער סטאַנציע, פון דערווייטנס, זיינען אויך געשטאַנען ניט־אידישע סאָלדאַטן, מיט זייערע פרויען באַגלייטערינס. פון דאָרט האָט זיך אַלעמאָל געהערט געלעכטער, שפּאַס, און ס'האָבן זיך געזען שמייכלענדיקע פנימ'ער. דער קאָנטראַסט האָט מיך איבערראַשט. פאַרוואָס נעמען עס אויף די אידישע פרויען אַזוי טראַגיש דעם ענין? דערווייל זיינען די בחורים נאָך ניט אין שלאַכט, און אויב זיי וועלן אויך פולווער שמעקן, וועט עס דערווייל זיין ביי די מאַנעוורעס. זאָל דאָס זיין איינגעבוירענער שרעק ביי דער אידישער פרוי? אינסטינקטיווער ראַנגלען זיך קעגן מיליטאַריזם? אָדער איז עס די פאַרליבטקייט אין לעבן, אין עולם הזה?

האָבן זיך אין יענער מינוט פאַר מיר אָפּגעשפּיגלט סצענעס פון ארץ־ישראל, ווען אידישע בחורים זיינען פרייוויליק אַוועק אין דער אַרמיי, צו אמת'ע שלאַכטן, גלייך אין געפאַר אַריין. אויך דאָרט האָבן אידישע פרויען, מאַמעס, געליבטע באַגלייט זייערע אייגענע. געוויס איז דער אידישער פרוי, פון ארץ־ישראל, איר זון ניט ווייניקער טייער, ווי דער פרוי דאָ. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד! איך קען אידישע עלטערן דאָרט, וואָס האָבן מיט שטאָלץ אויפגענומען זייער 18־19־יאָריקן בחור, ווען יענער איז אַהיים געקומען מיט שטראַלנדיקע אויגן זיי אָנזאָגן די בשורה, אַז ער איז אַריין אין דער אַרמיי. מיר זיינען באַקאַנט פאַלן, ווען חדשים־לאַנג האָבן עלטערן ניט געהאַט קיין שום ידיעה פון זייערע קינדער אין ליביע, מצרים, גריכנ־לאַנד, און דאָך איז זייער האַלטונג געווען מיט ווירדע, און זיי האָבן צו זיך דורך־ארץ און סימפּאַטיע אַרויסגערופן. ארץ־ישראל האָט דאָ געווירקט, אידישע באַוואוסטזיניקייט, אַז זייערע זין קעמפן מיט זייער ערגסטן שונא, און אויך פאַר זייער פאָלק, לאַנד און צוקונפט. אַ טיפע, געזונטע ווירקונג, אַ נאָרמאַלער צוגאַנג. אַ יונגער, געזונטער דור, וועלכער פילט זיך ווי דער אַוואַנגאַרד אין קאַמף פאַר זיין היים און פאָלק!

אָקטאָבער, 1941

אַ באַזוך אין מדינת ישראל

אַ באַזוך אין מדינת־ישראל איז תמיד אַ טיפער איבערלעב און אַ געשעעניש אין אונזער לעבן. אָבער נאָך שאַרפער דערהערט מען דעם אָטעם, דעם טעמפּאָ פון לאַנד, דעם געראַנגל פון דער יונגער מדינה, ווען מען קומט קיין ארץ־ישראל נאָך פילע יאָרן פון אָפּוועזנהייט.

עלף יאָר האָב איך ניט געזען דאָס לאַנד. אָבער ס'איז נאָך פריש פאַר מיר די צייט ווען איך האָב דאָרט געלעבט און געזען ווי דער ישוב — דאַן אַרום 450 טויזנט — בליט און שאַפט זיין אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע סטרוק־טור, זיינע שטעט און דערפער, זיין דערציאונג־וועזן, זיין שוץ און זוכט צוריקצושטויסן יעדן אָנגריף מצד דער מאַנדאַטן־מאַכט, יעדן פּרוואו פון די אַראַבער צו פאַרניכטן אידישעווירטשאַפט און צו פאַרטיליקן וואָס מער אידן. דער ישוב האָט ניט געהאַט איין רואיקן טאָג, זינט 1936.

די אַראַבישע אומרוען פון 1936 ביז 1939, דער שוואַרצער פּאַפּיר פון 1939, דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, די פינצטערע יאָרן פון היט־לעריזם, דאָס אויסראָטן פון מיליאָנען אידן, די סכנה פאַר ארץ־ישראל מצד ראָמעל און מוסאָליני; שפּעטער דער נצחון פון די אַליאירטע, אָבער די פאַר־ביסענע קעגנערשאַפט און שנאה פון בעווין — די אַלע פּאַסירונגען האָבן געלאָזט טיפע שפּורן אין ישוב, האָבן אים ניט געלאָזט צורו.

ווער ווייס צי מיר וואָלטן אין אונזערע יאָרן געהאַט די אידישע מדינה, ווען בעווין שטימט איין אַריינצולאָזן הונדערט טויזנט אידן, ווי די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע האָט פאַרלאַנגט. אָבער בעווינ'ס אָפּזאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ גרויסע טובה פאַר ארץ־ישראל. דער ישוב, אונטער דער פירערשאַפט פון דוד בן־גוריון, האָט באַשלאָסן אַז ס'איז גענוג צו בעטן, אַז מען מוז נעמען דעם שיקזאַל אין די אייגענע הענט.

דאָס איז געשען דעם 14טן מאַי, 1948, פינף און אַ האַלב חדשים נאָך דעם היסטאָרישן באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער.

די קליינע מדינה איז איצט אונטער אַ מיקראָסקאָפּ. יעדע נייעס, יעדע אַנטוויקלונג, יעדע שוועריקייט ווערן אַרויסגעבראַכט, פאַרגרעסערט און האַלטן געשפּאַנט די אידישע וועלט און זייער אָפט די ניט־אידישע וועלט.

***

בין איך אַריין אין דער מדינה מיט אָפענע אויגן, און געזוכט צו שטילן מיין דורשט אין די 34 טעג פון מיין באַזוך. איך בין אַריין ווי אַ טוריסט, אָבער

ניט געזען מיט אויגן פון אַ טוריסט. איך האָב געפּרואווט צו מאַכן פאַר־גלייכונגען פון פריער און היינט, און ערשט דערזען, אַז באַקאַנטע פּלעצער און פּונקטן זיינען פאַר מיר ניי, און אַז ישראל׳ס טעמפּאָ איז גרויס, און אַז מען זוכט אָניאָגן טעג, און אין אַ שפּאַן פון עטלעכע יאָר אויפטאָן זאַכן, וואָס ביי אַ נאָרמאַלן מצב דאַרף דאָס נעמען צענדליקער יאָרן.

שאַפן אַ רעגירונג; אויסבילדן אַן אַרמיי; אויפנעמען און אינטעג־רירן אין לאַנד הונדערטער טויזנטער נייע עולים; פירן און געווינען אַ מילי־טעריִשע מלחמה; געווינען דיפּלאָמאַטיש אָנזען און אָנערקענונג; אָנפירן כסדר אַ פּאָליטישן קאַמף פאַר דער דערהאַלטונג און אויסברייטער פון דער מדינה; זיין תמיד אויף דער וואַך און אויף די גרענעצן קעגן אָנגריף פון שונאים — דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט גרויסן בלי פון לאַנד, מיט אַ פאַרצוייג־טער אַגריקולטורעלער און אינדוסטריעלער טעטיקייט, מיט דערציען די ניי־אָנגעקומענע ווי בירגער, גיט אייך אַן אומגלויבלעך בילד פון די אויפגאַבן פון ישראל׳ס רעגירונג.

מען האָט טענות צו דער רעגירונג. געוויס זיינען דאָ טענות. מען קרעכצט, דאָס לעבן איז ניט צו לייכט, די ווירקלעכקייט אָפט גרוי און שווער, און דאָך זיינען די תושבים פון לאַנד שטאָלץ, פּאַטריאָטיש — ס׳איז פאַרט אַן אייגענע מדינה, אויסגעקעמפט מיט יסורים און פּיין, מיט קרבנות פון די טייערסטע, מיט בלוט פון אונזער בעסטער יוגנט.

***

האָט איר געדאַרפט זיין אין דער מדינה אין יום־העצמאות; האָט איר געדאַרפט זען די תל־אביב׳ער אין די הונדערטער טויזנטער (תל־אביב מיט יפו ציילט קרוב צו פיר הונדערט טויזנט נפשות) אין די גאַסן, אויף די דעכער, באַלקאָנען, אַרום די פענצטער און טירן, צו דערפילן דעם טאָג פון פרייהייט, פון אַן אייגענער מדינה.

פאַרגעסן געוואָרן זיינען יענעם טאָג די שווערע זאָרג, די פּראָבלעמען, די קריוודעס, די אומצופרידנקייט. אויגן לייכטן אויף ווען מען זעט דעם אויטאָ מיט דוד בן־גוריון און זיין פרוי; פּנים׳ער ציינדן זיך אָן, ווען מען דערזעט די טויזנטער אידישע סאָלדאַטן מאַרשירנדיק אין די גאַסן, און נאָך זיי — טאַנקען, גרויסע, ריזיקע, וואָס זיינען ניט געווען מיט פיר יאָר צוריק, און וואָס מיינען אַזוי פיל פאַרן שוץ פון דער מדינה.

אידן זיינען בטבע ניט מיליטעריש געשטימט, און דאָך האָבן די אידן — מענער און פרויען — יענעם טאָג פאַרשטאַנען פאַרוואָס ס׳איז נישטאָ קיין פּוטער און אַזוי ווייניק פלייש.

ס׳איז אַלץ כדאי — הערט איר זאָגן די תל־אביב׳ער. דאָס זעלביקס

חזר׳ט זיך איבער אין אַנדערע שטעט. איר זעט מיט אייגענע אויגן דעם קיבוץ־גלויות, אַזוי פיל שבטים פון אַזוי פיל לענדער, אָבער איר דערפילט אויך דעם מיזוג־גלויות אין דער אַרמיי און אין פילע טיילן פון לאַנד.

מישן זיך אידן פון טריפּאָלי מיט אידן פון פּוילן און רומעניע אין באר־שבע; פּערסישע, תימנ׳ער, מאַראָקאַנער, טערקישע, בולגאַרישע און אַנדערע אידן — איר טרעפט זיי אין די אַלטע אידישע שטעט, איר טרעפט זיי אין רמלה און לוד, איר זעט זיי אין די מעברות — אַ שווער לעבן זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, אָבער דער פּראָצעס גייט אָן. טאַטע־מאַמע איז שווער, אָבער די קינדער וועט לייכטער זיין און זיי וועלן אויסוואַקסן ווי פרייע אידן, אָן אַ גלות־פּסיכאָלאָגיע, און וועלן וואַקסן צוזאַמען מיט דער מדינה. דעם לערער און דערציער קומט דאָס לעבן לייכט ניט אָן, אָבער ער טוט זיין גרויסע אַרבעט.

***

מדינת־ישראל האָט פאַר זיך קאָמפּליצירטע, רעוואָלוציאָנערע פּראָבלע־מען. די רעגירונג וואָלט געהאַט אַ פיל שווערערע אויפגאַבע, ווען ניט דער כוח און דער פאַרנעם פון דער הסתדרות; ווען ניט די אַרבעט פון דער אידישער אַגענץ, נאַציאָנאַל־פאָנד, קרן היסוד, ווען ניט די אַלע יאָרן פון פאַרבאַרייט פון דער „מדינה בדרך״. ס׳מוז זיין די פולסטע קאָאָפּעראַציע פון דער רעגירונג מיט דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, מיט דער הסתד־רות, אפילו ווען ישראל איז היינט אַן ענין אויך פאַר ניט־ציוניסטן, און די רעגירונג נויטיקט זיך אין דער הילף פון אַלע אידן. מיין איבערצייגונג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נאָך צו דערפילן אַ גרויסע מיסיע אין אַלע לענדער, און אויך אין מדינת ישראל, וואו ס׳זיינען דאָ אַזוי פיל נייע עולים, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין ציוניסטישע דערציאונג און דאַרפן בעסער פאַרשטיין דעם זין און גוראַנגל פון מדינת־ישראל און פון קיום האומה.

איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט פאַרשידענע פראַגן פון ישראל־לעבן, אָבער מיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט האָב איך געשאַנקען עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און דער עקאָנאָמישער צוקונפט פון דער אידישער מדינה.

איך האָב באַזוכט אַ גרויסע צאָל פאַבריקן, אַלטע און נייע; געזען גרויסע אַנטוויקלונגס־פּראָיעקטן און מעשים אין חיפה, אין נגב, אין דאָרף און אין שטאָט.

איך בין געגאַנגען אין פאָלק, איך האָב גערעדט מיט מענטשן פון גאַס, ווי אַזוי ס׳לעבט זיך דעם תושב אין לאַנד. מען מוז האָבן שטאַרקע נערוון היינט אין ישראל, און מען מוז האָבן גלויבן און בטחון אַז דער מאָרגן וועט

זיך בעסער פון היינט, און אַז „צנע״ וועט אייביק ניט אָנהאַלטן. דאָס, וואָס איך האָב געזען און געהערט אויפן געביט פון עקאָנאָמישע פּלענער, האָבן פאַר מיר קלאָר געמאַכט, אַז ס׳וועלן ניט אַוועק פילע יאָרן, אפשר ניט פיל מער פון איין צענדליק יאָר, און ישראל וועט זיך שטעלן עקאָנאָמיש אויף די פיס און קאָנען מיט זיכערקייט באַטראַכטן די צוקונפט. ישראל איז ניט אַזוי אָרעם אין מינעראַלן און אין רוי־מאַטעריאַלן, ווי מען האָט געדענקט.

געוועזן ווייט אין נגב, געזען דאָרט די מינעס, גערעדט מיט אינזשענערן, און אַלע זאָגן אַז אין נגב ליגן פאַרבאָרגן גרויסע אוצרות, וואָס מען דאַרף אויסגראָבן, אויסאַרבעטן, איבערשיקן און עקספּאָרטירן, בכדי צו קריגן פּרעמדע וואַליוטע; די פראַגע פון טראַנספּאָרטאַציע, פון אַן אייזן באַן־ליניע, פון גוטער שאָסיי איז איצט אַקטועל.

איך האָב געזען די ערשטע רעזולטאַטן פון די ישראל באָנד געלטער, און בין איבערצייגט געוואָרן אַז די גרויסע הלוואה פון 500 מיליאָן דאָלאַר, אויב ס׳וועט זיך איינגעבן, וועט זי זיין די גרעסטע מזל־ברכה פאַר ישראל און זיך באַצאָלן מער מאָל ווי מ׳גיט און מען וועט אויסגעבן.

איך האָב טיפער געפילט ווי אַ איד, אין די וואָכן פון מיין זיין אין לאַנד, און איך בין געוואָרן מער געשטאַרקט אין מיין גלויבן אַז מדינת־ישראל וועט וואַקסן און בליען, אַפילו ווען דער היינט איז אָפט שווער.

יוני, 1952

עולים דערציילן

א.

באַגעגענישן מיט די עולים, — וואָס זיי פילן און וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט

באר שבע, לכיש, אילת און אַנדערע פלעצער האָב איך באַזוכט, בכדי זיך צו באַקענען מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און פלעצער פון לאַנד.

די עולים, וואָס זיינען אָנגעקומען און קומען נאָך אָן איצט קיין ישראל זיינען אַ בייער עלעמענט, וואָס האָט געלעבט אין קאָמוניסטישן פוילן און אַ צאָל יאָרן, ווי פליטים, אין סאָוועטן פאַרבאַנד. זיי האָבן ווייניק געוואוסט פון ציוניזם. געטריבן זיי קיין ישראל האָט דער פאָלקס־אַנטיסעמיטיזם אין פוילן און אַ דראַנג צו ראַטעווען זייערע קינדער.

זיי האָבן געשאַפן באַזונדערע פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, דערציערישן כאַראַקטער, און זיי זיינען ניט לייכט. די אָרגאַנען פון דער מדינה באַמיען זיך זיי צו באַגעגענען און לייזן.

ישראל איז אַ גרויסע סאָציאַלע לאַבאָראַטאָריע. מען דאַרף געדענקען, אַז בלויז 32 פּראָצענט זיינען הי־געבוירענע. כמעט צוויי־דריטל עולים זיינען אַריבערגעקומען פון אַזיע און אַפריקע. דער פּראָצענט פון אַראַבישע און מוסולמאַנישע לענדער, איז פאַר די לעצטע 9 יאָר אַרום 56. אידן פון פאַרשידענע קולטורן מיט אַ גאָר אַנדער מענטאַליטעט, ווי די אייראָפּעאישע.

און אָט אַזאַ איינוואַנדער פון איבער 850 טויזנט אידן האָט מדינת ישראל געדאַרפט אינטעגרירן, איינאָרדענען אין דירות, באַזאָרגן מיט חיונה און פאַרוואַנדלען אין פּראָדוקטיווע בירגער.

יעדער פון זיי איז אַ וועלט פאַר זיך, מיט דערפאַרונגען און יסורים. ס'איז פאַר פיל שווער זיך צוצופאַסן צו דער ישראל־ווירקלעכקייט, אָבער פאַר זייערע קינדער און די יונגע איז דער פּראָצעס לייכטער.

איינער, וואָס איז נישט לאַנג צוריק אַריבערגעקומען פון אַ שטאָט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ער האָט געוואוינט כמעט צוואַנציק יאָר, האָט זיך געווענדט אין 1956 (ווען רוסלאַנד האָט פאַרלייכטערט דאָס צוריקקערן זיך פון פוילישע פליכטלינגען) צום מאָסגעבענדן באַאַמטן נאָך אַזאַ דערלויבעניש.

פרעגט אים דער באַאַמטער: „פאַרוואָס ווילסטו פאַרלאָזן רוסלאַנד? דו האָסט דאָך דאָ געלעבט אַ צאָל יאָרן, פאַרוואָס ניט ווערן אַ רוסישער בירגער? געפעלט דיר ניט רוסלאַנד?" ענטפערט דער איד: „רוסלאַנד געפעלט מיר. אָבער איך בין געבוירן אין פוילן, בענק איך נאָך מיין געבוירן־לאַנד, פוילישער שפּראַך, וכד׳. גיט יענער באַאַמטער אויף אים אַ שאַרפן קוק און זאָגט צו אים: „קום אין צוויי וואָכן אַרום". און ווען דער איד קומט ווידער צום באַאַמטן, זאָגט אים יענער: „איך האָב אויסגעפונען, אַז דו האָסט משפּחה אין ישראל, ביזטו געוויס אַ ציוניסט און ווילסט פאָרן אַהין". ווערט דער איד כלומר׳שט אויפגערעגט: „איך אַ ציוניסט? איך לייען דאָך אין דער רוסישער פּרעסע, אַז ישראל איז אַ לאַנד פון רעאַקציאָנערן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, אַז זי איז אַ ווערקצייג פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. ניין, איך וויל צוריק אַהיים קיין פוילן". ענטפערט דער באַאַמטער: „גוט, איך גיב דיר אַ דערלויבעניש, אָבער דיין פרוי און קינדער לאָז איבער ביי אונז."

ווערט דער איד פאַר אַ מאָמענט צעטומלט, באַהערשט זיך נאָך אַ פּאָר מינוט און גיט אַ פרעג דעם באַאַמטן: „איז דאָס דער נייער איינפיר פון די פאַרלייכטערונגען צו שיידן מאַן פון זיין פרוי און צונעמען פון די קינדער זייער פאָטער?" צעלאַכט זיך דער באַאַמטער און שרייבט אונטער די דערלויבעניש.

דער איד האָט מיט זיין משפּחה פאַרלאָזט רוסלאַנד, געקומען קיין פוילן און פון דאָרט באַקומען די מעגלעכקייט איינצוואַנדערן קיין מדינת ישראל. בלויז אַ פּאָר באַקאַנטע האָבן געוואוסט דערפון, אָבער פיל האָבן זיך אָנגעשטויסן און אים מקנא געווען. ביים וואָקזאַל זיינען געווען אַ צאָל אידן, וועלכע האָבן זיך געזעגנט, זייערע בליקן האָט ער לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן.

ב.

די „רוסישע לערערין"

אין דער נאַכט ערב זיין אָפּפאָר איז געקומען צו זיי אַ רוסישע לערערין און האָט געזאָגט, אַז זי וויל מיט זיי רעדן פּריוואַט. קיינער איז ניט פאַרבליבן חוץ דער מאַן און פרוי. זאָגט דער גאַסט: „איך האָב געהערט, אַז איר פאָרט קיין ישראל". זיינען זיי געוואָרן אויפגעציטערט און אין אַן אויפגערעגט קול אויסגעשריען: „ס׳איז ניט אמת, מיר קערן זיך אום צוריק קיין פוילן". ס׳איז זיי איינגעפאַלן, אַז די לערערין איז אַן אַגענט. זאָגט זי צו זיי: „זייט ניט אויפגערעגט, איך בעט אייך, איך בין אַליין אַ אידישע טאָכטער, אָבער מען ווייסט ניט וועגן דעם. איך האָב אַ שוועסטער אין ישראל, אויב איך וועט

דאָך אַמאָל אויסקומען צו זיין דאָרטן, דערמאָנט איך אין מיר און זייט זיך מרחם, איך וויל זיך אַרויסרייסן, איך וויל לעבן ווי אַ אידישע פרוי און ניט זיין אַ מאַראַנאַ״. זיי האָבן ווידער געליקנט שטיין און בייך. זי איז אַוועק אַ צעטראָגענע, און ביים אַרויספאָר האָבן זיי געזען פון דערווייטנס אירע בענקנדיקע אויגן.

ג.

אַ אינגל פון רוסלאַנד

איך האָב זיך צערעדט מיט אַ אינגל, וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון דער קאָמוניסטישער מדינה. ער לערנט שוין העברעאיש, אָבער רעדט נאָך רוסיש, אידיש קען ער כמעט ניט. דערציילט ער מיר, אַז אַ ליד „אָק־טיאַבר״ איז זייער פּאָפּולער אין די לער־שולן און קינדער דעקלאַמירן עס. ס׳איז אַ לויב געזאַנג פאַר די באָלשעוויקעס, אַן אָנגריף אויף די בורזשועזן, און ווי ווייט לענין האָט אַלץ פאָרויסגעזען. פרעג איך אים: „ווי געפעלט דיר דאָס ליד?״ גיט ער מיר אַ זאָג מיט אַ קינדערשן שמייכל: „עטאָ לאָזש״ (ס׳איז אַ ליגן).

ער דערציילט מיר, אַז גלייך נאָך ישראל׳ס מיליטערישער עקספּעדיציע אין סיני, האָט די רוסישע לערערין אָנגעהויבן די לעקציע אין קלאַס אַזוי: „קינדער, היינט וועל איך מיט אייך לערנען וועגן אַן אינטערעסאַנטער טעמע. די קליינע מדינת ישראל איז באַפאַלן דאָס עגיפּטישע לאַנד, אַן אָרעם פאָלק, וועלכן מיר מוזן העלפן צו אַנטוויקלען און וואַקסן. די אַרמיי פון ישראל איז באַפאַלן די שלום־זוכנדיקע, אומשולדיקע מצרים. ישראל איז אַ מדינה פון פאַשיסטן און אָנגרייפער, זי ווערט געשטיצט פון אימפּעריאַליסטישע מדינות. אייערע עלטערן דאַרפן זיך באַטייליקן אין דעם פאָנד פון די אָרעמע עגיפּ־טיאַנער און אַראַבער. קינדער פון אונזערע שולן דאַרפן, ווען זיי ווערן עלטער, זיך אויסלערנען שיסן און גיין העלפן די אָרעמע אַראַבער״.

אַ לערערין אין רוסלאַנד טוט דאָס ניט אויף איר אייגענער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. מסתמא איז דאָס געווען אַן אָנווייזונג אויף פאַר אַנדערע שולן. אַזוי ווערן דאָרטן קינדער פאַר׳סמ׳ט און הויבן אָן האַסן ישראל.

פרעג איך דעם אינגל: „ביזטו מסכים געווען מיט דער לערערין?״ ענטפערט זיין מאַמע: „מיין זון איז געקומען אַהיים אַ צעטראָגענער, האָט דערציילט וואָס איז פאָרגעקומען און געזאָגט, אַז ער וויל מער נישט באַזוכן די שול. זי גיט צו: „און דאָס לערנט מען מיט אַכט־ניין־יאָריקע קינדער! וואָס דאַרפט איר נאָך מער: „אויף די ווענט ביי אונז אין שטאָט האָב איך געזען אויפשריפטן ׳שלאָגט אידן, ראַטעוועט רוסלאַנד׳!״

ד.

פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס זיינען אומצופרידן מיט זייער לאַגע. — וואָס זיינען זייערע טענות?

פאָר איך אין אַ קליינעם אויטאָמאָביל פון תל־אביב קיין חיפה. חוץ מיר זיינען געווען נאָך פינף פּאַסאַזשירן. בעמט אַרויס איינער, וואָס זעצט זיך לעבן מיר, אַ פּוילישע צייטונג און לייענט. גיב איך אים אַ פרעג: רוסיש רעדסטו? ענטפערט ער מיר מיט אַן עכט רוסישן אַקצענט: „קאָנעטשנאָ!" (אוודאי). „ווי לאַנג ביסטו אין לאַנד, פון וואַנען קומסטו?" זאָגט ער: „כ'בין שוין דאָ דריי חדשים, איך האָב פאַרבראַכט 18 יאָר צווישן די אוזבעקן. די אוזבעקן האָבן וווּנדערבאַר געקענט די אידן, זיי געהאַלטן ווי אַלע אַנדערע ניט־אוזבעקן. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן רוסן אָנגעפירט אַן אַנטיסעמי־טישע אַגיטאַציע, און היינט זיינען זיי שוין געוואָרן גאַנצע אַנטיסעמיטן, און עס איז שווער פאַר אידן דאָרט צו לעבן. בין איך גליקלעך וואָס איך בין אין אַ אידישער סביבה און האָב געראַטעוועט מיינע קינדער. ישראל וועט זיי שוין אויסלערנען צו זיין גוטע אידן. אויף ברויט פאַרדין איך און מיט דער צייט וועט אונז ווערן בעסער, זאָל נאָר זיין שלום מיט די אַראַבער".

אין מדינת ישראל האָט מען זיך געפרייט מיט דער נייער עליה פון פּוילן און פון רוסלאַנד. רעגירונגס אָרגאַנען און אינסטיטוציעס האָבן געזאָרגט, אַז די נייע עולים זאָלן וואָס שנעלער קריגן אַ דירה, אַרבעט. צווישן די אָנגעקומענע זיינען פאַראַן קוואַליפיצירטע אַרבעטער, פאַכמענער, דאָקטוירים, טעכניקער, מעכאַניקער, פּראָפעסאָרן. זיי ברענגען דעם לאַנד אַ גרויס נוץ. אַ צאָל פון דער ניי־געקומענער אינטעליגענץ לערנט אין די „אולפנים" העברעאיש און מאַכן פאָרשריט. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די מערסטע אַרי־בערגעקומענע זיינען ניט־ציוניסטן, האָבן ניט באַקומען קיין חלוצ'ישע הכשרה; זיי האָבן פאַרלאָזן פּוילן צוליב דעם פאַרביסענעם אַנטיסעמיטיזם. די רעגירונג פון גאָמולקאַ האָט איינגעזען, אַז עס איז געזינטער פאַר די אידן און פאַר פּוילן, אַז וואָס ווייניקער אידן זאָלן דאָרט פאַרבלייבן.

קומען אַן טויזנטער אין מדינת ישראל, זיי זעען די שוועריקייטן, נישט אַלע האָבן דעם כוח צו לעבן אין אַ פּיאָנערן־לאַנד, און נישט אַלע פאַרשטייען דעם געראַנגל פון אידישן פאָלק און פון דער מדינה. ווען אַ צאָל נייע עולים פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אפשר בענקט זיך זיי נאָך אַ טאָפּ פלייש און אַנדערע פיזישע באַקוועמלעכקייטן, אָבער דער רוב מנין ורוב בנין וועט פאַרבלייבן, און זייערע קינדער וועלן אויסוואַקסן געטרייע בירגער פון דער אידישער מדינה.

באַגעגן איך אַן אַריבערגעקומענעם פון פּוילן, אַ 23־יאָריקן בחור, אַ

דאָקטאָר, ווען די רעגירונג האָט באַזאָרגט מיט אַ דירה און מיט אַ פּאָסטן פון אַ געזונטהייטס־באַאַמטן. אָבער דער בחור איז אומצופרידן, זיין יונג ווייבל איז אומצופרידן, און ער קלערט וועגן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אויך אַזעלכע זיינען דאָ, וואָס קענען נישט שלום מאַכן מיט זייער נייַ לעבן אין אַ „הייסער" מדינה. איר ווערט לאַכן, אים בענקט זיך נאָך אַ פראָסט און שניי, כאָטש גיי און פּראָדוציר דאָס אין ישראל.

שיט ער פעך און שוועבל, אין דער צייט ווען אים פעלט קיין פיזישע באַקוועמלעכקייט, אָבער די גרויסע וועלט לאָקט אים.

ישראל וועט ווייניק וואָס פאַרלירן פון אַזעלכע, אָבער די רעגירונג האָט פאַר זיך אָט די פּראָבלעמען פון איינגלידערן, פון מיזוג גלויות און ס'איז ביט קיין לייכטער ענין.

טענה'ט צו מיר אַ אידישע פרוי פון אַ מעברה: „איך בין דאָ זינט 1947, פאַרלוירן מיינעביידע זין אין דער מלחמה פון 1948, אָבער, איר זעט ווי איך לעב! קיין דירה האָב איך נאָך ניט. פאַרוואָס קומט די נייע עולים פון פוילן אַלץ, און אויף מיר קוקט מען זיך נישט אַרום?" איר טענה איז אַ גערעכטע, און דאָך, דאַרף מען פאַרשטיין די פּראָבלעמען פון דער רעגירונג און דעם באַזונדערן אויפמערק צו די נייע עולים.

זאָגט צו מיר אַ שיינער בחור פון איראַק: „איך האָב געקעמפט אין סיני קעגן עגיפּטיאַנער און וועל ווייטער קעמפן פאַר מיין ישראל. אָבער מיר מוזן האָבן שלום — איך קען איראַק. דאָס פּשוט'ע פאָלק וויל שלום מיט אידן. די לעצטע האָבן גוט געלעבט אין באַגדאַד. שולדיק זיינען די הערשער און אינטריגאַנטן. און איך שטעל זיך אָפּט די פראַגע: צי וויל טאַקע די רע־גירונג פון ישראל שלום מיט די אַראַבער? מיר זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל תושבים פון איראַק. דאָרט האָבן מיר גוט פאַרדינט, דאָ אַרבעטן מיר שווער און זיך שוין צוגעוואוינט. אָבער די רעגירונג און באַפעלקערונג דאַרף אונז מער וואַרעמען, אויב זיי ווילן אונזער פּאַטריאָטיזם און איבערגעבנקייט".

וואָס ער האָט געמיינט מיט „מער וואַרעמען" האָט ער נישט דערקלערט אין זיין באַשרענקטן עברית. ער פלעגט אַריינוואַרפן ענגלישע און אַראַבישע ווערטער אין זיין ריידן.

אין מיינע שמועסן מיט אַנדערע עולים האָב איך באַמערקט אַ גרויסע ליבשאַפט צו מדינת ישראל, אַ שטאָלץ פון צו זיין בירגער פון אַ אידישער מדינה, אַ גרייטקייט פאַר אַלע קרבנות.

נייע איינוואַנדערער איז תמיד שווער, איידער זיי ווערן איינגעבירגערט. געדענקען מיר דאָך אידישע עמיגראַנטן פון אַמעריקע, וועלכע פלעגן אין די

ערשטע יאָרן שילטן קאָלומבוס׳ן. עס זיינען אויך דאָ עלעמענטן, וואָס רייצן די נייע עולים קעגן דער רעגירונג. דער קאַמף פון קעגנערישע פּאַרטייען איז ווייט ניט צו זויבער. יעדער טעות ווערט אַקצענטירט פון די קעגנער.

די רעגירונג זאָרגט פאַרן געזונט פון דער באַפעלקערונג, פאַר איר סאָציאַלער פאַרבעסערונג, פאַר שכון, דערציאונג און אינטעגראַציע. די אַרמיי איז אַ וואונדערלעכע שול פאַר די יונגע אָנגעקומענע. דאָרט ווערן די יונגע אידן פון אַזוי פיל לענדער דערצויגן און צוגעגרייט נישט בלויז פאַר׳ן שוץ פון דער מדינה, נאָר צו ווערן נוצלעכע, פּראָדוקטיווע בירגער.

ניו־יאָרק, 1957

אמעריקע

I

* 60 יאָר
* אידישע אָרדנס
* מיט מזל
* דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד
  א. אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג
  ב. ארץ ישראל טעטיקייטן
* דער לערער סעמינאַר
* אָנהייב פון פועלי ציון
* די וועלט־קאָנפערענץ

II

* לעאָ פראַנק
* המן־טאַש שטאַט
* לויף, קעלבעלע, לויף!...
* אינם לאַנד פון מאַרמאָנען
* מלחמה שטימונגען

I

60 יאָר

(אַ קורצער איבערבליק וועגן אידישן ישוב, וואוקס פון אַמעריקע
און אַמעריקאַנער אַרבעטער פאַר די לעצטע 60 יאָר)

איך בין אַ איד אין אַמעריקע. אָפּגעלעבט דאָ דעם גרעסטן חלק פון מיין לעבן, געזען די אַנטוויקלונג און וואוקס פון דער מדינה; נאָכגעפאָלגט די גרויסע אינ־דוסטריאַליזאַציע, די מאַסן־איינוואַנדערונג, דעם אויפשטייג פון דער אַרבעטער באַוועגונג, און, כמעט דרייפאַכיקע פאַרמערונג פון היגן אידישן ישוב אין די לעצטע זעכציק יאָר.

איך האָב אין די אַלע יאָרן געאָטעמט מיט אידישקייט, אָבער אויך איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, דעם איינפלוס פון דער אַנגלאָ־סאַקסישער קולטור. איך האָב ניט געזען קיין סתירה צווישן מיין אידישקייט און אַמעריקאַנישקייט. קיינמאָל ניט געהאַלטן, אַז אַמעריקע איז אַ שמעלץ־טאָפּ, וואָס מוז אָפּווישן אַלע עטנישע כאַראַקטער שטריכן פון די מינאָריטעטן אין לאַנד, און פאַרטושן יעדן אויסדרוק פון קולטורעלער זעלבסט־באַשטימונג.

נאַטירלעך, בין איך געווען אַ קעגנער פון אַסימילאַציע; געהאַלטן אַז גראָד אין לאַנד פון פרייהייט קאָנען מיר זיך אויסלעבן ווי אידן און ניט זינדיקן קעגן אַמעריקאַנער בירגערשאַפט. אידישקייט דאַרף מען ניט שפּייזן נאָר מיט אידישע צרות. די אָ געדאַנקען און מיינונגען זיינען צו מיר ניט געקומען פּלוצלונג. זיי זיינען אַ פּועל יוצא פון באַאָבאַכטונגען און דערפאַרונג.

איך האָב ליב אַמעריקע. דאָ דערגאַנצט מיין אידישע און וועלטלעכע דערציאונג. אָבער איך בין ניט אַ פאַרליבטער, וואָס פאַרזעט די חסרונות פון דעם אָביעקט פון זיין ליבע. אָפט טראַכט איך אַז מיר האָבן צוויי אַמע־ריקעס, און פאַר פילע אין די דרום־שטאַטן איז נאָך דער בירגער־קריג ניט פאַרענדיקט. ס'וועט נאָך נעמען אַ היפּשע צייט ביז אַלע בירגער וועלן קאָנען געניסן פון גלייכהייט, און לעבן פריי פון ראַסן־האַס און פאָראורטייל.

און דאָך איז אַמעריקע אַ ליכט־שטראַל אין דער וועלט, אַ פעסטונג פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע, צו וועלכער ס'קוקן אַרויף פעלקער און לענדער.

***

דער היגער אידישער ישוב ציילט קרוב צו פינף און אַ האַלב מיליאָן נפשות, כן ירבו! ס'איז ניט מער אַן עדה פון אימיגראַנטן. נאָענט צו אַכציק

פראַצענט זיינען הי־געבוירענע. עקאָנאָמיש שטאַרק, פּאָליטיש פריי, פאַר־נעמען זיי היינט אַ וויכטיק אָרט אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע.

ניט לאַנג צוריק האָבן מיר געפייערט דריי הונדערט יאָר זינט די ערשטע אידישע גרופּע פון בראַזיליע האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. די ערשטע צוויי הונדערט יאָר האָבן געלאָזט אַ קנאַפּע ווירקונג אין דער אידישער געשיכטע. די גרויסע אידישע מאַסן־אימיגראַציע נאָך 1881 האָט אָבער אַרויפגעלייגט איר חותם — אָרגאַניזאַטאָריש, סאָציאַל, קולטורעל — אויפן אידישן ישוב, הגם ער האָט נאָך ניט די טיפע וואָרצלען, וואָס דאָס מזרח אייראָפּעאישע אידנטום האָט געהאַט.

אידישע גייסטיקע ווערטן ווערן דאָ געשאַפן. אמת, זיי גייען ניט אַרויס מחוץ די אייגענע ראַמען. דאָס אידישע לעבן אין די פאַרשידענע שטעט איז אָרגאַניזירט, ניט ווי מיר וואָלטן געוואָלט, אָבער ס'איז פאָרט אַן אָנהויב פון אַן אָרגאַניזירטער קהלה, וואָס זאָרגט פאַר אידישע נויטן.

די אידן פון אַמעריקע האָבן זייערע פּראָבלעמען, סאָציאַלע, דערציערישע. ס'איז שווער פאָרויסצוזען די צוקונפט. אוודאי, וועט מדינת ישראל אויך להבא באַווירקן דעם כאַראַקטער און פּרצוף פּנים פון אונזער ישוב. די אידישע פירערשאַפט גייט אַריבער אין אינגערע הענט, אידישע דערציאונג זוכט וועגן ווי צו באַאיינפלוסן דעם וואַקסנדיקן דור. דאָס אידישע אַמעריקע קאָן זיך מער ניט שטיצן אויפן מזרח אייראָפּייאישן אידנטום, וואָס איז אומגעקומען; נאָר וועט מוזן געפינען אַן אָנשפּאַר אויף אייגענע כוחות, און זיכער האָט עס נאָך נישט געזאָגט דאָס לעצט וואָרט.

***

אָנהויב 20סטן יאָרהונדערט האָט אַמעריקע געציילט 76 מיליאָן נפשות. היינט צו טאָג דערגרייכט שוין איר באַפעלקערונג 175 מיליאָן איינוואוינער.

ס'איז אַ קאַפּיטאַליסטישע מדינה. גרויס קאַפּיטאַל האָט אַ שטאַרקע דעה אין דער פּאָליטיק פון לאַנד.

די מלחמה מיט שפּאַניע אין 1898 האָט אַ שטויס געטאָן אַמעריקע צו ווערן אַ וועלט־מאַכט, פאַר וועלכער אייראָפּייאישע מלוכות האָבן אָנגעהויבן צו קריגן דרך ארץ. קיובאַ, פּאָרטאָ ריקאָ, די פילִיפינען, האַוואַאי, גואַם און סאַמאָאַ זיינען אַרונטער דעם רשות פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ס'האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט צוויי שטרעמונגען. איינע האָט געהאַלטן, אַז מ'זאָל באַהערשן די געוואונענע טעריטאָריעס; די צווייטע איז געווען מיט דער מיינונג, אַז מ'טאָר ניט גיין אויפן וועג פון אימפּעריאַליזם. פּראָגרע־סיווע עלעמענטן האָבן אָנגעהויבן רעוואָלטירן קעגן דער הערשנדיקער פילאָזאָפיע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וואָס איז פאַקטיש געווען אונ־טער דער השפעה פון גרויס קאַפּיטאַל.

אַמעריקע איז נאָך דאַן געווען הינטערשטעליק לגבי אַ צאָל אייראָפּיי־אישע לענדער אויפן געביט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג.

טעאָדאָר רוזוועלט, וואָס איז געוואָרן פּרעזידענט אין 1901, האָט ניט געהאַט קיין אייגענע פּאָליטישע פילאָזאָפיע. ער האָט אָבער אָנגעהויבן האַנדלען מער זעלבסטשטענדיק און באַקעמפן די גרויסע קאַרטעלן. די רעפּובליקאַנער „באָסעס" האָט דאָס ניט געשמעקט. זיי האָבן געוואָלט אָנ־האַלטן זייער קאָנסערוואַטיזם.

ס'איז כדאַי צו פאַרצייכענען, אַז דער קישענעווער פּאָגראָם, אין 1903, האָט שטאַרק אויפגערודערט די היגע עפנטלעכע מיינונג. דזשאָן היי, דער סעקרעטאַרי אָוו סטייט, אַליין אַן אינטערעסאַנטער מענטש, אַ דיכטער, האָט געשיקט אַ פּראָטעסט צו דער צאַרישער רעגירונג. ערלעך איז געווען די דאָזיקע האַנדלונג אין פאַרגלייך מיטן איינשטעל פון פרענקלין רוזוועלט, וועלכער האָט יאָרן לאַנג געשוויגן און נישט געוואָגט צו זאָגן אַ הויך וואָרט קעגן היטלער'ן און זיינע רדיפות אויף אידן.

אין 1911 האָט אַמעריקע אָפּגעבראָכן דעם האַנדל־אָפּמאַך מיט רוסלאַנד צוליב איר דיסקרימינירן אידישע אַמעריקאַנער בירגער. איך געדענק די אימפּאָזאַנטע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע אין קאַרנעגי־האָל. איך האָב דאַן צום ערשטן מאָל געהערט גאָווערנאָר וו. ווילסאָן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּרעזידענט, „ספּיקער" טשעמפּ קלאַרק און וויליאַם רענדאָלף הורסט, אַן אוהב ישראל, וואָס האָט געכאָוועט פּאָליטישע אַמביציעס. די פאַרזאַמלונג האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם.

טעדי רוזוועלט'ס נאָכפאָלגער, וויליאַם טעפט, איז געווען אינטעלעקטו־אַלער פון „טעדי", אָבער ער איז ניט געגאַנגען אין זיינע וועגן. האָבן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון אים זיך אָפּגעטרייסלט.

רוזוועלט — וואָס האָט תחילת געשטיצט די קאַנדידאַטור פון טעפט — האָט אין 1912 געקראָגן חשק נאָכאַמאָל נאָמינירט צו ווערן, אָבער די רעפּובליקאַנער מאַשין איז געווען מיט זיין קעגנער.

די פּראָגרעסיווע עלעמענטן — צוזאַמען מיט ט. רוזוועלט'ן — האָבן פאַרלאָזן דעם רעפּובליקאַנעם לאַגער און געגרינדעט „די בול מוז פּאַרטי". דער קאַנדידאַט פון די דעמאָקראַטן איז געווען וואודראָו ווילסאָן, וועלכער איז טאַקע דערוויילט געוואָרן, מיט אַ קלענערער צאָל שטימען ווי ס'האָבן באַקומען רוזוועלט, טעפט און דער סאָציאַליסט דעבס צוזאַמען. ווילסאָן איז געווען אַן אינטעלעקטואַל, אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע. גרויס קאַפּיטאַל האָט פאַר אים מורא געהאַט. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז ס'פעלט אים אַ פּראַקטישע דערפאַרונג, אָבער ער האָט איבעראַשט אַמעריקע און דורכגעפירט אַ צאָל סאָציאַלע רעפאָרמען.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ווילסאָן געפּרוּווט תחילת אָנ־האַלטן נייטראַליטעט, אָבער ער האָט איינגעזען, אַז אַמעריקע וועט ניט קאָנען בלייבן מחוץ. זיינע סימפּאַטיעס זיינען געווען מיט די אַליאירטע.

אין 1917 איז אונזער לאַנד אַריין אין דער מלחמה. אַמעריקע האָט קיינ־מאָל ניט געהאַט קיין גרויסע אַרמיי. מ׳האָט אויף שנעל געדאַרפט מאָביליזירן מיליאָנען סאָלדאַטן. ווילסאָן האָט אויך אָנגעהויבן אַ פּראָפּאַגאַנדע צו באַ־איינפלוסן פּסיכאָלאָגיש די באַפעלקערונגען פון עסטרייך, פראַנקרייך און טערקיי. צוליב דעם אויסברוך פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז רוסלאַנד מער ניט געווען אַ וויכטיקער קריגס־צד. די באָלשעוויקעס האָבן געשלאָסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד. ס׳איז דאַן געווען אַ קריטישע צייט פאַר די אַליאירטע.

ווילסאָן האָט פאָרמולירט די באַרימטע פערצן פונקטן. ער האָט גע־חלומ׳ט פון אַ פעלקער־בונד און באַטאָנט, אַז דאָס איז „אַ קריג וואָס דאַרף אָפּשאַפן קריג״.

די טראַגעדיע פון ווילסאָנ׳ען און די טראַגעדיע פון דער וועלט איז אָבער געווען וואָס ער איז געפאָרן צו ווערסאַלער פרידנס קאָנפערענץ און דאָרט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט קלעמאַנסאָ, לאָיד דזשאָרדזש און אָר־לאַנדאָ. וואָלט ער געבליבן אין אַמעריקע, וואָלט ער געהאַט אַ גרעסערע השפּעה.

די אייראָפּיאישע מאַסן האָבן ווילסאָנ׳ען פאַרגעטערט, אָבער די דער־מאָנטע רעגירונג־פירער האָבן דערפירט צו אַ שלום־אָפּמאַך, וואָס האָט אַנט־האַלטן די זוימען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווילסאָן האָט זיך צוריק־געקערט אַ צעבראָכענער און דאָ האָט ער באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די רעפּובליקאַנער.

צוליב דער מלחמה איז אַמעריקע געווען געצוואונגען איינצופירן די שפּיאָנאַזש געזעצן וואָס האָבן באַשרענקט די פרייהייט פון אירע בירגער. אונטער יוסטיץ מיניסטער פּאַלמער, זיינען דעבס, הייוואוד און בערגער פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע. די רעאַקציע האָט זיך געשטאַרקט. ווילסאָן איז געווען קראַנק און האַלב פּאַראַליזירט. די רעפּובליקאַנער האָבן געזען, אַז זייער פּאָליטישער שטערן האָט אַ פינקל געטאָן אין 1920. אין די פאָלגנ־דיקע יאָרן זיינען טאַקע דערוויילט געוואָרן די רעפּובליקאַנער — האַרדינג, קולידזש און הואווער.

די אַ דריי האָבן געשטאַרקט דעם קאָנסערוואַטיזם. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די רעגירונג דאַרף זיך וואָס ווייניקער מישן אין די געשעפטן פון לאַנד. אין די צייטן פון קולידזש איז געווען אַ גרויסע פּראָספּעריטעט, מיליאָנען מענטשן זיינען רייך געוואָרן איבער נאַכט. די קאַטאַסטראָפע איז געקומען סוף 1929 אין דעם קראַך אויף דער בירזשע. אַרבעטסלאָזיקייט איז געשטיגן, די שטימונג פון די אַרבעטער איז געווען אַ פאַרביטערטע.

סוף 1932 האָבן די דעמאָקראַטן געזיגט. פראַנקלין רוזוועלט האָט פאַר־נומען דאָס „ווייסע הויז״ און געראַטעוועט קאַפּיטאַליזם פון אונטערגאַנג. ער האָט געשטאַרקט די אַרבעטער באַוועגונג און דורכגעפירט וויכטיקע רעפאָר־

מען ווי סאָציאַלע פאַרזיכערונג און אַרבעטסלאָזיקייט, ביליקע הייזער בויאונג. גרויס קאַפּיטאַל האָט אים אָנגעהויבן צו באַטראַכטן ווי אַ פאַרעטער פון זיין קלאַס. די מאַסן האָבן אים אָבער פאַרגעטערט. ער האָט געגעבן אַמעריקע איר איצטיקן סאָציאַלן פּרצוף.

פרענקלין ד. רוזוועלט איז ניט געווען קיין ראַדיקאַל. ער האָט אָבער געהאַט דעם אויפריכטיקן ווילן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון דעם דורכשניט־לעכן בירגער. ער האָט געהויבן די מאָראַל פון אַמעריקע. פיר מאָל איז ער דערוויילט געוואָרן אויף זיין אַמט.

⁂

ווידער איז באַשערט געווען אַ דעמאָקראַטישן פּרעזידענט צו זען אַמע־ריקע פאַרוויקלט אין אַ מלחמה, דאָס מאָל קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, מוסאָליני און יאַפּאַן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער פרייער וועלט.

אין 1933, האָט היטלער איבערגענומען די מאַכט. ער האָט דערקלערט, אַז דער נאַצי־רעזשים וועט הערשן טויזנט יאָר, און אַז ער וועט אויסראָטן דאָס אידישע פאָלק. די גרויסמאַכטן האָבן פאַרקוקט די באַוואָפענונג פון דייטשלאַנד, די אָקופּאַציע פון עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, די אויס־וואָרצלונג פון אידן. די פרייע לענדער האָבן געוואָלט פאַרמיידן אַ צווייטע וועלט־שריפה. אין 1939 האָט היטלער אַטאַקירט פּוילן, וואָס האָט געהאַט אַ שוץ־אָפּמאַך מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד. און ס'איז געשען! די קאַטאַ־סטראָפע האָט אויסגעבראָכן. דער פאַקט אין 1939 צווישן די נאַציס און רוסלאַנד האָט איבערגעלאָזט אַ שווידערלעכן איינדרוק אויף אַלעמען. ס'איז געווען דער גרעסטער פּאָליטישער ציניזם מצד סטאַלין.

אין 1941 האָבן די נאַציס באַפאַלן רוסלאַנד; ניט ווילנדיק איז זי צוגע־שטאַנען צו די אַליאירטע. רוזוועלט האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו העלפן ענגלאַנד, נאָכדעם ווי פאַריז איז געפאַלן אין 1940 און אַ פּראָ־נאַצי רעגירונג אין ווישי איז אויפגעקומען. ער האָט אָנגעהויבן צוגרייטן דאָס לאַנד פאַר אינטערווענץ און מאָביליזאַציע. די מאָס איז פאַרפולט געוואָרן ווען היטלער האָט געשלאָסן אַ בונד מיט יאַפּאַן, וועלכע האָט געמאַכט איר שענד־לעכע אַטאַקע דעם 7טן דעצעמבער 1941 אויף פּוירל האַרבאָר. אויף מאָרגן האָט דער קאָנגרעס דערקלערט קריג; אין אַ טאָג־צוויי האָבן דייטשלאַנד און איטאַליע דערקלערט מלחמה קעגן די פאַראייניקטע שטאַטן.

די וועלט איז געשטאַנען אין פלאַמען.

רוזוועלט איז געווען זיכער אַז די אַליאירטע וועלן זיגן. ער האָט אָנגע־הויבן צו טראַכטן וועגן אַ נייעם פעלקער־בונד. ער האָט זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן די רעפּובליקאַנער אין דער ריכטונג, און געוואָלט אויסמיידן די טעותן פון ווילסאָן. אָבער אויך ער איז געפאַלן אַ קרבן פון איבערמענטש־לעכע אָנשטרענגונגען, און דעם 12טן אַפּריל, 1945, איז ער אַוועק פון דער וועלט.

וויצע־פּרעזידענט, הערי טרומאַן, האָט פאַרנומען דעם אַמט אין „ווייסן הויז". די ערשטע צייטן איז ער געווען אומבאַהאָלפן, אָבער ער האָט געהאַט אַ געזונטן חוש פון אַ פאָלקס־מענטש. מען האָט דאַן זיך שוין גערינכט אויף דייטשלאַנד׳ס מפלה. איטאַליע האָט קאַפּיטולירט. מוסאָליניס האָבן פּאַרטיזאַנען געמאַכט אַ פינצטערן סוף. די אַליאירטע האָבן אָפּגעהאַלטן אין נצחון נאָך דעם צווייטן; אין אויגוסט, 1945 האָט אַמעריקע געוואָרפן צוויי אַטאָמישע באָמבעס אויף הירָאשימאַ און נאַגאַסאַקי און געצוואונגען יאַפּאַן צו בעטן שלום.

טרומאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מוטיקן פירער, האָט אויסגעברייטערט עקאָנאָמישע רעפאָרמען, דאָס פשוטע פאָלק האָט אים ליב געקראָגן. ער האָט ניט פאַרמאָגט דעם חן פון רוזוועלטן און אינטעלעקט פון ווילסאָן. אָבער ער איז געווען ערלעך, און זיך ניט אָפּגעשראָקן צו האַנדלען. 11 מינוט נאָכדעם ווי ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין תל אביב — 14 מאַי, 1948 — די „איגרת העצמאות" האָט טרומאַן אָנערקענט מדינת ישראל.

נאָך צוואַנציק יאָר פון דעמאָקראַטן־רעזשים, האָבן מיר אין „ווייסן הויז" אַ רעפּובליקאַנער פּרעזידענט — אייזענהאַוער. די געשיכטע וועט אורטיילן וועגן זיין אַמט. ער האָט געמאַכט יעדן פאַרזוך צו געווינען פאַר זיך גרויס־קאַפּיטאַל. אין ערשטן טערמין האָט ער געהאַט אין זיין קאַבינעט אינדוסטרי־אַליסטן־מיליאָנערן. ער איז קאָנסערוואַטיוו, פּונקט ווי די מערהייט פון זיין פּאַרטיי, אָבער דרייען די ראָד פון דער געשיכטע צוריק צו די צייטן פון מעקינלי, קולידזש און הוואווער איז ער ניט געווען אין שטאַנד.

אַמעריקע איז צו ווייט אַוועק אויפן סאָציאַל־פּראָגרעסיוון געביט; די רעפאָרמען פון ווילסאָן, רוזוועלט און טרומאַן האָבן געראַטעוועט דאָס לאַנד פון אַ ווירטשאַפטלעכן חורבן. ווילנדיק־ניט ווילנדיק, מוז אייזענהאַוער פאַרזעצן די דעמאָקראַטישע איינפירן.

***

די „אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט", איז געגרינדעט געוואָרן אין 1886. אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זי געציילט קרוב צו 2½ מיליאָן מיטגלידער. אַ אידישער אימיגראַנט אין לאַנד, סעמיועל גאָמפּערס, איז געווען איר פּרעזידענט ביז זיין טויט אין 1924. ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער „טרייד־יוניאָן" באַוועגונג. ער האָט ניט איינגעשטימט מיט די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָבן געוואָלט גרויסע סאָציאַלע ענדערונגען אין אַמעריקע. ער האָט געהאַלטן פון „באַלוינען די פריינט און באַשטראָפן די שונאים".

אין נאָוועמבער, 1917, האָבן די פּועלי ציון דעלעגירט דר. סירקין, ה. סלאָבאָדין און מיך צו אַ צוזאַמענפאָר פון דער פעדעראַציע. מתתיהו וואָל, אַ פּראָמינענטער אַרבעטער פירער, האָט אונז פריינטלעך אויפגענומען, פאָרגעשטעלט פאַר גאָמפּערס׳ן ווי אַ דעלעגאַציע פון פּועלי ציון.

מיר האָבן געוואָלט אַז די אַרבעטער פעדעראַציע זאָל זיך דערקלערן גינסטיק פאַר אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל. גאָמפּערס האָט מיט אונז פאַרבראַכט אַ צייט, געשטעלט פראַגן און צום סוף דערקלערט, אַז אַ רעזאָלוציע וועגן ארץ ישראל וועט פאָרגעבראַכט ווערן ביים צוזאַמענפאָר.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. אַ גינסטיקע רעזאָלוציע איז אָנגענומען גע־וואָרן נאָך אַ דיסקוסיע. איך קען זאָגן, אַז זינט יענעם צוזאַמענפאָר האָט די אַרבעטער פעדעראַציע געהאַנדלט ביי מערערע געלעגנהייטן ווי פריינט פון ארץ ישראל.

אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט דאַן געווירקט יודזשין דעבס. ער איז געווען אַ מערקווירדיקער מענטש, אַ זויבערע פּערזענלעכקייט, מען האָט אים באַטראַכט ווי אַ נביא אין דער אַרבעטער באַוועגונג. ער האָט געליטן פאַר זיינע איבערצייגונגען, איבערהויפּט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַמעריקאַנער אינטערווענץ און קעגן די שפּיאָנאַזש־געזעצן, וואָס זיינען דאַן איינגעפירט געוואָרן, צוליב דעם סאַבאָטאַזש פון דייטשלאַנד און די אינטריגעס פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע.

די „ס. ל. פּ.״ — וואָס איז געווען קליין אין צאָל, אָבער אַגרעסיוו און רעוואָלוציאָנער — איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דניאל דעליאָן. צווישן איר און די ס. פּ. איז ניט געווען שלום בית.

„די אינדוסטריאַל וואָירקערס אָוו די וואָירלד״ — בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען וויליאַם הייוואוד — (איי. דאַבליו־דאַבליו) האָט באַקעמפט די „קאָנסערוואַטיווע״ פירונג פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר״.

ס׳איז אַ וויטער מהלך פון אַנהויב הײנטיקן יאָרהונדערט ביז היינט. ס׳איז צוגעקומען אין די דרייסיקער יאָרן די „סי. איי. אָ.״ (קאָנגרעס פון אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע), וועמען ס׳איז געלונגען צו אָרגאַניזירן מיליאָ־נען אַרבעטער אין דער שטאָל און אויטאָמאָביל אינדוסטריע. איצט איז „סי. איי. אָ.״ פאַראייניקט מיט דער פעדעראַציע און ציילט דרייצן און אַ האַלב מיליאָן מיטגלידער, חוץ דער „טימסטער יוניאָן״, וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פעדעראַציע.

אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט קיינמאָל ניט געשלאָגן טיפע וואָרצלען און האָט געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אויף הי־געבאָרענע אַרבעטער. דאַקעגן די „טרייד יוניאָנס״ שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרויסן כח אין לאַנד. ס׳איז כדאַי צו באַטאָנען אַז די „הסתדרות העובדים״ האָט אויפריכטיקע פריינט אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

אַמעריקע אין 1958 איז נישט די פון 1900. ס׳איז היינט אַ מעכטיקע וועלט מדינה, אָבער אויך סאָוועטן רוסלאַנד איז געוואָרן אַ וועלט מדינה. מיר שטייען אין אַ שאַרפער צעטיילונג אויף צוויי לאַגערן: מזרח און מערב.

לאָמיר האָפן, אַז אין דעם אָ געווירבל פון קאָנפליקטן, קאַמף, צערודערונג און אימה פאַרן מאָרגן וועט אונזער לאַנד פון פרייהייט זיין אַ לייכט טורעם און וועג ווייזער פאַר דער וועלט דער גאַנצער.

אידישע אָרדנס

(פון אַ טייל מאַטעריאַלן וואָס ווערן צוגעגרייט פאַר אַ בוך אין ענגליש.)

די אידן אין אַמעריקע האָבן אין די פאַרשידענע פעריאָדן פון זייער איינוואַנדערן, אַרויסגעוויזן גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס פייאיקייט און מעגלעכקייט צו גרינדן און אַנטוויקלען אַ ריי אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס.

אַבער פיל פון די ערשטע אימיגראַנטן זיינען געקומען ניט מיטן צוועק זיך איינצובירגערן אין לאַנד, נאָר צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע און צוריקקערן זיך צו זייער געבוירן פלאַץ. אָט דאָס „שטיין אויפן וועג" האָט געפירט צו גלייכגילט און נאַכלעסיקייט לגבי די אייגענע פאָלקס אינטערעסן. אַ באַזונדער אויפלעב האָט זיך ערשט דערפילט אין די אַכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן איינוואַנדערונג פון מזרח אייראָפייאישע לענדער. יענע עמיגראַנטן האָבן געבראַכט מיט זיך דערפאַרונג אויפן געביט פון זעלבסטהילף און באַוואוסטזיניקייט וועגן אַ קהילה לעבן, אויך אַ געפיל פון נאָענטקייט צו זייערע ברידער און שוועסטער מעבר לים. די אימיגראַנטן האָבן דאָ געפונען אַ פאָרם פאַר אָרגאַניזאַציע, וואָס זיי האָבן קאָפּירט פון די אַלגעמיינע אָרדנס דאָ אין לאַנד.

די מאָטיוון וואָס האָבן געפירט צום אַנטשטיין פון אידישע אָרדנס זיינען פילע: זעלבסטשוץ פאַר אַ סך פון די ניט לאַנג אַריבערגעקומענע איינוואַנדערער; פרעמדקייט אינעם נייעם לאַנד; דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג און אומבאַוואוסטזיניקער מורא פאַרשלונגען צו ווערן פונעם אַמעריקאַנעם לעבן.

די אידישע אָרדנס האָבן אַמאָל געציילט איבער זעקס הונדערט טויזנט אידן, מיט פאַרזיכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון איבער הונדערט און פופציק מיליאָן דאָלער, און אַ פאַרמעגן פון עטלעכע צענדליקע מיליאָן דאָלער. ליידער איז היינט דאָס ניט דער פאַל. אפשר זיינען היינט דאָ 150 טויזנט מיטגלידער. אַ גרויסע צאָל אָרדנס זיינען אונטערגעגאַנגען, אויך האָבן אידן מיט זייער איינבירגערן זיך דאָ אין לאַנד און איינפירן פון סאָציאַלע שוץ געזעצן דערפילט אַז עס איז ניט אַזוי נויטיק צו באַלאַנגען צו אידישע אָרדנס. זיינען פילע אַוועק אין אַלגעמיינע אַמעריקאַנער אָרדנס, וואָס ציילן איבער 10 מיליאָן מיטגלידער. בלויז די אידישע אָרדנס וואָס האָבן געקענט אָנפילן מיט אינהאַלט זייער עקזיסטענץ און טעטיקייט ווי אויך גלייכצייטיק זיך צופּאַסן צו די בעסערע זייטן פון אַמעריקאַניזאַציע, האָבן אַנטוויקלט מעגלעכקייטן און עקזיסטירן נאָך היינט.

לאָמיר איבערגעבן בקיצור וועגן די עקזיסטירנדע אָרדנס: — דער ערשטער און גרעסטער איז „בני ברית", וואָס קאָן אָנגערופן ווערן אַן אַל־וועלטלעכער אָרדן, מיט צווייגן אין פילע לענדער. דייטשע אידן האָבן דעם אָרדן געגרינדעט. „בני ברית" רעכענען זייער גרינדונגס־יאָר פון 1843. מען גיט אָן אַז צווישן פאַרשידענע אַלגעמיינע סיבות וואָס האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון „בני ברית", איז אויך געווען דער אַנטיסעמיטיזם פון די אַלגעמיינע אָרדנס. גוישע אָרדנס האָבן דאַן ניט געהאַט קיין חשק אַריינצונעמען אידישע מיטגלידער און זיך מיט זיי צוזאַמענטרעפן אויף מיטינגען. „בני ברית" האָט אין די ערשטע צען יאָר געציילט וויניקער פון דריי טויזנט מיטגלידער. היינט איז „בני ברית" אַן אָרדן פון איבער דריי הונדערט טויזנט און איז פאַרצווייגט איבער דער וועלט. „בני ברית" האָט איינגעפירט מיסטעריעזע צערעמאָניעס ביים אַריינעמען נייע מיטגלידער. אַ טייל פון די צערעמאָניעס זיינען פאַריידישט געוואָרן און האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף די ניי־אַריבערגעקומענע אידישע איינוואַנדערער. די מיסטעריעס און סודות האָבן געצויגן די נייע אימיגראַנטן.

„בני ברית" האָט געקעמפט קעגן רעכטלאָזיקייט פון אידן, זיך משתדל געווען ביי רעגירונגען. אַ צאָל יאָרן איז ער געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט „אַליאַנס איזראַעליט" און „ייקאָ". היינט האָט „בני ברית" אַן אינטערעס פאַר ישראל און איז טעטיק לטובת דער אידישער מדינה.

„בני ברית" האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר אַנדערע אידישע אָרדנס, אָבער קיין איינער פון זיי האָט ניט דערגרייכט זיין השפּעה און איז ניט אַרויס אָרגאַניזאַטאָריש פון די גרעניצן פון אַמעריקע.

די מערסטע אידישע קאָנסערוואַטיווע אָרדנס האָבן געגעבן פּראָטערנאַלע בענעפיטן, אָבער יאָרן לאַנג ניט געזאָרגט פאַר אַ געזונטער פאַרזיכערונג סיסטעם.

די ערשטע אָרדנס, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט דער גרינדונג פון „בני ברית", זיינען געווען: די „פרייע זין פון ישראל" אין 1848, „אָרדער ברית אברהם" אין 1859, „קשר של ברזל" אין 1860, „בני בנימין" אין 1879, „אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם" האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון „ברית אברהם אין 1887.

עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס די ערשטע אָרדנס האָבן אָנגענומען העברייאישע נעמען און פילע „לאָדזשעס" האָבן זיך גערופן מיט ביבלישע נעמען. די פירער האָבן געדענקט, אַז דאָס וועט האָבן מער צוציבער פאַר זייערע מיטגלידער. די מערסטע אָרדנס זיינען אונטערגעגאַנגען. דער „אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם" האָט געציילט אַמאָל איבער צוויי הונדערט טויזנט מיטגלידער, היינט איז ער נומעריש קליין און שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

אויסער ניו־יאָרק האָבן זיך געגרינדעט „אינדעפּענדענט וועסטערן סטאַר אָרדער" אין 1894 אין שיקאַגאָ, „פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו די וועסט" אין סט.

לואיס אין יאָר 1898, „נייטס אָוו דזשאָסעף“ אין קליוולענד אין 1896, „ברית שלום“ אין פילאַדעלפיע אין 1905. עס זיינען אויך געווען אַ צאָל קלענערע אָרדנס איבערן לאַנד. די מערסטע פון די אָרדנס האָבן זיך אַליין פאַראורטיילט צו דורכפאַל, צוליב ניט גענוגנדע צאָלונגען פאַר יעדן עלטער. זיי האָבן זיך געפירט לויט דעם אַסעסמענט סיסטעם פון גלייכע צאָלונגען פאַר יעדן עלטער. די סיסטעם איז געווען זייער מלאך המות. מערסטע פון די אָרדנס זיינען געווען קאָנסערוואַטיוו, אָן פּרעטענזיעס פאַר הויכע אידעאַלן. כבודים, קרקע און נאַרישע צערעמאָניעס האָבן אָנגעפילט זייער אינהאַלט. עס איז קיין וואונדער ניט וואָס אַ ראַדיקאַלער און באַוואוסטזיניקער איד האָט זיך געפילט פרעמד אין די אָרדנס און זיך ניט געקאָנט איינלעבן אין זיי.

אָבער די אָרדנס האָבן אין די לעצטע צענדליקע יאָרן געשטיצט ארץ ישראל און געווען אַקטיוו פאַרן אידישן קאָנגרעס.

דריי פון די אידישע אָרדנס וואָס עקזיסטירן נאָך הייַנט און האָבן באַשטימטע צילן און באַוואוסטזיניקייט, זיינען דער אַרבעטער רינג, אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און דער אָרדן „בני ציון“.

„בני ציון“ באַלאַנגט צום קלאַס פון אַלגעמיינע אידישע אָרדנס, אָבער ער איז פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. ציוניסטן האָבן אים געגרינדעט אין 1907, אונטערן פאַרזיץ פון דר. מאַגנעס. זיי האָבן געדענקט אַז זיי וועלן קאָנען אָרגאַניזירן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער אין ציוניסטישן אָרדן און פאַרשטאַרקן די ציוניסטישע טעטקייט אין אַמעריקע. עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. זיי ציילן אַרום זיבן טויזנט מיטגלידער. אָבער „בני ציון“ האָט פאַרדינסטן צו זיין קרעדיט. קודם כל האָט ער אָנגענומען אַ פאַרזיכערונג סיסטעם פון לעבנס־פאַרזיכערונג, לויט דער סיסטעם פון פּריוואַטע פאַרזיכער געזעלשאַפטן. מיט דעם האָט ער פאַרזיכערט זיין עקזיסטענץ. די „בני ציון“ האָט אויך געהאָלפן גרינדן די „דזשודעאַ אינדוסטריאַל קאָרפּאָריישאָן“, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרינדונג פון „יהודה“ אין ארץ ישראל, און „איסטערן לייף קאָמפּאַני“ אין אַמעריקע. דער אָרדן באַשטייט פון אַ בעל־הבית׳ישן ציוניסטישן עלעמענט. ער איז אויך שטאַרק אַקטיוו פאַרן אידישן נאַציאָנאַל פאָנד.

דער אַרבעטער רינג האָט געהאַט אין זיך מער אידעאַלע זאַכן און האָט אָנגעהאַלטן זיין סאָציאַליסטישן גייסט. יאָרן לאַנג איז אידישער נאַציאָנאַליזם געווען ביי זיי טריף. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די ערשטע קאָנסטיטוציע פון אַרבעטער רינג איז געשריבן געוואָרן אין אַ מין דייטשמערישן לשון אין 1892. אין 1901 האָט ער אָפּגעהאַלטן זיין ערשטן צוזאַמענפאָר.

די גרינדונג פון דעם אַרבעטער רינג איז געווען אַ דערפרישונג פאַרן ראַדיקאַלן מענטשן, ער איז פּטור געוואָרן פון נאַרישע מנהגים און צערעמאָניעס. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געהאַלטן אַז די גרינדונג פון דעם אַרבעטער רינג איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. שפּעטער, מיטן וואוקס

פון אַרבעטער רינג האָט זי געביטן די שטעלונג. דער אַרבעטער רינג האָט דורכגעמאַכט אַ ביטערן גערַאנגל און גלגולים. איז עטלעכע מאָל געווען אין געפאַר צוליב די שוועריקייטן צו קריגן אַ טשאַרטער. סוף 1905 האָט ער ענדלעך געקראָגן דעם טשאַרטער.

אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס האָט דער אַרבעטער רינג געקראָגן פון די אָנקומענדע אידישע איינוואַנדערער נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. איבערהויפּט האָט זיך געפילט אַ צאָל יאָרן דער בונדיסטישער איינפלוס אויפן אַרבעטער רינג.

דער אַרבעטער רינג האָט אָנגעהויבן מאַכן די זעלבע טעות׳ן ווי די אַנדערע קאָנסערוואַטיווע אָרדנס, גרינדנדיק זיך לויט דעם „אַסעסמענט סיסטעם גלייכע צאָלונגען פאַר יונג און אַלט. דאָס האָט פּאַקטיש געפירט צו אַ שפּאַלטונג, און אין 1097 האָבן די מעסאַטשוסעטס צווייגן פון אַרבעטער רינג געגרינדעט זיך אונטערן נאָמען „אינדעפּענדענט אָרדער אַרבעטער רינג״. דער „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג״ האָט אָנגעהויבן קאָנקורירן מיטן אַרבעטער רינג אין די אַנדערע שטאַטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברודער־קריג, האָט דער אַרבעטער רינג געגרינדעט אין מאַסאַטשוסעטס אַן אָפּאָזיציע אָרדן „לייבאָר ליג״, וואָס האָט זיך ווידער פאַראייניקט מיטן אַרבעטער רינג, נאָכדעם ווי דער לעצטער האָט דערהאַלטן דעם טשאַרטער אין מאַסאַטשוסעטס. אויך דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג האָט זיך דאַן פאַרייניקט מיט׳ן אַרבעטער רינג.

שפּעטער האָט דער אַרבעטער רינג געענדערט זיין סיסטעם פון צאָלונגען און יעדער מיטגליד צאָלט איצט לויט זיינע יאָרן. דאָס האָט פאַרזיכערט דעם אַרבעטער רינג.

אַ שטיק צייט איז אין אַרבעטער רינג געפירט געוואָרן אַ קאַמף צווישן לינקע און רעכטע, וואָס האָט געפירט סוף כל סוף צו דער גרינדונג פון אַ קאָמוניסטישן אָרדן. אַ צאָל לינקע האָבן פאַרלאָזן דעם אַרבעטער רינג.

אָבער אויך די צייט האָט געהאַט אַ ווירקונג אויפן אַרבעטער רינג — ער האָט אויפגענומען אידישע קולטור טעטיקייטן, אָנגעהויבן גרינדן קינדער שולן. דער „קאָסמאָפּאָליטישער״ בליק האָט אָנגעהויבן פאַרלירן דעם רייץ פאַר זיינע מיטגלידער. יאָרן לאַנג איז דער אַרבעטער רינג געווען גלייכגילטיק צום קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלער אידישער היים אין ישראל, אָבער מיטן אויפקום פון מדינת ישראל, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין אַרבע־טער רינג. ער איז היינט סימפּאַטיש פאַר דער אַרבעט אין ישראל און העלפט מיט אין קויף פון ישראל באָנדס. מערערע צווייגן פון אַרבעטער רינג זיינען שוין יאָרן לאַנג אַקטיוו פאַרן הסתדרות.

דער עלעמענט פון אַרבעטער רינג איז ניט אַן אויסשליסלעך אַרבעטער עלעמענט. די עקאָנאָמישע אומבייטן אין אידישן לעבן לאָזן זיך פילן גאַנץ שטאַרק אין אי ם, אָבער ער האַלט אָן די טראַדיציע פון אַן אַרבעטער קער־פּערשאַפט און איז אַ זייל פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג און פאַרבאַנד פראַהאַלטן זיך פריינטלעך און קאָנ־קורירן ניט איינער מיטן אַנדערן. וועגן פאַרבאַנד ווערט געשריבן באַזונדער.

עס איז שווער פאָרויסצוזאָגן די צוקונפט פון די אידישע אָרדנס, אָבער עס איז דאָ אַ טיפער גלויבן ביי די פירער פון אַרבעטער רינג און אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אַז זיי האָבן אַ צוקונפט און אַז זיי וועלן געווינען וואָס מער פון די הי־געבוירענע עלעמענטן, וואָס וועלן סוף כל סוף איבערנעמען די פירערשאַפט.

נאַטירלעך זיינען די אָרדנס געצוואונגען זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינ־גונגען פון לאַנד. „פראַטערנאַליזם" קאָן נאָך אָבער זיין אַ גאַנגבאַרע סחורה פאַר אַ צאָל יאָרן אויך ביי אידישע אָרדנס.

זיינען דאָך דאָ 10 מיליאָן מיטגלידער אין די אַמעריקאַנער אָרדנס. זיי האַלטן אויס עלטער־היימען, סאַנאַטאָריומס און דערהאָלונגס־פּלעצער. דער אַפּיל פאַר קאָאָפּעראַטיווער פאַרזיכערונג האַלט אָן. אַ פערטל פון דער היגער באַפעלקערונג האָט נאָך אַלץ אַן אינטערעס פאַר אָרדנס.

די אידישע אָרדנס דאַרפן זיך מער פאַרטראַכטן וועגן זייער אינהאַלט און צוקונפט.

מיט מזל...

— „וואַרהייט,“ יוני, 1910.

שטיל, אָן גרויסן רעש און אַגיטאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין פילאַדעלפיע מיט אַ יאָר און אַ האַלב צוריק אַ פאַריין מיטן נאָמען „נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד“.

די גרינדער האָבן זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע אויפשטעלן אַ אידישן אָרדן, וואָס זאָל אַרומנעמען אין ברידערלעכן בונד טויזנטער אידישע אַרבעטער, צונויפנעמען אַלע ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע עלעמענטן, אָנפירן אַ ברייטע אידישע קולטור־טעטיקייט, דערמוטיקן און שטאַרקן דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס און העלפן דעם נאַציאָנאַלן אויפלעב פון אידישן פאָלק.

שוין ביים גרינדן האָט מען געקאָנט פאָראויסזען די צוקונפט און גרויסקייט פון דעם בנין וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן; דער באָדן איז געווען פאַסנדיק, די אידייע אַ גוטע.

די נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע אידישע אַרבעטער האָבן ניט געקאָנט זיך צופרידנשטעלן מיט די עקזיסטירנדיקע אידישע אָרדנס. דער צוועק פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז: ניט בלויז צו געבן בענעפיטן און פאַרזיכערונג אין פאַל פון טויט און קראַנקייט, נאָר אויך צו רעאַגירן אויף אַלע פראַגן אין דער אידישער און אַרבעטער וועלט. ס׳איז אַ קערפּערשאַפט, מיט אַ גרויסער מאָראַלישער און סאָציאַלער שליחות, — און מיט דעם איז געזיכערט איר דערפאָלג אין דער צוקונפט.

ווער קאָן מיט אַ רואיקן געוויסן זאָגן, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד איז אַ געזונטע און אַ לעבעדיקע? ווער קאָן, למשל, דענקען אַז דער קולטורעלער שטאַנד פון די היגע אידישע מאַסן איז צופרידנשטעלנדיק? און וואָס איז מכוח דערציאונג פון דעם יונגן אידישן דור? און די גרויסע נאַציאָנאַלע טעטיקייטן וואָס דאַרפן אָנגעפירט ווערן פאַר דער פאָלקס־באַפרייאונג? געוויס, געוויס איז דאָ אַ גרויס אַרבעטס־פעלד, ס׳זיינען דאָ גענוג אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען אין דעם היגן אידישן פאָלקס־לעבן, און אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד קאָן ווערן יענער אינסטרומענט וואָס זאָל דערמעגלעכן אָנצוהייבן די אַלע אַרבעטן; ער קאָן ווערן דער וויכטיקער קולטור־כוח צווישן די אידישע אַרבעטער.

קליין איז נאָך דער פאַרבאַנד, ווייניק אין צאָל זיין מיטגלידערשאַפט,

אָבער דינען דען ניט די איבעריקע היגע אָרדנס פאַר אונז ווי אַ ביישפּיל ווי אַזוי אַזוינע קערפּערשאַפטן קאָנען וואַקסן און געדייען? אונזער געבענטשטע געזעלשאַפט זאָרגט שוין דערפאַר, אַז די אָרדנס זאָלן זיך אַנטוויקלען אין דעם אָנגעשטרענגטן קאַמף פאַרן קיום. אין שווערע לעבנס־באַדינגונגען, אין דער שטענדיקער געפאַר פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, מוז דער אַרבעטער פילן זיין הילפלאָזיקייט און זעט דערפאַר זיך צו באַזאָרגן, אַריינטרעטן אין קערפּערשאַפטן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג; איבערהויפּט דאָ אין אַמעריקע זיינען די אַרבעטער אונטערוואָרפן אַממערסטן די טאָג־טעגלעכע געפאַרן.

אָבער די אידישע אָרדנס באַמיען זיך נישט אויסנוצן די גרויסע אַרבעטס־מעגלעכקייט לטובת דעם כלל, זיי זיינען מער ניט ווי בענעפיט־אָרגאַניזאַציעס.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אַ מאָדערנער אָרדן, פון פרייע אידן־אַרבעטער, וואָס פאַרשטייען קלאָר זייער אויפגאַבע.

קליין ווי ער איז, טראַכט ער וועגן אַ קולטורעלער טעטיקייט, וועגן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע זעלבסט־בילדונג, זונטיק־ און נאָכמיטאָג־שולן און וועגן שטיצן די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג פון אידישן פאָלק.

וועט אים געלינגען צו געבן אַן ענטפער אויף אַלץ? איז אַ פראַגע. עס איז אָבער דאָ דער פעסטער ווילן, ענערגיע און באַגייסטערונג אויפצובויען אַ וויכטיקן פאָלקס־ און אַרבעטער־כוח דאָ אין אַמעריקע, מיט מערערע טויזנטער אידישע מיטגלידער.

אין יעדן פאַל איז דער נייער אָרדן אַ סימפּטאָמאַטישע דערשיינונג. ער וועט, בלי ספק, באַווירקן דעם אַרבעטער רינג און די איבעריקע אידישע אָרדנס זיי זאָלן זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן זייערע התחייבותן כלפּי דעם אידישן פאָלק; דאָס אַליין וועט שוין זיין אַ גענוג איבערצייגנדיקער באַוויז פון דער וויכטיקייט פון פאַרבאַנד. צוגלייך מיט זיין אייגענער טעטיקייט וועלן מיר ענדלעך דערזען אַ נייע דערפרישנדע שטימונג און באַגייסטערונג אין דעם היגן אידישן לעבן.

דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

א.

אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג

ד'איז היינט שווער זיך פאָרצושטעלן דאָס אידישע אַמעריקע אָן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער איז געוואָרן אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר און אַ דינאַמישער כוח פאַר וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע קולטור און דערצי־ערישע אויפגאַבן אין אַמעריקאַנער אידנטום און פאַר ארץ־ישראל טעטיקייטן. דער פאַרבאַנד האָט צו פאַרדאַנקען זיין גרינדונג צו אידעאָלאָגישע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן. ער איז אַ קינד פון דער אידישער איינוואַנדערונג, אָבער אַן אייגנאַרטיקער פראָדוקט פון דער היגער אידישער און ראַדיקאַלער סביבה.

די געשיכטע פון אידן אין אַמעריקע האָט אירע פאַרשידענע פאַזן און פעריאָדן. עס זיינען געקומען איינוואַנדערער פון פאָרטוגאַל, שפאַניע, שפעטער פון דייטשלאַנד און עסטרייך; יעדער פון זיי האָט זיין שטעמפל אַוועק־געלייגט אויף דעם היגן ישוב. אָבער דער אָנהויב פון אַן אמת'ן אידישן פאָלקס־לעבן האָט מען אָנגעהויבן מערקן ערשט מיט דער גרויסער אימיגראַציע פון רוסישע און פוילישע אידן נאָך די פאָגראָמען פון 1881, אויך מיט דעם איינוואַנדער פון גאַליצישע און רומענישע אידן. עס איז געווען אַן אימיגראַציע ווייניק פלאַנירט, נישט אויסגערעכנט און אום־אָרגאַניזירט.

איבער אַ האַלב מיליאָן אידן זיינען אַריינגעקומען אין אַמעריקע פון 1881 ביז 1900. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די נייע אימיגראַנטן האָבן שוין געטראָפן אַ היפשן ישוב, האָט אָבער דעם גרעסטן טייל אין די ערשטע יאָרן באַהערשט אַ געפיל פון איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט. זיי האָבן געזוכט פרנסה און באַמיט זיך צופאַסן צו אַמעריקע. יאָרן־לאַנג זיינען זיי געווען דורכגענומען מיט אַן אימיגראַנטן־מענטאַליטעט. זיי האָבן געזוכט זייערע נאָענטע, זיך געטוליעט צו אייגענע. זיינען טאַקע אַנטשטאַנען טויזנטער לאַנדסמאַנשאַפטן, וואו די אידישע מאַסן האָבן זיך אויסגעלעבט.

די אימיגראַנטן האָבן זיך גענומען צו פעדלעריי און אינדוסטריע. גאָר גרויסע צאָלן זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם שוויץ־שאַפ סיסטעם. זיי זיינען באַווירקט געוואָרן פון דער יונגער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס, פון די ס. פ., ס. ל. פ., אַנאַרכיסטן, ראַדיקאַלע קלובן. די מערסטע האָבן זיך געפלאָגט, געליטן. גרויסע צאָלן האָבן זיך באַזעצט

אין ניו־יאָרק און פון דאָרט אָנגעהויבן איבעראַנייס זייער אויסוואַנדער אין פאַרשידענע פונקטן פון לאַנד. זיי האָבן געזוכט שוץ און זעלבסט־הילף פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס. מאַסן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַלגע־מיינע קאָנסערוואַטיווע אידישע אָרדנס.

די אידישע אָרדנס האָבן קאָפּירט די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער אָרדנס, ביי וועלכע צערעמאָניעס, נאַרישע מנהגים, כיבודים און ביליגע געזעל־שאַפטלעכקייט האָבן אין די ערשטע יאָרן פאַרנומען דעם אויבן־אָן. עס איז געווען אַ מין „באַביט"־אַטמאָספערע, אַן אָרט פאַר פאַרווײַלונג, כאָטש זיי האָבן אויך געגעבן הילף זייערע מיטגלידער — קעגנזייטיקע אונטערשטיצונג און קרקע. היות קהילות און חברה־קדישא׳ס האָבן דעמאָלט כמעט ניט עקזיסטירט, האָבן די אָרדנס דערפילט די פונקציעס פון די חברה־קדישא׳ס.

די אָרדנס האָבן אויך צוגעזאָגט זייערע מיטגלידער לעבנספאַרזיכערונג, אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַ ניט־וויסנשאַפטלעכן, ניט־פּאַראַנט־וואָרטלעכן אופן, לויט דעם אַזוי־גערופענעם „אַסעסמענט סיסטעם": גלייכע צאָלונגען פאַר אַלעמען, יונג אָדער אַלט. דאָס האָט פריער אָדער שפּעטער געפירט צום אונטערגאַנג און באַנקראָט.

**
*

דער אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט ניט געפונען די אידישע אַמעריקע ווי אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזם. דאָס שטענדיקע שטראָמען פון אידישע איינוואַנדערער האָט אָנגעהאַלטן. יעדע גרופּע האָט געבראַכט מיט זיך איר נוסח און קאָלאָריט. אָבער ווי ניט איינהייטלעך דאָס אידישע לעבן איז דאָ געווען, האָבן די אידישע פּרעסע, דאָס אידישע טעאַטער, די אידישע אינסטיטוציעס פון אַלערליי מינים, בתי־מדרשים, יוניאָנס און אָרדנס געדינט ווי אַ פאַנצער קעגן אַסימילאַציע. אָבער גלייכצייטיק איז אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס פון אַמעריקאַניזאַציע, פון אויסלערנען זיך די ענגלישע שפּראַך און פּרואוון צו פאַרשטיין דעם זין פון אַמעריקאַניזם.

די, וועלכע זיינען געוואָרן אַרבעטער, האָבן זיך פאַרלייגט צו ווערן גוטע יוניאָן־לייט; גאַנץ אָפט האָבן זיי געסטרייקט פאַר בעסערע באַדינגונגען, באַקעמפט דעם שוויץ־שאַפּ סיסטעם, אָפט געליטן מפּלות און גיך געקומען צו זייערע כוחות.

די מער באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון אידישע אַרבעטער האָבן זיך געפלייסט אויסצולעבן אין אַ ראַדיקאַלער סביבה, אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די מערסטע ראַדיקאַלע טוער האָבן געגלויבט אין קאָסמאָפּאָ־ליטיזם; זיי זיינען געווען ווייט פון אידישן פאָלקס־לעבן, האָבן ניט געטראַכט וועגן אַ אידישער צוקונפט און אידישער קולטור. לגבי ציוניזם און ארץ

ישראל האָבן זיי זיך באַצויגן קעגנעריש און פרעמד. אין דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען פאַרגעקומען צאַנקערייען, אָפטע שפּאַלטונגען, וואָס האָבן צוגענומען ביי דעם פשוט'ן האַרעפּאַשניק און מאַסן־מענטש זיין גלויבן אין אידעאַלן.

צווישן די אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן אָנהויב צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט האָבן זיך אָבער אויך באַוויזן אידן פון אַנדערע ריכטונגען; ס'האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען פון רוסלאַנד, גאַליציע, פּוילן — פּועלי ציון, ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן). פילע פון זיי האָבן זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. דער קישינעווער פּאָגראָם פון 1903 האָט אויפגעטרייסלט די אידישע און אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט. די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך נאָך דאַן דערלויבט צו פּראָטעסטירן קעגן אַ בלוט־באָד אויף אידן. מער פון אַלעמען האָט דער קישינעווער פּאָגראָם אויפגערודערט די אידישע וועלט, צווישן זיי אויך פילע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע פירער. באַ־זונדערס שאַרף האָבן אין יענע טעג אַרויסגעטראָטן דר. הלל זאָלאָטאַראָוו, אַ ליכטיקע פּערזענלעכקייט אין אידישן ראַדיקאַלן לאַגער; יוסף באַראָנדעס — אַ וויכטיקער אַרבעטער־ און פאָלקס־פירער; משה קאַץ, — באַוואוסטער שריפטשטעלער, ווי אויך אַנדערע ראַדיקאַלן, וואָס האָבן זיך אַ קער געטאָן צום אידישן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם און אָנגעהויבן ריידן אַנדערע דיבורים צום אידישן אַרבעטער און אינטעליגענט. אין יענעם יאָר — 1903 — האָט זיך געגרינדעט אין ניו־יאָרק דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַריין (פּועלי ציון). ער האָט דורכגעפירט נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם אַ שטור־מישע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג און האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט די קעגנער.

פילע האָבן בכלל ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי די פּועלי ציון פאַרן עס צוזאַמען דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם. די יונגע פּועלי ציון באַוועגונג האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן. אין 1905 האָבן די ס. ס. אָנגעהויבן שטאַרק צו פּריידיקן דעם געדאַנק פון טעריטאָריאַליזם, וואָס איז באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן נאָך דעם אָנבאָט פון אוגאַנדאַ מצד דער ענגלישער רעגי־רונג.

די יונגע פּועלי ציון באַוועגונג האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן צוזאַמען. אין זומער פון 1905 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער 7טער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג און אַרויסטריט פון די טעריטאָריאַליסטן, מיט ישראל זאַנגוויל בראש. די שפּאַלטונג האָט זיך אויך אָפּגערופן אין אַמעריקע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער צענטראַל קאָמיטעט פון די פּועלי ציון האָט געפּרוּווט דורך אַ דעקלאַראַציע אויסצו־מיידן אַ פּירוד הלבבות. עס איז ניט געלונגען. די פּועלי ציון („פּאַלעס־טינצעס") האָבן אין דעצעמבער 1905 אָפּגעהאַלטן אין באַלטימאָר אַן אייגענעם

צוזאַמענפאַר. דער צוזאַמענפאַר האָט אָנערקענט ארץ ישראל ווי די אידישע טעריטאָריע און לייזונג פון דער אידן־פראַגע. מיט ווייטיק האָבן זיך צעשיידט די פועלי ציון און סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און זיינען אַוועק אויף באַזונ־דערע וועגן. די קעגנער האָבן שטאַרק הנאה געהאַט, מיינענדיק אַז די שפּאַל־טונג וועט ליקווידירן די נייע שטרעמונג אויף דער אידישער גאַס. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. סיי די פועלי ציון, סיי די ס. ט. האָבן אַנטוויקלט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע, אַרויסגעגעבן וואָכנבלעטער, אַריבערגעבראַכט אַהער וויכטיקע פירער און טעאָרעטיקער און זיך אָנגעהויבן באַפעסטיקן אין היגן לעבן. דר. זשיטלאָווסקי׳ס לעקציעס, דר. נ. סירקינ׳ס השפּעה, „דער אידישער קעמפער״ און די אויפקלערונג פון די פועלי ציון און ס. ט. האָבן דערוואָרבן נייע פריינט דאָ און געהאָלפן אָפּשוואַכן דעם אידעאָלאָגישן איינפלוס פון די קאָסמאָפּאָליטיש־געשטימטע ראַדיקאַלן.

די פועלי ציון האָבן זיך אָנגעהויבן איינבירגערן אין לאַנד און געשטרעבט צו שאַפן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען ניט געווען באַגייסטערט פאַר די אַלגעמיינע אָרדנס; אויך דער אַרבעטער רינג האָט זיי ניט געצויגן, כאָטש אַ טייל פון זיי האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַ פּלאַן אַריינצוגיין אין אַרבעטער רינג און „בויערן פון אינעווייניק״. אייניקע אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט האָבן געמיינט, אַז ס׳איז כדאי צו גרינדן אַן אייגענעם אָרדן, אָבער מען האָט זיך אַ לאַנגע צייט גע׳פּשט׳לט, ביז פילאַדעלפיע האָט גע־נומען די איניציאַטיוו צו גרינדן דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

פילאַדעלפיע האָט דאַן פאַרנומען אין דער יונגער פועלי ציון פאַרטיי דעם צענטראַלן אָרט פון פּראַקטישע מעשים. דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן „דער אידישער קעמפער״, אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער טעטיקייט פון יחזקאל עדעלשטיין, — אַן אומרואיקער, ליידנשאַפטלעכער טוער, וועלכער איז ליידער צו פרי אַוועק פון דער וועלט. דאָרט איז אָנגעפירט געוואָרן פריי־וויליק די טעטיקייט פאַרן נאַציאָנאַלן פאָנד און קאָלאָניאַל באַנק, אונטער דער פירערשאַפט פון מאיר בראַון; דאָרט איז געלונגען צו געווינען פאַר אונזער געדאַנק אַמעריקאַנער און אַמעריקאַניזירטע אינטעליגענטע כוחות. האָבן דריי חברים — ה. וועקסלער, י. מילער און מאיר בראַון — אויף דער איניציאַטיוו פון לעצטן, באַשלאָסן צו לייגן דעם יסוד פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער אונטערשטיץ־פאַראיין. בראַון האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן פאַר אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג אין אויגוסט 1908. די גרינדער האָבן זיך געשטעלט נאָך אַ צוועק: פאַראייניקן אונטער איין דאַך די פועלי ציון, ס. ט., גלות־נאַציאָנאַליסטן, זשיטלאָווסקיאַנער און גוט־מאַכן דעם פּריצייטיקן ריס אין דער פועלי ציון פאַרטיי. ביי דער גרעסערער

פאַרזאַמלונג זיינען געקומען 11 חברים — 8 פועלי ציון, 2 ס. ט. און 1 זשיטלאָווסקיאַנער (בן־עמי, סטאָלבערג, פאַלקאָוו, פליקאָוו, ראָטמאַן, בערלין, מילער, וועקסלער, סטרוק, גערסאָן און בראַון). די פאַרזאַמלונג האָט פאָרמו־לירט בקיצור די צילן פון דעם נייעם פאַראיין: שאַפן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַראיין פאַר קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג און הילף; שטאַרקן דעם אידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין פון זיינע מיטגלידער; קעמפן קעגן אַסימילאַציע־טענדענצן אין אידישן און אידישן אַרבעטער לעבן; אָנפירן אַ אידישע קולטור־ און דערציאונגס־אַרבעט; אַרבעטן פאַר דער ווידער־פאַראייניקונג פון די פועלי ציון און ס. ט.; אָפּגעבן זיך מיט דער אידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און גרינדן ענלעכע פאַראיינען איבערן לאַנד, וואָס זאָלן פירן צו דער פאָרמירונג פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד, ווי אַ פּראָגרעסיוון אידישן אַרבעטער אָרדן. מאיר בראַון איז באַאויפטראַגט געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ דעקלאַראַציע, זיך פאַרבינדן מיטן לאַנד און מעלדן וועגן דעם נייעם פאַראיין צו די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די פועלי ציון און ס. ט. די פילאַדעלפיער חברים האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי נעמען אויף זיך אַ גרויסע אויפגאַבע. זיי האָבן ניט געוואוסט ווי דער עולם וועט זיך אָפּרופן און זיך וויניק פאַרטראַכט וועגן די שוועריקייטן. עס איז געווען אַ מוטיקע און אַנטשלאָסענע גרופּע, וואָס האָט געוואָלט גע־ווינען גרעסערע צאָלן.

אין אויגוסט 1908 איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון חבר בראַון אַ גע־דרוקטע דעקלאַראַציע. דער אָפּרוף איז געווען דערמוטיקנדיק, אָבער עס זיינען אויך געווען סקעפּטיקער. די לייטונג פון ס. ט. אין ניו־יאָרק האָט אינפאָרמירט, אַז זיי גרינדן ס. ט. פאַראיינען אין אַרבעטער רינג. זיי האָבן גע׳חלומ׳ט, אַז זיי וועלן זיך קאָנען באַפעסטיקן אין אַרבעטער רינג, אָבער אַ צאָל ס. ט.־חברים האָבן געשטיצט דעם פּלאַן פון אַ פאַרבאַנד. דער צענטראַל קאָמיטעט פון די פועלי ציון האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך בעסער פאַרבינדן מיטן „אָרדן בני ציון״, וואָס האָט זיך געהאַט געגרינדעט מיט אַ פּאָר יאָר פריער. ער האָט בכן שטאַרק קריטיקירט דעם פילאַדעלפיער באַשלוס. די פילאַדעלפיער גרופּע איז אָבער ביי זיך ניט געפאַלן און האָט געפאָדערט, אַז דער צענטראַל קאָמיטעט זאָל אָפּשטעלן זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט בני ציון און איבערגעבן די גאַנצע פראַגע צום פּאַרטיי־ראַט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין הערבסט 1908 אין באָפאַלאָ. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט דאָס נאָכגעגעבן. פון דעם וואַרעמען אָפּרוף פון לאַנד איז געווען צו מערקן, אַז דער געדאַנק פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד קאָן אָננעמען אַ ממשות׳דיקע פאָרם.

די מערסטע געגרינדעטע גרופּעס זיינען באַשטאַנען פון אַריבערגעו־

קומענע. זיי האָבן געזען אין פאַרבאַנד אַ שוץ קעגן אַסימילאַציע און דעם אויסדרוק פון גלויבן אין אייגענע כוחות.

סוף סעפטעמבער איז פאָרגעקומען דער פועלי ציון פאַרטיי־ראַט אין באַפאַלאָ. די פילאַדעלפיער זיינען קריטיקירט געוואָרן, דאָך האָט דער פאַרטיי־ראַט באַשלאָסן צו שטעלן צו אַ דיסקוסיע די גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

אויפן באַפאַלאָער פאַרטיי־ראַט איז מ. בראַון געוויילט געוואָרן אין דעם פאַרטיי־סעקרעטאַריאַט און האָט געמוזט איבערפאָרן קיין ניו־יאָרק. ער האָט איבערגעגעבן די פאַרבינדונגען מיטן לאַנד צו חבר יוסף מילער ע״ה. יוסף מילער איז אָבער געווען שוואַך אין געזונט און ניט גוט באַקאַנט, איז ער געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציען פון זיין אַרבעט. דער פילאַדעלפיער פאַראיין האָט דאַן באַשלאָסן איבערצוגעבן די פאַרבינדונגען און פירערשאַפט צו דעם פיטסבורגער פאַראיין, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין יענער צייט. די פיטסבורגער האָבן אין אַפּריל 1909 דערוויילט חבר ש. סיגאַל ע״ה, ווי דעם סעקרעטאַר. ער, צוזאַמען מיט זיינע ברידער, מאָריס און ה. סיגאַל, י. כהן און ה. מאָרגאַן (ליידער זיינען זיי שוין אויך ניט מער צווישן די לעבעדיקע), האָבן געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פאַרבאַנד.

אין סעפטעמבער 1909 איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ דער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון די פועלי ציון מיט אַ טייל ס. ט. און „זישטלאָווסקיאַנער״. עס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1908. ס׳איז געווען אַ פסיכאָלאָגישער מאָמענט, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די פאַראייניקונג אויף דעם שיקאַגער צוזאַמענפאָר. ביים זעלביקן צוזאַמענפאָר האָט מאיר בראַון, ווי דער סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי, איבערגעגעבן דעם באַשלוס פון דעם באַפאַלאָער פאַרטיי־ראַט, אינפאָרמירט וועגן אַ צאָל געגרינדעטע פאַרבאַנד־פאַראיינען און דערקלערט, אַז דער פאַרבאַנד איז ניט מער אַ דיסקוסיע־ענין, נאָר אַ געשעענער פאַקט. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט גוטגעהייסן די גרינדונג פון דעם פאַרבאַנד.

די פיטסבורגער און אַנדערע פאַראיינען זיינען שטאַרק דערמוטיקט געוואָרן פון דעם שיקאַגער באַשלוס. ווען אָנהויב 1910 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער פאַרבאַנד־פאַראיין אין ניו־יאָרק (צווייג 14), האָט זיך דער פאַראיין געאייניקט מיט פיטסבורג, אַז מען דאַרף האָבן אַ צוזאַמענ־פאָר. אין דער טעגלעכער פרעסע האָבן אָנגעהויבן דערשיינען נאָטיצן פון פאַרבאַנד. פריינט און חברים האָבן זיך פאַראינטערעסירט; קעגנער האָבן געקוקט מיט ביטול און חוזק. בראַון געדענקט אַ שמועס מיט אַ וויכטיקן פירער פון אַ גרויסן אידישן אָרדן, וועלכער האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען

צו אַנטמוטיקן אים, דערקלערנדיק אַז דער פאַרבאַנד וועט קיינמאָל ניט קאָנען קריגן אַ טשאַרטער. אים האָט זיך זייער געוואָלט אַריינקריגן די יונגע מיטגלידער צו זיך. היינט איז שוין יענער אָרדן אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. אויך אין די אַרבעטער רינג קרייזן האָט מען געקוקט קרום אויף דעם פאַרזוך. אַ טייל פון אַרבעטער רינג האָבן אַפילו געזען אין דער גרינדונג אַ פּשוט'ע קאָנקורענץ צום אַרבעטער רינג. די מחשבה איז געווען ווייט פון פאַרבאַנד־פירער.

דער פאַרבאַנד אין פּיטסבורג האָט ניט פאַרזיכערט קיינע בענעפיטן צו זיינע מיטגלידער. אַלערליי פאַרשלאָגן זיינען געמאַכט געוואָרן. ס'איז אַלץ רייפער געוואָרן דער פּלאַן פון אַ גרינדונגס־קאָנפערענץ, וואָס איז ענדלעך פאָרגעקומען פון 10טן ביזן 16טן יוני 1910, אין ראָטשעסטער. אָנהויב יוני איז אין „וואַרהייט" דערשינען דער ערשטער אַרטיקל וועגן די אויפגאַבן פון פאַרבאַנד. ביי דער קאָנפערענץ אין ראָטשעסטער זיינען געווען פאַרטראָטן: ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, פּיטסבורג, שיקאַגאָ, מילוואָקי, סינסינעטי, מאָנטרעאָל, ראָטשעסטער, דעטראָיט, בראָנזוויל און נאָך אַ פּאָר קלענערע פונקטן. „די וואַרהייט" איז געווען זייער פריינטלעך און האָט אויף דער ערשטער זייט געדרוקט באַריכטן פון דער קאָנפערענץ. די אידישע עפנטלעכקייט איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן אַ נייעם טיפּ אָרדן.

די ראָטשעסטער־טעג פון דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר זיינען געווען אינטערעסאַנטע. אַ הייסער קאַמף איז געפירט געוואָרן אַרום די גרונטפּרינציפּן פון פאַרבאַנד. איין צד האָט געוואָלט, אַז דער פאַרבאַנד זאָל גלייך אָננעמען אַ פּועלי־ציון ־פּלאַטפאָרמע און ווירקן ווי אַ פּאַרטייאיש־באַוואוסטזיניקער כּוח אין אידישן אַרבעטער לעבן און פאַר ארץ ישראל. דער צווייטער צד האָט געוואָלט אַ פרייען נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע ריכטונגען, אַפילו די אַזוי־גערופענע „גלות־נאַציאָנאַליסטן", איבערלאָזנדיק צו דער אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד זיין פּאָזיטיווע שטעלונג צו ארץ ישראל. דער צד האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף ניט פאַרשליסן די טירן פון פאַרבאַנד, נאָר שאַפן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט דורכמאַכן די אידייאישע אַנטוויקלונג פּאַמעלעך און מיט דער צייט באַווירקן אירע מיטגלידער. געזיגט האָט דער צווייטער צד, אָבער שוין אין ראָטשעסטער האָט דער פאַרבאַנד באַטאָנט זיין סאָלידאַרישקייט און סימפּאַטיע מיטן ארץ־ישראל'דיקן אידישן אַרבעטער דורך אָננעמען אַ שטייער פון 3 סענט פאַרן פּאַלעסטינער אַרבעטער פאָנד.

די קאָנפערענץ האָט באַטאָנט, אַז דער פאַרבאַנד וועט אָרגאַניזירט פאַר קעגנזייטיקער הילף אין פאַל פון נויט, קראַנקייט און טויט; פאַר דערציאונג פון אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין פולן באַוואוסטזיין פון

זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן. דער פאַרבאַנד האָט זיך אַרויס־געזאָגט פאַר שטיצן אַלע אַרבעטן וואָס פירן צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפלעב פון אידישן פאָלק, אויך אַלע אַרבעטן וואָס פירן צו דער פאַרשטאַרקונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אין דעם גייסט האָט מען אויך איינגעפירט אַ שבועה ביים אויפנעמען נייע מיטגלידער.

די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן דערציאונג, וועגן גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שבת־און־זונטיק שולן און בכלל געבן יעדע הילף צו דער פראַגע פון אידישן חינוך.

עס זיינען געווען אַנדערע רעזאָלוציעס וועגן ווערן אַמעריקאַנער בירגער, שטיצן דאָס צוזאַמענרופן אַלוועלטלעכן אידישן עמיגראַציע־קאָנגרעס, שטיצן די פאָדערונג פון די פועלי ציון פאַר אַ אידישער סעקציע אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָנפירן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אידישע און העברע־אישע ביכער אין די עפנטלעכע שטאָט־ביבליאָטעקן, באַטאָנען די וויכטיקייט פון דער פראָפעסאָינעלער יוניאָן־באַוועגונג און אויפפאָדערן חברים צו גרינדן פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען דאָרט, וואו זיי זיינען ניטאָ און וואו עס זעען זיך מעגלעכקייטן.

עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ צייטווייליקע קאָנסטיטוציע, אַז אַלע געזעצן פון פאַרבאַנד זאָלן גוטגעהייסן ווערן דורך אַ רעפערענדום און אַז די מיט־גלידער פון דער עקזעקוטיווע זאָלן אויך געווילט ווערן דורך אַ רעפערענדום.

ס'איז דערווילט געוואָרן אַ לייטונג פון פאַרבאַנד, מיטן הויפט־צענטער אין ניו־יאָרק. י. חייקין איז דערווילט געוואָרן אַלס 1טער פאָרזיצער; מאיר בראַון, סעקרעטאַר; א. גרייזעל, קאַסירער; אויך 6 מיטגלידער פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע און אַ קאָנטראָל־קאָמיטעט פון 3 חברים.

די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן מיט האַרציקע רייד און געזאַנג. די דעלעגאַטן האָבן פאַרלאָזן ראָטשעסטער געשטאַרקט אין זייער איבערצייגונג אין דער צוקונפט פון פאַרבאַנד. זיי האָבן אויך באַטאָנט, אַז די פועלי ציון האָבן צוגעקראָגן געטרייע מיטקעמפער אין דעם פאַרבאַנד.

***

דער ערשטער יאָר נאָך ראָטשעסטער איז אַוועקגעגאַנגען אין שאַפן מערערע פאַרבינדונגען מיטן לאַנד. דער פאַרבאַנד האָט ניט געהאַט קיינע מיטלען; אָפטמאָל האָט געפעלט געלט אויף פאָסט־מאַרקן. דער געהאַלט פון סעקרעטאַר איז באַשטימט געוואָרן צען דאָלער אַ וואָך, וואָס איז אויך ניט געצאָלט געוואָרן רעגלמעסיק. די נייע לייטונג האָט באַשלאָסן, אַז פאַר די ערשטע 6 חדשים זאָל מען ניט צאָלן קיין בענעפיטן. מען האָט זיך פאַרקלערט וועגן דער וויכטיקייט פון לעגאַליזירן דעם פאַרבאַנד און טראַכטן

ווענן אַ סיסטעם פון לעבנס־פאַרזיכערונג און קראַנקען־בענעפיט. דאָס וויכטיקסטע איז געווען צו שאַפן צוטרויען צום פאַרבאַנד מצד די חברים און פריינט, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט דעם נייעם אָרדן.

די ערשטע וויכטיקע אַרבעט איז געווען צו גרינדן מיט די פועלי ציון אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע אין ניו־יאָרק. דאָס איז געשען נאָך דער מאָנטרעאָלער פועלי ציון קאָנווענשאָן אין 1910. דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער שולע איז געווען חבר ה. עהרענרייך.

בנוגע אידישע און העברעאישע ביכער אין שטאָט־ביבליאָטעקן, האָט מען זיך געווענדעט צו חבר יואל ענטין, אַז ער זאָל אָנשרייבן אין ענגליש אַ קורצן איבערבליק וועגן דער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור. אַזאַ איבערבליק איז געדרוקט געוואָרן און צעשיקט געוואָרן איבערן לאַנד; אויך האָבן זיך חברים געווענדעט צו די שטאָט־ביבליאָטעקן און אַ דאַנק זייערע באַמיאונגען זיינען אָפּטיילונגען פון אידישע און העברעאישע ביכער געגרינדעט געוואָרן אין אַ צאָל שטעט. יעדע צווייַ וואָכן זיינען געשיקט געוואָרן צו די פאַראיינען צושריפטן מיט אַ באַלייכטונג וועגן אָרגאַניזאַטאָרישע, אידיש־געזעלשאַפטלעכע און אַרבעטער פראַגן. די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרצווייגן און חבר באַנטשעק, וועלכער איז אָנגעקומען פון טאָלידאָ, איז איינגעלאַדן געוואָרן מיטצואַרבעטן מיט חבר בראַון. זיין געהאַלט איז באַשטימט געוואָרן אַכט דאָלער אַ וואָך.

די לייטונג פון פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט מערערע פאַרזאַמלונגען אין ניו־יאָרק. דער פאַרבאַנד סעקרעטאַר האָט באַזוכט נאָענטע פונקטן. פון אַ גרעסערן און ווייטערן באַזוך האָט מען ניט געחלומ׳ט, ווייל עס זיינען ניט געווען די מיטלען און מ׳האָט מורא געהאַט, אַז דער סעקרעטאַר זאָל פאַרלאָזן דעם אָפיס אויף מער ווי אַ פּאָר טעג. אַלע בריוו און צושריפטן זיינען געשריבן געוואָרן מיט דער האַנט. דעם לוקסוס פון אַ סטענאָגראַפיסטין האָט זיך נאָך דער פאַרבאַנד דעמאָלט ניט געקאָנט דערלויבן.

די מערסטע פאַרבאַנד־צווייגן האָבן אָרגאַניזירט פועלי ציון און אַנדערע פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקע חברים. ווען ס׳איז אָנגעקומען אַ מעלדונג אין ניו־יאָרק, אַז אַ לאַנדסלייט פאַראיין אין פילאַדעלפיע וויל זיך אָנשליסן אין פאַרבאַנד, איז די שמחה געווען גרויס. די בראַהינער האָבן זיך טאַקע אָנגעשלאָסן און מ׳האָט זיי געגעבן דעם נומען 2. עס האָט שוין עקזיסטירט אין ניו־יאָרק אַ „פועלי ציון בענעוואָלענט פאַראיין״. ער האָט באַשלאָסן אין 1911 זיך אָנשליסן אין פאַרבאַנד. צווישן די אַריינגעקומענע זיינען דאַן געווען ש. גאָלדשטיין, ה. עהרענרייך, וועלוול שוואַרץ און מ. גלאַזמאַן.

לאַנגזאַם איז דער פאַרבאַנד געוואַקסן, צוגעקראָגן פאַראיינען. אָפט פלעגן קומען אומצופרידענע פון אַרבעטער רינג און אַנדערע אָרדנס און געוואָלט

פירן פאַרהאַנדלונגען מיטן פאַרבאַנד וועגן אַריינטרעטן ווי צווייגן. דער ענטפער פון דער פאַרבאַנד־לייטונג איז שטענדיק געווען קלאָר און דייטלעך: „מיר נעמען ניט איבער קיין אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען פון אַנדערע. מיר ווילן ניט מיט קיינעם קאָנקורירן. מיר זיינען אַ אידייאישע און ערנהאַפטע אָרגאַניזאַציע. אויב איר ווילט אַריינטרעטן ווי איינצלנע מיטגלידער, זייט איר ווילקאָמען".

אין יולי 1911 איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד אין פיטסבורג. דער פאַרבאַנד האָט שוין דאַן געציילט בערך טויזנט מיטגלידער. די וויכטיקסטע פראַגע אויפן צוזאַמענפאָר איז געווען, ווי אַזוי טרעט מען צו וואָס שנעלער צו לעגאַליזירן דעם פאַרבאַנד אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען אויסנוצן די סימפּאַטיע וואָס ער זיך דערוואָרבן איבערן לאַנד. ס'איז איבער־געגעבן געוואָרן צו צוויי חברים — בראַון און אוורונין — אויסצופאָרשן און פאָרברייטן אַ פּלאַן פאַר די פאַרזיכערונגס־בענעפיטן פון פאַרבאַנד. אין די אָרדנס איז דאַן געווען פּאָפּולער דער פּלאַן פון ביליקע צאָלונגען. זיי האָבן געלעבט פון האַנט צום מויל און וויניק געטראַכט וועגן דער צוקונפט. ס'איז ניט געווען קיין אונטערשיד אין די צאָלונגען צווישן יונג און אַלט. מיט דער צייט האָבן זיך די מיטגלידער געעלטערט, די שטערבלעכקייט איז געוואָרן גרעסער און גאָר גרויסע אָרדנס זיינען געשטאַנען אויפן שוועל פון אָפּשוואַכונג און אונטערגאַנג.

פאַר דער פאַרבאַנד־לייטונג איז געשטאַנען די פראַגע: זאָל מען גיין אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד, איינפירן אַן „אַסעסמענט"־סיסטעם פון גלייכע צאָלונגען, אָדער ברענגען אַ נייס אויפן געביט פון פאַרזיכערונג? אייניקע האָבן גע'טענה'ט, אַז דער פאַרבאַנד באַשטייט פון גאָר יונגע מענטשן און ער קאָן נאָך יאָרן־לאַנג זיך פירן לויט דער סיסטעם פון אַנדערע אָרדנס. די חברים בראַון און אוורונין האָבן אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג, וואָס איז באַקרעפטיקט געוואָרן פון אַזאַ אויטאָריטעט, ווי מיילס מ. דאָוסאָן, וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער פאַרזיכערונגס־מאַטעמאַטיקער. צו אים זיינען דאַן אַוועק די צוויי חברים, אים איבערגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט וויסן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע און איז טיילווייז פאַראינטערי־גירט געוואָרן זעענדיק פאַר זיך צוויי נאָך גאָר יונגע מענטשן, וועלכע האָבן אים ענטוזיאַסטיש געלאָזט פילן אַז זיי זיינען גרייט אויף אַלע שוועריקייטן איצט, אַבי דער פאַרבאַנד זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען.

דאָס האָבן מיר דעמאָלט אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם פון בענעפיטן ענלעך צו דער סיסטעם פון די גרויסע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן. דאָוסאָן איז געוואָרן אַ גרויסער פריינט פון פאַרבאַנד, האָט פיל געאַרבעט און שטאַרק באַווירקט צו געווינען פאַרן פאַרבאַנד דעם צוטרויען פון דעם ניו־יאָרקער

פאַרזיכערונגס־דעפּאַרטמענט. דער סעקרעטאַר פלעגט אים זייער אָפט באַזוכן און געטרויבט פון אים פיל צייט. פון רייכע קליענטן האָט ער געוומען שווערע טויזנטער; מיר האָבן נאָך גוט אָפּגעשניטן וואָס ער האָט פאַר זיין שווערער אַרבעט גענומען טויזנט דאָלער.

ביי די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע פלעגט מען אָפט פאַרהאַנדלען וועגן די פאַרזיכערונגס און לעגאַלע פראַגן. אָפט זיינען די זיצונגען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ קלאַס איבער פאַרזיכערונג. איין גרויסע שוועריקייט איז געשטאַנען אין וועג. בכדי צו קריגן דעם טשאַרטער האָט דער פאַרבאַנד געמוזט קריגן 500 חברים, יעדער פון וועלכע זאָל אַרויסנעמען אַ טויזנט־דאָלערדיקע פּאָליסי. די פאַרדינסטן צו יענער צייט זיינען געווען זייער קליינע און אַ טויזנט־דאָלערדיקע פּאָליסי איז פאַר די מערסטע געווען אַ חלום, וואָס מען קאָן ניט דערגרייכן.

די עקזעקוטיווע האָט זיך געאייניקט צו רעקאָמענדירן צום פּיטסבורגער צוזאַמענפאָר דעם פאַרזיכערונגס־פּלאַן און די שריט פאַר קריגן דעם טשאַר־טער. בראַון איז געווען אין פּיטסבורג אָנהויב מאַי 1911, ערשטנס צו מאַכן די געהעריקע הכנות פאַרן צוזאַמענפאָר און צווייטנס צו קריגן אַ גרעסערע הלוואה, אין וועלכע דער פאַרבאַנד האָט זיך גענויטיקט פאַר זיין אַרבעט. די אָרטיקע חברים — ש. סיגאַל, מ. סיגאַל, ה. סיגאַל, י. כהן מאָרגאַן און אַנדערע — האָבן אים אויפגענומען בסבר פנים יפות און אים געגעבן אַ הלוואה פון 850 דאָלער. חבר בראַון האָט עפנטלעך אויסגעדריקט אַנערקענונג צו די חברים ביים צוזאַמענפאָר.

דער פּיטסבורגער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט אַ פּאָר טעג. עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן, געהערט געוואָרן דיסקוסיעס. אויף יענעם צוזאַמענפאָר איז אויך אָנוועזנד געווען לעאָן כאַזאַנאָוויטש, וועלכער איז גע־קומען אין שליחות פון אידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, מיט געוויסע תביעות צו דער „איקא". זיין באַריכט איבער די קאָלאָניעס און באַהאַנדלונג פון „איקא" האָט אויפגעשטורעמט דעם צוזאַמענפאָר. אַ רעזאָלוציע פון דער־מוטיקונג לטובת די קאָלאָניסטן איז אָנגענומען געוואָרן. ביי יענעם צוזאַמענ־פאָר זיינען דערוויילט געוואָרן ג. אוורונין, פּרעזידענט; נ. עלקין, וויצע־פּרעזידענט; מאיר בראַון, סעקרעטאַר; מ. מאָהעל, קאַסירער; נאָך 7 חברים אין דער עקזעקוטיווע און אַ קאָנטראָל־פינאַנץ־קאָמיטע פון 5 חברים.

דער גאַנצער יאָר 1912 איז פּאַקטיש געווען געווידמעט צו דער לעגאַ־ליזירונגס־אַרבעט פון פאַרבאַנד. דעם 7טן מערץ 1912 איז דער פאַרבאַנד אינקאָרפּאָרירט געוואָרן און דעם 29טן מערץ האָט דער פאַרבאַנד געקראָגן אַ צייטווייליקע דערלויבעניש פון ניו־יאָרקער פאַרזיכערונגס־אָפּטיילונג. ס'איז געגעבן געוואָרן צייט דעם פאַרבאַנד דורכצופירן די אַקציע צו קריגן 500

מיטגלידער מיט טויזנט דאָלער פאַרזיכערונג. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט קאָרעספּאָנדענץ אַליין וועט מען זיך ניט רירן פון אָרט. די עקזעקוטיווע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און באַשלאָסן אַרויסשיקן אויף דריי וואָכן דעם סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד.

אין חודש יולי 1912 איז חבר בראַון אַרויסגעפאָרן צו באַזוכן 18 שטעט אין די הייסע טעג. ס'איז געווען אַ שווערע אַרבעט — קאָנפערענצן, מיטאָגן, עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, באַנקעטן, זיצונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט; אָבער ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין באַזוך, האָט ער געהאַט מיט זיך 435 אַפּליקאַציעס פאַר טויזנט דאָלער יעדער, מיט אַן איינצאָלונג. די איבעריקע אַפּליקאַציעס זיינען געקראָגן געוואָרן אין ניו־יאָרק. צוזאַמען זיינען אַריינגעפאַלן 510 אַפּליקאַציעס. צען האָט מען גע'פּסל'ט. דער פאַרבאַנד מעג וויסן, אַז אָרעמע חברים האָבן אַרויסגענומען דאָן טויזנט־דאָלערדיקע פאָליסיס און געמאַכט אַן איינצאָלונג, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ פאַרמעגן.

מיילס דאָוסאָן האָט גראַטולירט דעם פאַרבאַנד מיט זיינע רעזולטאַטן און געלאָזט וויסן דעם ניו־יאָרקער פאַרזיכערונגס־דעפּאַרטמענט, אַז דער פאַרבאַנד איז גרייט פאַר אונטערזוכונג און אַז ער רופט אַ „טשאַרטער"־צוזאַמענפאָר אויף סוף דעצעמבער 1912 און אָנהויב יאַנואַר 1913, אין אָלבאַני. די אונטערזוכונג פון דער רעגירונג האָט זיך פאַרשפּעטיקט און האָט זיך אַריינגעצויגן ביז די סאַמע לעצטע טעג פון דעצעמבער 1912. חברים זיינען אויסגעפרעגט געוואָרן פּריוואַט. מען האָט חוקר ודורש געווען יעדן איינעם פון די באַאַמטע און מיטגלידער פון פאַרבאַנד. יעדע אַפּליקאַציע, יעדער דאָקומענט, יעדער בריוו, יעדע איינצאָלונג איז דאָן אונטערזוכט געוואָרן. טראָץ דעם, וואָס די באַאַמטע זיינען געווען נערוועז, האָבן זיי געהאַט די זיכערקייט, אַז סוף כל סוף וועט מען קריגן דעם טשאַרטער. זיי און אַנדערע חברים זיינען אָפּגעפאָרן סוף דעצעמבער קיין אָלבאַני. דער זון פון מיילס דאָוסאָן, אַ פריינט פון פאַרבאַנד, איז דאָן מיטגעפאָרן. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע זיצונגען. ער און בראַון האָבן באַזוכט דעם אינשורענס דעפּאַרטמענט אַ פּאָר מאָל. מען האָט זיי דערקלערט, אַז די אונטערזוכונג איז געווען גינסטיק, אָבער צוליב דעם פעלן פון אַ וויכטיקן באַאַמטן, וועט דער פאַרבאַנד קריגן זיין טשאַרטער אַ פּאָר טעג נאָך דער קאָנווענשאָן. אַזאַ מעלדונג איז געבראַכט געוואָרן צו דער קאָנווענשאָן. די מערסטע דעלעגאַטן זיינען אָפּגעפאָרן שטאַרק אויפגעמונטערט.

דעם 6טן יאַנואַר, 1913, האָט דער פאַרבאַנד געקראָגן זיין טשאַרטער. עס איז פאַרשפּאָרט צו באַטאָנען ווי גרויס עס איז געווען די שמחה אין הויפּט־אָפיס און איבערן לאַנד, ווען אַ טעלעגראַפישע מעלדונג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד האָט ענדלעך דעם טשאַרטער.

פון דער ראָטשעסטער קאָנפערענץ ביז אַלבאַני זיינען פאַריבער בלויז צוויי־אַ־האַלב יאָר, אָבער אין דער צייט האָבן פאַרבאַנד־חברים דורכ־געמאַכט פיל דערפאַרונג אין זייער אידיש־געזעלשאַפטלעכער און פאַרבאַנד־טעטיקייט. זיי זיינען דערצויגן געוואָרן בעסער צו פאַרשטיין דעם זין פון אַרבעטנדיקן ארץ ישראל. דער פאַרבאַנד איז פאַר פילע מיטגלידער באמת געוואָרן אַ לערן־אינסטיטוט. חברים וואָס זיינען געווען אַמאָל קאַלט און פרעמד צו ארץ ישראל, זיינען געוואָרן שפּעטער די ענטוזיאַסטישסטע קעמפער און טוער. ס'איז געווען אַ היסטאָרישע דאַטע פון פאַרבאַנד, ווען ער האָט אויף איינע פון זיינע זיצונגען אין אַלבאַני אָנגענומען אַ קלאָרע פּרינציפּן־שטעלונג בנוגע ארץ ישראל.

מיטן טשאַרטער האָט זיך אָנגעהויבן די עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד, ווי אַ געזעצלעך־פונקציאָנירנדיקער אָרדן. היינט זעצט פאַר דער פאַרבאַנד דאָס, וואָס זיינע גרינדער און טוער אין ניו־יאָרק און אויף דער פּראָווינץ האָבן אויפגעבויט אין יענע יאָרן, ווען אַלץ איז אָנגעקומען שווער און אָפט מיט יסורים. די קאָנפערענץ אין אַלבאַני האָט פאַרענדיקט אַ וויכטיקן קאַפּיטל אין לעבן פון פאַרבאַנד.

45 יאָר פאַרבאַנד

נאָך דער טשאַרטער־קאָנווענשאָן זיינען פאַריבער איבער 45 יאָר. איך האָב אָפּזיכטלעך זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד בכדי צו געבן אַ באַגריף די נייע מיטגלידער וועגן די ערשטע פּיאָנערן־יאָרן פון פאַרבאַנד.

אין דעם ערשטן טשאַרטער־יאָר איז געטאָן געוואָרן אַ גוואַלדיקע אָרגאַ־ניזאַטאָרישע אַרבעט. צום סוף פון יענעם יאָר האָט שוין דער פאַרבאַנד געהאַט צוויי טויזנט גוט־שטייענדיקע חברים אין 55 צווייגן. יענעם יאָר האָבן עקזיסטירט אין אַמעריקע אַ 12־13 אידישע אָרדנס, מיט אַ פאַרזי־כערונג פון אַרום 250 מיליאָן דאָלאַר. די גרעסטע אָרדנס זיינען דאַן געווען: „אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם", „אָרדער ברית אברהם" און אַרבעטער רינג. בני ברית" ווערט ניט אַריינגערעכנט צווישן זיי, ווייל ער האָט, אַחוץ פון אַ טייל ניו־יאָרקער, ניט געגעבן קיין לעבנס־פאַרזיכערונג צו זיינע מיטגלידער.

היינט זיינען אָרגאַניזירט אין די אידישע אָרדנס אַרום 150 טויזנט מיטגלידער, אַנשטאָט די אַמאָליקע 600 טויזנט. וואָס פאַר אַ ירידה אין דער אידישער אָרדן־וועלט!

1913 און די יאָרן שפּעטער זיינען אָבער ניט געווען בלויז יאָרן פאַר אָרגאַניזאַציע־אַרבעטן. אין 1913 האָט דער פאַרבאַנד זיך אַריינגעוואָרפן

מיט ברען און אימפעט צו באַקעמפן דעם בורנעט־פּראָיעקט צו באַשרענקען אימיגראַציע. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ דעלעגאַציע קיין וואַשינגטאָן און אָרגאַניזירט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען איבערן לאַנד. דער פאַרבאַנד איז אויך געווען וואַכזאַם צו יעדער וויכטיקער פראַגע פון אידישן לעבן. ער האָט יענעם יאָר פּראָטעסטירט קעגן פּוילישן באָיקאָט, קעגן דעם מענדל בייליס עלילת־דם פּראָצעס אין קיעוו, רוסלאַנד. די פאַרבאַנד־צווייגן האָבן אויך אויסגעדריקט זייער צאָרן קעגן די אידיש־דייטשע מיטגלידער פון קוראַטאָריום פאַרן געפּלאַנטן פּאָליטעכניקום אין חיפה, וואָס האָבן באַשלאָסן איינצופירן דייטש, ווי די אָפיציעלע שפּראַך. די אידישע וועלט האָט געשטורעמט קעגן דעם באַשלוס פון די אַסימילאַנטן. זיי האָבן ניט אויסגעפירט.

אַ גאָר וויכטיקן בייטראַג האָט דער פאַרבאַנד געגעבן צו קולטור־אַרבעט, אָנגעפירט פון אַ ספּעציעלן בילדונגס־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים חיים ליבערמאַן, ש. שאַפּיראָ, יואל ענטין, פּ. גינגאָלד און מאיר בראַון. דער קאָמיטעט האָט מיטגעהאָלפן צו גרינדן פאָלקשולן, פאַרשטאַרקט די אַגיטאַציע פאַר אידישע אָפּטיילן אין שטאָט־ביבליאָטעקן.

אין 1914 האָט דער קולטור־קאָמיטעט אָנגעהויבן אַרויסגעבן קינדער־ליטעראַטור, וואָס האָט פאַראינטערעסירט אַפילו די גרויסע אידישע שרייבער י. ל. פּרץ און דינעזאָן. זיי האָבן דאַן צוגעשיקט רירנדיקע בריוו צום פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד האָט אויך געעפנט אָוונט־שולן פאַר דערוואַקסענע.

דער אינטערעס צום פאַרבאַנד איז געוואַקסן. אַ גרויסער טור איז דורכ־געפירט געוואָרן מיט חבר ג. אָוורונין, פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. ער איז דערוויילט געוואָרן פון דאָס ניי פּרעזידענט ביי דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד אין פילאַדעלפיע. אין 1917 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן און איז אַוועק קיין ארץ ישראל. דאָרט איז ער ליידער קראַנק געוואָרן. נאָך זיין צוריקקומען איז ער ניט מער געווען דער זעלביקער פריילעכער און ענערגישער אָוורונין. נאָך אַ לענגערער קראַנקייט איז ער אַוועק אין 1923.

יאָרן זיינען געגאַנגען. דער פאַרבאַנד איז געוואַקסן. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פריער אַ 3־חודשלעכן זשורנאַל, „די פאַרבאַנד שטימע״, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער בייטראַג צום אויפקלערונג פון פאַרבאַנד־אויפגאַבן און טעטיקייטן, שפּעטער אַ חודשלעכן זשורנאַל.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די אימיגראַציע כמעט ווי אָפּגעשטעלט. אָרדנס זיינען שווער געטראָפן געוואָרן. אין יענער צייט איז דער פאַרבאַנד אויסגעוואַקסן גייסטיק און פּאָליטיש, ווערנדיק אַ הייסער קעמפער פאַרן געדאַנק פון אַ דעמאָקראַטישן אידישן קאָנגרעס און באַטייליקנדיק זיך אין דער פאָלקס הילפס־אַרבעט. מיט זיין גאַנצן ברען האָט דער פאַרבאַנד געוועקט און גערופן זיינע מיטגלידער צו דער אַרבעט

פאַר פאָלקס־הילף („פיפלס רעליף"). ער האָט צוגעשטעלט הונדערטער וואָלונטירן פאַר דער אַרבעט.

די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד האָט מען ערשט דערזען אויף זיין דריטן צוזאַמענפאָר, אין באָפאַלאָ, אין 1915. אויף יענעם צוזאַמענפאָר זיינען אויך געווען חשוב׳ע געסט, ווי בן־גוריון פון ארץ ישראל, אַלעקסאַנדער כאַשין, יואל ענטין און אַנדערע, אויך פראָפ. יצחק אייזיק הורוויטש, חבר אַרנאָלד איזראַעלי. דער באַריכט פון פאַרבאַנד אין באָפאַלאָ האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען און האָט געקראָגן אַ וואַרעמע אָפּשאַצונג פון בן־גוריון, כאַשינ׳ען, יצחק אייזיק הורוויטש און אַנדערע.

אויפן באָפאַלאָער צוזאַמענפאָר האָט דער סעקרעטאַר דערקלערט, אַז די לאַגע פון פאַרבאַנד דערלויבט צו געבן אַ דיווידענד פון 25%. דאָס האָט געמיינט, באַפרייען חברים פון צאָלן פאַר אַ גאַנצן קוואַרטל. אַ גרויסע צאָל חברים האָבן דעם דיווידענד אָפּגעגעבן צו זייערע פאַראיינען און שולן.

דער באָפאַלאָער צוזאַמענפאָר איז געווען ווירקלעך אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון פאַרבאַנד. ס׳איז גענוג צו באַטאָנען, אַז די דיסקוסיעס אַרום דעם אידישן קאָנגרעס, קאַמף קעגן „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", פּראָטעסט קעגן די פּוילישע פאָלקס־שיכטן פאַר זייער באָיקאָט און רדיפות אויף אידן אין דער נאָך מלחמה־צייט, דער באַשלוס צו פירן אַן איינהייטלעכע אידישע אַרבעטער־פּאָליטיק בנוגע די פאָדערונגען פון אידישן פאָלק אין זיין געראַנגל פאַר עקזיסטענץ, — די אַלע פאַרהאַנדלונגען און באַשלוסן האָבן דעם פאַרבאַנד געגעבן פליגלען און אים דערהויבן.

דער פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט די פּועלי ציון, האָבן דאַן באמת געטאָן אַ וואונדערבאַרע אַרבעט. מען האָט זיך גערעכנט מיט זיי. די יונגע מחנה פון פּועלי ציון און פאַרבאַנד, האָט דעמאָלט פאָרגעשטעלט אַ באַוואוסטזיניקן און אַגרעסיוון פראָנט אין קאַמף פאַר אַ פריי אידיש פאָלק, פאַר עכטער דעמאָקראַטיע, פאַר ארץ ישראל.

דער פאַרבאַנד דאַרף אויך קרעדיטירט ווערן מיטן פאָרשלאַג צוזאַמענצורופן די אידישע אַרבעטער קאָנפערענץ, בכדי צוצוגרייטן אַן אַקציע פאַר פולע מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט און באַפרייאונג פון אידישן פאָלק. אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָט עס ניט געשמעקט, אָבער אַזאַ קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען סוף 1915, האָט זיך דערקלערט פאַר אַ דעמאָקראַטישן קאָנגרעס און אָנגענומען אַ קאָמפּראָמיס־שטעלונג צו ארץ ישראל. דאָס האָט דערוויזן צום ערשטן מאָל, אַז די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע איז ניט קעגנעריש צום ארץ ישראל פּיאָנערן־אויפבוי. ס׳איז געווען אַ זיג פאַר אונזער געדאַנק. אין דעם געוויילטן אַרבעטער קאָמיטעט איז אָבער געווען אַ מערהייט,

וואָס איז אין האַרצן געווען קעגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג. האָט זי אָנגע־נומען אַ טאַקטיק גאָרניט צו טאָן, האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די פּאַרטרעטער פון דער אידישער רייכער, אַסימילאַנטן־שיכט, בכדי צו דערשטיקן דעם געוואָגטן צוזאַמענרוף פון אידישן קאָנגרעס. די פּועלי ציון און דער פאַרבאַנד זיינען געווען אין אַ מינאָריטעט. זיי האָבן פּראָטעסטירט, באַקעמפט די טאַק־טיק, ביז זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז ווירקנדיקער צוריקצוציען זיך פון קאָמיטעט און דערקלערן די לאַגע פאַר דער אידישער עפנטלעכקייט. דער אַרויסטריט האָט אויפגערודערט די עפנטלעכקייט און פאַרשנעלערט דאָס צוזאַמענרופן פון דער פאָלקס־קאָנפערענץ דעם 25טן מערץ, 1916, וואָס האָט געדינט ווי אַ מוטיקע דעמאָנסטראַציע פאַרן קאָנגרעס־געדאַנק.

אָבער די אינערלעכע אונטערנעמונגען פון פאַרבאַנד, זיינע אָרגאַניזאַ־טאָרישע, בילדונגס און אויפקלערונגס־אַקטיוויטעטן זיינען ניט פאַרנאַכ־לעסיקט געוואָרן. ביי חברים אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד איז געווען אַ פעסטער ווילן צו ווערן אָרגאַניזאַטאָריש אויך אַ גרעסערער כוח. דער פאַר־באַנד האָט דאַן ניט געהאַט אָנגעשטעלטע אָרגאַניזאַטאָרן, האָט מען אַפּעלירט צום חבר, זיין אידעאַליזם און לאָיאַליטעט.

אין 1915 האָט דער פאַרבאַנד געטרויערט איבער דעם פאַרלוסט פון י. ל. פּרץ און אין 1916 נאָך שלום עליכם. גרויסע טרויער־פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען איבערן גאַנצן לאַנד.

גרויס פרייד האָט אַרויסגערופן אין אונזערע רייען דאָס גראַדואירן פון די ערשטע 7 קינדער פון דער ניו־יאָרקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע: חיים עהרענרייך, פּראַדל וויטמאַן, י. פרענקעל, דבורה קאַשעץ, י. פרידמאַן, נתן פאַרמאַן און פאַלין העקטמאַן.

צו דעם דעטראָיטער פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָר אין 1916 איז געקומען דוד פּינסקי. דער פאַרבאַנד האָט געוואונען פּינסקי'ן מיט זיין גאַנצער נשמה. ער איז געווען איינער פון די איבערגעבנסטע פּירער, — פּריער קאַסירער, דערנאָך פּרעזידענט. אין דעטראָיט איז יצחק אייזיק געווילט געוואָרן פּרע־זידענט. ער האָט זיך געפילט גוט אין די פאַרבאַנד־רייען. זיין אויפטריט איז שטענדיק געווען אַ געשעעניש.

דער פאַרבאַנד איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר; נאַטירלעך, ניט אַזוי ווי עס האָט זיך געוואָלט. דער פאַרבאַנד־זשורנאַל פלעגט דערשיינען רעגל־מעסיק און אָפּשפּיגלען זיינע טעטיקייטן. שוין אין די ערשטע יאָרן פלעגט אונזער פאַרבאַנד שטיצן אידישע און אַרבעטער אינסטיטוציעס, בעיקר סטרייקערס און נויט־ליידנדיקע חברים.

צו די זיצונגען פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פלעגן קומען אָפט חשוב'ע געסט. עס זיינען פאַר דער צייט געווען באַרימטע פּערזענלעכקייטן

פון ישראל און פון אייראָפּע. צווישן די געסט זיינען געווען דאַווידאָוויטש, דער געוועזענער פּרעזידענט פון „אָרט", ש. קאַפּלאַנסקי, זרובבל, בן־צבי, בן־גוריון, כאַשין, באַראַכאָוו, פּ. רוטענבערג, האַרצפעלד, גאָלדע מאיר, אויך די יערלעכע דעלעגאַציעס פון דער הסתדרות.

ביז 1917 זיינען צוגעקומען צווייגן אין מאַסאַטשוסעטס, קאַנאַדע, שיקאַגאָ, האַרטפאָרד, ניו־הייווען, פּראָווידענס, באַלטימאָר, אָלבאַני, גלאָווערסוויל, ניו־דזשוירזי, שטעטלעך אין קאָנעטיקוט און אַנדערע. חברים איבערן לאַנד זיינען ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. זיי האָבן אָנגעהויבן שאַפן פאַרבאַנד־צענטערן, היימען, שפּאָר־און־ליי קאַסעס, לייען און זעלבסט־אַנטוויקלונג גרופּן. שליחים פאַר ביכער, פאָנדן און אינסטיטוציעס פלעגן תמיד געפינען וואַרעמ־קייט אין די פאַרבאַנד־קרייזן. אין אַ צאָל שטעט האָבן די פאַרבאַנד־צווייגן אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע און זיינען געוואָרן איניציאַטאָרן פון וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס. אין די שטעט וואו עס זיינען געווען פּועלי ציון, האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען. די פאַרבאַנד־צוזאַמענקונפטן פון יענע יאָרן זיינען געווען אינטערעסאַנטע. מ'פלעגט זינגען אידישע לידער בציבור. ס'איז געווען אַן אינטימע משפחה. יעדער באַזוך פון זייערן אַ פירער פון ניו־יאָרק, אָדער אַ „גדול", ווי די פּראָווינץ רופט זיי, איז געווען אַ גרויסער יום־טוב.

די צוויי וועלט־מלחמות

די צוויי וועלט־מלחמות, וואָס קאָנען באַטראַכט ווערן ווי ערדציטערנישן אין דער וועלט, האָבן געהאַט זייער מורא'דיקע ווירקונג אויפן אידישן פאָלק. נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען אָנגעהויבן הערן באַריכטן וועגן די מורא'דיקע ליידן פון די אידן אין פּוילן, גאַליציע און אַנדערע לענדער. עס האָט זיך דאַן פאַרשטאַרקט די הילף־טעטיקייט.

פאַרן פאַרבאַנד'ס וואוקס איז די ערשטע וועלט־מלחמה געווען אַ קלאַפּ. אימיגראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער פאַרבאַנד האָט דורכגעלעבט אַ שווערע צייט. אויך האָט דער פאַרבאַנד זיך געמוזט רעכענען מיט דעם מלחמה־מצב אין לאַנד, מיטן אַוועקגיין פון פילע חברים אין דער אַרמיי. עס איז געווען אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג פאַרן יונגן פאַרבאַנד צו רופן צו נייע טעטיקייטן, צו מונטערן און הויבן דעם געמיט פון פילע חברים. דער פאַרבאַנד האָט זיין עקזאַמען אויסגעהאַלטן.

אין דער צייט פון דער מלחמה איז פאָרגעקומען דאָס צונויפרופן פון דעם ערשטן אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישן קאָנגרעס. די טעטיקייטן פון פאַר־באַנד און די פּועלי ציון פאַרן קאָנגרעס זיינען אין יענער צייט געווען אַ

גלענצנדיקער קאַפּיטל פון אויפקלערונג און אַרבעט מצד דער יונגער ציוניס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין 1917 איז פאַרגעקומען די טרענטאָנער קאָנפערענץ, וואָס איז באַזוכט געוואָרן אויך פון בן־צבי. אין יענער צייט האָבן זיך הונדערטער פאַרבאַנד־חברים אָנגעשלאָסן אין אידישן לעגיאָן פאַר ארץ ישראל און זיינען אַרויס־באַגלייט געוואָרן דורך זייערע חברים מיט די בעסטע ווּאונטשן.

די באַלפור־דעקלאַראַציע פון 2טן נאָוועמבער 1917 האָט אַריינגעגאָסן אַ שטראָם פון באַגייסטערונג אין אידישן לעבן. עס פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרבאַנד־חברים זיינען געווען אין זיבעטן הימל און האָבן געיום־טוב'ט אויף פאַרשידענע אופנים.

1918 איז אויך געווען אַ שווערער מלחמה־יאָר, אָבער עס האָט זיך שוין געמערקט דער בלאַסער שיין פון דעם אָנקומענדיקן נצחון פאַר דער דעמאָ־קראַטישער וועלט. אין 1918 האָט דער פאַרבאַנד געפייערט זיין 5־יאָריקן קיום, דעם 21טן מערץ, אין קופּער יוניאָן, מיטן אָנטייל פון יצחק אייזיק הורוויטש, דר. חיים זשיטלאָווסקי און מאיר בראַון. אַ באַזונדערע פייער־לעכקייט האָבן צוגעגעבן דעם אָוונט אַ צאָל חברים־לעגיאָנערן, וועלכע האָבן געהאַלטן ביים פאַרלאָזן אַמעריקע. יענעם חודש האָט זיך אויך געעפנט דער אידישער לערער־סעמינאַר, מיט זיינע 40 סטודענטן, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען דר. יהודה קויפמאַן. דער פאַרבאַנד האָט געגעבן זיין ערשטן ביישטייער און אינטערעסירט זיך די גאַנצע צייט מיטן סעמינאַר.

דעם זעלביקן יאָר איז געפייערט געוואָרן דער 50־יאָריקער געבוירנטאָג פון דר. נחמן סירקין. דר. סירקין האָט גערופן די חברים צו גרינדן קאָאָפּע־ראַטיווע אונטערנעמונגען אין אַמעריקע.

דעם סעקרעטאַר פלעגט אָפטמאָל אויסקומען באַזוכן דאָס לאַנד, ריידן מיט חברים און זיי פרעגן וואָס ס'האָט זיי באַוואויגן אָנצושליסן זיך אין פאַרבאַנד. אין זיינע באַריכטן פלעגט ער אָפט דערמאָנען דעם נאָמען פון אַ חבר פון סיינט פּאָול, ל. סיגאַל. ער האָט שוין דאַן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף סיגאַל'ן אַריבערברענגען קיין ניו־יאָרק און אַז ער קאָן זיין אַ גרויס געווינס פאַרן פאַרבאַנד.

צווישן די פּרעזידענטן פון פאַרבאַנד זיינען אויך געווען ג. אָורוניק, ה. פעלדמאַן, יצחק אייזיק הורוויטש, י. גאָרדאָן (שפּעטער אָפּגעפאָרן מיטן לעגיאָן), דוד פּינסקי און מאיר בראַון.

אַ שווערע אַרבעט האָט די לייטונג פון פאַרבאַנד דורכגעפירט אין פאַרבינדונג מיט זיין ווערן לעגאַליזירט אין מאַסאַטשוסעטס. דאָס איז געווען אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס האָט צוגענומען צייט, מי און געלט, אָבער סוף כל סוף האָט דער פאַרבאַנד געקראָגן זיין טשאַרטער אין 1921.

די בענעפיטן פון פאַרבאַנד האָבן זיך אויסגעברייטערט. אין 1918 איז חבר י. זעליטש, פון פילאַדעלפיע, דערוויילט געוואָרן ווי אַ געהילף־סעקרעטאַר. ער האָט עטלעכע יאָר געדינט געטריי דעם פאַרבאַנד.

דר. י. וואָרטסמאַן, אַ באַקאַנטער ציוניסט און פובליציסט, האָט באַזוכט דעם ראַטשעסטער צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד, געוואָרן פאַר אים באַגייסטערט און האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דער פאַרבאַנד זאָל זוכן אַ וועג, אַז דער פאַרבאַנד, אַרבעטער רינג און אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג זאָלן זיך פאַראייניקן אין איין אָרגאַניזאַציע. דער פאַרבאַנד האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט באַגריסט אַזאַ פאַראייניקונג פון די אידישע אַרבעטער אָרדנס, ווען עס זאָל אַריינטרעטן אַ פּרינציפּיעלע ענדערונג אין די אַנדערע אַרבעטער אָרדנס, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אַ בשותּפות׳דיקע אַרבעט פאַר ארץ ישראל, אידישע שולן, קולטור, א. אַ. וו.

די פירער פון אַרבעטער רינג האָבן דערקלערט, אַז אין דעם פּראָגראַם קאָן ניט איינגעשלאָסן ווערן ארץ ישראל. אויב דער פאַרבאַנד וויל זיך אָנשליסן אין אַרבעטער רינג, קאָן ער אַריינגענומען ווערן אויף דעם זעלבן יסוד, ווי אַנדערע פאַראיינען. „דאָס וואָרט״, דער אָרגאַן פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג, האָט גלאַט אַנגענומען אַ חוזק־טאָן: „הערט, אינדעפּענדניקעס, וואָס מ׳האָט אויף אונז אויסגעטראַכט: מיר זיינען געוואָרן ציוניסטן און קלייבן זיך קיין ירושלים! אָבער איר ווייסט דאָך דעם אמת׳ן אמת, אַז מיר זיינען גאָט די נשמה שולדיק. מיר האָבן מיט אַ צייט צוריק דערוויילט אַ לאָקאַלן קאָמיטעט אין ספּרינגפילד, האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טאָן. העלפט גאָט און ס׳פּאַסירט אַ נס: דזשאָן בול גיט אַרויס אַ פּאַפּיר פאַר אַ אידיש לאַנד. ווערט ביי אידן ליהודים. זיצן אונזערע „באָיעס״ פון קאָמיטעט אין ספּרינג־פילד און קלערן: „איי, אַ טייערע זאַך, מיר האָבן שוין אַרבעט. לאָמיר פאַרפאַסן אַ רעזאָלוציע, אַוועקשיקן אין די גאַזעטן און זאָל די וועלט וויסן אַז מיר „קאָנען״ אויך. און אַזוי זיינען אומשולדיק אַריינגעפאַלן שריפט־שטעלער און אַזאַ חשוב׳ע אָרגאַניזאַציע ווי דער פאַרבאַנד און אויסגעטראַכט אויף אונז „אַזאַ נייעס״. איז אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ זאָל לעבן די „אינדע־פּענדענס״ פון אידעפּענדענט אַרבעטער רינג״.

דער פאַרבאַנד האָט געענטפערט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. זיין ענטלעכע דערקלערונג האָט געוואונען פאַר אים נייע פריינט.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרענדיקן. קלענערע פעלקער האָבן באַגריסט די 14 שלום־פּונקטן פון פּרעזידענט ווילסאָן. די טשעכן זיינען געווען געבענטשט מיט אַ גרויסן פירער — פּראָפעסאָר מאַסאַ־ריק — און מיט זיין געטרייען תלמיד — עדוואַרד בענעש — און זיינען געווען אויפן וועג צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה; דאָס זעלבע מיט

די סערבן און קראַאַטן, וואָס זיינען געווען ערב דער אַנטשטייאונג פון אַ גרויסער יוגאָסלאַווישער מדינה. די פּאָליאַקן האָבן שוין געזען דעם טאָג פון זייער באַפרייאונג, אָבער ביז וואָס־ווען זיינען דורכגעפירט געוואָרן פּאָגראָמען אין דעם נייעם פּוילן. אַ ריזיקער פּראָטעסט־מיטינג איז פאָר־געקומען אין מעדיסאָן סקוועיר גאַרדען, אין וועלכן דער פאַרבאַנד האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט. די פּוילישע קרייזן האָבן פּרובירט אָפּלייקענען די פּאָג־ראָם־ידיעות און פאַרשפּרייטן בלבולים קעגן אידן, אָבער די עפנטלעכע מיינונג איז געווען אויפגערודערט.

די אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, איינגעשלאָסן אונזער באַוועגונג, האָבן אָפּגעהאַלטן אין 1919 אַן אַרבעטער קאָנגרעס, וואָס האָט זיך ליידער געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. דער פאַרבאַנד און די פּועלי ציון האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קאָמיטעט.

די דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס איז אָפּגעפאָרן צו דער שלום־קאָנפערענץ אין ווערסיי, אין 1919, אונטער דער פּירערשאַפט פון לואי מאַרשאַל און דר. סטיפען וויַיז. עס האָבן אויך אָנטייל גענומען אין דער דעלעגאַציע דר. נחמן סירקין און מאָריס ווינטשעפסקי.

ביי די אידן אין אַמעריקע איז געווען אַ געשפּאַנטע שטימונג, אַ ציטער פאַרן גורל און קיום פון אונזער פאָלק, אַ האָפענונג אַז מיר שטייען אויך ערב גרויסע היסטאָרישע פּערספּעקטיוון אין ארץ ישראל.

דער פאַרבאַנד האָט געלעבט מיט די האָפענונגען און מיטן ציטער פאַרן מאָרגן, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אויף דער 6טער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, סעפּטעמבער 1919. ער איז געקומען אויך מיט אַ באַריכט פון אַ גרויסער צאָל פאַרלוירענע מיטגלידער, אַ דאַנק דער אינפלו־ענציע־עפּידעמיע פון 1918. אַנדערע טעטיקייטן האָבן זיך אָבער אַנטוויקלט אויף אַ נאָרמאַלן אופן.

די קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ איז געווען אַ זייער אינטערעסאַנטע. די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער אינטערווענץ אין סאָוועט־רוסלאַנד, קעגן דעם האַלטן יודזשין דעבס אין טורמע. גרויס אויפזען האָט אַרויסגערופן ברוך צוקערמאַנ׳ס באַריכט וועגן דער לאַגע פון אידן אין פּוילן, ווי ער האָט זי געזען אויף זיין באַזוך דאָרט. ס׳איז געווען אַ שווערער, אויפטרייסלענדיקער באַריכט.

ביים צוזאַמענפאָר אין שיקאַגאָ איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די פּועלי ציון קלייבן זיך אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג. די ידיעה איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד און פאַרזיכערונג פון חברישער מיטהילף. אויף יענעם צוזאַמענפאָר איז דוד פּינסקי דערוויילט געוואָרן ווי פּרעזידענט.

אין ווינטער פון 1920 האָט דער פאַרבאַנד דורכגעפירט אַ גרויסע אַקציע

פאַר אידישע קינדער־היימען אין פוילן, אויפן נאָמען פון י. דינעזאָן, און איבערגעשיקט 13,000 דאָלער.

1920 איז געווען אַ יאָר פון שפע אין אַמעריקע. מען האָט זיך געבאָדן אין גאָלד". מען האָט געמיינט, אַז די פעטע יאָרן אין אַמעריקע וועלן לאַנג אָנהאַלטן; האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט מאַכן געלט, צווישן זיי אויך אַ צאָל פאַרבאַנד־חברים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז אַ נאַרישקייט צו פאַר־שווענדן צייט אויף מיטינגען און אידישע אַקטיוויטעטן. די רייכערע האָבן זיך אָנגעפאַנגען צו דערווייטערן, געזוכט פאַר זיך אַן אַנדער סאָציאַלער שיכט. די אויסניכטערונג איז געקומען אַ סך שנעלער, ווי מען האָט זיך געריכט. ס'איז אויסגעבראָכן דער גרויסער קריזיס, די דעפּרעסיע און אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס האָבן זיך באַזונדערס שאַרף דערפילט אין יאָר 1921. נעכטיקע גבירים זיינען געוואָרן אָרעמעלייט; געוועזענע פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן פאַרלאָזן די שעפער און זיך אָנגעהויבן אַרויפאַרבעטן, האָבן אַלץ פאַרלוירן.

נייע פּראָבלעמען זיינען אויך אַנטשטאַנען פאַרן פאַרבאַנד. אין יענע יאָרן האָט דער פאַרבאַנד געמוזט פאַרשטאַרקן זיינע טעטיקייטן, אויסברייטערן זיין קולטור־אַרבעט, איינאָרדענען די ערשטע וואַנדערנדיקע קאָנצערטן איבערן לאַנד, אָפּגעבן זיך מער צו העלפן דעם אידישן לערער סעמינאַר.

אַ צאָל סאָלדאַטן און חברים־לעגיאָנערן האָבן זיך אָנגעהויבן צוריק־קערן קיין אַמעריקע. פילע פון זיי האָבן געהאַט שוועריקייטן זיך אַריינצופּאַסן אין לעבן פון לאַנד. אויף וויפיל ס'איז מעגלעך געווען האָט די פאַרבאַנד־לייטונג געהאָלפן אַ צאָל חברים זיך איינאָרדענען.

אין אַפּריל 1920 איז די אידישע וועלט דערשיטערט געוואָרן, ווען ס'איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון משמעות אַ פּאָגראָם אין ירושלים פון אויפגעהעצטע אַראַבער, מעגלעך אויפן וואונק פון מאַנכע רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס האָבן געוואָלט דורך פּאָגראָמען פאַרניכטן די באַלפור־דעקלאַראַציע און איבער־שרעקן די אידישע וועלט. די הגנה און דער ישוב אין ישראל האָבן פאַר־שטאַרקט זייערע טעטיקייטן.

אין זומער פון 1920 איז אויך פאָרגעקומען די ערשטע ציוניסטישע קאָנפערענץ נאָך דער מלחמה, אין לאָנדאָן, און דער וועלט־צוזאַמענפאָר פון די פּועלי ציון, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג צווישן די אַזוי־גערופענע רעכטע און לינקע. אין דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט זיך אויך באַטייליקט מאיר בראָון.

אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פאַרן קרן היסוד. דר. חיים וויצמאַן איז דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ איז אויך פאָרגעקומען אַ צוזאַמענ־שטויס מיט דר. מאַקס נאָרדוי, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל גלייך אַרויסראַטעווען אַ האַלב מיליאָן אידן פון אוקראַינע און זיי אַריבערפירן קיין ישראל. די פירערשאַפט פון דער קאָנפערענץ איז געווען קעגן דעם פּלאַן. נאָרדוי האָט זיך געפילט שטאַרק נידערשלאָגן. אייניקע פון די אַמע־ריקאַנער חברים, צווישן זיי י. זאַר, כאַזאַנאָוויטש און בראַון, האָבן אים באַזוכט. דער באַזוך האָט אים אויפגעמונטערט. אין מיטן פון שמועס איז ער אויפ־געשפּרונגען פון אָרט, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אַ געשריי געטאָן: „משוגע זיינען די וועלכע דענקען, אַז געשיכטע אַנטוויקלט זיך ראַציאָנאַל!" דערביי האָט ער באַנוצט אַ געפליגלטע פראַזע: „מיר מוזן ביבליש קאָלאָניזירן ארץ ישראל".

אין אַמעריקע האָבן די פּועלי ציון, דער פאַרבאַנד און אַנדערע פרייע עלעמענטן געהאַט אַ גרויסן יום־טוב. דעם 29טן אויגוסט איז דערשינען די טאָג־צייטונג, „די צייט", אונטער דער הויפּט־רעדאַקציע פון דוד פּינסקי און מיט דער נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט פון דר. סירקין, דר. זשיטלאָווסקי, יצחק אייזיק, זאַר, וואַלינער, ענטין, י. איזראַעלי און אַנדערע. ס'איז געווען אַ גוואַלדיקע דערהויבונג אין די פּועלי ציון און פאַרבאַנד־רייען. לעאָן כאַזאַנאָוויטש און דר. סירקין זיינען אויפגעטראָטן אויפן טאָראָנטאָער צוזאַמענ־פאָר און אָנגעצונדן אַ פייער פון גלויבן און געטריישאַפט פאַר „די צייט". אויפן אָרט האָבן חברים גלייך צוגעזאָגט 13 טויזנט דאָלער. די צייטונג האָט ליידער דורכגעמאַכט אַ שווערע צייט און טראָץ גרויסע אָנשטרענגונגען פון חברים, איז די טאָג־צייטונג אונטערגעגאַנגען אין 1922. די באַוועגונג האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך. דער פאַרבאַנד איז שטאַרק אָנגעריר̈ט געוואָרן און האָט אַ צייט ניט געקאָנט אַנטוויקלען אַ ברייטערע אַרבעט.

אויף דעם טאָראָנטאָער צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד אין 1921 האָט דער פאַרבאַנד עפנטלעך געמאַכט אַ פאַראייניקונגס־פאָרשלאָג צו דעם אינדע־פּענדענט אַרבעטער רינג. דער פאָרשלאָג איז איבערגעשיקט געוואָרן צו דער לייטונג פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. איז טאַקע אין גיכן אָנגע־קומען אַן ענטפער פון לעצטן, אין וועלכן אַ דעלעגאַציע פון פאַרבאַנד איז פאַרבעטן געוואָרן צו זייער 15טער קאָנפערענץ, אין וואוסטער, דעם 30טן און 31 טן מאַי 1921. די חברים דוד פּינסקי און מאיר בראַון זיינען געשיקט געוואָרן ווי פאַרטרעטער און געקראָגן אַ גאָר האַרציקן קבלת פּנים. ביידע האָבן גערעדט, אַז די צייט איז געקומען צו פאַראייניקן די ביידע אָרדנס. די דעלעגאַטן צו יענעם צוזאַמענפאָר האָבן מיט פרייד געדריקט די הענט פון די פאַרבאַנד־שליחים און דערקלערט, אַז זיי געדענקען ניט די צייט ווען זיי האָבן זיך געפילט אַזוי דערהויבן אויף זייער צוזאַמענפאָר, ווי אויף

דער זיצונג וואָס איז אַדרעסירט געוואָרן פון די חברים פינסקי און בראָון. אָסיפּאָוו און יגדל, די באַאַמטע פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג, האָבן גאַנץ חבריש געענטפערט. די קאָנפערענץ האָט דערוויילט אַ דעלעגאַציע פון 7, וואָס זאָל זיך צוזאַמענטרעפן מיט אַ דעלעגאַציע פון פאַרבאַנד, צו באַטראַכטן דעם פאָרשלאָג.

אַזאַ קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אַביסל שפּעטער אין ניו־לאָנדאָן. דאָרט איז קלאָר געוואָרן, אַז דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג, הגם צופרידן צו קאָאָפּערירן מיטן פאַרבאַנד, איז אָבער נאָך ניט גרייט אָנצונעמען אַ פּרינציפּן־קלאָרע שטעלונג צו ארץ ישראל און צום אידישן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם. די מיטגלידערשאַפט מוז מען דערציען און צוגרייטן. מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטן באַשלוס צו שטיין אין פריינטלעכן קאָנטאַקט.

מער האָבן זיך בײדע אָרדנס ניט באַגעגנט. דער ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג האָט אָנגעהויבן ווירקן שטאַרק, אַז דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג זאָל זיך צוריקקערן צום אַרבעטער רינג, ווען אויך דער לעצטער איז לעגאַליזירט געוואָרן אין מאַסאַטשוסעטס. דאָס איז ענדלעך געשען. וועלכע פאַקטאָרן און אַרגומענטן עס האָבן באַווירקט דעם אָנשלוס פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג, זיינען אין דער עפנטלעכקייט ניט צו באַקאַנט; משמעות אַז עס האָט זיך געלוינט דער שידוך. פון יענער צייט זיינען אַ צאָל אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג מיטגלידער אַריין אין פאַרבאַנד און געוואָרן געטרייע טוער.

אויף דעם טאָראָנטאָער צוזאַמענפאָר האָט דער סעקרעטאַר געוואָלט זיך באַפרייען פון זיין אַמט, אָבער דער צוזאַמענפאָר האָט אים געצוואונגען צו פאַרבלייבן ביז דער 8טער קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1922, אין באָסטאָן.

אויף דעם צוזאַמענפאָר אין טאָראָנטאָ האָט זיך באַטייליקט דר. חיים ספּיוואַק, פון דענווער, וועלכער האָט געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטע רעדע וועגן געזונט ביי אידן און געשטיצט דעם פּלאַן פון אַ פּרעווענטאָריום.

אויף דעם צוזאַמענפאָר אין טאָראָנטאָ איז באַשלאָסן געוואָרן איינצופירן אַ פאָנד פאַר דעלעגאַטן, בכדי צו דעקן זייערע הוצאות צו קאָנווענשאָנס. דער דעלעגאַטן־פאָנד איז געווען 20 סענט אַ קוואַרטל. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז נאָך דער 8טער קאָנווענשאָן זאָלן די צוזאַמענפאָרן אָפּגעהאַלטן ווערן אַלע צוויי יאָר.

די ערשטע צען גרינדונגס־יאָרן פון פאַרבאַנד האָבן זיך פאַרענדיקט סוף 1922. ביים אָנהויב פון זיין צווייטן צענדליק יאָר האָט שוין דער פאַרבאַנד געוואונען די אידישע עפנטלעכקייט און טויזנטער פריינט צוליב זיין טעטיקייט ווי אַ אידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע. אין יענעם צענדליק יאָרן

האָט דער פאַרבאַנד גענומען גרינדן פאַך־צווייגן און אָנגעהויבן אַ קאָאָפּע־ראַטיווע טעטיקייט צו בויען הייזער, געעפנט אַ ביוראָ צו העלפן זיינע חברים, אָנגעהויבן בויען קעמפּס פאַר קינדער און דערוואַקסענע, צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן ענגליש־ריידנדיקע צווייגן און דערמוטיקט פרויען קלובן פון פאַר־באַנד. זיין געזעלשאַפטלעכע און ישראל־טעטיקייט האָט ער פאַרגעזעצט מיט גרויס ענערגיע, פאַר קופּת חולים און פאַרן הסתדרות־קאַמפּיין. זייענדיק פון די ערשטע גרינדער. ער האָט געשיקט אַ פאַרטרעטער אויסצופאָרשן און העלפן גרינדן אַן אַרבעטער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אין ישראל, אונטערן נאָמען „הסנה", וואָס איז היינט די גרעסטע געזעלשאַפט אין לאַנד; אָפּגעשיקט 15 טויזנט אידישע און העברעאישע ביכער קיין ישראל; געשטיצט דעם „דבר".

אין די לעצטע יאָרן פון צווייטן צענדליק איז נאָכאַמאָל פאָרגעקומען אַ גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט. דער פאַרבאַנד האָט זיך באַטייליקט אין קאָנפערענצן צו באַקעמפן דעם יקרות און אַרבעטס־לאָזיקייט. ער האָט געהאָלפן שאַפן מיטלען פאַד די אַרעסטירטע חברים אין רוסלאַנד, גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל צו זאַמלען געצייג פאַר די דעקלאַסירטע אידן אין רוסלאַנד, געהאָלפן אַרויסגעבן די שריפטן פון בער באָראָכאָוו און נחמן סירקין און שטאַרק געשטיצט די איינפירונג פון אידישן בוך־חודש אין אַמעריקע.

אין 1922 האָט מאיר בראַון רעזיגנירט ווי דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד און אויף זיין פּלאַץ איז דערוויילט געוואָרן ש. גאָלדשטיין, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט 4 יאָר.

ל. סיגאַל איז איינגעלאַדן געוואָרן אין ניו־יאָרק און איז געוואָרן געהילף־סעקרעטאַר. אין 1926, ביי דער יובל־קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, איז סיגאַל דערוויילט געוואָרן ווי סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, — אַן אַמט, וואָס ער האַלט אָן ביז היינט צו טאָג.

מאיר בראַון איז דערוויילט געוואָרן ווי פּרעזידענט פון פאַרבאַנד אין 1922, אין באָסטאָן, און האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז נאָוועמבער 1933, ווען ער איז אָפּגעפאָרן אויף אַ צאָל יאָרן צו לעבן ווי אַ תושב אין ארץ ישראל.

דער אָנהויב פון דריטן צענדליק יאָר פון פאַרבאַנד איז געווען שווער צוליב דעם קריזיס אין לאַנד. ער האָט אָנגעהויבן אַן אַקציע צו דעמאָקראַ־טיזירן די אידישע טשעסטס און וועלפער פאָנדן; געשטיצט די אידייע פון אַן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס; זיך באַטייליקט אין באָיקאָט אויף דייטשע סחורות אין קאַמף קעגן דייטשלאַנד; געהאָלפן שאַפן דעם אַרבעטער־דעפּאַרטמענט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד; פּראָטעסטירט קעגן ענגלאַנד׳ס צושליסן די טויערן פון ארץ ישראל פאַר אידישע איינוואַנדערער; זיך פאַראינטערעסירט

אין „אָרט" און „האַיאַס"; אויפגענומען מיט פרייד דעם אָנשלוס פון אַלבערט איינשטיין און חיים וויצמאַן ווי ערן־מיטגלידער אין פאַרבאַנד; פאַרגרעסערט זיין אַרבעט פאַר קינדער־דערציאונג, פאַר אידישע פאָלקשולן און לערער־סעמינאַר; זיך אַקטיוו מיטבאַטייליקט אין הילפס־אַרבעט אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה; געגעבן גרעסערע סומען פאַר היגע סאַניטאַר־ריומס; געפייערט דוד פינסקי׳ס 70־יאָריקן יובל; אַרויסגעגעבן דעם ספר „נביאים", פון חיים שויס, און אַנדערע ביכער.

פאַר דער צייט זיינען פאָרגעקומען עטלעכע פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָרן און יעדער צוזאַמענפאָר האָט געשטאַרקט די טעטיקייט און דעם איינפלוס פון פאַרבאַנד.

ווען אין 1925 איז געגרינדעט געוואָרן די פיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, האָט דער פאַרבאַנד באַגריסט די גרינדונג, אָבער גלייכצייטיק אויפגעפאָדערט די חברות צו שטאַרקן די פאַרבאַנד פרויען קלובן.

אין דעם פערטן צענדליק יאָר זיינען געווען גוואַלדיקע איבערלעבונגען אין אידישן לעבן. די מורא׳דיקע קאַטאַסטראָפע פון דעם נאַצי־רעזשים, וואָס האָט געבראַכט צו דער פאַרניכטונג פון 6 מיליאָן אידן, האָט שטאַרק דערדריקט דעם געמיט פון היגן אידישן ישוב. פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן, ליידער אָן רעזולטאַטן. דער פאַרבאַנד איז געווען ענערגיש אין דאָס צוזאַמענרופן פון אַן אַל־אידישער אַמעריקאַנער קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען אידישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען. די קאָנפערענץ איז געווען דערפאָלגרייך, האָט אָנגענומען וויכטיקע באַשלוסן, אָבער מיט דעם האָט זיך דער ענין קאָנפערענץ פאַרענדיקט. ס׳האָט זיך ווידער ניט איינגעגעבן צו שאַפן אַ דעמאָקראַטישע פירערשאַפט פון אַמעריקאַנעם אידנטום.

אין די יאָרן פון דער מלחמה האָט מען זיך דערוואוסט וועגן דער גבורה פון די געטאָ־קעמפער אין וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע שטעט. דער פאַרבאַנד האָט געזאַמלט 30 טויזנט דאָלער פאַר די געטאָ־קעמפער און געהאָלפן גרינדן אַ הילפס־קאָמיטעט, מיטן נאָמען, „ציוניסטישער אַרבעטער קאָמיטעט פאַר הילף און רעהאַביליטאַציע". פאַרבאַנד־חברים האָבן געקויפט פאַר מערערע מיליאָנען אַמעריקאַנער באָנדס, געגעבן אַ לופט קריגס־שיף צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג און מיט אַמעריקאַנער באָנד־געלטער געבויט אַ שיף אויפן נאָמען פון נ. סירקין. דער פאַרבאַנד האָט אויך געהאָלפן שאַפן דורכן נאַציאָנאַל פאָנד אַ ווערדזשוואוד־קאָלאָניע און דעם „יער הקדושים". גאָר אָנגעזען האָט זיך דער פאַרבאַנד אין דער גרינדונג פון אידישן קולטור־קאָנגרעס אין 1948. זיינע טעטיקייטן פאַרן הסתדרות־קאַמפּיין האָט ער אָנגעהאַלטן.

די גרעסטע געשעעניש וואָס די אידישע וועלט האָט דורכגעלעבט איז

געווען, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אין מאַי 1948 מדינת ישראל. דער פאַרבאַנד האָט באַנייט זיין געטריישאַפט צום בוי פון דער מדינה און פון 1951 איז ער גאָר אַקטיוו אין דער אַרבעט פאַר ישראל־באָנדס, צוזאַמען מיט די מיטגלידער און צווייגן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געשאַפן ביז סוף 1957 אַרום 31 מיליאָן דאָלער.

דער פאַרבאַנד האָט פאַרענדיקט 45 יאָר פון זיינע טעטיקייטן מיט בטחון און מיט גלויבן. ער איז איצט אין פינפטן צענדליק יאָר, ערב זיין 19טן צוזאַמענפאָר.

די דערפאַרונגען פון פאַרבאַנד פאַרזיכערן דעם לעצטן אָנצוגיין ווייטער צו אַ גרעסערן וואוקס און צו באַנייטער טעטיקייט. איבערהויפט קאָנצענטרירט זיך דער פאַרבאַנד לעצטנס צו געווינען וואָס מער פון די ענגליש־ריידנדיקע, הי־געבוירענע עלעמענטן.

אַן אינטערעסאַנטער פאָלקס־כוח איז דער פאַרבאַנד געווען פון סאַמע ערשטן טאָג ביז היינט. ער האָט געוואונען פאַר זיך פרייַנט אין דער גאַנצער אידישער וועלט, — אין אַמעריקע, אין ישראל און אין אַנדערע לענדער. ער לעבט נאָך מיט די טראַדיציעס פון זיינע ערשטע יאָרן און גייט מיט דער צייט. ער איז אַרויף אויפן וועג, וואָס איז נאָענט צו דעם האַרץ און נשמה פון אידישן פאָלק. אויף דעם וועג וועט ער ווייטער גיין.

ב.

ארץ ישראל טעטיקייטן *

ווער עס זעט היינט דעם פאַרבאַנד ווי אַ דינאַמישן כוח פאַר ארץ ישראל טעטיקייטן, קאָן מיינען אַז ער איז פון זיין ערשטן טאָג אָן פלייסיק און צילבאַוואוסט געווען איינגעשטעלט אויף ארץ ישראל, ס'איז אָבער נישט אַזוי.

פועלי ציון, וועלכע זיינען געווען די אַקטיוויסטע טוער ביים גרינדן דעם פאַרבאַנד, זיינען געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען. אַ טייל האָט געדענקט אַז מען מוז אים געבן אַ פּאַרטיי־אידעאָלאָגישן כאַראַקטער. זיי האָבן דאָן נישט אַזוי געטראַכט וועגן שאַפן אַ מאַסן־באַוועגונג, ווי וועגן פאָרמירן לכתחילה אַ קלאָר פּאָליטישע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל געפינען צוטריט צום אידישן אַרבעטער און אים געווינען פאַרן פועלי ציוניזם. אַנדערע האָבן ווידער געהאַלטן אַז מען מוז שאַפן אַ מאַסן־קערפּערשאַפט, עפענען ברייט די טירן פאַר אַלע וואָס זיינען נאַציאָנאַל פּראָגרעסיוו, אַפילו ווען זיי זיינען נישט אויסגעשפּראָכן ציוניסטיש. זיי האָבן גערעכנט אַז אַן ענגע פּאַרטיי פּלאַטפאָרמע וועט פאַרצאַמען דעם וועג צום פאַרבאַנד און פאַראורטיילן אים צו קליינע צאָלן פאַר יאָרן־לאַנג. אָט דער געדאַנק האָט געזיגט.

ערשט אויף דער קאָנפערענץ אין אָלבאַני, סוף דעצעמבער 1912, איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם איינשטעל פון פאַרבאַנד צו ארץ ישראל. דאָרטן האָט מען פון דאָס ניי פאָרמולירט זיינע אויפגאַבן, אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע און פּרינציפּן־דערקלערונג. אין ליכט פון צוויי און אַ האַלב יאָר דערפאַרונג, קאַמף מיט קעגנער, וואָס האָבן שאַרף באַקעמפט יעדע פּראַקטישע אַרבעט לטובת ארץ ישראל, האָט דער אָלבאַני צוזאַמענפאָר קלאָר פעסטגעשטעלט אַז דער פאַרבאַנד, הגם ער איז נישט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וועט איינשליסן פּאָזיטיווע ארץ ישראל טעטיקייטן.

דער באַשלוס פון אָלבאַני האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג ביי די חברים, אָבער די פּרינציפּן־דערקלערונג און די קאָנסטיטוציע האָבן נאָך געדאַרפט ראַטיפיצירט ווערן דורך אַ רעפערענדום.

דער רעפערענדום האָט מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט גוטגעהייסן די באַשלוסן פון אָלבאַני, און ארץ ישראל אַרבעט איז געוואָרן אינקאָרפּאָרירט צווישן אונזערע אויפגאַבן. דער פאַרבאַנד איז פאַרבליבן אַ פרייער

*) פּאַרקירצט פון אַ גרעסערער געדרוקטער אַרבעט אין פאַרבאַנד יובל־בוך.

בונד — נישט אָנגעשלאָסן זיך פאָרמעל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, — אָבער ער פלעגט אויפנעמען נאָר אַזוינע חברים, וועלכע זיינען געווען פּאָזיטיוו צום ארץ ישראל אויפבוי.

דעם פאַרבאַנד׳ס צוזאַמענפאָרן אין פילאַדעלפיע, באָפאַלאָ און דעטרויט אין די יאָרן 1914, 1915 און 1916 האָבן פאַרשטאַרקט די ארץ ישראל שטימונג אין זיינע רייען. בעיקר, האָט זיך די דאָזיקע שטימונג געהויבן זינט דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס זיינען אָנגעקומען געסט פון ארץ ישראל און פון אייראָפּע.

פון די גאָר ערשטע געסט איז געווען חבר שלמה קאַפּלאַנסקי, ז״ל. זיין אַרטיקל איבער די צילן פון פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד, וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דריי־חודשלעכן זשורנאַל „די אידישע אַרבעטער שטימע״ האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. די חברים האָבן אָנגעהויבן זיך באַטייליקן אַקטיוו אין דער אַקציע פאַרן פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד.

שפּעטער זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע יצחק בן צבי, דוד בן גוריון, ב. באָראָכאָוו, אַלעקסאַנדער כאַשין און זרובבל. בן גוריון און כאַשין זיינען אויפגעטראָטן אויף דער דריטער פאַרבאַנד קאָנפערענץ אין באָפאַלאָ אין יולי 1915. יענער צוזאַמענפאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין התלהבות פאַר ארץ ישראל. ס׳איז כדאי צו ציטירן פון דעם סעקרעטאַר׳ס באַריכט די פאָלגנדע שורות: „ווי וואָלט געווען צו אונזער פאָלק, ווען נאָך אַזאַ גרויסן בלוט־אָפּפלוס, נאָך דעם פאַרלוסט פון זיין יוגנט, זיינע איבערמענטשלעכע ליידן, זאָל ער אין דעם היסטאָרישן מאָמענט נישט קריגן אָפּגעצאָלט אַ חוב, וואָס די וועלט איז אים שולדיק, נעמלעך, זיין פולע באַפרייאונג. פרייהייט פאַר יעדער נאַציע קאָן נישט איבערלאָזן אונזער פאָלק אין אונטערדריקונג. אַ פרייע היים פאַר יעדן פאָלק מוז הייסן און ברענגען אויך אַ פרייע היים פאַר אונזער פאָלק. אונזער פאָדערונג — בירגערלעכע, פּאָליטישע, און נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אונזער פאָלק אין אַלע לענדער און זיין היים אין ארץ ישראל — מוז ווערן די פאָדערונג פון גאַנצן פאָלק״.

די, וואָס האָבן בייגעוואוינט דעם באָפאַלאָ צוזאַמענפאָר, האָבן געקאָנט זען ווי ווייט דער פאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ באַוואוסטזיניקן כוח. נישט אומזיסט האָבן בן גוריון און כאַשין דערקלערט דעם פאַרבאַנד ווי אַ מיטקעמפער און מיטבויער מיט די אַרבעטער פון ארץ ישראל. אַלעקסאַנדער כאַשין, איינער פון די גייסטרייכע און גלענצנדיקע פועלי ציון רעדנער (שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסט אין רוסלאַנד), האָט כאַראַקטעריזירט די שטעלונג פון פאַרבאַנד צו ארץ ישראל ווי „אַ ווידערקול פון יענעם היס־טאָרישן ווייגעשריי, וואָס טראָגט זיך דורות לאַנג איבער די קעפּ פון די אייביק וואַנדערנדיקע און פאַרוואָגלטע, וואָס זוכן זייער היים״.

בעיקר, האָט דער פאַרבאַנד געשטיצט דעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד קאָמיטעט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון די פּועלי ציון אין 1912 אונטער דער לייטונג פון ש. באַנטשעק. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט פּאָפּולער גע־מאַכט, שריפטלעך און מינדלעך, די ארץ ישראל טעטיקייטן און אויסגעטראָטן פאַר זיי דעם וועג נאָך יאָרן פריער איידער ס'איז געגרינדעט געוואָרן אין 1924 די געווערקשאַפטן פאַר ארץ ישראל, אונטערן פאָרזיץ פון דעם אומ־פאַרגעסלעכן, מוטיקן אידישן אַרבעטער־פירער, מאַקס פּיין.

אַזוי האָט דער פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד קאָמיטעט באַקאַנט דעם עולם מיט די העראָאישע מעשים פון „השומר", אַרויסגעגעבן אין 1916 דעם בוך „יזכור" וועגן די געפאַלענע העלדן שומרים אין ארץ ישראל. דער קאָמיטעט האָט דערמעגלעכט די פּובליקאַציע „ארץ ישראל" (1918), געשריבן פון דוד בן גוריון און יצחק בן צבי.

אין דער הערלעכער באַוועגונג פאַר אַ אידישן דעמאָקראַטישן קאָנגרעס, האָבן דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. סירקין, דר. זאָלאָטאַראָוו, פּ. רוטענבערג, יהואש, ברוך צוקערמאַן, יואל ענטין, מאיר בראָון, דוד פּינסקי, קרעטשמאַר יזרעאלי, ה. ערנרייך און אַנדערע געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע. די פּאַרטיי האָט געוואונען אין איינפלוס און אין סימפּאַטיע. דער קליינער און יונגער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען געזעלשאַפטלעך אַ פּראָמינענטע פּאָזיציע.

אין די וואַלן צום קאָנגרעס אין יוני, 1917 האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון. 49 אונזערע דעלעגאַטן — דער רוב חברים פון דער פּאַרטיי און פון פאַרבאַנד — זיינען דערוויילט געוואָרן. היפּש מיטגעהאָלפן צו אונזער זיג האָט די ספּעציעלע אויסגאַבע „דער אידישער קאָנגרעס", וואָס איז דערשינען אַ געוויסע צייט און האָט אָנגעפירט אַ מוטיקן פּרינציפּיעלן קאַמף מיט אַלע קעגנער פון דער דעמאָקראַטישער קאָנגרעס אידייע, פון רעכטס און פון לינקס, בעיקר האָט דאָ געווירקט פּנחס רוטענבערג.

דאָס יאָר 1917 צייכנט זיך בכלל אויס אין לעבן פון פאַרבאַנד און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. דער געדאַנק פון אַ אידישן לעגיאָן האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ קאָנקרעטע פאָרם: חברים פון פיל שטעט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אים און שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל.

טראָנטאָנער קאָנפערענץ

יענעם יאָר, סוף נאָוועמבער, האָט דער פאַרבאַנד אָנשטאָט זיין יערלעכן צוזאַמענפאָר פאַררופן אין טראָנטאָ אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ, וואָס איז גראָד אויסגעפאַלן גלייכצייטיק מיט דער באַלפור־פייערונג אין קופּער יוניאָן, ניו־יאָרק.

אין טרענטאָן האָבן די דעלעגאַטן און די לייטונג דערקלערט, אַז נישט בלויז מוזן מיר אונטערשטיצן די אַרבעט אין ארץ ישראל, נאָר מיר מוזן אויך ווערן איינער פון די אָנפירנדיקע און בויענדיקע כחות. די צייט פאַר טעאָרעטישע דיסקוסיעס איבער ארץ ישראל איז אַוועק; ס׳איז אַ צייט פאַר מעשים. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַז „צוזאַמען מיט פועלי ציון באַדאַרפן מיר גרינדן אַ פּאָליטישע ארץ ישראל קאָמיסיע, פאַררופן אַן אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער צוזאַמענפאָר פאַר אַן אַלגעמיינער אַקציע לטובת ארץ ישראל; רופן פאַרבאַנד מיטגלידער אַנצושליסן זיך אין „החלוץ", אויפקלערן די חברים איבער דער וויכטיקייט פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן, שקלים און נאַציאָנאַל פאָנד". די קאָנפערענץ האָט זיך אָפיציעל אידענטיפיצירט מיטן אַרבעטער ציוניזם.

בן צבי איז געווען דער גאַסט פון טרענטאָנער צוזאַמענפאָר. ער האָט גערעדט איבער חלוציות, וועגן די שומרים אין ארץ ישראל; וועגן די, וועלכע שטייען אויף דער וואַך, און די, וועלכע זיינען געפאַלן, באַשיצנדיק אידיש לעבן און אידישע פּאָזיציעס. ער האָט באַטאָנט דעם היסטאָרישן מאָמענט, וואָס אונזער פאָלק לעבט דורך און וועגן דעם אַז „דער פאַרבאַנד באַדאַרף גיין מיט די אידישע אַרבעטער אין דער אַרבעט פאַר ציון און אין ציון".

זיין רעדע האָט אויפגערודערט די גאַנצע פאַרזאַמלונג, בעיקר ווען ער האָט אין רירנדיקע ווערטער געשילדערט דעם ארץ ישראל לעבן אין מלחמה, די קרבנות פון די פאַרבליבענע, די ליידן פון די אַרויסגעטריבענע צוליב דעם דעקרעט פון דזשעמאַל פּאַשאַ.

אַ יאָר איז אַריבער. פיל חברים זיינען אַוועק מיטן לעגיאָן, צווישן זיי דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד יהושע גאָרדאָן; אַנדערע זיינען גענומען געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אָבער די ארץ ישראל טעטיקייטן און אויפקלער זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן גראָד אין יענעם קריטישן יאָר. מען האָט שוין געהערט אויף דער פינפטער קאָנפערענץ, אין 1918, אַ פאָדערונג צו שאַפן דאָרט אַן אייגענע אינסטיטוציע און גרינדן אַ פּיאָנערן־פאָנד; און דעלעגאַטן האָבן אַפילו אויפגעהויבן די פראַגע פון אַ פאַרבאַנד־אָפּטייל אין ארץ ישראל. באַזונדערס האָט זיך אַזאַ פאָדערונג געהערט אויפן זעקסטן צו־זאַמענפאָר אין הערבסט 1919, אין שיקאַגאָ.

אין אונזערע רייען האָט זיך שטאַרק געלאָזט מערקן אַז איצט מוז מען טאָן גרויסע אַרבעטן לטובת א"י אויפבוי. מיט אינטערעס האָט מען אויפ־גענומען די נייעס, אַז דער וועלט־פאַרבאַנד פועלי ציון שיקט אַ קאָמיסיע קיין ארץ ישראל פעסטצושטעלן די אַרבעטס מעגלעכקייטן און אויפגאַבן. די מלחמה איז געווען געענדיקט. דער קליינער ישוב איז באַשטאַנען פון איבער

פופציק טויזנט אידן — אַ צאָל לעגיאָנערן, צווישן זיי פיל פאַרבאַנד חברים, איז פאַרבליבן אין לאַנד.

ס'האָט זיך געפילט אין דער אידישער גאַס, בעיקר אין ציוניסטישן לאַגער, אַז מיר שטייען אויפן שוועל פון גרויסע פּאַסירונגען, פון רעקאָנסטרוקציע, פון אַ פּאָליטישן סטאַטוס; פון אַ מאַנדאַט, וואָס זאָל פאַרזיכערן נישט בלויז די אידישע היסטאָרישע רעכט אויף ארץ ישראל, נאָר אויך גרויסע קאָלאָניזאַציע מעגלעכקייטן און דאָס אויפריכטן פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים.

געצייג פאַר ארץ ישראל אַרבעטער

אין אַמעריקע האָט דער פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד אָנגעהויבן צו גרייטן אַ גרויסע קאַמפּאַניע פאַר ארץ ישראל. אַ רוף, אונטערגעשריבן פון דוד פּינסקי, יוסף שלאָסבערג, דר. יהודה מאַגנעס, ר. גוסקין, ב. צוקערמאַן, מ. צוקערמאַן, מאיר בראון, יגדל פון אינד. אַרבעטער רינג און דר. ה. זאָלאָטאַראָוו — האָט געפאָדערט „אַ האַמער, אַ זעג, אַ מאַשין, אַ טראַקטאָר פאַר אידישע אַרבעטער, וועלכע שאַפן אַ ניי פּראָדוקטיוו אידיש לעבן אין ארץ ישראל".

פון ארץ ישראל איז אָנגעקומען אַ דערמונטערונג. די קאַמפּאַניע פון 1920־1921 איז מיט באַגייסטערונג דורכגעפירט געוואָרן, און מען האָט געשאַצט דעם ווערט פון די מאַשינען און דאָס געלט אין דער סומע פון איבער הונדערט טויזנט דאָלער; די קאַמפּאַניע האָט מיטגעהאָלפן פאַרבאַרייטן דעם באָדן פאַר דער הסתדרות אַרבעט אין אַמעריקע.

לאָנדאָן ציוניסטישע קאָנפערענץ, פועלי ציון שפּאַלטונג, גרינדונג פון קרן־היסוד

אין 1920 זיינען פאָרגעקומען צוויי וויכטיקע פּאַסירונגען: א) דער ערשטער וועלט צוזאַמענפאָר פון די פועלי ציון נאָך דער מלחמה אין ווין, אין יולי 1920, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג צווישן די אַזוי־גערופענע „רעכטע" און „לינקע". ב) די ציוניסטישע קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אויף וועלכער מ'האָט פּראָקלאַמירט דעם קרן־היסוד, און דר. חיים ווייצמאַן איז דערווײלט געוואָרן פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ס'איז געווען אַ טראַגישע צייט. ס'זיינען אָנגעקומען די ידיעות פון בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אידן אין אוקראַינע. דר. מאַקס נאָרדוי האָט דאַמאָלט געפאָדערט אַז מען זאָל נישט וואַרטן מיט אויסגעאַרבעטע פּלענער, נאָר „אַריינוואַרפן" אין ארץ ישראל אַ האַלב מיליאָן אידן, „אַפילו ווען זיי וועלן ליידן אין לאַנד, איז אַלץ בעסער, איידער שטאַרבן פון די הענט פון פּאָ־

גראַמסטשיקעס, אָדער אַרומלויפן ווי משוגענע אין די וועלדער פון אוקראַינע״. זיין שטים איז געווען אַ קול קורא במדבר. ווער ווייס צי ער איז נישט געווען גערעכט? ער האָט געטענה׳ט אַז נישט תמיד אַנטוויקלט זיך געשיכטע ראַציאָנעל.

די לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָט געמאַכט אַ רושם אויף דער ציוניסטישער וועלט, און דער קרן־היסוד האָט גלייך געקראָגן זיינע אָנהענגער אין אַלע לענדער, בעיקר אין אַמעריקע.

אויך דער פאַרבאַנד האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער אינסטיטוציע און מיט דעם פּלאַן פאַרן קרן־היסוד.

סוף נאָוועמבער 1921 איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַ דעלעגאַציע — מאניע שוחט, בערל קאַצנעלסאָן און יוסף ברץ — מיט אַ וויכטיקער שליחות. זיי האָבן אויך פאַרלאַנגט מ׳זאָל שטיצן די ניי־געגרינדעטע „בנק הפּועלים״.

דער פאַרבאַנד איז געווען פון די ערשטע צו שטיצן די אַקציע; האָט אונטערגעשריבן אַ רוף וועגן דער „בנק הפּועלים״ און זיך באַטייליקט אין דעם ספּעציעל געשאַפענעם קאָמיטעט לטובת דער דאָזיקער זאַך.

אויף דער באָסטאָנער 8טער קאָנפערענץ, האָט דער פאַרבאַנד באַשלאָסן צו שאַפן יעדן יאָר געוויסע סומען פאַר אַרבעטער־סאַניטאַריומס אין ארץ ישראל. ער האָט אין דער אַרבעט פאַראינטערעסירט זיינע חברות, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין באַזונדערע פּרויען־קלובן. די אַקציע פאַרן כרמל־סאַניטאַריום אין חיפה, און דער קופּת חולים איז געוואָרן פון דאַן אָן די שטענדיקע אויפגאַבע פון די אָרגאַניזירטע חברות.

אַ וויכטיקע אונטערנעמונג צו שאַפן מעדיקאַמענטן פאַר קראַנקן־היימען אין ארץ ישראל איז אָנגעפירט געוואָרן אין די יאָרן 1923־1924. מען האָט זיך געווענדט צו דאָקטוירים, דראָגיסטן, דענטיסטן. די ווענדונג האָט זיך איינגעגעבן, און פיל פּראָפעסיאָנעלן האָבן זיך טיכטיק פאַראינטערעסירט און מיטגעהאָלפן. די ארץ ישראל אַרבעטער האָבן אַלץ מער און מער אָנגעהויבן הערן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. די פירער פון הסתדרות האָבן געוואוסט אַז נישט געקוקט אויף דער געאָגראַפישער ווייטקייט פאַראייניקט זיי מיט דעם פאַרבאַנד איין ציל. אין דעם יאָר און אַ האַלב פון 1922 1923 האָט דער פאַרבאַנד איבערגעשיקט קיין ארץ ישראל איבער פופצן טויזנט דאָלער פאַרן סאַניטאַריום און מעדיקאַמענטן.

געווערקשאַפטן־קאַמפּיין

די וויכטיקסטע געשעעניש אין ווינטער פון 1923־1924 איז געווען דאָס פּראָקלאַמירן פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין; ארץ ישראל האָט איינגעלאַדן אַמעריקאַנער אידישע אַרבעטער צו שיקן אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל זיך באַ־

קענען מיטן דאָרטיקן אַרבעטער לעבן און שאַפונגען. די איינלאַדונג איז גע־שיקט געוואָרן צו מאַקס פּיין, פירער פון די פאַראייניקטע אידישע געווערק־שאַפטן אין ניו־יאָרק. דער פאָרשלאָג וועגן אַ דעלעגאַציע איז נישט דורכ־געפירט געוואָרן, אָבער מאַקס פּיין האָט זיך געשטעלט בראש פון אַן אַקציע צו שאַפן 150 טויזנט דאָלער פאַר דער הסתדרות.

די, וועלכע האָבן בייגעוואוינט די פאַרזאַמלונג אין פעברואַר 1924 אין קופּער יוניאָן, וועלן נישט פאַרגעסן די פייערלעכע שטימונג און דעם ציטער, ווען מאַקס פּיין האָט אויסגעשריען: „מיר בעמען היינט אַרונטער דעם חרם אויף ארץ ישראל; מיר, אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע, שטרעקן אויס אַ ברודער האַנט צו אונזערע ברידער־אַרבעטער פון ארץ ישראל". אַ געפּאַקטע פאַרזאַמלונג, שטראַלנדיקע פּנימער, אַ הייליקע שטימונג. דער פאַרבאַנד האָט דאַן דעלעגירט חבר מאיר בראון, ווי אַ ממשותדיקן באַווייז, איבערצוגעבן אין נאָמען פון דער לייטונג די ערשטע צוויי טויזנט דאָלער פאַרן קאַמפּיין. פון יענעם טאָג אָן איז דער פאַרבאַנד געוואָרן איינער פון די זיילן פון גע־ווערקשאַפטן קאַמפּיין.

הסתדרות פאַרטרעטער האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אויף פאַרבאַנד צוזאַמענפאָרן. זיי האָבן געוואוסט אַז זיי וועלן דאָרט טרעפן אַ מחנה פון מיטבויער, וועלכע פאָלגן נאָך מיט טיפער סימפּאַטיע און אויפמערק איטלעכע אַנטוויקלונג אין אַרבעטער לעבן פון ארץ ישראל.

אויף די פאַרבאַנד צוזאַמענפאָרן הויבט מען אָן ריידן ערנסט וועגן דער מעגלעכקייט צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־פאַרזיכער געזעלשאַפט אין ישראל. מען באַשליסט דעלעגירן ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַ פאַרבאַנד פאָרשטייער קיין ארץ ישראל אויסצופאָרשן דעם ענין. אַ באַשלוס איז אָפיציעל אָנגענומען געוואָרן אויף דער יובל קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק אין יאָר 1926, וואָס האָט שפּעטער געפירט צו גרינדן „הסנה".

אין 1926 איז די ארץ ישראל אַרבעטער דעלעגאַציע באַשטאַנען פון די חברים: יצחק בן צבי, יוסף ברץ און דוד רמז; זיי אַלע האָבן אין וואָרט און שריפט אויפגעקלערט דעם עולם איבער סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, ווירט־שאַפטלעכע, קאָאָפּעראַטיווע און קאָלאָניזאַטאָרישע פּראָבלעמען פון אונזער אויפבוי־ווערק. זייערע ווערטער האָבן נישט פאַרפעלט דעם ציל.

ציוניסטן האָבן געפּרואווט צו ווירקן אַז די געווערקשאַפטן זאָלן זיך אָנ־שליסן אין אַן אַלגעמיינעם ארץ ישראל קאַמפּיין; אָבער פועלי ציון, פאַרבאַנד און געווערקשאַפטן טוער האָבן באַטאָנט די וויכטיקייט פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער אַקציע און האָבן אין דעקלאַראַציעס אויף לאַנד־קאָנפערענצן קלאָר פאָרמולירט זייער שטאַנדפּונקט. דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין האָט אָנגעהויבן צו ווירקן ווי אַ זייער וויכטיקער אינסטרומענט פאַר פּראָפּאַגאַנדע און מקור

פון הכנסה פאַר די נויטן פון הסתדרות און דורך אים האָט דער פאַרבאַנד אַריינגעצויגן גרעסערע צאָלן חברים אין דער אַרבעט פאַר ארץ ישראל.

גרינדונג פון „הסנה״

איינע פון די זעלבסטשטענדיקע טעטיקייטן פון פאַרבאַנד איז געווען דאָס גרינדן די אַרבעטער פאַרזיכער־געזעלשאַפט „הסנה״.

רמז, פון ישראל, האָט אויף דעם 10טן צוזאַמענפאַר פון פאַרבאַנד דער־מונטערט מ׳זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט אַזאַ אויפגאַבע. דער צוזאַמענפאַר האָט טאַקע באַשלאָסן אויסצופאָרשן און, ווען מעגלעך, דורכפירן דעם פראָ־יעקט. מ׳האָט באַשטימט חבר מאיר בראַון, פרעזידענט פון פאַרבאַנד און וועלכער איז געווען גוט באַהאַבנט אין די פראָבלעמען, ער זאָל שטודירן אויפן אָרט די באַדינגונגען.

חבר בראַון איז אָפּגעפאָרן סוף סעפּטעמבער, 1926 קיין ארץ ישראל, האָט דאָרט פאַרבראַכט קרוב צו דריי חדשים, געגנוי אויסגעפאָרשט אַלע מעגלעכקייטן און שוועריקייטן, זיך צוזאַמענגעטראָפן עטלעכע מאָל מיטן ועד הפועל פון דער הסתדרות, פאַרטרעטער פון אַ צאָל אַרבעטער־אינסטיטוציעס און קאָאָפּעראַטיוון אין די וויכטיקסטע פונקטן פון לאַנד; געהאַט אויך אַ צאָל געשפּרעכן מיט עקאָנאָמיסטן און ווירטשאַפטס־מענטשן, מחוץ דער הסתדרות. ער האָט אויך געשטודירט די געשאַפענע אַרבעטער פאַרזיכער־קאַסע, געגנוי באַשפּראָכן אַלע פראַגן מיט ח׳ א. מונציק, לייטער פון דער קאַסע, מיט פאַרשטייער פון באַנק הפועלים. אין אַ צאָל בריוו צו דער פאַר־באַנד לייטונג האָט ער באַטאָנט, אַז דער עקאָנאָמישער מצב אין לאַנד איז אַ שווערער, דער אַרבעטס־לוין אַ קליינער און ניט תמיד זיכער; שטאַרבט דער ברויט־געבער, בלייבט די פאַמיליע אומבאַשיצט, ווייל די פאַמיליע האָט גאָרנישט אָפּגעשפּאָרט און עס איז נויטיק אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערן אויפן געביט פון פאַרזיכער. ער האָט אויך אָנגעוויזן אַז אַ פאַרזיכער־געזעלשאַפט קאָן מיט דער צייט העלפן דעם בוי פון אַרבעטער־הייזער אין דער פאָרם פון געבן היפּאָטעקן קרעדיט, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ באַזונדערס אָנגעווייטיקטע פראַגע אין ארץ ישראל.

ער האָט קלאָר געמאַכט, אַז ער וועט רעקאָמענדירן מען זאָל גרינדן אַזאַ געזעלשאַפט. די ערשטע יאָרן וועלן, נאַטירלעך, זיין שווער, ווי אַלע התחלות, אָבער זי קאָן זיך אַנטוויקלען און וואַקסן, אויב דער ועד הפועל פון דער הסתדרות וועט שענקען דעם ענין זיין פולסטן אויפמערק און קאָאָפּעראַציע.

אַ צייטווייליקער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן צווישן ועד הפועל און פאַרבאַנד. ס׳איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוקויפן דעם טשאַר־

טער פון „הסנה", וואָס עטלעכע יחידים האָבן אַרויסגענומען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אָבער זיך מיט אים נישט באַנוצט.

אין אָנהויב פון 1927 האָט די עקזעקוטיווע איבערגעשיקט די ערשטע צען טויזנט דאָלער פאַר אַן אָנהויב פון אַן אַקציען־קאַפּיטאַל פאַר „הסנה". דאָס האָט אין די הסתדרות קרייזן געמאַכט אַ רושם, און „הסנה" האָט גלייך געוואונען אין די אויגן פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן דערפילט, אַז ס׳קומט צו אַ נייע וויכטיקע ווירטשאַפט־אינסטיטוציע אין ארץ ישראל.

די בעלי־בתים פון „הסנה" זיינען געוואָרן דער ועד הפועל פון הסתדרות און דער פאַרבאַנד. אַן אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן אויף זיבן יאָר. אין אַמעריקע האָט מען געגרינדעט אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „הסנה — ארץ ישראל אַנטוויקלונגס־קאָאָפּעראַציע", און אַרויסגעלאָזט אַקציעס. 25,000 דאָלער האָט מען געזאַמלט און די געלטער זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין ארץ ישראל, לייגנדיק דעם פונדאַמענט פאַרן גרונט־קאַפּיטאַל פון „הסנה".

מ. בראָון אין 1930 (ווי איינער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער דעלע־גאַציע קיין ארץ ישראל) און ל. סיגאַל אין 1935 האָבן אין ארץ ישראל מיטגעהאָלפן אויסברייטערן „הסנה". דער ערשטער האָט זיך באַטייליקט — 1930 — אין לייגן דעם גרונט־שטיין פון אַ צאָל אַרבעטער־הייזער אין חיפה, פאַר וועלכע „הסנה" האָט באַשטימט אַ פּאָר טויזנט פונט ווי אַ היפּאָטעקן־קרעדיט. די האַנדלונג האָט געשטאַרקט די „הסנה" פּאָזיציעס אין לאַנד.

ווען סיגאַל איז געווען אויף זיין באַזוך אין ארץ ישראל, האָט ער פאַר־האַנדלט מכוח עפּענען אויך אַנדערע פאַרזיכער־צווייגן. „הסנה" האָט דאָס שפּעטער דורכגעפירט.

היינט־צו־טאָג איז „הסנה" אַן אָנגעזעענע ווירטשאַפט אינסטיטוציע אין לאַנד.

אַרבעטער דעלעגאַציעס פון ארץ ישראל

דעלעגאַציעס נאָך דעלעגאַציעס פלעגן אָנקומען פון ארץ ישראל. די פאַרבאַנד חברים האָבן זיך באַקאַנט מיטן ענערגישן אברהם האַרצפעלד, מיטן גייסטרייכן פירער ז. רובאַשאָוו (ז. שזר), דוב האָז, „דער פּראַקטישער בעל־חלומות". ישראל טערעמינסקי איז איין־ניקע מאָל געווען דאָ און האָט שטענדיק געמאָנט און געפאָדערט; עס האָט געשפּרודלט פון אים מיט ענערגיע, און דאָס האָט זיך איבערגעגעבן דער היגער באַוועגונג; דוד בלאָך, אַ געוויסע צייט דער מאַיאָר פון תל אביב, האָט געצויגן אויפמערק פון דער אידישער און ניט־אידישער עפנטלעכקייט און געוואונען, מיט דער דעמאָקראַטישקייט און ערנסטקייט פון זיינע ווערטער, די סימפּאַטיע פון די היגע חברים.

בלאָך האָט אויך נישט געזשאַלעוועט קיין וויץ, און אַזוי איז ער געוואָרן ביי „עמך" אָנערקענט ווי אַן אייגענער און נאָענטער.

דר. חיים ארלאָזאָראָוו האָט אין די פּאָר מאָל פון זיין פאַרברענגען אין אַמעריקע טיף געווירקט. מען האָט געזען אין אים אַ גרויסן כוח, אַ פירער, וועמען ס'וועט באַשערט זיין צו שפּילן אַ גרויסע ראָליע. זיין טיפער פּאָליטישער אַנאַליז, זיין פאַרנעם און ברייטער צוגאַנג צו זאַכן האָט דערוויזן זיינע פּאָליטישע פעאיקייטן. ער האָט איינציקע מאָל זיך באַגעגנט מיט פאַרבאַנד חברים; זיך באַטייליקט אויף דער דעטרויטער עלפטער קאָנפערענץ אין יאָר 1928 און ווירדיק געענטפערט דר. זשיטלאָווסקי'ן אויף אַ צאָל איינווענדן קעגן דער הסתדרות אין ארץ ישראל, בעיקר אין דער שטעלונג צו העברייאיש און אידיש. אַפילו ווען איר האָט נישט געקאָנט אין גאַנצן מסכים זיין מיט ארלאָזאָראָוו'ס ענטפער, האָט איר געמוזט אָנערקענען זיין לאָגיק, זיין פאַרטיפן זיך אין ארץ ישראל און אידישע פּראָבלעמען, זיין צוגאַנג צו פראַגן. צווייגן פון פאַרבאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן אויף זיין נאָמען נאָך זיין טראַגישן טויט, און זיי זיינען היינט צווישן די טיכטיקסטע און וויכטיקסטע.

באַזוכט האָבן אַמעריקע אויך אונזער געוועזענע אַמעריקאַנער חברה גאָלדע מאירסאָן (גאָלדע מאיר), חנה טשיזשיק, קאַלער, קושניר, דיין, חורין, שקאָלניק — אונזערע „פּויערים" פון ארץ ישראל, וועלכע האָבן געבראַכט צו אונזער באַוועגונג דעם אמתן גרוס פון אידישן דאָרף, פון דער קבוצה און מושב העובדים.

דר. חבר יוריס, אַ קוועק־זילבער און גלענצנדיקער רעדנער, האָט זיך גאָר גוט איינגעלעבט צווישן אונז.

גאָלאָמב און בן גוריון זיינען דאָ אויך געווען און זיי האָבן אָנערקענט דעם פאַרבאַנד ווי אַ וויכטיקן אָרגאַניזאַטאָרישן און געזעלשאַפטלעכן כוח. מ. שרת האָט געלאָזן אַ טיפן איינדרוק.

די אַלע געסט האָבן געשאַפן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט פון ארץ ישראל מיטן פאַרבאַנד. אָבער אויך אַמעריקאַנער חברים, וואָס האָבן אָנגעהויבן באַזוכן אין די לעצטע יאָרן ארץ ישראל און די, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד פּאַר אַ לענגערע צייט, האָבן אינפאָרמירט דעם פאַרבאַנד איבער די אַנטוויקלונגען. ארץ ישראל איז טאַקע ווייט געאָגראַפיש פון אַמעריקע, אָבער איז געוואָרן זייער נאָענט צו אונזערע מיטגלידער.

דער פאַרבאַנד לעבט מיטן אָטעם פון ארץ ישראל

די בלוטיקע טעג פון 1929, דער פּאַספילד פּאַפּיר פון 1930, די שאָו און סימפּסאָן באַריכטן, דער צייטווייליקער אָפּשטעל פון חלוצים־עליה, די שווערע אַראַבישע אומרוען אין די יאָרן 1936־1938, די פּיל קאָמיסיע, דער

וואודהעד אונטערזוך, דער פֿאָרשלאָג פון צעטיילן ארץ ישראל אויף אַ אידישן און אַראַבישן שטאַט, מעקדאָנעלדס שענדלעכע האַנדלונג און דער לעצטער ווייסער פּאַפּיר פון 1939 — די אַלע גזירות האָבן אויפגעטרייסלט די אידישע וועלט. ס׳האָט זיך געפאָדערט אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן אַן אַקציע — פּאָלי־טישע, געלטלעכע, אָרגאַניזאַטאָרישע — האָט מען אויך דעם פֿאַרבאַנד דאָרט געזען. ער איז קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען, שטענדיק גרייט געווען צו דער־פילן זיינע פליכטן, תמיד אין די פאָדערשטע רייען, אומרואיק באַזאָרגט.

אין די לעצטע יאָרן זעט מען אויך אַ צאָל אונזערע חברים ווי דעלעגאַטן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן; אמת, פֿאָרמעל קומען זיי ווי פועלי ציון, אָבער פּאַקטיש זיינען זיי פֿאַרבאַנד פֿאַרטרעטער, ווייל אונזער אָרדן העלפֿט זייער אַקטיוו אין פֿאַרשפּרייטן שקלים אין זיינע רייען.

דער ענטפֿער אויף פּאַספילד׳ס פּאַפּיר אין יאָר 1930 איז געקומען אין דער פֿאָרם פון דעם הערלעכן ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פֿאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל אין בערלין אין 1930, וואו אידישע און ניט־אידישע אַרבעטער פֿאָרשטייער האָבן צוריקגעוואָרפן די בלבולים אויף דער הסתדרות און זיך סאָלידאַריזירט מיט די ארץ ישראלדיקע אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

אַן ענטפער איז אויך געקומען מצד די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע, וועלכע האָבן געשיקט אַן אָפּיציעלע דעלעגאַציע קיין ארץ ישראל אין 1930 און געגעבן זייערע אויסדרוקן פון חברשער פֿאַרבינדונג און סאָלידאַריטעט. אין יענער דעלעגאַציע, אָרגאַניזירט דורך דעם געווערק־שאַפֿטן־קאַמפּיין, האָבן זיך באַטייליקט וויכטיקע אידישע אַרבעטער פירער און קערפּערשאַפֿטן, צווישן זיי אויך פֿאַרבאַנד.

דער אידישער נאַציאָנאַל פּאָנד און זיין אַרבעטער אָפּטייל

ס׳איז ווערט צו דערמאָנען דעם טיפֿן אינטערעס, וואָס דער קרן־קימת האָט אין די לעצטע יאָרן אַרויסגערופֿן אין די פֿאַרבאַנד קרייזן. איבערהויפּט האָט די ממשותדיקע אַרבעט זיך אָנגעהויבן שטאַרק מערקן און פֿראָגרעסירן ווען ס׳איז עטאַבלירט געוואָרן דער אַרבעטער דעפּאַרטמענט פון נאַציאָנאַל פּאָנד, אונטערן פֿאָרזיץ פון ל. סיגאַל און ה. ערענרייך, ז״ל, סעקרעטאַר.

דעם־אָ דעפּאַרטמענט איז געלונגען צו געווינען אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פֿאַרן קרן־קימת. דאָ האָט אויך מיטגעהאָלפֿן דער באַזוך פון אַ אידישער טרייד־יוניאָן דעלעגאַציע אין ארץ ישראל אין יאָר 1937, וואָס האָט געהערט פון אוסישקין, ז״ל, אַ קלאָרע פֿאָרמולירונג איבער די אויפגאַבן און מעגלעכ־קייטן פון נאַציאָנאַל־פּאָנד. דער פֿאַרבאַנד פֿאַרנעמט איצט אין אידישן נאַ־ציאָנאַל פּאָנד אַ בכבודיקע פּאָזיציע.

דעם פאַרבאַנד'ס ביישטייער צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין

דער פאַרבאַנד האָט אין פאַרשידענע צייטן געשאַפן באַדייטנדיקע מיטלען פאַר דער הגנה, עליה ב, החלוץ, אַרבעטער־באַנק, יכין, נחשון, אַמפּאַל און אַנדערע קלענערע און גרעסערע אונטערנעמונגען פאַר ארץ ישראל. אָבער זיין וויכטיקסטן ביישטייער צו דער הסתדרות האָט ער גע־געבן צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. פון דעצעמבער, 1923, ווען די ערשטע אַקציע איז אונטערגענומען געוואָרן, ביז היינט צו טאָג, שטייט דער פאַרבאַנד אין דער אַרבעט און גילט ווי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע קערפּערשאַפטן. די מאַנאַטן פון דער אַקציע זיינען מאַנאַטן פון דערהויבונג, פון התלהבות, פון אויפקלער און פון אַ וואונדערפולער ארץ ישראל שטימונג. פרעמדע און זייטיקע באַטראַכטן די־אַ טעטיקייטן פאַר דער געווערקשאַפטן־קאַמפּאַניע מיט גרויס באַוואונדערונג און מיט איבעראַשונג, קעגנער — מיט קנאה.

דאָס קאַפּיטל געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז אַ הערלעך בלאַט אין היגן אידישע אַרבעטער־לעבן. די הסתדרות שאַצט אָפּ די היגע מעשים פון אַלע קערפּערשאַפטן, ווי אויך די גרויסע פאַרדינסטן פון פאַרבאַנד, ווען זי באַטראַכט מיט רעכט ווי אַ זייל פון דער געווערקשאַפטן אַקציע.

אַמעריקע איז נישט ארץ ישראל. דאָרטן לעבט און אָטעמט טאָג־טעגלעך דער אידישער אַרבעטער, דער תושב מיטן קאַמף פאַר אידישע פּאָזיציעס און פאַר באַפעסטיקונג פון אונזער היים. מיט רעכט באַטראַכטן זיך די ארץ ישראלדיקע אַרבעטער ווי דער אַוואַנגאַרד פון פאָלק אין קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום און באַפרייאונג. דאָרט פילט איר מיט יעדן נערוו און מיט יעדן נשמה־ציטער דאָס אידישע לעבן און דעם גוראַנגאַל פון אונזער פאָלק פאַר זיין עקזיסטענץ. די אידישע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אין די מלחמה יאָרן אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט און אוממענטשלעכקייט, איז אויפגענומען געוואָרן פון די בויער אין ארץ ישראל נישט בלויז מיט טרערן און ווייטיק, מיט צאָרן און צער, נאָר אויך מיט אַנטשלאָסנקייט, אַז מען מוז בויען אַ היים פאַר מיליאָנען פון אונזערע ברידער, וועלכע האָבן געזען זייער איינציקע רעטונג אין אַ אידישער פרייער היים, אין אַ אידישן מלוכה־לעבן.

איז פאַרשטענדלעך וואָס פאַר אונז אַלעמען האָט געמיינט דער ווידער־געבוירן מיט צען יאָר צוריק פון אַ אידישער מדינה.

ס'איז געווען דאָס גליק פון אונזער פאָלק, וואָס מיר האָבן ביים שוועל פון דער מדינה געהאַט אַ ישוב פון איבער זעקס הונדערט טויזנט אידן; אַ הסתדרות פון איבער 130 טויזנט מיטגלידער; פאַרצווייגטע קאָלאָניזאַ־טאָרישע, ווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע פּאָזיציעס; אַ ברייטע דער־ציאונג־סיסטעם און שול־וועזן; אַן אָנהויב פון אַן אָרגאַניזירט מלוכה־לעבן.

מיט דעם פאַקטאָר האָט זיך גערעכנט די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט דעם 29טן נאָוועמבער 1947,ביים שטימען פאַר עצמאות ישראל.

די אידישע אַמעריקע שפּילט היינט אַ וויכטיקע ראָליע אין באַפעסטיקן אונזער היימלאַנד. דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין דער פאָרמע פון אַ גרויסער הלואה ישראל באָנדס, מיט זיבן יאָר צוריק, צו וועלכער דער פאַרבאַנד האָט בייגעטראָגן אַרום זעכצן מיליאָן דאָלער.

אין דער דאָזיקער היסטאָרישער אויפגאַבע האָט די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג איר אָרט און פליכט. דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז אויסגעקומען אין דער ארץ ישראל אַרבעט צו פאַרנעמען אַ חשובערע און פאַראַנטוואָרטלעכערע פּאָזיציע. זיינע טעטיקייטן גיבן די בעסטע גאַראַנטיע אַז ער וועט גיין ווייטער אויף זיין ריכטיקן וועג. ער איז היינט פּאָליטיש רייפער, באַוואוסטזיניקער, גרעסער אין צאָל, שטאַרקער אין איינפלוס און מיט אַ רייכער דערפאַרונג.

אַ בונד איז געשלאָסן געוואָרן מיט די בויער און שאַפער פון ארץ ישראל.
אַ בונד אויף תמיד!

דער לערער סעמינאַר

„דער אידישער לערער־סעמינאַר איז אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע און העכערע אַקאַדעמישע אינסטיטוציע, וואָס גיט אַ סיסטעמאַטיש־אידישע און אַלגעמיינע בילדונג צו די, וואָס גרייטן זיך צו ווערן אידישע לערער.

„דער סעמינאַר שטרעבט צו שאַפן אַ טיפּ אידישן אינטעליגענט, וואָס זאָל האָבן טיפע און ברייטע ידיעות און אַ לעבעדיקן אינטערעס אין דער וועלט־קולטור, און וואָס זאָל אין ליכט פון דעם דאָזיקן וויסן, לערנען, פאַרשטיין און אָפּשאַצן אונזער אייגענע, נאַציאָנאַלע קולטור; אַ אידישן אינטעליגענט, וואָס זאָל זיין גרינטלעך באַקאַנט מיט די סאָציאַלע נויטן און פּראָבלעמען פון דער צייט, וואָס זאָל פילן זיין חוב צו טראָגן ליכט און וויסן צו די אידישע מאַסן.

„לויט זיין כאַראַקטער איז דער אידישער לערער־סעמינאַר אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער אינסטיטוט. זייענדיק נאַציאָנאַל, איז דער סעמינאַר פאַראינטערעסירט אין אַלע פאַזן פון דער אידישער נייער און אַלטער קולטור, ווי אויך אין די פּראָבלעמען פון טאָג־טעגלעכן לעבן און שאַפן. זייענדיק פּראָגרעסיוו, באַקענט דער סעמינאַר זיינע תלמידים מיט די סאָציאַלע שטרעבונגען, סימפּאַטיעס און קאַמפן פון דער אַרבעטערשאַפט בכלל און פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט בפרט".

דאָס איז געווען די פאַרמולירונג פון די צילן און כאַראַקטער פון סעמינאַר, סוף 1917. אויף די יסודות איז ער דערעפנט געוואָרן אין 1918, ווי אַן אייגנאַרטיקע אידיש־אַקאַדעמישע אינסטיטוציע. דר. יהודה קויפמאַן (שוין יאָרן־לאַנג אַ תושב אין ארץ־ישראל) איז געווען זיין ערשטער גייסטיקער פירער. ער האָט טיף באַווירקט אין די ערשטע יאָרן די אידייאישע פּרינציפּן און אויפגאַבן פון דעם לערן־אינסטיטוט. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די סטודענטן. ס'דאַרף דאָ אויך באַטאָנט ווערן די אָנרעגונג און איניציאַטיוו פון יואל ענטין, באַקאַנטער ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיקער, און פירער פון די פאָלקס־שולן פון פאַרבאַנד און פועלי־ציון. אויף אַ זיצונג פון דער פאַרבאַנד־עקזעקוטיווע סוף 1917 איז דערשינען אַ קאָמיטעט בראש פון וועלכן ס'זיינען געשטאַנען דר. יהודה קויפמאַן און יואל ענטין. זיי האָבן ברייט אַרומגערעדט די וויכטיקייט פון סעמינאַר. דאַן האָט די פאַרבאַנד־לייטונג באַשטעטיקט דעם פּלאַן און געגעבן דעם ערשטן בייטראַג פון 250 דאָלאַר. נישט ווייניקער אינטערעס האָט אַרויסגעוויזן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פועלי־ציון.

די לייטונג פון די פאָלקס־שולן האָבן שוין פון פריער זיך אַרויסגעזאָגט פּאָזיטיוו; אויך אידישע שרייבער און קולטור־טוער האָבן זיך פאַראינטערע־

סירט מיט דעם ענין און ווען דער סעמינאַר איז דערעפנט געוואָרן אין מערץ 1918, האָט ער געהאַט אַ ברייטערן קרייז פון פריינט און פּאַראינטערעסירטע.

ס'איז געווען דער היסטאָרישער פּאַרדינסט פון דער יונגער ציוניסטישער אַרבעטער ריכטונג, וואָס זי האָט אויפגענומען יוגנט־ און קינדער־דערציאונג, ווי אַ גרונט־אויפגאַבע פון אירע טעטיקייטן. ס'איז אויך געווען אַ גרויס געווינס פאַרן יונגן סעמינאַר צו האָבן דעם גייסטיקן פירער דר. יהודה קויפמאַן. אָבער נישט ווייניק וויכטיק איז געווען די גרופּע געלערנטע און שרייבער, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם פאַקולטעט אין זיינע ערשטע יאָרן: פאַר אידיש, אידישער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע — י. ענטין, חיים ליבערמאַן און פּראָפעסאָר י. א. יאַפע; העברעאיש און העברעאישע ליטעראַטור — דר. יהודה קויפמאַן; סאָציאַלע וויסנשאַפטן — א. ש. זאַקס; נאַטור־וויסנשאַפטן — דר. אַ. קאַספּע און דר. י. א. מעריסאָן; אידישע געשיכטע — חיים שויס; פּעדאַגאָגיק — ל. לעהרער, סיימאָן הירזשדאַנסקי און ב. צ. גאָלדבערג. אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיינען צוגעקומען ש. ביגער, דר. י. שאַצקי און ב. גלאַזמאַן. יעדעס יאָר פלעגט מען איינפירן נייע לימודים און עס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן נייע לערער פאַר מאַטעמאַטיק, אידישער פילאָסאָפיע, מנהגים און טראַדיציעס. אויך די ליטעראַטור־קורסן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסברייטערן.

דער סעמינאַר (הגם אים האָבן געגרינדעט און שטאַרק געשטיצט דער פאַרבאַנד, פּועלי ציון און אידישע פאָלקס־שולן) איז געווען אַ פרייער אַקאַ־דעמישער אינסטיטוט. בשום אופן נישט פאַרטייאיש — איז ער אָבער געפירט געוואָרן לויט זיין פאָרמולירטן פּראָגראַם. ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז צווישן זיינע לערער זיינען געווען מענטשן מיט פאַרשידענע אָנשויאונגען, ווי דר. מ. אָלגין, דר. מ. העלמאַן, ה. בורגין, פּראָפ. י. גינזבורג, י. ל. כהן, פּראָפ. קאַספּער־לעוויעס, פּראָפ. חיים פייגמאַן, פּראָפ. ה. מאַלטער, ד. פלעשער, א. גלאַנץ, דר. בן־נתן, י. טווערסקי, חיים גרינבערג, ק. וויטמאַן, ש. ב. מאַקסימאַן, דר. ה. ל. גאָרדאָן, י. אָפּאַטאָשו, י. זאַר, מ. עלקין, דר. אַ. קאָראַלניק, ה. ראָגאָף, דר. י. פּאָגעלמאַן, א. האַרקאַווי, יצחק אייזיק הורוויטש, מ. ווינטשעווסקי, י. מילך, מ. ריבאַלאָוו, ה. לייוויק, א. מענעס, י. מינקאָף, דר. פּ. פרידמאַן, פּ. גינגאָלד, דר. צבי כרמל, וכדומה. יעדער איינער האָט צוגעגעבן חשיבות דעם סעמינאַר.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע ערשטע יאָרן, וואָס דער קוריקולום האָט איינגעשלאָסן סאָציאַלע און נאַטור־וויסנשאַפטן. דאָס איז מסתמא, ווייל אַ צאָל תלמידים האָבן אין יענער צייט נישט געהאַט קיין אַלגעמיין־אַקאַדע־מישע בילדונג, ווי ס'איז איצט דער פאַל מיט אַ היפּשער צאָל סטודענטן, וואָס באַזוכן אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס און קומען נאָר אין סעמינאַר צוליב די

אידישע לימודים. אפשר איז דאַן אויך געווען אַ וואונטש ביי די סעמינאַר־פירער, אַז ער זאָל מיט דער צייט ווערן אַ פולער, אידישער קאָלעדזש.

האָט דער סעמינאַר דורכגעמאַכט אין זיינע 40 יאָר פאַרשידענע צייטן; פון אויפשטייג און צוריקגאַנג. זיינע אַמאָליקע תלמידים געפינט מען אין די טויזנטער אין די פאַרשידענע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. זיי ווירקן ווי לערער און אויך ווי געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער.

דער הויפט־צוועק פון סעמינאַר איז געווען און פאַרבליבן: צוצוגרייטן לערער פאַר אידישע און אידיש־העברעאישע שולן. אָבער שוין אין די ערשטע יאָרן איז קלאָר געוואָרן, אַז נישט אַלע תלמידים ווילן ווערן אָדער פאַרבלייבן אידישע מחנכים. אַ געוויסע צאָל באַזוכט יעדן יאָר דעם סעמינאַר ווי פרייע צוהערער. דערפאַר האָט דער לערער־סעמינאַר נאָך אין 1921 געשאַפן אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט, און אונטערן נאָמען „אידישער לערער־סעמינאַר און פאָלקס־אוניווערזיטעט" איז ער לעגאַליזירט געוואָרן אין אַפריל 1935 (דורך אַ ספּעציעלן געזעץ, וואָס די ניו־יאָרקער לעגיסלאַטור האָט אָנגענומען און גאָווערנאָר לעהמאַן האָט אים אונטערגעשריבן).

ס'איז דאַן פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער פאַרהער אין אָלבאַני, צו וועלכן עס זיינען געקומען וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון דער אידישער און דער־ציערישער וועלט. דער ניו־יאָרקער דערציאונגס־־דעפּאַרטמענט איז געווען קעגן דעם סעמינאַר־־טשאַרטער. ער האָט באַטאָנט, אַז דעם סעמינאַר פעלט אַ קאַפּיטאַל פון מינימום אַ האַלבן מיליאָן דאָלער; אַן אייגענער בנין, אַ וויסנשאַפטלעך־איינגעאָרדנטע ביבליאָטעק און אַ מער־אָנערקענטער פאַקול־טעט מיט באַקאַנטע פּראָפעסאָרן אין דער אַקאַדעמישער וועלט. גאָווערנאָר לעהמאַן האָט דערקלערט, אַז ער איז באַקאַנט מיט אַלע פאַקטן און טענות, אָבער ער האָט צוטרוי צו די פּערזענלעכקייטן און פירער פון סעמינאַר, אַז מיט דער צייט וועט ער גובר זיין די אַלע שוועריקייטן און ווערן אַ העכערע שולע מיט לייטן גלייך.

זינט דאַן זיינען אַוועק ביי 23 יאָר. אַ צאָל זאַכן האָט דער סעמינאַר דערגרייכט, און אַ צאָל צילט ער צו דערגרייכן, לויטן פּראָגראַם וואָס די סעמינאַר־פירער און פריינט האָבן זיך לעצטנס געשטעלט. ער האָט אין 1942 געקויפט אַן אייגענעם בנין פון 5 און אַ האַלבן שטאָק, מיט אַ גרויסער צאָל קלאַס־צימערן און אוידיטאָריע. ער פאַרמאָגט היינט אַ גוט־איינגעאָרדנטע, וויסנשאַפטלעך־קאַטאַלאָגירטע ביבליאָטעק פון יודאאיקאַ, אידישע און העב־רעאישע ליטעראַטור, אידישע געשיכטע וכדומה. די ביבליאָטעק ווערט פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט, אָבער ס'פעלן נאָך אַ ריי ענציקלאָפּעדיעס, רעפע־רענץ־ און פּעדאַגאָגישע ביכער.

דער פאַקולטעט איז פאַרגרעסערט געוואָרן און דער סעמינאַר האָפט איצט צוצוציען אַקאַדעמיקער וואָס זיינען אָנגעזען אין דער דערציערישער וועלט. דער עלעמענט פון די סטודענטן האָט זיך היפּש געענדערט. אין די לעצטע 10־20 יאָר האָט ער געהאַט אַ גרויסע צאָל פּליטים, וועלכע זיינען דורכן סעמינאַר רעהאַביליטירט געוואָרן און געקראָגן שטעלעס ווי לערער אָדער טוער אין אידישע אינסטיטוציעס. אַ באַדייטנדיקע צאָל פרויען זיינען געוואָרן סטענאָגראַפיסטקעס, אויפנעמענדיק די ברייטערע סעקרעטאַריאַלע קורסן אין סעמינאַר. אָבער ער קען זיך מער נישט שטיצן אויף אַריבערגע־קומענע. דער סעמינאַר שטרעבט צו האָבן אַ נייעם טיפּ סטודענט. ער וויל דערגרייכן הי־געבוירענע, קאַלעדזש־סטודענטן פון אידישע היימען, וואָס זיינען אויסגעליידיקט פון „אידישקייט" און האָבן נישט די אידישע פאַר־וואָרצלונג, ווי עס האָבן געהאַט די סעמינאַר־סטודענטן אין די ערשטע 20 אָר.

אין 1949 האָבן זיך די העכערע קורסן פון אַ רבעטער־רינג פאַראייניקט מיטן אידישן לערער־סעמינאַר. ביי די פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקונג האָט זיך געמערקט דער גוטער ווילן פוןביידע צדדים: מיט געאייניקטע כוחות אויסצובררייטערן און באַפעסטיקן דעם סעמינאַר, ווי דעם איינציק־העכערן חינוך אינסטיטוט פון דער אַזוי גערופענער „וועלטלעכער ריכטונג". ס'איז דאַן באַשטימט געוואָרן אַ פּראָגראַם פון לימודים פאַר סטודענטן, וואָס וועלן לערנען אין אַרבעטער־רינג שולן און פאַר די וואָס וועלן לערנען אין אידיש־העברעאישע שולן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. פאַר די ערשטע וועט די צאָל שעה'ן זיין בערך 11־12 שעה אַ וואָך, פאַר די צווייטע — 16 שעה אַ וואָך, מיט מער שעה'ן פאַר העברעאיש, אָבער נישט אויפן חשבון פון אידיש־לימוד.

ס'איז דאָ וויכטיק צו דערמאָנען די גרויסע הילף פון דעם דאַן נישט־לאַנג געשאַפענעם אידישן קולטור קאָנגרעס ביים צוזאַמענברענגען ביידע צדדים און דערפירן צו אַ דערנענטערונג. די אידישע קולטור־וועלט האָט באַגריסט די פאַראייניקונג. מען האָט דערין געזען אַ וויכטיקן שריט צו פאַר־שטאַרקן דעם סעמינאַר און אים מיט דער צייט פאַרוואַנדלען אין אַן אָנער־קענט־אידישן קאַלעדזש, וואָס זאָל אויסנוצן זיין טשאַרטער בכדי אַרויסצוגעבן אַקאַדעמישע טיטולן צו זיינע גראַדואַנטן און אָנערקענטע קרעדיטן פאַר די לימודים, וואָס סטודענטן נעמען־אויף אין אויסגעברייטערטן סעמינאַר.

מיט 16 חדשים צוריק, האָט די פירערשאַפט פון סעמינאַר און אַ גרופּע פריינט זיך ערנסט גענומען צוגרייטן און דורכפירן דעם פּראָגראַם אין די קומענדיקע יאָרן ביז 1960. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פאַר דער אויסברייטערונג וועט נויטיק זיין צו שאַפן מינימום אַ האַלבן מיליאָן דאָלער

ביז סוף 1959; אַז פֿאַרעמגלעכע סעמינאַר־פֿריינט וועלן דאַרפֿן בייטראָגן גרעסערע סומען פֿון 500 דאָלער און מער במשך די פּאָר יאָר; עס זאָלן אויך צוגעצויגן ווערן פֿאַר אַקאַדעמישע באַראַטונגען אַ צאָל אידישע פּראָפעסאָרן און געלערנטע און מיט זייער הילף דערמעגלעכן דעם סעמינאַר אַרויסגיין אויף אַ ברייטערן וועג. אַ ריי טייערע אידן האָבן אויך בייגעשטייערט גרעסערע סומעס.

וואָס ווייטער?

ביים אָפּשליסן אַ תּקופה פֿון פֿערציק יאָר קיום, באַטראַכט זיך דער סעמינאַר ווי אַ טייל פֿון דער אידישער קולטור און דערציערישער וועלט. ער איז נישט קיין טעאָלאָגישער אינסטיטוט, געהערט נישט צו קיין אידישער רעליגיעזער ריכטונג, אָבער ער האָט זיך באַמיט צו באַקענען זיינע תּלמידים מיט אידישע מנהגים און רעליגיעזע טראַדיציעס. אין ליכט פֿון דער איצטיק־אידישערווירקלעכקייט זוכט דער סעמינאַר אַ סינטעז פֿון די גייסטיקע עבר־ווערטן מיט די אידישע קולטור־שאַפֿונגען פֿון היינט.

דער סעמינאַר זאָרגט פֿאַר זיין אויסברייטערונג, בכדי צו ווערן אַ מער־ווירקנדיקער פֿאַקטאָר אין היגן אידישן לעבן. ער מוז געפֿינען אַ ברייטערן צוטריט צו דער אידישער יוגנט אין לאַנד. דערפֿאַר מוז ער קענען אויסנוצן זיינע געזעצלעכע רעכט ווי אַן אַקאַדעמישער אינסטיטוט. ער מאַכט איצט זיין חשבון־הנפש. אין היגן אידישן לעבן ווירקן היינט פֿאַרשידענע כּוחות. מען מוז אָנערקענען די אָנשטרענגונגען און קרבנות פֿון אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן. ווי ס׳זאָגן עדות די גרויסע צאָל נייע ישיבות, הגם מיטן פּראָגראַם פֿון טייל פֿון זיי קאָנען מיר נישט מסכּים זיין. מיר טאָרן נישט פֿאַרזען דעם ישיבה־אוניווערזיטעט, וואָס איז שוין היינט אַ גרויסער כּח אין דער דער־ציערישער וועלט. אויך אין די קאָנסערוואַטיוו־רעליגיעזע קרייזן מערקן זיך גרויסע ענדערונגען. דער אידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר איז שטאַרק אויס־געוואָקסן און האָט אַן השפּעה אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט. אויך דער היברו יוניאָן קאָלעדזש פֿון סינסינעטי האָט זיך פֿאַראייניקט מיטן ניו־יאָרקער „אינסטיטוט פֿאַר אידישער רעליגיע״ (געגרינדעט פֿון דר. סטיפֿען ווייז). אין דער אַקאַדעמישער פֿעסטונג פֿון רעפֿאָרמירטע אידן הויבט מען אָן צו באַמערקן נייע טענדענצן צו דערנענטערן זיך צום פֿאָלק. די רעקאָנ־סטרוקציאָניסטן, אונטער דער השפּעה פֿון פּראָפֿעסאָר מרדכי קאַפּלאַן, האַלטן אַז עס מוז געשאַפֿן ווערן אַן ענגערער קאָנטאַקט מיט די אַזוי־גערופֿענע „וועלטלעכע״ אידישע קולטור־קרייזן. ס׳קומט בכלל פֿאָר אַן איבערשאַצונג פֿון געדאַנקען און אָריענטאַציעס.

אונזער סעמינאַר מוז בכן באַווירקט ווערן פֿון די ענדערונגען, ער מוז גיין מיט דער צייט, אויב ער וויל זיך טיפֿער פֿאַרוואָרצלען אין אַמעריקע,

גראַד מיט זיין אייגנאַרטיקייט. ער קאָן נישט פאַרבלייבן ווי ער איז, בלויז מיט זיינע איצטיקע לימודים, קורסן און באַשרענקטע מיטלען. מאַכט ער איצט, אין זיין פערציקסטן יאָר, מער אָנשטרענגונגען צו פאַרגרעסערן זיין פאַקולטעט (מיטן צוציען אייניקע אָנערקענט־אידישע אַקאַדעמיקער); צו שטאַרקן די אָפּטיילונג פון צוגרייטן לערער פאַר אידישע און העברעאיש־אידישע שולן; אויסצוברייטערן זיין פאָלקס־אוניווערזיטעט און דערציאונג פאַר דערוואַקסענע; צו עפענען אַן אינסטיטוט, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן צוגרייטן פאַר אידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אידישע יונגע מענטשן, וואָס זאָלן זיין באַהאַוונט אין אידיש־קולטורעלע, סאָציאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע פראַגן און פּראָבלעמען. ער וועט זיך רופן „חיים גרינבערג אינסטיטוט פאַר אידישע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און פילאָזאָפישע שטודיעס". דאָס וועט זיין אַ העכערע שולע פאַר יונגעלייט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ קאָלעדזש־בילדונג, אָבער זייער ווייניק באַקאַנט מיט פּראָבלעמען פון אידישן לעבן, אידישער געשיכטע, אידישער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע. דער אינסטיטוט וועט באַצוועקן אַ גייסטיקע דערנענטערונג צווישן אידישע ישובים און מדינת ישראל, און אַן אויסטויש פון סטודענטן.

אויב דעם סעמינאַר וועט געלינגען דורכצופירן זיינע איצטיקע אויפגאַבן, וועט ער אפשר קאָנען ווערן מיט דער צייט אַ אידישער אוניווערזיטעט. אָבער מיט זיינע אייגענע כוחות וועט ער דאָס נישט קענען דערגרייכן. ער וועט מוזן האָבן די מיטהילף און וואַרעמקייט פון ברייטערע, אידיש־קולטורעלע קרייזן, אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, אידישער פּרעסע, אידישע שרייבער, לערער, דערציער און אמת'ע פריינט פון אידישער קולטור.

צביון, ז"ל, האָט געטראַכט און געשריבן וועגן דער אויסברייטערונג פון סעמינאַר. ער האָט געחלומ'ט וועגן באַקומען אַ גאַר־גרויסע סומע פון אַטראָן־פאָנד; איז ער ליידער אַוועק, איידער ער האָט געקאָנט דורכפירן זיין וואונטש. אַ צאָל שרייבער, ווי שעפנער, מענעס, דינגאָל, גלאַטשטיין, מ. סעמיועל האָבן געשריבן און גערעדט וועגן דעם ענין: אין די קרייזן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אַרבעטער־רינג, קולטור־קאָנגרעס, פּיאָנערן־פרויען, פּועלי־ציון, שלום עליכם־אינסטיטוט, אידישע קולטור־קלובן איבערן לאַנד און ביי טייל אידישע יוניאָן־פירער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס איז דאָ סימ־פּאַטיע און פאַרשטענדעניש פאַר אַ פאַרגרעסערטן און אויסגעברייטערטן סעמינאַר. דאָס צוזאַמענעמען די אַלע פריינט איז בכן דער געבאָט פון דער שעה. אַ שטויס צו דער וויכטיקער אַרבעט האָט געגעבן דער פערציק־יאָריקער סעמינאַר־יובל, וואָס איז געפייערט געוואָרן אין 1958 אין ניו־יאָרק און אין אַ צאָל גרעסערע אידישע צענטערן.

פאַרמעגלעכע פּריינט קענען העלפן די אָנגעצייכנטע פּראָיעקטן דורכן אויפשטעלן קאַטעדרעס, אָדער „שטולן״ (טשערס) פאַר דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור; העברעאישער און ישראל קולטור; רעליגיעזע טראַדיציעס און ווערטן; די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג; אַמעריקאַנער אידישן ישוב; אַ קורס פאַר אידישן זשורנאַליזם, וכדומה.

אָן אַ גרויסן פאָנד פון אַ האַלבן מיליאָן דאָלער און אָן אַ דערנענטערונג און אינטערעס פון אַ גרעסערער צאָל יחידים און אָרגאַניזאַציעס; אָן דער הילף פון דער אידישער פּרעסע, וועט נישט מעגלעך זיין דורכצופירן דאָס אַמביציעזע פּראָגראַם פון סעמינאַר.

דער סעמינאַר טאָר נישט זיין פאַר׳יתומ׳ט; ער קען און מוז ווערן דער אָנהויב פון אַ אידישן קאָלעדזש, אויב נישט אוניווערזיטעט. אויב מיר וועלן זיך דערנענטערן צום ציל, וועט מען קענען ערנסט טראַכטן וועגן אַ פאַר־אייניקונג פון סעמינאַר און „ייוואָ״ — די צוויי וויכטיקע אינסטיטוטן פאַר לערנען און פאָרשונג, וואָס זיינען דער אידייען־פאַרמעג פון דער אידישער קולטור־וועלט.

כל־זמן ס׳לעבט נאָך אַ דור פון אידן, וואָס האָבן געווירקט און ווירקן גייסטיק מיט זייער וואָרט און שריפט; אַ דור וואָס האָט געבויט גרויסע אידישע פאָלקס־ און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס; אַ דור וואָס האָט געגלויבט און גלויבט נאָך אין אידישן המשך און צוקונפט — דאַרף ער באַווייזן זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און הוב צו באַפעסטיקן אַזאַ אינסטיטוציע ווי דער אידישער לערער־סעמינאַר און פאָלקס־אוניווערזיטעט. זאָל נאָר נישט ווערן צו שפּעט!

— 1958

אָנהייב פון פועלי ציון*

דער פועלי ציוניזם איז ניט אַנטשטאַנען אין איין לאַנד און האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט דער טעריטאָריע פון איין מדינה. להיפוך צום „בונד", האָט ער פּראָקלאַמירט די אַלוועלטלעכקייט פונעם אידישן אַרבעטער און פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

הגם די פועלי ציון־גרופּעס האָבן זיך צוערשט אויסגעפורעמט אין רוס־לאַנד, האָט זיך די באַוועגונג שנעל פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע לענדער. דווקא געוויסע טעאָריעס פון סאָציאַליסטישן און אַרבעטער ציוניזם, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן נאָך פאַר באָראָכאָוו'ן, שטאַמען פון מחוץ רוסלאַנד. אין די יאָרן 1898־1899 גרינדן זיך אין ווין („אחוה") און לעמבערג („עברי") פאַראיינען פון אידישע אַרבעטער מיט אַ פּלאַטפאָרם פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם. אין דער זעלביקער צייט (1898) האָט נחמן סירקין פאַרעפנטלעכט אין בערלין (אין דייטש) זיין בראָשור, די יודענפראַגע און דער סאָציאַליסטי־שער יודענשטאַט. אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַנטשטייט אין בערלין די גרופּע „חרות" (סירקין, לאַצקי־בערטאָלדי, קאַלמאַנאָוויטש) וואָס נעמט אָן סירקינ'ס פאָרמולירונג פון צוויי פלאַכן־טעטיקייט — רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער קאַמף און נאַציאָנאַלע באַפרייאונג. ווי אַ באַוועגונג האָט זיך פועלי ציון אָבער אויסגעבילדט אין רוסלאַנד און פון דאָרט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַנדערע לענדער.

אין די ערשטע יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט באַווייזן זיך אין רוסלאַנד, צווישן די אידישע אַרבעטער און ביי אַ טייל פון דער אינטעליגענץ, גרופּעס וואָס דעקלאַרירן זיך ווי אָנהענגער פון ציוניזם און סאָציאַליזם; זיי טענה'ן, אַז דיביידע באַוועגונגען זיינען זיך ניט סותר און אַז עס קאָן געשאַפן ווערן אַ סינטעז צווישן זיי. אין ווינטער 1900־1901 ווערט אין יעקאַטערינאָסלאַוו געגרינדעט די ערשטע פועלי ציון־אָרגאַניזאַציע. אַ יאָר שפּעטער אַנטשטייען גרופּעס אין אָדעס, וואַרשע, דווינסק, ווילנע. אין דער זעלביקער צייט איז אויך אויפגעקומען די פוע"צ־גרופּע אין מינסק. אויפן מינסקער ציוניסטישן צוזאַמענפאָר האָבן די מינסקער פועלי ציון אָנגעהערט צו דער אַזוי גערופענער דעמאָקראַטישער פראַקציע.

---

*) פאַרקירצט פון אַ גרעסערן אַרטיקל, געדרוקט אין „געדאַנק און לעבן".

ב. באַראָכאָוו פּרוּווט פאָרמולירן דעם טעאָרעטישן באַזיס פאַרן סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם, און הויבט אָן אַרויפלייגן זיין גייסטיקן שטעמפּל אויף אַ דור פון אידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ. אין 1903 קומט פאָר די ערשטע באַראַטונג פון די פּועלי ציון־גרופּעס אין ווילנע. ס׳הויבט זיך שוין אָבער אויך אָן דער קריזיס, וואָס פירט שפּעטער צו די שפּאַלטונגען פון די טעררי־טאָריאַליסטן (ס. ט.) און „סיימאָווצעס".

די גרופּעס — וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין פאַרשיידענע ערטער — האָבן ניט געהאַט אַן איינהייטלעך פּראָגראַם. די מינסקער גרופּע איז געווען בעיקר ציוניסטיש און האָט געלייקנט אין אַ אידישער קלאַסן־צעטיילונג אין גלות, בשעת אַנדערע גרופּעס האָבן אָנערקענט די קלאַסן־טיילונג און סימפּאַטיזירט מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די „וואָזראָזשדעניע"־גרופּע, ווידער, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכן פּראָגראַם פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער און באַטאָנט די עמיגראַציע־פראַגע, קומט זיך צוזאַמען אין קיעוו, אין 1903. אין משך פון עטלעכע יאָר, אין שייכות מיט דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט אויפן 6טן ציוניסטישן קאָנגרעס און מיט דער אַנטוויקלונג פונעם אידעאָלאָגישן קאַמף אין רוסלאַנד, קומען פאָר שפּאַלטונגען; עס אָרגאַניזירן זיך די ס. ס. און די סיימאָווצעס. צו־ביסלעך הויבן זיך אויך אָן די פּועלי ציון פּאַלעסטינצעס צו קאָנסאָלידירן.

אין אַמעריקע הויבט מען אָן צו הערן דעם טערמין „פּועלי ציון" ערשט אין פרילינג 1903, ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט אין ניו־יאָרק אַ קליינע גרופּע פון אימיגראַנטן, אונטער דעם דאָזיקן נאָמען. אַ יאָר שפּעטער אַנט־שטייט אַן אַנדער גרופּע שוין פון על פּי רוב „היגע עלעמענטן", אין פילאַדעלפיע.

פּועלי ציוניזם אין אַמעריקע האָט מוטיק געמוזט קעמפן פאַר אָנערקענונג און פאַרשפּרייטונג פון זיינע אמת׳ן. אָבער להיפוך צו די פּועלי ציון אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַרטיפן זיך טעאָרעטיש און צו באַגרינדן זייער אידעאָלאָגיע אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, האָט דאָ, אין אַמעריקע, דער פּועלי ציוניזם באַמיט זיך צו ווירקן אין אַ פּאַר־שטענדלעכער שפּראַך, צוגעפּאַסט צום היגן הינטערגרונט. ניט בלויז האָט מען זיך דאָ ניט אַריינגעלאָזט אַזוי פיל אין טעאָרעטישע דיסקוסיעס ווי אין רוסלאַנד, נאָר מען האָט אויך ניט פאַרבאָרגן עמאָציאָנעלע מאָמענטן און ניט געלייקנט דעם נאַציאָנאַליזם און דעם באַגער פאַר אַ אידישער היים. אַ צאָל אַריבערגעקומענע פּועלי ציון און ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן, ניט געקוקט אויף דער היגער ווירקלעכקייט, זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון זייער רעוואָלוציאָנערער פראַזעאָלאָגיע, האָבן ניט געפונען דאָהי קיין אָפּ־קלאַנג און זיי זיינען אינגאַנצן אַוועק. דאָס טראַגישע פון היגן פּועלי ציוניזם

אין זיינע ערשטע יאָרן איז אויך געווען דער קלאָרער אָנדייט פון אַ מעגלעכער שפּאַלטונג צווישן ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן.

דער פועלי ציוניזם האָט אָבער געשאַפן אין אַמעריקע אַ סך ווערטן. די יאָרן פון זיין עקזיסטענץ זיינען פאַרבונדן מיט דעם גאַנצן היגן אידישן לעבן בכלל און מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג בפרט. זיי זיינען אַן עדות פונעם אידייען־געראַנגל אין יענער תקופה, און זיינען ענג פאַרקניפּט מיט דעם בהדרגה׳דיקן פּראָצעס פונעם אידישן ישוב, וואָס איז פּאָליטיש רייף געוואָרן ווי אַן אָרגאַניזירטער קיבוץ בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די 50 יאָר קאָנען איינגעטיילט ווערן אין דריי פּעריאָדן:

1. די אַנטשטייאונג פון פועלי ציון און די ערשטע פּרוּוון צו געפינען אַ דריסת הרגל פאַר די נייע אידייען אין דער היגער געזעלשאַפט; די שפּאַל־טונג צווישן פועלי ציון און ס. ט. (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן); זייער עקזיסטענץ און טעטיקייט נאָך דער שפּאַלטונג ביז דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ פון פועלי ציון מיט ס. ט. און ס. ר. ט. (סאָציאַליסטן־רעוואָלו־ציאָנערן טעריטאָריאַליסטן) אין סעפּטעמבער 1909 (אין שיקאַגאָ).

2. די יאָרן פון 1910 ביז סוף 1931, ווען ס׳איז פאָרגעקומען די צווייטע פאַראייניקונג פון די פועלי ציון, דאָס מאָל מיט די „צעירי ציון"; דער אָפּצווייג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג; די דערציערישע און קולטורעלע אַרבעטן; די גרויסע ארץ־ישראל טעטיקייט; די אידישע פאָלקס־הילף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; דער אידישער לעגיאָן; דער קאַמף פאַרן אידישן קאָנגרעס, א. אַ. וו.

3. די פאַראייניקטע פועלי ציון־צעירי ציון פּאַרטיי און די ווירקונג פון דער היגער ציוניסטישער באַוועגונג ביזן היינטיקן טאָג.

די ערשטע גרופּעס

דער אידישער קוואַרטאַל פון ניו־יאָרק איז אין מערץ 1903 רייכער געוואָרן מיט אַ קליינער אָרגאַניזירטער גרופּע פון פינף מענטשן, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַ סינטעז צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם — אַ זאַך וואָס האָט דעמאָלט אויסגעזען דאָ משונה׳דיק סיי ביי די אידישע סאָציאַליסטן, סיי אין די אויגן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. די גרופּע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַראיין פועלי ציון *).

*) די אידישע ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע גרופּירונגען האָבן סוף 19טן און אָנהויב 20טן י״ה געפּרוּווט ווירקן אויף די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, אַריבערגעקומענע פון יענער זייט ים. די אָנפירער פון די דאָזיקע גרופּעס, מייסטנס יונגע אינטעליגענטע אידישע ראַדיקאַלן, זיינען געווען קנאַפּ באַגייסטערט פאַר אַמעריקע; זיי האָבן געלעבט מיט רוסלאַנד און מיט דער האָפענונג, אַז דאָרטן וועט פאָרקומען אַן איבערקערעניש און געגלויבט, אַז עס קומט באַלד אָן אַ סאָציאַלע וועלט־רעוואָלוציע.

שווער זיינען געווען די ערשטע צייטן. טעאָרעטיש האָט מען געטאָפּט אין דער פינסטער. יעדער האָט זיך געפילט ווי דער טרעגער פון נייע אמת׳ן, פון נייע ווערטן אין אידישן לעבן.

דער ערשטער עפנטלעכער אויפטריט פון דער פועלי ציון־גרופּע איז געווען פאַרבונדן מיט דעם קישענעווער פּאָגראָם (אַפּריל 20־22טן, 1903). די שרעקלעכע נייעס האָט אויפגעטרייסלט דעם אידישן קוואַרטאַל, אויפגערודערט אַ סך אין די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע לאַגערן, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז אויך אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין דער שחיטה אויף אידן.

די אויפרעגונג האָט מען דערפילט אין דער פרייער אַרבעטער שטימע (אָרגאַן פון די אַנאַרכיסטן) און אין פאָרווערטס (צייטונג פון די „אידיש־שפּרעכנדע״ סאָציאַליסטן). די פרייע אַרבעטער שטימע האָט באַמיט זיך אַליין צו טרייסטן און צו באַרואיקן די געמיטער, אַז גוי׳אישע אַרבעטער האָבן פאַרטיידיקט די אידן, און אַז די רעוואָלוציע וועט מאַכן אַ סוף צו די פּראָגראָמען. גלייכצייטיק האָט זי געפונען פאַר נויטיק צו באַמערקן וועגן „די יונגע אינטעליגענטע כוחות, וועלכע גרינדן נוצלאָזע פאַראיינען פון אַ כלומרשטן אידישן כאַראַקטער״.

די פועלי ציון האָבן אויף אַ זיצונג שבת, דעם 6טן מאַי, 1903, באַשלאָסן צו רופן אַ קאָנפערענץ וועגן אַ טרויער־דעמאָנסטראַציע. מאָנטיק, דעם 11טן מאַי, 1903, איז דערשינען אין פאָרווערטס אויף דער ערשטער זייט אַן אויפרוף „צום אידישן פאָלק״ אונטערגעשריבן פונעם נאַצ. ראַד. פאַראיין „פועלי ציון״.

דער פאָרווערטס האָט אונטערשטיצט יענעם רוף און געמאַכט דערביי די ווייטערדיקע באַמערקונג: „די ציוניסטן האָבן צום ערשטן מאָל דערוויזן, אַז זיי ווילן העלפן דעם פאָלק ניט נאָר מיט שקלים און אַקציעס און דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען, נאָר זיי זיינען פעאיק אויך צו פּראָטעסטירן קעגן טיראַניי״.

די קאָנפערענץ פון פועלי ציון איז געווען אַ דערפאָלגרייכע. די גרויסע

דער רוב פון די ראַדיקאַלן איז געווען קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט און קעגנעריש צו ריין אידישע טעטיקייטן; אידישע קולטורעלע אַרבעטן האָבן פאַר זיי ניט געהאַט קיין אינטערעס. זיי האָבן באַקעמפט דעם ציוניזם ווי אַ רעאַקציאָנערע קליין־בירגערלעכע באַוועגונג. זיי האָבן געמוזט אָנפירן זייער אַגיטאַציע צווישן די אידישע מאַסן אויף אידיש, אָבער האָבן ניט געהאַט קיין באַציאונג צו דער אידישער שפּראַך. זיי זיינען געווען באַקאַנט ווי „אידיש־שפּרעכנדיקע גענאָסן״.

די אַלגעמיינע ציוניסטן זיינען געווען קליין אין צאָל און האָבן ניט געהאַט קיין מגע ומשא מיט די „גענאָסן״. אויך צווישן זיי זיינען ניט אַלע תחילת געווען באַגייסטערט פאַר די „נייע ציוניסטן״ (פועלי ציון), און ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פועלי ציון קאָנען קריגן אַ צוטריט צו די אידישע אַרבעטער און זיי באַקערן צום ציוניזם.

צאָל אַנוועזנדיקע האָבן אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט מיט דער אויפגאַבע דורכצופירן די דעמאָנסטראַציע. כאָטש פון דעם געפּלאַנטן טרויער־מאַרש האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן — „יהודים" און געוויסע גענאָסן האָבן אָנגע־הויבן צו אַרבעטן מעשים קעגן דעם — איז אָבער פאָרגעקומען אַ ריזיקע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין קאַרנעגי האָל (27טן מאַי), מיטן אָנטייל פון געוועזענעם פּרעזידענט קליוולאַנד. די פּועלי ציון האָבן באַשלאָסן אָפּדרוקן זייער פּלאַטפאָרם און „זוכן באַקאַנט צו מאַכן די אידישע אינטעליגענץ מיט דער פּלאַטפאָרם און בעטן סימפּאַטיע און מאָראַלישע שטיצע".

די פּלאַטפאָרם איז דערשינען ווי אַ בראָשור פון 8 זייטן מיט אַ פאָררעדע:

„מיר, אַ טייל פון דער ברייטער אידישער מאַסע, האָבן זיך פאַרזאַמלט און צוזאַמען באַטראַכט די אומשטענדן, אונטער וועלכע עס לעבט איצט די אידישע מאַסע, ווי אויך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. מיר האָבן געמוזט אָנערקענען דעם פאַקט, אַז אין דער אידישער וועלט גייען איצט פאָר צוויי גוואַלדיקע גייסטיקע שטרעמונגען: איינע איז אַ נאַציאָנאַלע און די אַנדערע אַ ראַדיקאַלע, אַ דעמאָקראַטישע".

„ביידע שטרעמונגען שטאַמען פון אומצופרידנקייט מיט דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון אידישן פאָלק; ביידע פּרואוון צו פאַרבעסערן די־אָ לאַגע: איינע דורך אָנשליסן זיך אין וועלט־פּראָלעטאַריאַט און די אַנדערע דורך אָרגאַניזירן דאָס פאָלק צו באַפרייען זיך אויף אַ פרידלעכן וועג, ניט מאַכנדיק קיין אונטערשייד צווישן די קלאַסן אין פאָלק גופא. ביידע שטרעמונגען זיינען פיינטלעך צווישן זיך... און שטייען אויף אַ פאַלשן באָדן; די און יענע האַלטן זיך אָן אַלטע און אָפּגעלעבטע באַגריפן און ווילן ניט וויסן פון די פאָדערונגען פון נייעם לעבן".

די פּלאַטפאָרם באַרירט דעם קלאַסן־קאַמף און אויך דעם נאַציאָנאַלן קאַמף ווי אַזוי ער האָט באַאיינפלוסט דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט „דאָס רעכט צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, פּונקט ווי די פינער, די בולגאַרן, פּאָליאַקן און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן. דאָס וואָס די אַלע פעלקער זיינען ניט אָפּגעריסן פון זייער באָדן און די אידן יאָ — מאַכט די אויפגאַבעס שווערער, אָבער ניט אוממעגלעך. דאָס פאָלק וויל לעבן, האָט דאָס רעכט צו לעבן און וועט לעבן".

„דער נציאָנאַלער קאַמף, ווי אויך דער קלאַסן־קאַמף זיינען זיך ניט סותר; זיי שטרעבן צו באַפרייען די מענטשהייט מיט פאַרשיידענע מיטלען און פאַרשיידענע וועגן".

„אויפן גרונט פון די געדאַנקען, האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ביידע שטרעמונגען — דער נאַציאָנאַלער און קלאַסן־קאַמף — זאָלן זיך קאָנען פאַרשטענדיקן".

„מיר רופן אונטער אונזער פאָן איטלעכן וואָס פילט און דענקט ערלעך און איידל אין דעם אידישן פאָלק, שטרעבט, אַרבעט און קעמפט צוזאַמען פאַר זיין פּולקאָמענער באַפרייאונג פון אייגענעם און פרעמדן יאָך".

אַ קוריאָז אין דער פּלאַטפאָרם איז אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע צום „בונד" פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. דער דאָזיקער טייל איז באַאיינ־פלוסט געוואָרן פון א. ליטווין. קענטיק, אַז די „פּועלי ציון" פון ניו־יאָרק האָבן נאָך ווייניק וואָס געוואוסט פון דעם ביטערן קאַמף וואָס די „פּועלי ציון" פון רוסלאַנד האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד דעם „בונד"... אין אַמעריקע איז דער „בונד" דעמאָלט אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ הער־לעכן ליכט; אומעטום האָט מען אים פּראָקלאַמירט ווי דעם רעטער פון

די אידן. דער באַקאַנטער דיכטער, א. ליעסין, האָט דאָס דערקלערט אין מערערע לייט־אַרטיקלען אין פאָרווערטס, אַ קורצע צייט נאָך דעם קישענעווער פאָגראָם *).

„אונזער פלאַטפאָרם" האָט אַרויסגערופן אַ לעבעדיקן אינטערעס. דער „פאָרווערטס" האָט איר אַפילו געווידמעט אַ באַזונדערן לייט־אַרטיקל (גע־שריבן פון אב. קאַהאַן, זונטיק דעם 18טן יולי, 1903), אונטערן נאָמען „ראַדיקאַלע ציוניסטן". קאַהאַן קאָמפּלימענטירט די „פּועלי ציון" פאַר דעם ריינעם אידיש און זאָגט, אַז „רעספּעקט מוז מען צו זיי האָבן, אָבער די גרינדונג פון די פועלי ציון איז אַ באַווייז קעגן דעם ציוניסטישן געדאַנק"... „דער ציוניזם", באַטאָנט ער, „איז אַ נאַציאָנאַלער געדאַנק, וואָס פאַראייניקט אַלע אידן אין איין נאַציע, און דאָ זעען מיר גאָר ווי די אָרגאַניזאַציע פון דער פאַראייניקטער אידישער נאַציע ווערט צעטיילט אויף בורזשוא־ציוניסטן און אַרבעטער־ציוניסטן".

צוזאַמען מיט דער אַנטווישונג, וואָס איז געקומען נאָכן קישענעווער פאָגראָם ביי אַ סך אידישע סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן, האָט זיך דערפילט אַ הילפלאָזיקייט אין זייערע רייען.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט דר. ה. זאָלאָטאַראָוו (אַנאַרכיסטישער פירער) מיט זיינע „ערנסטע פראַגעס" (געשריבן אין פרייע אַרבעטער שטימע מאַי 23טן און 30טן, 1903). דאָרט דערהערט זיך דער וויי־געשריי פון אַ אידישן ראַדיקאַל; דרייסט זאָגט ער, אַז

„אונזער לעבנס־טעטיקייט איז אין די רייען פון פאָלק... בלינד דאַרף מען זיין ניט צו זען דעם מעכטיקן שטראָם פון קולטור־פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, וואָס צעגיסט זיך איבער אַלע לענדער. די אומשטאַנדן וואָס רופן אים אַרויס זיינען צו מעכטיק... עס איז נאָר אויך דער באַוואוסטער ווידער־קול פון אונזער נשמה, פון יענעם וויי־געשריי פון אידישע מאַרטירער, וואָס כאַפּט אונז אַרום ווי אַ פלאַם־פייער... מיר דאַרפן זיך באַמיען צו גרופירן די מאַסן אין צענטערן, וואו די גאַנצקייט זאָל אָפּגעהיט ווערן, וואו עס זאָל געזיכערט ווערן אַ פרייערער און בעסערער לעבן פון אונזער פאָלק".

אין פאָרווערטס זיינען דערשינען אַ פאַר לייט־אַרטיקלען וועגן דער אידי־שער פראַגע אונטערן נאָמען „וואָס טוט מען?" און א. ליטווין האָט אָפּגע־דרוקט דאָרט (25טן מאַי, 1903) אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער זאָגט, אַז „מען דאַרף העלפן כאָטש דעם טייל פון דער מאַסע וואָס קעמפט פאַר אַ היים, וואו זיי זאָלן קאָנען זיכער זיין, וויניקסטנס, פון פאָגראָמען און אַנטיסעמיטיזם".

יוסף באַראָנדעס, שוין דעמאָלט אַ באַקאַנטער אידישער אַרבעטער־פירער, האָט אויך אָנגעהויבן „אויטנערזינדיקן" מיט נאַציאָנאַליזם, ביט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געמאַכט אַ דערקלערונג דעם 26טן יוני 1903

*) דער ניו־יאָרקער צווייג פון „בונד" האָט זיך באַנוצט מיט דער רעזאָלוציע און האָט שפּעטער פאַרלאַנגט הילף פון די פועלי־ציון.

אין פאָרווערטס, אַז ער איז נאָך ניט קיין ציוניסט, אָבער ער איז ניט פיינטלעך, און אויב די ציוניסטן זיינען איינפאַרשטאַנען אַז ער זאָל פּראָפּאַגאַנדירן אין זייערע רייען דעם סאָציאַליזם, דאַן „ווערי וועלל" (זיינע ווערטער).

די סכנה פון דער „עפּידעמיע פון נאַציאָנאַליזם", ווי מען האָט די נייע שטרעמונג אָנגערופן, איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ניו־יאָרקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, „וואָרנענדיק די אידישע סאָציאַליסטן ניט צו פאַרגעסן דעם סאָציאַליזם, און ניט צו ווערן אידישע נאַציאָנאַליסטן".

פאַרשטייט זיך, אַז אויך דער פאָרווערטס און די פרייע אַרבעטער שטימע האָבן זיך אָנגעהויבן „צו היטן" פון דער „עפּידעמיע". אויף מאָרגן, נאָכן דערשיינען פון א. ליטווינ׳ס דערמאָנטן אַרטיקל, איז דער פאָרווערטס אַרויס מיט אַ באַמערקונג, אַז ער טיילט ניט ליטווינ׳ס מיינונגען. סוף יוני איז דאָרט געווען אָפּגעדרוקט אַ לייט־אַרטיקל פון ל. על מילער, דערקלערנדיק, אַז „ס׳איז אומזיניק פון ראַדיקאַלע ציוניסטן אָדער ציוניסטישע ראַדיקאַלן צו האָפן און גלויבן, אַז מען וועט קאָנען וועז צוזאַמענעמען דאָס גאַנצע פאָלק, אי שינדער, אי געשונדענע, און זיי צוריקברענגען אין דעם לאַנד, וואו אויף דעם קבר פון אַלטן אידנטום וואַקסט אַ גראָז וואָס איז 2000 יאָר אַלט".

די פרייע אַרבעטער שטימע האָט געווידמעט אַ גאַנצן נומער דעם קאַמף קעגן דער „נאַציאָנאַליזם־עפּידעמיע". די אַנאַרכיסטן האָבן געשאָסן אויף די „ציוניסטן" („פּועלי ציון") מיט די קאַנאָנען פון זייערע בעסטע רעדנער, ווי עמאַ גאָלדמאַן, דר. מ. קאַהן, יאַהאַן מאָסט און ווייבערג. אב. גאָלדבערג האָט אין דער פרייער אַרבעטער שטימע פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר אויפקלער־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַרטיקלען לטובת פּועלי ציון.

ביסלעכווייז ברייטערט זיך אויס דער ניו־יאָרקער קרייז: עס קומען צו וויכטיקע טוער, ווי ברידער פּייפּמאַכער, ה. קאַהן, מ. גודמאַן, ראָזאָווסקי, א. ש. וואַלדשטיין א. אַנד. מ׳הויבט אָן טראַכטן וועגן אַן אייגענעם זשורנאַל, אַ פּאַרטיי־אָרגאַן. סוף 1903 און די ערשטע חדשים פון 1904 גייען אָוועק אויף קאָנסאָלידאַציע פון דער פּאַרטיי און הכנות אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל. אין מאַי, 1904, דערשיינט אַ דריי־מאָנאַטלעכע שריפט, די נייע שטימע מיט אַ מאָטאָ: „די אמת׳ע באַפרייאונג איז זעלבסט־באַפרייאונג". דער ערשטער נומער האָט דעם ווייטערדיקן אינהאַלט: פאָרוואָרט; ראַדיקאַלער ציוניזם; ציוניזם ווי אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; פּועלי ציון און דער „בונד"; די שבועה (פּועלי־ציון־ליד); רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן;

די צוויי דורות (סקיצע); צום קאַמף (געדיכט); אַ רחמנות (סקיצע); פעליע־טן; אַפאָריזמען און אַנעקדאָטן.

אין מיטן יאָר 1904, אין די טעג פון ווייטיק און טרויער נאָך הערצל׳ס טויט, זיינען אַ פּאָר סאָציאַליסטן אַרויס מיט שענדלעכע אַטאַקעס אויף דעם נפטר׳ס נאָמען. די פּועלי ציון פון ניו־יאָרק זיינען אויפגעקאָכט געוואָרן, און האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פּאַמפלעט: „די וואָרהייט״. די בראָשור איז געווען געשריבן, אונטערן אימפּולס פון מאָמענט, מיט כעס און ווייטיק און איז געווען גאַנץ „פעפערדיק״. די „געגנאָסן״ האָבן דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן: האָט די אַרבעטער וועלט (אַ צייטונג פאַר די אינטערעסן פון טרייד־יוניאָניזם) שטאַרק אויסגע׳מוסר׳ט די פּועלי ציון.

די גרופּע פּועלי ציון איז דערווייל געוואַקסן און אין סעפּטעמבער איז דערשינען אַן אויפרוף וועגן דער גרינדונג פון אַ וואָכנבלאַט.

אין די שפּעטערדיקע חדשים האָבן זיך אַ סך פון די ניי־אַריבערגעקומענע אָנגעשלאָסן אין די פּועלי ציון רייען און מען האָט איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד. פאַראיינען זיינען צוגעקומען אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, טרענ־טאָן, ניו־יאָרק און אַנדערע פּונקטן. ענדלעך איז באַשטימט געוואָרן אָפּצו־האַלטן אַ קאָנפערענץ פון אַלע פּוע״צ־פאַראיינען אין מיטן 1905 אין פילאַ־דעלפיע.

פאַרמירונג און שפּאַלטונג

אויף דער־אַ ערשטער קאָנפערענץ — וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דראַמאַטישע מאָמענטן — איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהויב צו פאַרוואַנדלען די פאַרשיידענע גרופּעס פּועלי ציון אין איין פּאַרטיי. דער קריזיס וואָס דער טעריטאָריאַליזם האָט דעמאָלט אַריינגעבראַכט אין די ציוניסטישע און פּועלי־ציוניסטישע רייען אין דער וועלט, דורך דעם אוגאַנדע־פּאַרלייג, האָט אויך אָנגערירט אַמעריקע. די מערהייט דעלעגאַטן צו דער פילאַדעלפיער קאָנפערענץ איז געווען פאַר טעריטאָריאַליזם; ריינע „פּאַלעסטינצעס״ זיינען געווען אינגאַנצן 6. אַ שפּאַלטונג האָט געדראָט אויסצוברעכן אַרום יעדער באַהאַנדלטער פראַגע. אָבער די דעלעגאַטן זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער מורא, אַז פאַר דער יונגער, ערשט ניט לאַנג געשאַפענער פּועלי ציון פּאַרטיי, קאָן שפּאַלטונג מיינען פונאַנדערפאַל. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך ניט געשפּאָלטן. אַ נייטראַליטעט־רעזאָלוציע צו דער טעריטאָריעלער פראַגע איז אָנגענומען געוואָרן. מען האָט געוואָרט אויפן 7טן ציוניסטישן קאָנגרעס; אפשר וועט ער געפינען אַן אויסוועג? אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1905 זיינען געווען 2 אַמעריקאַנער פּועלי־ציון־דעלעגאַטן (חיים פיינמאַן, פאַרטרעטנדיק די „פּאַלעסטינצעס״ און י. אַווערבוך — די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן).

באַלד נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי ציון פאַררופן אויפן 27טן אויגוסט, 1905, אַן אַלגעמיינע זיצונג צו באַטראַכטן די לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך דער אָפּשפּאַלטונג פון די טעריטאָריאַליסטן מיט זאַנגווילן בראש. די זיצונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די פּועלי ציון בלייבט עקזיסטירן ווי איין פּאַרטיי בנוגע אַלע פּרינציפּן, וואָס זיינען אַלגעמיין פאַרביידע ריכטונגען, און צעטיילט זיך בלויז אין דעם פּונקט, איבער וועלכן יעדע ריכטונג האָט זיך איר מיינונג. אין דער זעלביקער צייט, דערקלערט דער קאָמיטעט, אַז „נייטראַלע פאַר־איינען וועלן מער ניט געדולדעט ווערן. יעדער פאַראיין מוז וויסן אויף וואָס פאַר אַ באַדן ער שטייט און טאָן זיין אַרבעט פאַר די פּאַרטיי־אינסטיטו־ציעס, וואָס פאַרטרעטן זיין מיינונג בנוגע דער טעריטאָריעלער פראַגע". עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אין דער פּאַרטיי צוויי צענטראַלע קער־פּערשאַפטן, אַ פּאַלעסטינישע און אַ טעריטאָריאַליסטישע, און יעדע זאָל זיך אָפּגעבן מיט איר באַזונדערער אַרבעט.

עס איז געווען אַ פּאַטעטישער באַשלוס — צו בלייבן גאַנץ ווי איין פּאַרטיי. ס'האָט זיך געפּאָדערט אַזוי פיל אָנשטרענג אין יענער צייט; ס'האָט זיך געהאַלטן ביים פונאַנדערפלאַקערן דער קאַמף אַרום דער זעלבסטפאַר־טיידיקונג. ס'זיינען געווען אַזוי פיל היימישע און אינערלעכע פּראָבלעמען צו לייזן. איז וואונדער וואָס מען האָט געפּרואווט אויסצומיידן אַ שפּאַלטונג?

למען האמת האָט דער באַשלוס, הגם מען האָט אים פּרובירט דורכפירן, געמוזט בלייבן אויפן פּאַפּיר. די שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי איז געווען אומפאַרמיידלעך.

עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס די פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע איז אָרגאַניזאַ־טאָריש נאָך אַלץ געווען גאַנץ, דעצידירט האָבן סוף־כל־סוף די אידעאָלאָגישע חלוקי דעות. אין ניו־יאָרק האָט זיך געגרינדעט אַ פאַראיין „פּועלי־ציון־פּאַלעסטינצעס" — ווען עס איז ניט געפעלן געוואָרן די נייטראַליטעט־רעזאָלוציע פון דער פילאַדעלפיע קאָנפערענץ. דער פאַראיין האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער פּועלי ציון פּאַרטיי (פּאַלעסטינצעס) דורך דעם, וואָס ער האָט פאַררופן די ערשטע קאָנפערענץ פון די איצטיקע פּועלי ציון אין באַלטימאָר, סוף דעצעמבער, 1905.

פּועלי ציון פּאַלעסטינצעס

אין די טעג פון 21טן ביזן 24טן דעצעמבער (1905) זיינען זיך צוזאַמענ־געקומען אין באַלטימאָר איבער 20 דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק, בראָנזוויל, באַלטימאָר, סעינט לואיס, פילאַדעלפיע, פּאַסייק, ראָטשעסטער און שיקאַגאָ.

עס האָבן זיך באַטייליקט ווי דעלעגאַטן: ד. אבערסאָן, י. אַפּעלבוים, י. באַראָן, מ. בראַון, מ. גודמאַן, ב. היטעלמאַן, א. ש. וואַלדשטיין, דר. זיידל, אַ. זעלדין, ה. כהן, ה. מאַסטעראָוו, דר. מאַרקוס, א. מינץ, מערלין, ה. עדעלשטיין, ה. פיינמאַן, מ. פינסקי, י. פינק, ש. פעוזנער, דר. קאַפּעלאָוויטש, א. ראַזאָווסקי און נאָך אַ חבר (זיין נאָמען איז מיר לײדער אומבאַקאַנט).

דער צוזאַמענפאָר פון די „פּועלי ציון פּאַלעסטינצעס" האָט פאָרמולירט די פּלאַטפאָרם פון דער ניי־געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע און גלייכצייטיק אויך אָנגעצייכנט אַ פּראָגראַם פון פּראַקטישער אַרבעט פאַר ארץ ישראל. די דעלעגאַטן האָבן זיך דערקלערט ווי ציוניסטן־סאָציאַליסטן, אָנערקענט דעם ציוניזם ווי אַ ראַדיקאַלע לייזונג פון דער אידישער היימלאָזיקייט און קאָנסטאַטירט, אַז ארץ־ישראל איז די טעריטאָריע, וואָס איז ביכולת צו לייזן די אידישע נאַציאָנאַלע פּראַגע. זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן יסוד פונעם באַזעלער פּראָגראַם צו שאַפן „אַ רעכטלעך געזיכערטע היים פאַרן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל". דערביי האָט אָבער דער צוזאַמענפאָר באַטאָנט, אַז פּראַקטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל שפּילט ביי די פּועלי ציון די וויכטיקסטע ראָלע:

„דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געמאַכט דעם טעות וואָס ער האָט געבויט אינגאַנצן אויף דער פּאָליטישער טעאָריע, געוואַרט נאָר אויף דעם היסטאָרישן מאָמענט און האָט פאַרנאַכלעסיקט די קעגנוואַרט־אַרבעט אין פּאַלעסטינע... געדענקט, אַז דער טשאַרטער אויף ארץ־ישראל איז דער א און ת פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. מען מוז דערוווערבן אַ אידישע מערהייט אין פּאַלעסטינע און פאַקטיש באַזיצן דאָס לאַנד. מען דאַרף דערפאַר שטרעבן איינצוקויפן לענדערייען, באַוועגן טערקישע אידן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל און דורך עליה, אונטערן שוץ פון אויסלענדישע — איבערהויפּט ליבעראַלע — רעגירונגען, מעגלעך מאַכן אַז זייער איינפלוס זאָל איבערוועגן די די איינוואַנדער־געזעצן אין פּאַלעסטינע". מען מוז „אַריינדרינגען אין לאַנד אין אַלע פאָרמען". (דורך „פּענעטראַציע", ווי דעלעגאַט דר. קאַפּעלאָוויטש האָט עס פאָרמולירט).

וועגן סאָציאַליזם האָט דער צוזאַמענפאָר דערקלערט, אַז „אין אונזער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם נעמען מיר אָן אַ פּאָזיטיווע, אָבער ניט דאָגמאַטישע שטעלונג. מיר קומען ניט גרינדן אַ נייע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און מיר נעמען ניט אויף די דאָגמעס פון וועלכער ס'איז עקזיסטירנדיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיר גיבן פרייהייט צו איינצלנע חברים און פאַראיינען אָנצונעמען די סאָציאַליסטישע ריכטונג וואָס זייער איבערצייגונג דיקטירט זיי. אַלע אָנערקענען מיר די אומגערעכטיקייט פון היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, געבויט אויף יסודות פון פּריוואַט־אייגנטום און קאָנקורענץ, נאָר דער פּראָ־

לעטאַרישער קלאַס איז פעאיק צו באַזיגן די אָרדענונג. אויף אַזוי ווייט גייען מיר האַנט אין האַנט מיט אַלע עקזיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען".

בנוגע די ס. ט. און טעריטאָריאַליזם, האָט די קאָנפערענץ זיך אַרויסגע־זאָגט קעגן „סתם טעריטאָריאַליסטישע טענדענצן, וואָס קאָנען ניט פאַר־ענטפערן די גייסטיקע און מאַטעריעלע אינטערעסן פון אידישן פאָלק".

דער באַלטימאָרער צוזאַמענפאָר האָט: א. אָנערקענט טרייד־יוניאָניזם וויכטיק פאַרן קלאַסן־קאַמף, און רעקאָמענדירט די פּועלי ציון צו זיין אַקטיוו אין די יוניאָנס, איבערלאָזנדיק צום איינצלנעם חבר די אויסוואַל צו וועלכער יוניאָן זיך אָנצושליסן; ב. אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע קעגן „בונד" און אַ שטאַרקן אויפפאָדער צו שטיצן דעם פאָנד פאַר זעלבסטפאַרטיידיקונג קעגן פּאָגראָמען אין רוסלאַנד; ג. זיך אַרויסגעזאָגט פאַר קעגנוואָרט־אַרבעט.

דער באַשלוס וועגן „פּענעטראַציע אין ארץ־ישראל" האָט שפּעטער סטימולירט מ׳זאָל גרינדן אַ קאָמיטעט „חלוצי פועלי ציון". אויף דעם איניציאַטיוו פון א. ש. וואַלדשטיין ז"ל, איז דעם 27טן אַפּריל, 1906, דער־שינען אַ רוף צו פּועלי ציון, זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן און זיך אָנהויבן צוגרייטן צו עליה. דער רוף האָט באַגעגנט אַ באַלדיקן אָפּקלאַנג. מען האָט אָנגעהויבן רעדן ערנסט וועגן שיקן אַ דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל, בכדי פעסטצושטעלן די אויסזיכטן און מעגלעכקייטן פאַר אַמעריקאַנער חברים צו באַזעצן זיך אין לאַנד. (י. ראַזאָווסקי, סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, האָט טאַקע אַ פּאָר יאָר שפּעטער געמאַכט אַזאַ רייזע און זיך צוריקגעקערט, קענטיק, אַנטוישט).

איינער פון די וויכטיקסטע פּראַקטישע באַשלוסן איז געווען אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט דער אידישער קעמפער. דער באַשלוס איז רעאַליזירט געוואָרן אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון אַ גרופּע חברים, בעיקר פון י. עדעלשטיין פון פילאַדעלפיע. דער ערשטער נומער פון וואָכנבלאַט איז אַרויס דעם 30טן מערץ 1906, אין פילאַדעלפיע, אונטער דער רעדאַקציע פון קלמן מרמר, וואָס איז אַריבערגעקומען פון לאָנדאָן.

דער אידישער קעמפער האָט אַרויסגערופן פרייד אין די פּועלי ציון־רייען, אַן איבעראַשונג אין דער אידיש־ליטעראַרישער וועלט און אידישע קולטור־קרייזן אין אַמעריקע. ער איז געוואָרן אַן ערנסטע ליטעראַרישע טריבונע פאַר דער אידישער אינטעליגענץ און אידישע שריפטשטעלער; אַ באַקעמפער פון דער אידישער „געלער פּרעסע" אין לאַנד. באַקאַנטע אידישע שרייבער, דיכטער, קריטיקער האָבן זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין קעמפער: בעל מחשבות, מ. לעאָנטיעף (מאָיסעיעוו), י. אַדלער, ד. בערקאָוויטש, ש. גאָרעליק, ד. א. גינזבורג, א. וואָהלינער, דר. ה. זאָלאָ־טאַראָוו, א. זעלדין, יוסף טונקעל, מאַני לייב, י. ענטין, ל. שאַפּיראָ, י. י.

שוואַרץ, י. שטיינבערג און אַנדערע. אַפילו דער דיכטער, דוד איינהאָרן (בונדיסט און באַקעמפער פון ציוניזם אין די שפּעטערדיקע יאָרן), האָט אַנטייל גענומען אין דעם וואָכנבלאַט.

די פּועלי ציון פּאַרטיי גופא האָט אַ דאַנק דער צייטונג געוואונען פּרעס־טיזש און צוגעצויגן אידישע אינטעליגענטן, שריפטשטעלער, שוין אָפּגערעדט פון אַ גרויסער צאָל אַריבערגעקומענע חברים.

דער קעמפּער איז רעדאַגירט געוואָרן פון קלמן מרמר איבער 15 מאָנאַטן; אַ דריי חדשים — פון א. וואָהלינער, א. ש. וואַלדשטיין און י. ראָזאָווסקי. אין אָקטאָבער 1907 איז ער אַריבער אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק זאַר.

דער אידישער קעמפּער איז אָבער ניט געווען בלויז אַ ליטעראַריש־קולטורעל וואָכנבלאַט; ער איז אויך געווען אַ קאַמפּס־אָרגאַן פון די פּועלי ציון; האָט שטאַרק באַקעמפט דעם „גענאַסיזם", דעם „בונדיזם" און וועגן דעם אויך פּאָלעמיזירט מיטן פאָרווערטס, וועלכער האָט גענומען אונטער זיין שוץ דעם „בונד" און אים אַרויסגעשטעלט אין דעם הערלעכסטן ליכט.

כאַראַקטעריסטיש איז דער רוף אין קעמפּער פון פּועלי ציון צענטראַל־קאָמיטעט צום ערשטן מאַי 1906, וואָס איז געווען אין אַ סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן טאָן. ער האָט אַנטהאַלטן אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער פּאָגראָמען־כוואַליע אין רוסלאַנד; קעגן דעם אַרעסט פון דריי אַמע־ריקאַנער אַרבעטער־פירער אין קאָלאָראַדאָ (הייוואוד, מאַיער און פּעטיבאָן) און האָט זיך געענדיקט מיט אַ קללה „אויף די וואָס האָבן געמאַכט אידיש בלוט פאַר הפקר". ס'האָט אויך ניט געפעלט: „נידער מיט דער הערשאַפט פון ראַסן און קלאַסן; ס'לעבע דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט; ס'לעבע דאָס אידישע מאַרטירער פאָלק". צום אויפרוף גופא איז צוגעגעבן געוואָרן אַ ליד פון יהואָש (ער האָט זיך דאַן גאָר שטאַרק דערנענטערט צו אונזערע קרייזן):

„פלוך אויף די פון וועמענס פינגער
דאָס בלוט פון מיינע ברידער טריפט;
פלוך אויף יענע וועלכע האָבן
זיי די פרילינגס־פרייד פאַרגיפט;
פלוך אויף יענע וועלכע האָבן
זיי פאַר קלאָג־מוטערס געמאַכט;
וואָס פון לאַנגן וויינען האָבן
שוין פאַרגעסן, ווי מען לאַכט".

די פּועלי ציון האָבן גלייך נאָך באַלטימאָר אונטערגענומען אַן אַקציע פאַרן אידישן נאַציאָנאַל פאָנד און פאַר דער אידישער קאָלאָניאַל באַנק. דער שרייבער פון די שורות האָט פרייוויליק איבערגענומען די אָנפירנדיקע אַרבעט

פון דער צענטראַלער נאַצ.-פאַנד ביוראָ פון די פועלי ציון, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין פילאַדעלפיע.

אַ גאָר אַקטיוון אָנטייל האָבן דאַן די פועלי ציון גענומען אין די זאַמלונגען פאַרן זעלבסטשוץ-פאַנד און האָבן איבערגעשיקט בדייטנדיקע סומעס קיין רוס־לאַנד צו די דאָרטיקע חברים. אַ טייל פון דעם געלט איז אָבער אַריינגע־פאַלן צו זייערע קעגנער, די סיימיסטן, נאָכדעם ווי אַ צאָל רוסישע פועלי ציון זיינען איבערגעאַכט געוואָרן סיימיסטן (אָנהענגער פון אַ אידישן סיים ווי דער העכסטער אָרגאַן פון אידישער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אויטאָנאָמיע).

אויף דער צווייטער פועלי ציון קאָנפערענץ אין באָסטאָן (אין 1906) זיינען אויפגעטראָטן די באַקאַנטע אַרבעטער-פירער, יוסף באַראָנדעס און דר. ה. זאָלאָטאַראָוו. עס האָט אויך געהאַלטן אַ פאָרלעזונג שלום עליכם. מען האָט אויסגעהערט אַ ריי באַריכטן פון אָפּגעטאָנענע אַרבעטן אויפן אָרגאַניזאַציע-געביט, פאַרן קעמפער, נאַציאָנאַל פאַנד און באַנק. ס'האָט ניט געפעלט קיין קריטיק, אָבער אין אַלגעמיין האָבן די פועלי ציון זיך געפילט מונטער און געשטאַרקט. ל. ע. מילער, וועלכער האָט אין 1903 חוזק געמאַכט פון די פועלי ציון און ארץ־ישראל, האָט זיך דערקלערט ווי אַ „ציוניסט" און גערופן צו אַ פאַראייניקונג צווישן די פועלי ציון און ס. ט.

נאָך אַ צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אַ יאָר שפּעטער אין פילאַדעלפיע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן מערקן אין די פאַרטיי-רייען אַן אומצופרידנקייט מיטן באַלטימאָרער פּראָגראַם, וואָס צאַמט און פענטעט די פאַרטיי. מען האָט געוואָלט ווערן אַקטיווער אין די טרייד-יוניאָנס, פאַרן סאָציאַליזם, זיך מער אָפּגעבן מיט קעגנוואַרט-אַרבעטן אין גלות. ס'זיינען געווען אַ צאָל אומ־צופרידענע מיטן „העברעאיזם" אין דער באַלטימאָרער פּראָגראַם; זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען באַדאַרף אויך באַטאָנען די וויכטיקייט פון דער אידישער שפּראַך און פון אידישער קולטור-טעטיקייט. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז דער אידישער קעמפער מיינט נאָך ניט די גאַנצע קולטור-אַרבעט פון דער פאַרטיי. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען שטימונגען פון אומצופרידנקייט, וואָס האָבן נאָך ניט אָנגענומען קיין ממשותדיקע פאָרם. אמת, נאָך אין באָסטאָן אין 1906 איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אויפן צוזאַמענפאָר צו ברענגען „טעכנישע און רעדאַקציאָנעלע ענדערונגען אין באַלטימאָרער פּראָגראַם". אָבער ערשט אין די יאָרן 1908-1909 האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע צו רעווידירן די פּראָגראַם.

אין מיטן 1908 איז געגרינדעט געוואָרן אין פילאַדעלפיע אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער אונטערשטיץ-פאַראיין, וואָס האָט שפּעטער געפירט צו דער גרינדונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד.

אינטערעסאַנט איז, אַז צווישן די ערשטע חברים פון פילאַדעלפיער

נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן אונטערשטיץ־פּאַראיין זיינען געווען אייניקע ס. ט., וועלכע האָבן, צוזאַמען מיט די פּועלי ציון אין יענעם פאַראיין, געהאַלטן אַז דאָס גרינדן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד קאָן אין דער פּראַק־טישער אַרבעט דערנענטערן די פּועלי ציון און ס. ט. און פירן שפּעטער צו אַ ווידער־פאַראייניקונג.

סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן

ניט די פּועלי ציון, ניט די ס. ט., האָבן זיך געשיידט מיט אַ לייכט האַרץ בעת דער שפּאַלטונג אין 1905.

די ס. ט. האָבן זייער פּלאַץ אין דער געשיכטע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם אין אַמעריקע, אין דעם קאַמף פאַר פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם, קעגן אַסי־מילאַציע און עם־הארצות. אַ יאָר נאָך דער שפּאַלטונג, האָבן די ס. ט. אָפּגעהאַלטן זייער ערשטע קאָנפערענץ אין באָסטאָן (פון 18טן ביזן 21טן אָקטאָבער 1906).

צו דער ערשטער ס. ט.־קאָנפערענץ זיינען געקומען 32 דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, פּיטסבורג, וואָטערבורי, קליוולאַנד, באַלטי־מאָר, שיקאַגאָ, טרענטאָן, טאָראָנטאָ מאָנטרעאַל און וויניפּעג (ניו־יאָרק איז געווען פאַרטראָטן פון 13 פאַריינען, פילאַדעלפיע — 4).

די וויכטיקסטע טעאָרעטישע דיסקוסיעס זיינען געפירט געוואָרן וועגן סאָציאַליזם, טעריטאָריאַליזם און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין גלות. אב. גאָלדבערג (צווישן די גרינדער פון דער ערשטער פּועלי ציון גרופּע) האָט געעפנט דעם צוזאַמענפאָר מיט אַ קורצן איבערבליק, אין וועלכן ער האָט דערמאָנט די שפּאַלטונג מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פּועלי ציון. ער ווייסט, אַז די דעלעגאַטן זיינען פון פאַרשידענע ריכטונגען און שאַטירונגען, אָבער ער אַפּעלירט אַז זיי זאָלן ניט זיין „צו שמאָל, נאָר פּרובירן פאַרשטיין איינע די אַנדערע, שאַפן אַ געזונטע פּלאַטפאָרם, וואָס זאָל קאָנען אַרומנעמען אַלע ס. ט. פון אַמעריקע". די קאָנפערענץ האָט זיך דערפילט אויפגעמונטערט פון דער שריפטלעכער באַגריסונג פון ישראל זאַנגוויל, פּרעזידענט פון דער אידישער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן.

א. פייפמאַכער, דער סעקרעטאַר פון די ס. ט. אין אַמעריקע, האָט איבער־געגעבן, אַז די פּאַרטיי ציילט 1500 חברים, וואָס זיינען פּאַקטיש די טרעגער פון טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק, ווייל ס'איז ניטאָ קיין אַלגעמיינע טערי־טאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דאָ אין לאַנד האָט איבערהויפּט געפעלט די „טעריטאָריאַליסטישע ספערע". „די ניו־יאָרקער

חברים זיינען כמעט אַלע אַריבערגעקומענע, אָבער אין דער פּראָווינץ זיינען דאָ פיל הי־געבוירענע וועלכע זיינען געוואָרן ס. ט.״

אין דער קריטיק האָבן דעלעגאַטן גע׳טענה׳ט, אַז מען האָט גאָרניט געטאָן פאַרן סאָציאַליזם און וויניק פאַר די יוניאָנס; ניט געזאָרגט פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון חברים; ניט אַרויסגעגעבן קיין ליטעראַטור וועגן סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פּראָגעס; ניט גענומען קיין שטעלונג צו דעם געזעץ־פּראָיעקט בנוגע אימיגראַציע, א. אַ. וו.

די לעבעדיקסטע דיסקוסיע אויפן צוזאַמענפאָר האָבן אַרויסגערופן די טעזיסן איבער סאָציאַליזם. ס׳האָבן זיך אַרויסגעשיילט דריי ריכטונגען: מאַרקסיסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן טעריטאָריאַליסטן (זשיטלאָווסקיאַנער) און סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. 6 גענעראַל־רעדנער האָבן גערעדט. די ס. ר. ט. האָבן געלייקנט אין דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, און דעם אונטערגאַנג פון קליין־בורזשואַזיע. זיי זיינען געווען פאַר אַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, אָבער קעגן מאַרקסיסטישן אויסטייטש פון סאָציאַליזם. זיי האָבן באַטאָנט, אַז גראָד אין די קאַפּיטאַליסטיש־אַנטוויקלטע לענדער איז דאָ אַ שוואַכע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ריכטונג (מאַרקסיסטישע) האָט געהאַלטן, אַז דער סאָציאַליזם פון ס. ט. באַדאַרף זיין מאַרקסיסטיש. די געזעלשאַפט איז צעטיילט אין קלאַסן. די קאַפּיטאַליסטן האָבן פאַרכאַפּט די פּראָדוציר־מיטלען און ס׳איז פאַראַן אַ קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל. צוליב דעם פאַרלירט דער מיטלקלאַס זיין פּאָזיציע. די ס. ט. מוזן גיין ווי אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּע אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

די דריטע ריינע ס. ט.־ריכטונג האָט באַקעמפט די מאַרקסיסטישע טעזיסן. זיי זיינען קעגנער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. מען מוז זיך רעכענען מיט אַ געדאַנקען־שטרעמונג וואָס האָט געקעמפט קעגן דער איינגעוואָרצלטער תורה פון מאַרקסיזם. מען מוז איבערלאָזן פּלאַץ אין דער פּאַרטיי פאַר אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, אַנדערש וועט מען ניט וואַקסן.

צום סוף האָט די ס. ד.־ריכטונג געזיגט, נאָך דעם ווי איניקע קאָרעקטיוון זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער רעזאָלוציע.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע וועגן טעריטאָריאַליזם, דערקלערנדיק, אַז די רעגולירונג פון עמיגראַציע איז איינע פון די נאָענטסטע אויפגאַבן פון די טעריטאָריאַליסטן.

אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן איבער „די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין גלות״. ס׳זיינען געווען דעלעגאַטן, וואָס האָבן גע־

טענה'ט, אַז מען דאַרף דאָ פאָדערן אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, ווייל אַמעריקע האָט אַ סך מינאָריטעטן, און קאָן מיט דער צייט ווערן אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט. אַנדערע האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן אַזאַ שטעלונג, געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך באַגנוגענען מיט נאַציאָנאַלע טעטיקייטן: קעמפן קעגן אַסימילאַציע צווישן אידן, גרינדן נידעריקע און העכערע אידישע לער־אַנשטאַלטן און אַגריקולטור־שולן. אָנגענומען איז געוואָרן אַ רעזאָלוציע און וואָס דריקט אויס דעם צווייטן שטאַנדפּונקט.

די ערשטע קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען וועגן פּועלי ציון אַ רעזאָלוציע:

„מיר אָנערקענען, אַז זייער אַרבעט איז נוצלעך אויף וויפל זיי פּראָפּאַגאַנדירן די נויטווענדיקייט פון אַ טעריטאָריע פאַר דעם אידישן פאָלק. מיר באַקעמפן אָבער נאָר זייער פּאַלעסטינע־אַגיטאַציע, וואָס מיר באַטראַכטן זי שעדלעך פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון די ברייטע אידישע מאַסן" (אינטערעסאַנט איז וואָס די פּועלי ציון האָבן אָנגענומען אַ פריינטלעכע שטעלונג צו ס. ט., אָבער באַקעמפט דעם סתם טעריטאָריאַליזם).

די אידישע פּרעסע אין אַמעריקע האָט זיך אין אַלגעמיין פאַרהאַלטן טאָלעראַנט צו די ס. ט., אָבער אונטערשטיצט האָט זי בלויז די וואַרהייט. דאַקעגן האָט די פרייע אַרבעטער שטימע חוזק געמאַכט פון זיי. זי האָט געשריבן, אַז „מען קאָן נאָך פאַרשטיין די פּועלי ציון, וויינקסטנס אַלס דערהאַבענע פאַנטאַזיאָרן, אָבער די ס. ט. קאָנען אַפילו ניט טרוימען שיין".

אין 1907 האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט דר. נ. סירקין ווי דער רעדאַקטאָר פון באַנייטן דאָס פאָלק. די צייטשריפט האָט אָבער אויך דאָס מאָל ניט געהאַט קיין מזל, דערשינען אַ 4־5 מאָל און האָט ווידער אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אַזוי ווי דער טעריטאָריאַליזם איז געבליבן נאָר אַ טעאָרעטישער ענין, האָט די פּאַרטיי נאָך אַ קורצער צייט פון רעש וועגן זעלבסטשוץ אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַראָפּ.

סימנים פון אַ ירידה האָט מען שוין געקאָנט זען אויף זייער צווייטן צוזאַמענפאָר אין 1908 אין קליוולאַנד. אין דער „יטא" האָבן זיי קיין אָנזען ניט געהאַט. אַלע זייערע פאָדערונגען צו איר *) זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אין די באַריכטן און רעדעס פון קליוולאַנדער צוזאַמענפאָר האָט זיך געפילט אַ הילפלאָזיקייט און שוואַכקייט. מען האָט אָנגעהויבן שטעלן פראַגעס וועגן דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט,

---

*) צולאָזן זיי צו דער עמיגראַציע־אַרבעט, מיט וועלכער די „יטא" האָט זיך געזאָלט באַשעפטיקן; פאַררופן אַ טעריטאָריאַליסטישן קאָנגרעס און האָבן אַ געוויסע דעה ביי דער „יטא".

חוץ אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, ניט געהאַט וואָס צו טאָן. קריגן אַ טערי־טאָריע מיט אייגענע הענט? איז מען דאָך ניט ביכולת. מוז מען זיך שטאַרקער פאַרבינדן מיט „יטא" און לייגן האַפּענונגען אויף איר. אָבער מען מוז זי טרייבן צו מעשים. אפשר רופן אַ טעריטאָריאַליסטישן קאָנגרעס און אַ אידישן פּאַרלאַמענט צו אָרגאַניזירן דעם גלות? געווען אַ צאָל שטאַרקע אָנהענגער פון דעם פּלאַן.

דר. סירקין האָט אויפן צוזאַמענפאָר דערקלערט, אַז „די עמיגראַציע־פראַגע וועט שטופּן דעם וואָגן פון טעריטאָריאַליזם אין פּאַרלאַמענט". נישט געקוקט אויף די לאַנגע דעבאַטן האָט מען ניט געקאָנט פּועל'ן ביי זיך אָנצונעמען וועלכן ס'איז באַשלוס וועגן דעם. ס'איז געווען אַ שווערער און טראַגישער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט ביי אַ סך דעלעגאַטן אויפגעעפנט די אויגן און זיי דערנענטערט צו די פּועלי ציון. אַנדערע זיינען בכלל אַנטוישט געוואָרן און אַוועק פון די ס. ט. רייען.

אויפן וועג צו פאַראייניקונג און קאָנסאָלידאַציע

ביידע אָרגאַניזאַציעס, די פּועלי ציון (פּאַלעסטינצעס) און די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, האָבן זיך על פּי רוב פאַרהאַלטן פריינטלעך, כאָטש עס האָבן אויך ניט געפעלט רייבונגען און קאַמף צווישן נעכטיקע חברים. בשעת אַ טייל פון די ס. ט. האָבן געפּרואווט זיך דערנענטערן צו די פּועלי ציון און געגאַרט נאָך אַ ווידער־פאַראייניקונג, האָבן אַנדערע ס. ט. אַלץ מער און מער זיך דערווייטערט.

צו יענער צייט האָבן די פּועלי ציון געפירט אין דער אַזוי גערופענער „מאַקסים אַפערע" אַ שאַרפן קאַמף, וואָס האָט זיי דערנענטערט צו די ס. ט. דער „בונד" האָט אין 1906 אַראָפּגעבראַכט אַהער אַ דעלעגאַט, באַקאַנט אונטערן נאָמען „מאַקסים", וועמען מען האָט פאָרגעשטעלט ווי דעם פּרעזידענט פון דער לעטישער רעגירונג (אין דער צייט פון רעוואָלוציע), און דער „בונד" האָט אים אויסגענוצט פאַר אַ געלט־אַקציע (אַרום 40 טויזנט דאָלער). מען האָט אין פילאַדעלפיע אַרעסטירט 12 פּועלי ציון און ס. ט. פאַר זייער פּראָטעסטירן קעגן די שקרים פון מאַקסימען, וועמען די פּאָליציי האָט געשיצט אויף די פאַרזאַמלונגען. אַ סך ערלעכע בונדיסטן און קעגנער פון פּועלי ציון האָבן זיך דאַן געשעמט מיט דער האַנדלונג און פוסטער גאווה פון דעם „פּרעזידענט" מאַקסים.

אין 1906—1908 האָט געשוויבלט אין אַמעריקע מיט דעלעגאַציעס פון רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, ווי ס. ד., סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, צ. ס. און בונד. אין דער דעלעגאַציע פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן

איז געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי. זיינע רעדעס און לעקציעס האָבן אויפ־געשטורעמט די אידישע אינטעליגענץ. אין 1906 האָט ער עפנטלעך דער־קלערט, אַז די פּאָגראָמען האָבן אים געמאַכט פאַר אַ איד, פאַר אַ טעריטאָ־ריאַליסט, און מען דאַרף האָבן אַ אידישע מדינה. ער האָט אָנגעהויבן אַ סעריע לעקציעס איבערן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם, און האָט אַרויסגערופן מיט זיין דערקלערן זיך ווי נאַציאָנאַליסט אַ גוואַלדיקע אויפרעגונג אין די היגע אידישע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע קרייזן.

דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט זיינע גרעסטע פאַרדינסטן אין דער ערשטער תקופה פון פּועלי ציוניזם. ער האָט פאַרטיפט און באַפעסטיקט די רייען פון די אידישע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן. זיין גרויסע ווירקונג סיי ווי אַ פירער פון ס. ר. (סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן), סיי ווי אַ טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם, האָט יאָרנלאַנג זיך געלאָזט פילן אין די רייען פון פּועלי ציון, ס. ט. און נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידן, ווי מען האָט זיי דאַן גערופן. דר. זשיטלאָווסקי איז געוואָרן דער פירער פון דער ס. ר. ט. גרופּע, וואָס איז אַוועק פון די ס. ט. שפּעטער אָבער איז ער געווען צווישן די איניציאַטאָרן פון אַ ווידער־פאַראייניקונג מיט די פּועלי ציון.

די יונג־טערקישע רעוואָלוציע (1908) האָט אָנגעצונדן אַ סך האָפענונגען אין די ציוניסטישע און פּועלי־ציוניסטישע רייען, אַז ס'עפנט זיך אַ בעסערע מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. אויך די סאָציאַליסטן־טערי־טאָריאַליסטן און זשיטלאָווסקיס סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע טעריטאָריאַליסטן זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער שטימונג. אין יאָר 1909 זיינען געפירט געוואָרן פאַרהאַנדלונגען פון אַ פּועלי ציון־קאָמיטעט (דר. י. אַפּעלבוים, מאיר בראַון, א. ש. וואַלדשטיין) מיט אַ קאָמיטעט פון סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און זשיטלאָווסקיאַנער (צווישן וועלכע ס'זיינען געווען אב. גאָלדבערג, ח. זשיטלאָווסקי, דר. נ. סירקין, ב. צוקערמאַן) וועגן אַ פאַראייניקונג. די שטאַרקסטע קעמפער פאַר אַזאַ צונויפבונד זיינען געווען: דר. חיים זשיט־לאָווסקי, דר. נ. סירקין, אב. גאָלדבערג און ב. צוקערמאַן.

חדשים־לאַנג האָבן זיך געצויגן די פאַרהאַנדלונגען און טעאָרעטישע באַטראַכטונגען מכח די פּרינציפּן און אויפגאַבן פון דער פּלאַנירטער פאַר־אייניקטער פּאַרטיי. דר. נחמן סירקין, פירער פון די ס. ט., האָט געהאַלטן, אַז די יונג־טערקישע רעוואָלוציע עפנט אויף מעגלעכקייטן פאַר באַשאַפן אַ אידישן טעריטאָריאַלן אויטאָנאָמען צענטער אין ארץ ישראל, אָבער ער האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל צושטעלן צו ארץ ישראל די ווערטער „נאַכבאַר לענדער", מיינענדיק דערמיט איינצושליסן אַ טייל פון מעסאָפּאָטאַמיע (איצט איראַק) אינעם אידישן לאַנד. די פּועלי ציון האָבן ניט געוואָלט צושטימען צו דער דאָזיקער הוספה; זיי האָבן געטראַכט אין מער רעאַליסטישע טערמינען.

מען האָט אויך אויף יענע פאַרהאַנדלונגען געפאָדערט צו רעווידירן דאָס באַלטימאָרער פּראָגראַם פון די פועלי ציון; מ׳האָט באַטאָנט די וויכטי־קייט פון קעגנוואַרט־טעטיקייט אין גלות, און פון ענערגישער סאָציאַליס־טישער אַרבעט. אין דעם זעלביקן גייסט האָט מען אויך אַרויסגערוקט דעם באַטייט פון דער אידישער שפּראַך אין גלות.

מען האָט זיך צום סוף געאייניקט אויף אַ פּראָגראַם, וואָס איז געבראַכט געוואָרן, אין סעפּטעמבער 1909, צום שיקאַגער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, באַקאַנט ווי די ערשטע פאַראייניקונג־קאָנפערענץ. די־אָ קאָנפערענץ קאָן מען באַ־צייכענען ווי אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער פועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, סיי אין פּרט פון אידעאָלאָגיע, סיי בנוגע דער פּראַקטישער אַרבעט.

צווישן די דעלעגאַטן האָבן זיך געפונען דר. זשיטלאָווסקי, דר. ב. סירקין און אב. גאָלדבערג. די פּאַרטיי איז געבליבן ביי איר נאָמען. אַ פּלאַטפאָרם איז אָנגענומען געוואָרן.

די פאַראייניקונג האָט ניט געפירט צו אַ באַלדיקער פאַרשמעלצונג פון פועלי ציון און ס. ט. אַ גרויסע צאָל ס. ט. איז פאַרבליבן באַזונדער, מיט אַ סך פאַרביטערונג קעגן זייערע געוועזענע פירער*).

זייער וויכטיק איז געווען דער פאַקט, וואָס דר. ב. סירקין, אב. גאָלדבערג און ברוך צוקערמאַן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פועלי ציון און זיי האָבן נאָכגעטאָן אַ סך ס. ט.־חברים איבערן לאַנד. דר. זשיטלאָווסקי האָט געזען אין דער פאַראייניקונג אַן אָנהויב פון זיין פּלאַן צו פאַראייניקן דעם „בונד״ און אַנדערע גרופּעס אין איין אידיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס איז אים ניט געלונגען. אַ צאָל יאָרן האָט ער געווירקט אין דער פועלי ציון פּאַרטיי.

די ס. ט. ווי אַ פּאַרטיי האָט נאָך אָפּגעהאַלטן ווייטער צוזאַמענפאָרן, אָבער זי איז פּאַמעלעך אָפּגעשטאָרבן און אַראָפּ פון דער סצענע. דער דאָזיקער פאַקט מינדערט אָבער ניט די ראָלע פון אַ גרויסער צאָל ס. ט.־חברים אין די ערשטע יאָרן פון פועלי־ציוניזם. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז אַ סך פון די געוועזענע ס. ט. זיינען היינט ווידער אַקטיוו פאַרן אַרבעטער־ציוניזם, אין אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און אויך אין אַרבעטער רינג, וואו זיי שטיצן די אונטערנעמונגען פון הסתדרות, אַרבעטער־רינג־און שלום־עליכם־שולן.

די חברים פון די ס. ט., וואָס האָבן זיך אין יאָר 1909 פאַראייניקט מיט

*) די ראַטיפיקאַציע פון דער שיקאַגער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ האָט געזאָלט גע־פייערט ווערן אין קלינטאָן האָל, ניו־יאָרק, זיינען דאָרט פאָרגעקומען געשלעגן. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט דאָן געוויינט.

די פּועלי ציון, זיינען געוואָרן אַ וויכטיקע טרייב־קראַפט אין דער פאַר־אייניקטער פּאַרטיי. דר. נ. סירקין, אב. גאָלדבערג (דער לעצטער איז פאַרבליבן אַ קורצע צייט אין דער פּאַרטיי און שפּעטער אַוועק צו די אַלגע־מיינע ציוניסטן) און ברוך צוקערמאַן זיינען אַריין אין דער אָנפירערשאַפט. ברוך צוקערמאַן איז דערוויילט געוואָרן ווי דער סעקרעטאַר פון דער פאַר־אייניקטער פּאַרטיי.

ס'איז גלייך אין ערשטן יאָר קלאָר געוואָרן, אַז די פאַראייניקונג איז געוועזן אַ מזל ברכה פאַר ביידע צדדים.

די וועלט־קאָנפערענץ

דאָס פאָרן היינט קיין אייראָפּע, אַהין און צוריק, דאָס פאַרברענגען אין די פאַרשידענע לענדער, די באַגעגענישן און איינדרוקן זיינען אַזוי פילפאַרביק, אַזוי אינהאַלטפול, אַז זיי דינען ווי אַן אינטערעסאַנטער בייטראָג צו דער שטודיע פון דער איצטיקער אידישער און אַלגעמיינער לאַגע אין אייראָפּע.

מיין שרייבן היינט איז וועגן דער פועלי־ציון וועלט־קאָנפערענץ אין 1920.

ביים אָנקום אין וויען, פאַלט איר ניט אַריין אין אַ רואיקער סביבה, וואו ישוב הדעת, קאַלטער אַנאַליז שפילן די הויפּט־ראָליע. שוין ביים ערשטן צוזאַמענטרעף מיט די דעלעגאַציעס פון פאַרשידענע לענדער אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך דער חורבן, וואָס מיר אַלע האָבן דורכגעמאַכט.

ניט אַלע האָבן אייך חבריש באַגעגנט. ניט דער האַנטדרוק, ניט די האַרציקייט, ניט די באַגריסונג זיינען געווען דער אינטימער, אויפריכטיקער, אויסדרוק, וואָס האָט זיך געמערקט אויף די פריערדיקע קאָנפערענצן. מען איז געקומען גרייט צום קעגנזייטיקן קאַמף. מען האָט אייך גלייך אַ „יאָרליק" אָנגעטשעפּעט: „אַ רעכטער", אַ „לינקער". נאָר דער רבונו של עולם אַליין קאָן זיך פונאַנדערקלייבן אין דעם גייסטיקן כאַאָס, וואָס די וועלט־געשעענישן האָבן אַריינגעבראַכט אין די אידישע אַרבעטער־קרייזן. די פועלי ציון זיינען ניט ניצול געוואָרן. זיי זיינען אפשר געפאַלן נאָך אַ גרעסערער קרבן ווי די אַנדערע אידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

די קאָנפערענץ איז צום ערשטן מאָל פאַרטראָטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, פוילן, ארץ ישראל, ליטע־לאַטוויע, מזרח־גאַליציע, טשעכאָסלאָוואַקיע, בוקאָווינע, אַרגענטינע, עסטרייך, דייטשלאַנד; ניט אויסגעפעלט האָבן אַפילו אייניקע איינצלנע גרופּן, פון פּאַריז, אַלעקסאַנדריע, קאַאירא, שווייץ. בסך הכל זיינען געווען פינף און פופציק דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט, פינף — באַראַטונג־רעכט. מען האָט דערוואַרט מיט אינטערעס און שפּאַנונג די דעלעגאַציע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

לויט אַן אָנגענומענער פאָרמולע האָבן די אַלע לענדער געהאַט 355 שטימען (רעכענענדיק איין שטים פאַר יעדע הונדערט מיטגלידער). צי זיינען ווירקלעך דאָן געווען 35 טויזנט אָרגאַניזירטע פועלי ציון — איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן. לויט די סימפּאַטיעס וואָס מיר האָבן אין פילע לענדער, וועדליק דער השפעה אונזערער, שיינט, אַז מיר נעמען אַרום אַ פיל גרעסערן

קרייז ווי די צאָל באַטייליקטע אויף דער קאָנפערענץ. די איינציקע וואָס האָבן געפירט אַ חשבון זיינען געווען די מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי. האָט מען טאַקע אונז דערפאַר באַשטראָפט, און צוגעטיילט ווייניקער שטימען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער.

ווער זיינען די איצטיקע פּועלי ציון? זייער אַ גרויסער צאָל — אפשר די גרעסטע — באַשטייט פון נייע יונגע חברים. דאָס איז דער פאַל מיט פּוילן, ליטע־לאַטוויע, מזרח־גאַליציע, טשעכאָסלאָוואַקיע וכד׳. זייער ווייניק פון זיי זיינען געווען באַהאַווּנט אין די פּראָבלעמען און טעאָריעס פון פּועלי־ציוניזם, זיינע טראַדיציעס און קאַמף־מעטאָדן. דער קולטורעלער מצב — ניט געהויבן. ניט תמיד און ניט אומעטום איז דאָ דער באַוואוסטזיין און די דערקענטעניש. מערערע מאָל ווערט מען פון אַ פּראַזע, פון אַ מאָמענט געפירט, און אָפט אויך פאַרפירט.

מיר קאָנען באַגרייפן די סיבות. דאָס גרויע לעבן, דער שרעק פאַרן מאָרגן, מאַטעריעלער און גייסטיקער נויט פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן, באַווירקן זייער אָריענטאַציע, וואָס קאָן זיך אָפט בייטן און איבער וועלכע זיי זיינען ניט די בעלי־הבתים. עס איז דער איבערגיי, די צווישן־צייט; אַזאַ מצב איז אַ קריטישער, אַ געפערלעכער פאַר יעדער באַוועגונג, בפרט נאָך פאַר פּועלי ציוניזם, וואָס קאָן זיך ניט נערן מיט דער פּוסטער פראַזעאָ־לאָגיע, נאָר מוז לויט זיין אינהאַלט זיין אַ קאָנסטרוקטיווער און בויענדיקער כוח.

דריי עלעמענטן האָבן זיך אַרויסגעשיילט אויף דער קאָנפערענץ:

א. דער רוסישער, וואָס אָריענטירט זיך אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און איז געצוואונגען — ווילנדיק, ניט ווילנדיק — אויס־צולאָזן אָפט דעם אידישן שטאַנדפּונקט אין זיין אָריענטאַציע.

(און פון רוסלאַנד זיינען ניט אַלע געקומען אייניק. להיפוך, צוויי פיינטלעכע צדדים: די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פּועלי ציון און די קאָמוניסטישע פּועלי ציון).

ב. דער, וועלכער קומט פון פּוילן, מזרח־גאַליציע, בערלין און האָט ניט אַ פעסטן, זיכערן באָדן. אָט־אָט און אים שיינט, אַז ער ווערט מיטגעריסן מיטן באָלשעוויסטישן שטראָם, און דאָך שטייט ער פּנים אל פּנים פאַר אַ ברענענדיקער אידישער נויט, פאַרשאַרפטע אידישע פּראָבלעמען, וואָס מען מוז לייזן. אָט דער עלעמענט איז געווען דער טראַגישסטער אויף דער קאָנפערענץ, אינערלעך צעריסן און געפּעינטעט, האָט די דעלעגאַציע פון פּוילן געגעבן אַ כאַראַק־טעריסטיש בילד וועגן דעם גייסטיקן צושטאַנד פון אידיש־פּוילישע פּאַרטיי־טעטיקייטן, און פון דער ניט זיכערער אידישער לאַגע אין יענע לענדער.

ג. דער, וועלכער קומט פון מערב־אייראָפּע, אַמעריקע, ארץ־ישראל, אַרגענטינע, טיילווייז אויך פון פוילן, מערב־גאַליציע וכד׳. ער האָט געהאַט באַשטימטע אינערלעכע באַציאונג צו דער רוסישער רעוואָלוציע, אָבער לעבנדיק אין מקומות, וואו דער סאָציאַליסטישער קאַמף האָט אָנגענומען אַנדערע פאָרמען — ניט ענלעך צו די מעטאָדן פון מאָסקווע — האָט ער גלייכצייטיק געפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קאָנסטרוקטיוון פועלי ציוניזם. קאָן ער איצט ניט וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט, ביז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט אים ארץ־ישראל — געבויט אויף אידישע סאָציאַליסטישע יסודות — אונטערטראָגן אויף אַ טאַץ ווי אַ מתנה.

אַט די דריי עלעמענטן האָבן זיך באַגעגנט — נאָך אַזאַ לאַנגן אָפּשייד און אין אַזאַ שווערער צייט — אין ווין. דאָ האָט מען דאָס געזאָלט געפינען דעם וועג פאַר געאייניקטן, פאַראייניקטן פועלי ציון וועלט־פאַרבאַנד, און אָנהאַלטן ווייטער גאַנץ אפשר די איינציקע, סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָרגאַניזאַציאָנעל ניט צעשפּאָלטן געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן.

איז עס מעגלעך געווען? האָט מען דעם וועג געפונען? איז אַן ערנסטער פּרואוו געמאַכט געוואָרן?

די אַלוועלטלעכע פועלי ציון קאָנפערענץ האָט זיך דערעפנט מיט אַ וואָך שפּעטער ווי עס איז באַשטימט געוואָרן. דעלעגאַציעס פון אַמעריקע, ענגלאַנד, ארץ־ישראל, פוילן און רוסלאַנד האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. אויך האָט אַן אָרגאַניזירטע קאָמוניסטישע פועלי ציון פראַקציע — וואָס איז באַשטאַנען פון אייניקע קלענערע פאַרטייען — זיך פאַר׳עקשנ׳ט, אַז מ׳זאָל וואַרטן אויף דער דעלעגאַציע פון סאָוועטן־רוסלאַנד. אומזיסט האָט מען צו זיי גע׳טענה׳ט, אַז מען קאָן דאָך לכל הפחות די באַריכטן אָפּגעבן און די ערשטע קלענערע ענינים דערליידיקן; סיווי האָט דאָך די רוסישע פאַרטיי ניט אָנטייל גענומען אין דעם וועלט־פאַרבאַנד שיינע עטלעכע יאָרן און קאָן דערפאַר ווייניק זיך באַטייליקן אין דער קריטיק. ס׳האָט אָבער ניט גע־האָלפן. די קאָמוניסטישע פראַקציע האָט דעמאָנסטראַטיוו געוואָלט דערווייזן די רוסישע חברים, אַז בלויז זיי האָבן פאַר רוסלאַנד דעם וואַרעמסטן אינטערעס.

האָט זיך די קאָנפערענץ געעפנט אָן דער אָפיציעלער באַטייליקונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע, ליטע־לאַטוויע און אַ פּאָר קאָמוניסטישע גרופּעס פון איינצלנע פּונקטן. די וויכטיקסטע און עלטסטע לאַנד־פּאַרטייען זיינען יאָ געווען פאַרטראָטן.

דעם טאָן האָט אָנגעשלאָגן דער פאָרזיצער, ח׳ ש. קאַפּלאַנסקי. אַ טיף־דורכגעפילטן הספד האָט געהאַלטן דער סיים־דעפּוטאַט און פועלי ציון פירער, דר. יצחק שיפּער, איבער די נפטרים ב. באָראָכאָוו, ראָזענפעלד, האָט זיך

אָפגעשטעלט אויף די געפאַלענע אידישע מאַרטירער אין די פּאָגראָמען און שלאַכטן. די חברים סאָקאָל (עסטרייך), זרובבל (פּוילן), און יצחק כצנלסון (ארץ ישראל) האָבן מיט זייערע רייד געהויבן די שטימונג.

באַגייסטערונג האָבן אַרויסגערופן די האַרציקע ברכות פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, אַרבעטער־ראַטן פון וויען. די וואַרעמסטע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער בריטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. די דעלעגאַטן האָבן דערפילט, אַז אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט באַטראַכט מען די פּועלי ציון ווי אַ טייל פון אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם, און ווי די פּאַרטרעטער פון דער אידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט.

די ארץ ישראל חברים, וועלכע האָבן דורכגעלעבט די שווערע צייטן פון די אַראַבער־אָנפאַלן, האָבן באַטאָנט, אַז דאָס ביוראָ האָט גאָר שוואַך רעאַגירט אין דעם קריטישן מאָמענט פונעם ישוב און האָט ניט אָנגעווענדט אַלע מיטלען צוווירקן פּאָליטיש דורך די אַרבעטער־פּאַרטייען; אַז מ׳האָט נישט אַרויסגעגעבן ליטעראַטור איבער ארץ־ישראל פּראָבלעמען, וואָס זאָל די מאַסן נייע חברים אויפקלערן איבער דער ריכטיקער סיטואַציע און זיי אָנווייזן דעם וועג פון מעשים. איינצלנע דעלעגאַטן האָבן אויך קריטיקירט וואָס די לייטונג האָט דערלאָזט אַ טייל פון די לאַנד־פּאַרטייען זיך באַטייליקן אין דער ציוניסטישער יאָר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, ערב דער וועלט־קאָנפערענץ. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז די פראַגע פון באַטייליקן זיך להבא אין ציוניסטישן קאָנגרעס — שטייט אויפן סדר היום.

יעדן דעלעגאַט האָט געמאַטערט די פראַגע: וואָס ווייטער? קאָן מען געפינען אַ געמיינשאַפטלעכן וועג? וועט מען זיך פאַרשטענדיקן, אָדער חס ושלום שפּאַלטן?

ס׳זיינען נאָך אויסגעהערט געוואָרן רעפעראַטן פון דר. שיפּער און פון ח׳ ברוך צוקערמאַן איבער קאָנסטרוקטיווער הילף־אַרבעט. זייער ווייניק אָפּטימיזם האָט זיך געפילט אין די דיסקוסיעס. די ברענענדיקסטע אידישע נויטן זיינען ווייט ניט שאַרף אַרויסגעבראַכט געוואָרן. עס האָט געשיינט, ווי מען האָט מורא זיך צוצורירן צו זיי; די וואונדן זיינען אַזוי טיף, טוען אַזוי ווי, די ליידן פון די אידישע מאַסן זיינען שרעקלעך, און די הילפּ־לאָזיקייט אַזוי טראַגיש, אַז עס ווילט זיך וואָס ווייניקער ריידן, וואָס ווייניקער שמערצלעכע פונקטן באַרירן...

די שפּעט אָנגעקומענע חברים פון סאָוועטן־רוסלאַנד זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, אַן אָנגעצונדענער פייערל ביי יעדן אין די אויגן.

וואָסערן גרוס ברענגען זיי, די פאַרטרעטער פון אידישע אַרבעטער אין דעם לאַנד, וואָס שטייט אויפן סדר היום פון דער גאַנצער וועלט, און איז דער אָביעקט פון האַס און שנאה פון קאַפּיטאַליזם ? וואָס האָבן זיי צו זאָגן ? זיי, וועלכע זיינען אַרומגערינגלט פון אַ בלאָקאַדע, וואָס קעמפן מיט שונאים פון אַלע זייטן, און האָבן דאָך דערוויזן דעם וואונדער כמעט אַלעמען צו באַזיגן ? די דעלעגאַטן און דער עולם האָבן אויפגענומען די חברים פון סאָוועטן־רוסלאַנד מיט סימפּאַטיע און וואַרעמקייט.

אַ גרוס האָבן זיי געבראַכט קודם כל פון די צוויי פועלי ציון פּאַרטייען, פון דעם העסלעכן ברודער־קאַמף וואָס די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי ציון און קאָמוניסטישע פּועלי ציון פירן צווישן זיך ; פון די שווע־ריקייטן און פון דעם קלאָגעוודיקן מצב אין וועלכן ס'געפינט זיך די אידישע אַרבעטער באַוועגונג. ביסלעכווייז, ביסלעכוויז האָט די יום־טוב שטימונג אָנגעהויבן אויסריינען און עפּעס אַן אומהיימלעכקייט האָט זיך דערפילט אין דער לופט.

שפּעטער, ווען די דעלעגאַטן האָבן אָנגעהויבן פונאַנדערוויקלען אַ בילד פון אידישן לעבן אין רוסלאַנד און מען האָט דערזען פאַר זיך דעם טראַגיזם און דעם אָפּגרונט אין וועלכן די אידישע מאַסן געפינען זיך אויך דאָרטן, האָט אַ שווערע, געדריקטע שטימונג אַרומגענומען אַלע דעלעגאַטן, פון וועלכער מען האָט לאַנג, לאַנג זיך ניט געקאָנט באַפרייען.

מיט דעם אָנקום פון די דעלעגאַטן פון רוסלאַנד האָט זיך אויך אָנגע־הויבן באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ די קליינע קאָמוניסטישע פראַקציע, וועלכע האָט געמאַכט אַ ביטערן טעות אין חשבון : די דעלעגאַציע פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּועלי ציון פּאַרטיי, — מיטן אויסנאָם פון צוויי דעלעגאַטן פון דער קליינינקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, — האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אין דער פראַקציע און האָט אַרויסגעוויזן גאַנץ ווייניק באַגייסטערונג פאַר איר האַנדלונג.

די קאָנפערענץ איז צוגעטראָטן צו די רעפעראַטן און צו דער דיסקוסיע וועגן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, נאָכדעם ווי די מערהייט האָט ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג מ'זאָל תחילת באַהאַנדלען דעם ענין ארץ ישראל, בכדי צו וויסן דעם איינשטעל מצד אַלע דעלעגאַטן צו דער דאָזיקער פראַגע.

דער פאָרשלאַג וועגן ארץ ישראל איז געבראַכט געוואָרן נאָכדעם ווי מען איז געוואויר געוואָרן, אַז ביי טייל פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע איז ארץ ישראל גאָר אַ דיסקוסיע־פראַגע, און אַז די קאָמוניסטישע פּועלי ציון פּאַרטיי האָט כמעט קיין אינערלעכע באַציאונג צום אויפבוי פון אַ אידישן היימלאַנד. עס איז ביי איר מער אַ מאָמענט אין דער אַלגעמיינער רעוואָ־לוציע, און עס האַנדלט זיך וועגן ציען דעם „אויפמערק פון אינטערנאַציאָנאַל

אויף דעם „אימפעריאַליזם" פון גרויס־בריטאַניע און איר יאָך, אונטער וועלכן הונדערטער טויזנטער אײנוואוינער אין ארץ ישראל זײנען אונטער־געוואָרפן".

די וועלט־קאָנפערענץ אין וויען האָט געזאָלט אויסהערן מערערע רעפע־ראַטן איבער וויכטיקע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פראַגן. אויסגעלאָזן האָט זיך אָבער, אַז מ'האָט שטאַרק מקצר געווען. בלויז די פראַגע וועגן דריטן אינטערנאַציאָנאַל האָט אַרויסגערופן פאַרלענגערטע און לעבהאַפטיקע דיסקוסיעס.

ח' ש. קאַפּלאַנסקי איז געווען דער רעפערענט איבער דער פראַגע. ח' סערפּאָוו, — פאַרטרעטנדיק דעם קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט, — האָט גע־זאָלט זײן דער אײנציקער קאָרעפערענט.

די קאָנפערענץ איז אָבער געווען פאַראינטערעסירט צו הערן דעם שטאַנדפּונקט וועגן דריטן אינטערנאַציאָנאַל פון רוסלאַנד גופא. זי האָט דערפאַר צוגעלאָזט דרײ רוסישע חברים ווי קאָרעפערענטן, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו ריידן וועגן דער טאַקטיק און פּאָליטיק פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל און אויך איבער דער אידן־לאַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ארץ ישראל חברים האָבן דאַן אויך אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אַן אײגענעם קאָרעפערענט, וועלכער זאָל באַלויכטן זײער שטאַנדפּונקט, אַזוי אַז אַנשטאָט אײנעם, זײנען גאָר צוגעקומען פינף קאָרעפערענטן.

אויף וועלכע פּונקטן איז מען געווען אײנשטימיק ?

א. סײ דער רעפערענט און סײ די קאָרעפערענטן האָבן אָנערקענט דעם רעוואָלוציאָנערן ווערט פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל און די פאַרדינסטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; ב. זײ האָבן באַטאָנט, אַז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל קאָן אויסגעבילדט ווערן אין אַ רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל סוף כל סוף פאַראײניקן די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען פון מזרח־ און מערב־אײראָפּע, ווי אויך פון אַנדערע לענדער; ג. קײנער האָט ניט פאַרוואָרפן אַ גוט וואָרט וועגן דעם עקזיסטירנדיקן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דער אונטערשייד פון די ביידע קעמפנדיקע צדדים ?

איין צד האָט געפאָדערט מ'זאָל באַלד און אָן תנאים זיך אָנשליסן אָן דריטן אינטערנאַציאָנאַל. מ'זאָל זיך נישט רעכענען צי ער וועט גאָר אָנער־קענען אַ סאָציאַליסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, ווי דער פּועלי ציון פאַרבאַנד איז; מ'זאָל זיך נישט מאַכן וויסן וואָס דאָס איצטיקע קאָמוניסטישע ביוראָ האָט אַ טבע צו דיקטירן די טאַקטיק פון אין אים אָנגעשלאָסענע טיילן; די קאַמף־מעטאָדן (באַוואָפענונג פון אַרבעטער, מיליטערישער אויפשטאַנד

און בירגער־קריג) מוזן אויפגענומען ווערן פון די, וועלכע זיינען פאַרן באַלדיקן אָנשליסן זיך אָן דריטן אינטערנאַציאָנאַל אָן באַדינגונגען. ואחרון אחרון: מ׳זאָל אָננעמען, אַז דאָס מלוכה־סיסטעם, וואָס רוסלאַנד האָט איינגעפירט, דאַרף ווערן דאָס סיסטעם פאַר אַלע לענדער.

דער אָ צד האָט נישט געוואָלט באַגרייפן, אַז אַ באַלדיקער אָנשלוס, אָן רעזערוואַציעס, שטעלט מיט זיך פאָר אַ שטער פאַר אַ קאָנסטרוקטיוון פועל ציוניזם אין זיין טעטיקייט אין ארץ ישראל; און אַז דער דריטער אינטער־נאַציאָנאַל איז אין זיין איצטיקן צוזאַמענשטעל און איינשטעל — אַ פּרוואוו צו ווערן אַן אַלוועלטלעכע קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט אַלע כשרע און נישט כשרע מיטלען.

דער צווייטער צד האָט זיך דערקלערט פאַר שאַפן פאַרבינדונגען מיטן דריטן אינטערנאַציאָנאַל, מ׳זאָל אים אויפקלערן דעם וועלט־כאַראַקטער פון פועלי־ציוניזם, זיינע ספּעציפישע אידיש־סאָציאַליסטישע נויטן, זיינע אויפ־גאַבן אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל; באַטאָנענדיק, אַז פּועלי ציון קאָן ניט אָננעמען די אויסשליסלעכע מעטאָדן פון סאָציאַליסטישן קאַמף ווי די קאָמוניסטן האָבן פאָרמולירט; אַז דער פּאַרלאַמענטאַרישער וועג און דעמאָקראַטיע קאָנען ניט אויסגעשלאָסן ווערן. מ׳מוז די ראַמען פון אינטער־נאַציאָנאַל אַזוי אויסברייטן, אַז ער זאָל ווערן דער פּאַקטישער און מאָראַלישער אויסדרוק, נישט בלויז פון זיין קאָמוניסטישן פליגל, נאָר אויך פון דעם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט. צוליב די אויפגאַבן מוז דער וועלט־פאַרבאַנד האַנדלען פאָרזיכטיק און גיין צוזאַמען מיט די מערב־איראָפּעאישע סאָציאַ־ליסטן אין די פּרוואוון אויסצוברייטן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

דער אָ צד האָט באַטאָנט, אַז דער וועלט־פאַרבאַנד דאַרף זיך נישט וואַרפן גלייך אין די אָרעמס פון איצטיקן דריטן אינטערנאַציאָנאַל אָן באַדינגונגען. דאָס קאָן באַדייטן פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע און די אומזיכערקייט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל גאָר צולאָזן אַן אינטער־טעריטאָריאַלע סאָציאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציע ווי דער פּועלי ציון פאַרבאַנד (אַ פאַרטרעטער פון איראָפּעאישן ביוראָ פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל האָט פאַרזיכערט אַ פּראָ־מינענטן חבר, אַז דאָס מאָסקווער ביוראָ וועט ניט אָנערקענען „פּועלי ציון" ווי אַ וועלט־פאַרבאַנד).

דאָס איז געווען דער אונטערשייד פון די הויפּט־מיינונגען; די אידישע אָריענטאַציע האָט דאָ געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. איין צד האָט נישט געפּרוווט זיך צו רעכענען מיט די רעאַלע באַדינגונגען פון אידישן לעבן, מיט זיינע נויטן, מיט דער פּאַקטישער אַרבעטער־לאַגע אין אייניקע לענדער און האָט דעם מאָמענט פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, — ווי עס איז אויס־געדריקט אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל, — געשטעלט העכער פון אַלץ. דער

צווייטער האָט פאַר זיך געהאַט תמיד די רעאַלעווירקלעכקייט פון אידישן לעבן, די באַדינגונגען אין מערב־אייראָפּע און אין אַמעריקע, די ראָלע פון דער פּועלי־ציון אין דעם אויפבוי פון אַ אידישער היים און אויך דעם פאַקט, אַז באַדייטנדיקע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פאַראיינען שטייען מחוץ דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, ווייל זיי קאָנען זיך ניט אונטערוואַרפן זיין ענג־פאַנאַטישער דיקטאַטור און טאַקטיק.

זאָל דערמאָנט ווערן, אַז אין די דיסקוסיעס האָבן די „רעכטע" פּועלי ציון געפּרואווט אָפּטיילן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל פון דער סאָוועטן־רעגירונג. די לעצטע האָט געמוזט ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ באַפעלקע־רונג פון איבער הונדערט מיליאָן מענטשן. קאָן מען און מ'דאַרף אויסדריקן סימפּאַטיע צו אַ לאַנד, וואָס פירט אַ פאַרצווייפלטן געראַנגל פאַרן קיום; אָבער דאָס ביוראָ פון פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל, אין זיין איצטיקן צוזאַמענשטעל, איז אַן ענג־פאַנאַטישע, סעקטאַנטישע אינסטיטוציע, וואָס וויל אויסאיבן זיין אייב־פלוס און מאַכט אומעטום מיט אַלערליי מיטלען, און איז גרייט צו שפּאַלטן סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַבי דער קאָמוניסטישער פליגל זאָל זיגן.

לאַנג האָבן אָנגעהאַלטן די דיסקוסיעס. ס'איז קלערער געוואָרן, אַז צוויי וועגן, צוויי באַשטימטע אָריענטאַציעס האָבן זיך קריסטאַליזירט אין וועלט־פאַרבאַנד, און אַז ביידע האָבן אפשר באַרעכטיקונג און אינערלעכע לאָגיק.

אין מזרח־אייראָפּע ווערט אַלץ חרוב; די רוסישע חברים קאָנען ניט האַנדלען אַנדערש, זיי מוזן צוליב דער סיטואַציע און די אומשטענדן אונטער וועלכע זיי לעבן — אָננעמען די קאַמף־מיטלען פון מאָסקווע ווי זייערע מעטאָדן און די סאָציאַלע רעוואָלוציע — ווי זיי פאַסן זי אויף — שטעלן העכער פון אַלץ, פאַרזעענדיק — בעל כורחא — זייערע ספּעציעלע נויטן, די אידישע אָריענטאַציע.

און אין מערב־אייראָפּע, אַמעריקע, ארץ ישראל איז די פּאָליטישע לאַגע דאָך אַן אַנדערע. דאָרט מוז מען אַנדערש האַנדלען. מעג אַפילו זיין דער זעלביקער סאָציאַליסטישער ענדציל, זיינען די סאָציאַליסטישע קאַמף־מעטאָדן ניט די זעלביקע אין אַלע לענדער. און נאָך עפּעס: אין דעם אויפבוי פון אַ אידישער היים און פון אַ סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט אין ארץ ישראל וועט די סאָציאַלע רעוואָלוציע ניט שפּילן איצט די הויפּט־ראָלע, נאָר אַ באַוואוסטזיניקע, סיסטעמאַטישע, פּלאַנמעסיקע, קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פון די אידישע מאַסן, געשטיצט אויף דער סימפּאַטיע פון דער אַרבעטער־שאַפט, און געשפּייזט פון די פאָלקס־נויטן, וועט פירן צו דער פאַרווירק־לעכונג פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

ארץ ישראל האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דער דיסקוסיע. מ'האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף אַ קאָנסטרוקטיוון „פּועלי־ציוניזם", וואָס קאָן זיך

נישט פאַרוויגן אין אַ שיינער רעוואָלוציאָנערער רעזאָלוציע, נאָר מוז אַרויס־ברענגען ממשות׳דיקע טעטיקייט כדי צו פאַרשטאַרקן די אידישע אַרבעטער־פּאָזיציעס אין ארץ ישראל.

אַט די געפילן, געדאַנקען און חילוקי דעות האָבן זיך אַלץ בולטער גענומען אַרויסשיילן אין וויען. מען האָט סוף כל סוף דערזען, אַז עס איז אַן אומזין צו שפּילן זיך אין אָפּשטימונגען און אין וועלן מאַיאָריזירן. דער וועלט־פאַרבאַנד איז נישט אַן איינצלנע פּאַרטיי, נאָר אַ בונד פון פּאַרטייען, וואָס לעבן אין פאַרשידענע לענדער און מוזן זייער קאַמף צופּאַסן צו די לאָקאַלע אומשטענדן.

אין דער פראַגע פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל איז די קאָנפערענץ געווען צעטיילט כמעט גלייך אויף גלייך. אַ פּאָר שטימען מער פּאַר קאָפּלאַנסקיס רעזאָלוציע. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אַן אָפּשטימונג קאָן פירן צו אַ סיטו־אַציע, וואָס וועט די חברים פון רוסלאַנד אָדער אַנדערע פּאַרטייען, — צוליב דער איצטיקער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע, — אויסשליסן פון וועלט־פאַרבאַנד. מען האָט, בכן, געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי איבערצובויען דעם וועלט־פאַרבאַנד אויף ווייניקער בינדנדיקע, צווייגנדיקע יסודות, און זאָלן די צוויי וועגן אין „פּועלי ציוניזם״ אויסגעקעמפט ווערן אין לעבן. די דיסקוסיע האָט דערפירט די קאָנפערענץ צום דעם קריטישסטן מאָמענט. צוויי לאַגערן האָבן זיך באַגעגנט, זיך שטאַרק באַקעמפט און דער סוף איז געווען, אַז די וועלט־באַוועגונג פון פּועלי ציון האָט זיך געשפּאָלטן, און די האָפענונגען איינצוהאַלטן איר גאַנצקייט זיינען צערונען געוואָרן.

דער גאַנג פון דער געשיכטע האָט געאורטיילט. דער ענדגילטיקער ריס איז פאָרגעקומען.

II

לעאָ פראַנק

אין די יאָרן 1913—1942 האָבן די אַמעריקאַנער צייטונגען געקאַכט מיט לעאָ פראַנק — אַ ברוקלינער אידישער יונגערמאַן, וועלכער איז אַנגעשטעלט געוואָרן ווי דער אויפזעער פון אַ בליי־פעדער פאַבריק אין אַטלאַנטאַ.

איינמאָל אַ שבת אין 1913, האָט מען געפונען דאָס ווייסע פירצעניאָריקע מיידל — מערי פייגען, — אַ דערמאָרדעטע. דער חשד איז געפאַלן אויף לעאָ פראַנק און אויף דעם שוואַרצן קאָלני.

פראַנק איז געווען אַ קרבן פון אומשטענדן. ער איז פאַרמשפט געוואָרן צום טויט. שפעטער האָט מען דעם אורטייל פאַרביטן אויף אַ לעבנס־געפענגניש. אין טורמע האָט אים אַן אַרעסטאַנט פאַרוואונדעט; מען האָט אים אַריינגענומען אין שפיטאָל, פון וואַנען מען האָט אים אַרויסגעכאַפּט און אויפגעהאָנגען.

פראַנק האָט די גאַנצע צייט געקעמפט פאַר זיין לעבן און געשריען אַז ער איז אומשולדיק, ווי דאָס האָט זיך שפעטער אַרויסגעוויזן.

אין מערץ 1914, האָב איך אים באַזוכט אין צעל און געהאַט מיט אים אַ לענגערן שמועס. דער תמצית איז געווען געדרוקט אין „וואַרהייט״.

לעאָ פראַנק — דער יונגער צום טויט פאַר׳משפט׳ער

איד — מאַכט אויף איך אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. ווי קליין זיין פיגור איז, פילט זיך אין אים אַ גרויסע קראַפט און אַ שטאַרקע פערזענלעכקייט. ער איז אַ הויך געבילדעטער מענטש. איך האָב אים געפונען אין זיין צעל רויכערנדיק אַ ציגאַר און לעזנדיק אויסשניטן פון צייטונגען. זעלטן ווען מען טרעפט אים אַליין. ער האָט דאָ גענוג פריינט — אידן און קריסטן.

ווען דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל אַז ער דאַרף אויפגעהאָנגען ווערן דעם 17טן אַפּריל, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „מיין גאָט, דאָס איז דאָך מיין געבוירנטאָג!״ אַ שוידער האָט אַרומגענומען אַלע אַנוועזנדיקע.

פראַנק האָט מיך פריינטלעך אויפגענומען און זיך נאָכגעפרעגט אויף ניו־יאָרק. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פאַרטרעט די „וואַרהייט״, און סיי איך, סיי די אידן זיינען פאַראינטערעסירט אין זיין לאַגע און ווילן אים העלפן אין קאַמף פאַר זיין לעבן און כבוד ביזן לעצטן מאָמענט.

„יאָ, ביזן לעצטן מאָמענט״, האָט ער אונטערגעכאַפּט, און מיך דורכגענומען מיט זיינע קלוגע אויגן — „דער לעצטער מאָמענט וועט זיין ווען איך וועל אַרויסגיין פריי. איך בין אומשולדיק, און אַן אומשולדיקן וועט מען ניט הענגען״ — האָט ער אויסגעשריען, זיין שטים האָט אַ ציטער געטאָן.

איך האָב אים געפרעגט צי ער וויל מיר געבן אַ דערקלערונג פאַר דער „וואָרהייט". האָט ער אַ מינוט נאָכגעטראַכט, מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר און דיקטירט:

„אין די לעצטע אַכט־ניין חדשים האָט מען דערמאָרדעט ניינצן שוואַרצע פּרויען, און מען האָט דעם מערדער נישט געפונען. דאָ איז געפאַלן אַ קרבן דאָס ווייסע אַרבעטער־מיידל, פיגען, און די מאַסן פאַרלאַנגען נקמה. די „אַטלאַנטאַ קאָנסטיטוציע" — איינע פון די איינפלוסרייכע ענגלישע צייטונגען, האָט אין אַ לייט־אַרטיקל געטאַדלט דעם פּאָליציי דעפּאַרטמענט. מען האָט אָנגעבאָטן 3700 דאָלער באַלוין צו דעם יעניקן, וואָס וועט געפינען דעם שולדיקן. זעקס־זיבן מענטשן זיינען אַרעסטירט געוואָרן, און איך בתוכם, ווייל כ'האָב געזאָגט, אַז איך בין געווען אין פאַבריק און געזען דאָס מיידל אַ לעבעדיקע. דערנאָך זיינען בלויז איך און קאָלני פאַרהאַלטן געוואָרן.

באַווייזן געגן מיר זיינען נישט געווען. פּאָליציי האָט געזען אַז זייערע „באַווייזן" זיינען שוואַכע, האָט מען אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן פאַרשידענע ידיעות וועגן מיר און מיין כאַראַקטער. פאַלשע דערקלערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן. זיי האָבן זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן געמיינט, אַז איך בין רייך. די אָרעמע האָבן זיך געשטעלט קעגן מיר — מכלומרשט אַרבעטער קעגן אַ באַלעבאָס. מיין סאָציאַלע פּאָזיציע האָט אַרויסגערופן די קעגנערשאַפט און געשאַפן לגבי מיר אַ פיינטלעכע שטימונג.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן אַז איך בין אַ איד, האָט זיך די שנאה צעפלאַקערט. דער עלעמענט פון ראַסן־האַס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן. די פּאָליציי־באַאַמטע וואָלטן פאַרלוירן זייערע שטעלעס, ווען עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן מיין אומשולד. מען האָט בכן גענומען אַן ערלעכן בירגער און אים דערקלערט פאַר אַ מערדער.

איך בין אַרעסטירט געוואָרן דעם 19טן אַפּריל, 1913, און קאָלני דעם ערשטן מאַי.

איך וועל ניט באַשולדיקן די צוועלף אויסגעקליבענע ריכטער, אָבער פּונקט ווי אַ טייך אין פרילינג נעמט אויף פאַרשידענע וואַסערן און מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט שלעפּט ער מיט אַלץ אויף זיין וועג, פּונקט אַזוי זיינען זיי אַריינגעצויגן געוואָרן מיטן שטראָם פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און מיך דערקלערט שולדיק.

ווען איך האָב אַפּעלירט קעגן דעם אורטייל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם שופט ראָום, האָט דער גוטער, אַלטער, ערלעכער ריכטער געקראַגן זיבעציק דראָאונג־בריוו, אַז מען זאָל ניט וואַגן מיר נאָכגעבן. ער האָט יענעם טאָג דערקלערט, אַז ער ווייס ניט אויב איך בין שולדיק אָדער אומשולדיק. דאָס הויכע געריכט האָט מיר אָפּגעזאָגט. דער הויפּט־ריכטער פיש, און זיין געהילף בעק, האָבן געשטימט צו געבן מיר אַ נייעם משפּט. זיי זיינען אָבער דורכגעפאַלן מיט פיר שטימען.

— איך האָב געליטן אַ מפּלה, אָבער כ'וועל פאָדערן איבערנייס אַז מ'זאָל רעווידירן מיין אורטייל אויפן גרונט פון ניי־אַנטדעקטע באַווייזן. איך בין אומשולדיק, אומשולדיק! איך פאַרלאַנג נישט קיין רחמנות און סימפּאַטיע, בלויז גערעכטיקייט און אומפּאַרטייאישקייט".

ער האָט מיר געדאַנקט פאַרן באַזוך און געבעטן אים אָפּשטאַטן אַ וויזיט נאָך אַמאָל. איך בין אַוועק.

מאָדנע! ווען איר זיצט מיט אים, דוכט זיך אייך, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ יונגן אידישן אַמעריקאַנער, וואָס באַזיצט אינטעליגענץ, קראַפט און גרויס ענערגיע. ער אַליין איז דער לייטנדיקער גייסט אין קאַמף פאַר אַ נייעם משפּט. ער שרייבט און דיקטירט, פאָרשט און שטודירט. אויב ער איז שולדיק — איז ער דער גרעסטער היפּאָקריט אין דער וועלט, אַ מערק־ווירדיק פאַרשטעלטע פיגור. אָבער דער איינדרוק איז ניט אַזעלכער. אַלץ רעדט פאַר אים. די נייע באַווייזן, די צאָלרייכע פּריינט באַטאָנען, אַז ער וועט מוזן באַפרייט ווערן.

***

פראַנק איז איצט איינער פון די פּאָפּולערסטע נעמען אין לאַנד. היגע אידן האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי האָבן דורכגעלעבט פּונקט ווי אין רוסלאַנד ערב אַ פּאָגראָם, אָדער אַזוי ווי ערב יום־כפור. די ענגלישע צייטונגען מיט זייערע סענסאַציאָנעלע באַריכטן און שרייענדיקע קעפּלעך האָבן געשאַפן אַ ווילדן צושטאַנד אין שטאַט. ס'האָבן קורסירט קלאַנגען, אַז אַ תושב פון אַטלאַנטאַ איז געזעסן אין געריכט מיט אַ רעוואָלווער און איז געווען גרייט צו דערשיסן פראַנק'ן, אויב מ'וואָלט אים באַפרייט.

דעם פּראָקוראָר דאָרסי האָט מען געטראָגן אויף די הענט. ער האָט בין לילה זיך קונה שם געווען. ער איז אַ פּאָליטישע מיטלמעסיקייט, אָבער אַדאַנק דעם אַ משפט וועט ער פּאָליטיש שטייגן.

און בעת די היגע אידן האָבן ממש געציטערט אַ הויך וואָרט זאָגן, האָט פראַנק געמונטערט זיינע פריינט און איז געווען אָפּטימיסטיש. אַנדערע וואָלטן צוזאַמענגעבראָכן, אָבער ניט ער. נאָר אַ מענטש מיט אַ ריינעם געוויסן, איז מסוגל אַזוי צו קעמפן פאַרן לעבן און כבוד. וואָס מער איר באַקאַנט זיך מיט אים, אַלץ אינטערעסאַנטער ווערט ער, איר הויבט אים אָן ליב צו קריגן.

ווען איר רעדט מיט אים און קוקט אים גלייך אין זיינע קלוגע אויגן, פאַרגעסט איר אַז איר רעדט דאָ מיט אַ פאַראורטיילטן צום טויט. איך דוכט זיך, אַז איר פאַרברענגט מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. טיילמאָל מיינט איר, אַז ער האַלט אַ לעקציע פאַר אייך אין אַ שיינער געבילמלטער ענגלישער שפּראַך. אָבער די ווירקלעכקייט דערמאָנט אייך אין זיין גורל.

אין טורמע האָט ער אַ גרעסערע צעל, אַדאַנק שעריף מאַנגאַ, וואָס איז איבערצייגט אין זיין אומשולד. ער האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר די אַטאַקעס אין דער פּרעסע אויף אים. ער ווייזט אַרויס יעדע פריינטלעכקייט צום אַרעסטירטן. איצט, ווען די ווילדע ליידנשאַפטן האָבן זיך איינגעשטילט, הויבט זיך אָן צו בייטן די לאַגע. די פּרעסע הויבט אָן אַרויסצואווייזן אומפּאַרטייאישקייט. מען גיט אָפּ פּלאַץ פאַר זיינע דערקלערונגען. די וואָך האָט די צייטונג „קאָנסטיטושן" געדרוקט זיין ענטפער אויף זיבעצן פראַגן, וואָס ער האָט גלענצנד פאַרענטפערט.

„ווען איך וואָלט געווען שולדיק, האָב איך דאָך געקאָנט לייקענען, אַז איך האָב די דערמאָרדעטע געזען שבת ביי זיך אין ביוראָ. אָבער מיין געוויסן דיקטירט מיר ניט צו זאָגן אַ ליגן".

***

איך האָב גערעדט מיט פאָרטרעטער פון קאָנסערוואַטיוון און ראַדיקאַלן אידנטום דאָ; קיין איין איינציקער גלויבט ניט אין זיין שולד. פילע גיבן צו אַז זיי האָבן געזינדיקט מיט זייער שווייגן. מען האָט פאַרלאָרן דאָ די אַכטונג צו אידן. מאָלט אייך, וואָס גראָד אין די דרום־שטאַטן — וואו מען

באַגייט זיך מיט אַ שוואַרצן ערגער ווי מיט אַ הונט — האָט מען אָנגענומען דאָס עדות זאָגן פון דעם פאַרברעכער, ליגנער, און גנב קאָלני, קעגן די עדות פון אידן.

די אידן אין אַטלאַנטאַ האָבן זיך ענדלעך אויפגעכאַפּט פון זייער דרימל.

***

דער היגער אידישער ישוב ציילט אַכט טויזנט נפשות — צווישן זיי דריי טויזנט דייטשע אידן, די איבעריקע זיינען רוסישע און גאַליציאַנער, נאָר דריי טויזנט זיינען אַמעריקאַנער בירגער און בלויז איין פינפטל האָט זיך רעגיסטרירט צו וואַלן. דאָ געפינט זיך אויך אַן אונטערשטיץ־פאַריין פון אַכציק סיריער אידן. עס זיינען דאָ פינף שולן, אַ בית יתומים, פאַרשידענע אידישע אָרדנס, איינגעשלאָסן „פאַרבאַנד" און „אַרבעטער רינג". אין דער תלמוד תורה לערנען הונדערט און פופציק קינדער. די הערשנדיקע שפּראַך איז ענגליש. עס ווערט אָבער געלערנט אויך העברייאיש. דער מנהל האָט מיך פאַרזיכערט, אַז מ'וועט איינפירן אידישע און העבראַאישע לידער ווי אויך דעם לימוד פון אידיש.

מיט איניקע יאָר צוריק האָט מען זיך געשעמט צו ריידן מאַמע לשון און אַ אידיש וואָרט צו הערן אויף דער טריבונע איז געווען אַ מילתא דלא שכיחא. היינט הויבט מען אָן זיך אינטערעסירן מיט אידישע קולטורעלע פּראָבלעמען.

דער דאָזיקער עפּיזאָד וועט אָן ספק ביישטראָגן צו שטאַרקן דעם אידישן באַוואוסטזיין אין אַטלאַנטאַ און שאַפן מער אינטערעס פאַר פאָלקס־ענינים.

המן־טאַש שטאַט

פאָרן מיר אַריין אין דעם גרעסטן שטאַט פון אונזער מדינה, וואָס זעט אויס ווי אַ ריזיקער המן־טאַש לויט זיין געאָגראַפישער פּאָזיציע, וואו אַמאָל האָבן פּיראַטן און אַוואַנטוריסטן זייער בעץ געהאַט און היינט זוכן די דריי קופּן, קו־קלוקס־קלען, זייער ממשלה אויסשפּרייטן, שנאה און האַס און טעראָר פאַרשפּרייטן.

רייך איז די מדינה. ס'איז טעקסעס. אוצרות פאַרבאָרגענע, אָן אַ מאָס און אָן אַ צאָל, זיינען דאָ ביי איר. שפּאַרן אַרויס פון דער ערד טאָג־טעגלעך נייע אויל־קוואַלן, ווערן אַ דאַנק זיי מיליאָנערן איבער באַכט געבוירן, פאַרלירן צוליב זיי פילע זייער לעצטע העמד. און פעט איז טעקסעס, געבענטשט מיט אַ שפע פון בהמות, מערסטנס פיר פיסיקע, אָבער צווי פיסיקע פעלן אויך נישט, ניט צו פאַרזינדיקן...

אומגעלומפּערט גרויס איז דער שטאַט. איר וועט אין פיר־און־צוואַנציק שעה ניט אויספאָרן זיין ברייט, איבער צווי הונדערט און פיר־און־זעכציק טויזנט סקווער מייל איז דער שטח. מיליאָנען־מיליאָנען מענטשן קאָנען זיך דאָרט באַזעצן. די תושבים זיינען על פּי רוב ווייסע אַמעריקאַנער, מעקסיקאַנער, דייטשן, שוואַרצע. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אחינו בני ישראל — קיין עין הרע — פעלן דאָרט ניט אויס, און מיר פאַרמערן זיך. קאַרג פּלאַץ איז דאָרט דאָ?

טרוקן און וואַרעם איז דער דאָרטיקער קלימאַט, אָבער די וואַרעמקייט איז נישט אַזאַ וואָס דענערווירט, מאַטערט און מוטשעט אייך כסדר אויס; טייל געגנטן זיינען די אידעאַלסטע זיך צו דערהאָלן, צו שטאַרקן די לונגען און אָפּפרישן די כחות.

ס'איז מיר אויסגעקומען צו פאַרבלייבן אייניקע טעג אין סאַן אַנטאָניאָ, די גרעסטע, שענסטע און אינטערעסאַנטסטע שטאָט אין דער מדינה וואָס ציילט איבער 120 טויזנט נפשות.

שטייט אין סאַמע קאָכיקן צענטער, די אַלאַמאָ.

— האָט איר שוין געזען אַלאַמאָ?

מיט אַזויפיל שטאָלץ האָבן זיי — די בירגער פון טעקסעס — אַרויסגעזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט. און זיי האָבן אַן אורזאַך: דער אָ נאָמען וויקלט זיך אין אַן אָרעאָל פון מאַרטירערשאַפט. אַלאַמאָ איז געווען אַ פעסטונג,

אויפגעבויט אין יאָר 1722, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פראַנציסקאַנער קירך, שפּיטאָל און אַ מאָנאַסטיר, באַשיצט מיט אַ וואַנט, אַכט פוס אין דער הויך.

אין יאָר 1835 איז די אַ פעסטונג געווען די סצענע פון אַ בלוטיקער שלאַכט. הונדערט און אַכציק אַמעריקאַנער האָבן זיך אין דער געבײדע באַפעסטיקט און געקעמפט קעגן אַ גרויסער מחנה מעקסיקאַנער. צוועלף טעג האָט דאָס באָמבאַרדירן אָנגעהאַלטן. אונזערע האָבן אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט, אָבער סוף כל סוף זיינען זיי געפאַלן. דער מעקסיקאַנער קאָמאַנ־דיר סאַנטאַ אַנאַ האָט פאַר זיי צוגעגרייט אַ שחיטה. און שטענדיק געדענקט מען די אַ פעסטונג. ניט אייגמאָל האָט די געשעעניש אין 1835 געדינט ווי אַ לאָזונג אין קאַמף. די אַלאַמאָ איז צעשטערט געוואָרן, אָבער אין יאָר 1913 האָט מען רעסטאַוורירט דעמדאָזיקן היסטאָרישן פּלאַץ. איצט האָט עס אַ מוזיי, און דער זכרון פון די געפאַלענע ווערט הייליק געהאַלטן.

שיין איז סאַן אַנטאָניאָ, פּאַלמען בוימער באַצירן די גאַסן. אייביקע גרינס און אייביקע יוגנט. און כמעט שטענדיק טונקט זיך די שטאָט אין זונען־שטראַלן. פאַראַן דאָ אויך אַ צויבער־ווינקל, אַרויסגענומען פון די פון טויזנט און איין נאַכט מעשות. דאָס איז דער יאַפּאַנעזישער געזונקענער גאָרטן.

שוין דער צוגאַנג אַהין דערוועקט אין אייך שטימונג: אַ שמאָלע לאַנגע אַלייע, די ווענט פון גרינס און בלומען, אַ דאַך פון בלעטער און יונגע צווייגן. איר גייט אַ מינוט צען ביז איר קומט אָן צום גן עדן. קומען זאָלט איר אין אָוונט, ווען ס׳איז פינצטער, ווען ס׳איז נאַכט, מיטאַמאָל גיבן אַ שעמעריר, אַ בליאַסק הונדערטער שטערן, אָבער ניט אויפן הימל, נאָר אין די הויכע ווענט אין יענעם ווינקל. אַזוי קונציק זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דאָרט די עלעקטרישע לעמפּלעך און איז אַזאַ וואונדערלעכער אומאָרדנונג זיינען זיי צעוואָרפן, און אַזוי הערלעך שפּילט זיך אָפּ זייער שיין. ער באַלויכט די פאַרשידענע וואַסער־פלאַנצונגען, וואַסער־בלעטער און וואַסער־בלומען. איר קאָנט די אויגן ניט אָפּרייסן, איר ווערט פאַרכישופט. אייך דוכט זיך אַז דאָס ליכט, די שטערן פינקלען אַרויס פון וואַסער, און פאַרפירעריש־פאַנטאַסטיש זעען אויס די פלאַנצונגען. פונדערוויטן זעען זיך קאַלאַנעס פון פּראָסטע שטיינער, אויף וועלכע איר קוקט אייך גאָרניט אום יעדן טאָג, און דאָ זיינען זיי אין אַזאַ פּאָעטישער אומאָרדנונג! איר מוזט צוגעבן, אַז אויך פּראָסטע שטיינער האָבן זייער חן, מיטן באַריר פון אַ קינסטלער־האַנט.

דער גאַנצער ווינקל, די אומגעבונג, די שטיינערנע טרעפּ, דער גאָרטן, די באַלויכטונג זיינען די פאַרקערפּערונג פון קונסט און שיינקייט. און דער־מאָנען זאָלן מיר צום גוטן דעם אַכציק־יאָריקן בחור, וועלכער האָט אויסגע־חלומ׳ט דעם ווינקל און האָט עס געשענקט אַ מתנה. און אויב ער איז אַן

אַלטער בחור פאַרבליבן, און אפשר פון קיין ליבע ניט געוואוסט, קאָנט איר זיכער זיין, אַז אין זיינע דרכים וועט שוין די יוגנט ניט גיין, ווייל דער ווינקל איז אַ ראַנדעוואו פאַר געליבטע, פאַרליבטע, ראָמאַנטישע פּאַרלעך און אַ קלינגענדער געלעכטער, און ליבעס־ווערטער, און אויגן פאַר׳חלומ׳טע פעלן דאָרט ניט אויס.

אויב אין עמיצן איז פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס געפיל פון שיינקייט, און אויב עמיצער האָט אין זיך אַ געטלעכן פונק פון פּאָעזיע, זאָל ער אָפּשטאָטן אַ וויזיט דעם יאַפּאַנעזישן געזונקענעם גאָרטן אין סאַן אַנטאָניאָ.

און איצט קומען מיר אַריין אין דעם מעקסיקאַנישן קוואַרטאַל.

איר האָט דאָך אַוודאי געהערט וועגן די מעקסיקאַנער? ביי פילע פון אייך טויכן גלייך אויף בילדער פון אויסוואורפן, געוואַגטע יונגען, גבורים, העלדן אויף פערד; ניין, ניין! בערך פופציק טויזנט מעקסיקאַנער וואוינען אין סאַן אַנטאָניאָ, און אָסור — אויב ס׳איז דאָ וועמען מקנא צו זיין. אַזאַ אָרעמקייט און דחקות קאָנט איר זיך קוים פאָרשטעלן.

גייען מיר פון איין גאַס אין דער צווייטער, אין איין הויף אַריין, פון אַ צווייטן אַרויס. וואו וואוינען זיי דאָרט אַלע? וואו זיינען דאָרט די הייזער? ניטאָ אַזאַ זאַך! הילצערנע שטאַלן זיינען דאָרט אין די טויזנטער, אָן פענצ־טער, נידריקע, ענגע. די שטאַלן זיינען ניט פאַר פערד, ניט פאַר הינט, נאָר פאַר מענטשן, פאַר די מעקסיקאַנער. גייט איר אַריין אין אַזאַ שטאַל און טרעפט אַ פאַמיליע פון פיר־פינף. איר קוקט אייך אַרום: ניט קיין בעט, ניט קיין מעבל: דער דיל איז זייער בעסטער פריינט, אויף דער ערד שלאָפן זיי, גליקלעך זיינען די, וואָס האָבן זיך שוין אַ בעט איינגעשאַפט, דאָס איז פאַר פילע אַ ניט־דערגרייכעוודיקער וואונטש, אַ ווייטער, ווייטער חלום.

איר גייט פון שטאַל צו שטאַל און באַטראַכט די „אויסשטאַטונג", און איר ווילט ניט גלויבן אייערע אויגן. מילא, אין די אָרעמע מעקסיקאַנער שטעטלעך, אין כוברעז, אין טי־הו־אַן, אַז איר זעט אַזאַ זאַך, חידושט עס אייך אַזוי ניט. איר האָט בלויז רחמנות; אָבער אין דער רייכער, שיינער אַמעריקאַנישער סאַן אַנטאָניאָ, וואָס איז ווערט צענדליקע און אפשר הונדער־טער מיליאָנען, ווי אַזוי קאָן צוגעלאָזט ווערן אַזאַ צושטאַנד? ווי קאָן מען לאָזן וואוינען אַזוי מענטשן, ווען פאַר כלבים גרייט מען צו בעסערע פלעצער? אָבער אומזיסט אייערע קשיות, משמעות אַז ס׳לוינט זיך אַזוי אָנצהאַלטן די מעקסיקאַנער, אין אָרעמקייט, אין שמוץ, אין ענגשאַפט, ס׳פּאַסט זיך בעסער אין רומל אַריין — פאַר דער אָרדנונג דאָרט.

פאָטער, מוטער און קינדער זיינען אַלע אין דעם זעלביקן שטאַל, און דאָרטן דערציט זיך אַ יונגער דור, געשטאַלט זיך דער מענטשן־כאַראַקטער, ווערן אייגנשאַפטן געבוירן.

איז דען אַ וואונדער וואָס האָנט ביי האָנט מיט די שטאָלן זיינען דאָ צענדליקע, הונדערטער הייזלעך וואו פּראָסטיטוציע הערשט פראַנק און פריי, געפינען זיך ווייניק קונים צווישן סאָלדאַטן און אָרעמערע? וואָסערע ביישפּילן קאָנען זיך דאָרטן די יונגע קינדער אָראָפּנעמען?

שעהן לאַנג בין איך אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן פון מעקסיקאַנער קוואַר־טאַל. זיצן אַלטע און יונגערע מעקסיקאַנערינס ביי זייערע געשעפטן, זיי פּראָדוצירן אויפן אָרט זייערע ווערק און פאַרקויפן זיי. וואָס זיינען דאָס פאַר פּראָדוקטן? עפּעס אַ געבעקס פון קאָרן־מעל, ענלעך צו אונזערע מצות, טאָרטילאָס רופן זיי זיך אָן. אַ טעם האָט עס אַ משונה׳דיקן, און אָן אויסזען ניט אַזוי אַי־אַי־אַי. נאָר מיט די טאָרטילאָס נערן זיך די מעקסיקאַנער. ס׳איז רעכט אַז פאַר אַזאַ פיגף סענטיקן „מאכל“ זאָל מען אָפּלעבן אַ גאַנצן טאָג.

און בעבלעך עסן זיי, און טשילי פעפערלעך, און אַנדערע מטעמים, וואָס איך האָב טועם געווען, ווייל ס׳איז ביי מיר אַ מנהג פון שטענדיק אָן צו פאַרזוכן אַ נייעם מאכל, נאָר איין מאָל איז פאַר מיר גענוג געווען...

די מעקסיקאַנישע פרויען אַרבעטן שווער, און ניט איינמאָל זיינען זיי די ברויט־געבערס. אין מאַן ליגט עפּעס אַ פוילקייט, איז רעכט ער זאָל אָפּשטיין אין גאַס און זיך פאַרנעמען מיט פאַרשידענע שפּילערייען, אָדער גאָר כאַפּן אַן אינסטרומענט און זיך צעשפּילן. מוזיקאַליש זיינען זיי, די חברה, און פאַרקאָכט אין מוזיק. זונטיק פרי וועט איר אָפט פון די אָרימסטע הייזער דערהערן טענער, מוזיק און געזאַנג. ניט איין מעקסיקאַנער וועט זיך פאַר־באָרגן יאָרן און יאָרן אויסצוצאָלן דעם חוב, אַבי פאַרשאַפן זיך, אָדער די קינדער אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט.

זונטיק איז זייער אמת׳ער יום־טוב. פוצט מען זיך אויס אין עסיק און אין האָניק — אַלץ וואָס מען האָט, אָפט אין פאַרבענרייכע קליידער, און די מעקסיקאַנער מיידלעך לאָזן זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר. שפּאַצירן זיי אַזוי, שטאָלץ, און ניט איין קראַסאַוויצע טראַכט: אוי, בין איך איצט שיין, וועל איך פאַנגען היינט דאָס האַרץ פון אַ בחור. און איר וואַרפט מיט אַ מאָל אַ בליק און דערזעט אַן עלטערע מעקסיקאַנערין זיצט, איר פנים האָט אַן ערד־קאָליר, עפּעס מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַ מומיע, עפּעס אַזאַ מאָדנעם אויסזען, און איר גיט אַ קלער אַז דער אָ ערד־קאָליר איז ביי איר אַמאָל ניט געווען, אַז זי איז אויך אַ יונגע און אפשר אַ שיינע געווען. די מעקסיקאַנערינס עלטערן זיך זייער שנעל, און גיך פאַרלירן זיי די שיינקייט; יאָרן פון אָרימ־קייט, צרות און ליידן לייגן זייער שטעמפּל אויף דער פרוי, וואָס אין עלטער פון אַ דרייסיק קוקט זי אָפט אויס ווי אַן אָפּגעלעבטע זקנה.

מ׳האַלט די מעקסיקאַנער פאַר ברוטאַלע טיפּן. געוויס זיינען דאָ אַזעלכע.

אָבער די מערהייט ליבט רואיקייט, שלום און האָט פיינע שטריכן. אין וועלכן מעקסיקאַנער הויז איך בין ניט אַריין, מיט וועמען פון זיי איך האָב ניט גערעדט, האָבן אַלע אַרויסגעוויזן העפלעכקייט, איידלקייט. און ווי אָרים זיי זיינען — אַזוי גוט זיינען פילע פון זיי; זיי וועלן אַן אָרעמען פאַרבייפאָרער, בפרט אַ לאַנדסמאַן, מיט ליידיקן ניט אָפּלאָזן, אָפּט מיטן לעצטן ביסן זיך טיילן.

און עס טוט ווי וואָס גראָד אידן איז אויסגעקומען צו זיין קאָלעקטאָרס ביי די מעקסיקאַנער. ניט איין פאַמיליע איז אין איביקע חובות איינגעטונקט, און ניט אַלע מאָל איז די באַנעמונג מצד די איינמאַנער לויבנסווערטיק.

און אַזוי געדולדיק טראָגן זיי דעם שווערן לאַסט פון לעבן, אַז עס האַר־מאָנירט גאָרניט מיט דעם קאָכיקן בלוט פון די מעקסיקאַנער, מיט זייערליידנשאַפט. זאָל עס זיין, ווייל זיי זיינען אַנגעשראָקן, ווייל זיי לעבן ניט אין זייער לאַנד, ווייל זיי קאָנען ווייניק די שפּראַך פון אַמעריקע?

געפאַנגען האָבן זיי מיין האַרץ, די מעקסיקאַנער אין סאַן אַנטאָניאָ. אַ טיפער געפיל פון רחמנות האָט מיך מיט זיי פאַרבונדן. זאָל זיין אַז זיי זיינען אומוויסנדיק, ניט געבילדעט, אָבער ס'אַרא פיינע שטריכן ביי זיי זיינען דאָך דאָ, ס'אַרא באַנעמונג צו אַ פרעמדן, ס'אַרא כבוד צו די עלטערן...

רבונו של עולם! פון די צען מעסטלעך אָרעמקייט — פאַרוואָס האָסטו ניין געוואָרפן אויף דעם מעקסיקאַנער קוואַרטאַל אין סאַן אַנטאָניאָ?

— 1921

לויף, קעלבעלע, לויף!...

(„מיט די קאַובאָיעס")

פאַרגעסט פאַר אַ האַלבער שעה ערנסטע פּראָבלע־מען און נויטן; באַפרייט זיך פון אייערע דאגות, און לאָמיר פאַרברענגען אַביסל מיט די קאַובויס, זען זייער אַ טשיקאַוון געוועט.

אומדערוואַרט איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט אַ גאַנצער חברה זייערער, פון בחורים און מיידלעך, אין אַ שטאָט אין טעקסעס. אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט וועגן די „קאַובויס" און „קאַוגירלס", האָט פּלוצלונג זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן. אַ שטיקווירקלעכקייט, וואָס פאַרכאַפּט איך מיט עלעמענטאַרער קראַפט: ראָמאַנטיש, אַזוי פיל־פאַרביק, אַזוי הייס־בלוטיק, אַז דו גלויבסט אַז אפשר איז דאָס אַ סצענע פון אַ שאָטן־בילד, וואָס דערוועקט ביינקעניש, איבערהויפּט ביי קינדער; וואָס צינדט אָן אַ פייערל אין זייערע אויגן און מאַכט קלאַפּן שטאַרקער זייערע הערצער און נאָכפאָלגן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם יעדע באַוועגונג פון קאַובוי און זיין אייביקן פריינט, דעם פערד, וואָס איז אי אַ קעניג, אי אַ דינער.

אַ געוועט פון קאַובויס און קאַוגירלס איז אַ זעלטנהייט אַפילו פאַר די איינוואוינער געווען; דאָס קומט פאַר איין מאָל אין צענדליקע יאָרן — טאָ ווי אַזוי זאָל אונזערס אַ מענטש, אַ איד פון דער איסט, און נאָך פון ניו־יאָרק, ניט אָנכאַפּן זיך אָן דער געלעגנהייט ווי אַ אידענע אָן אַ ווילדער מציאה, און טאָקע זען מיט זיינע אייגענע אויגן וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס רינגלט אַרום דעם קאַובאָי מיט אַ קראַנץ פון אַ העלד.

גייען מיר, בכן, צו דעם גרויסן פּלאַץ, אויף דעם פרייען פעלד, אין אַ זוניקן באַכמיטיק, צו באַקאַנען זיך מיט די חברה און זען זייערע שמדשטיק. מיר גייען ניט אַליין; אַ גאַנצע מחנה גייט מיט, אַמעריקאַנער בירגער, יונג און אַלט, אָרים און רייך. אויסגעפּוצטע הערן און דאַמען; אַרבעטער און זייערע פרויען באַשיידן געקליידט, און אַ וועלט מיט יונגוואַרג, אומגעדולדיק, קאָן ניט איינזיצן אויף די פּלעצער, האַלט ברייט אָפן די אויגן און מויל און וואַרט — וואַרט אויף דער באַשטימטער מינוט פון דער דערעפענונג.

אַ פאַר חברים זיינען מיר דאָ, אפשר די איינציקע; אין יעדן פאַל — אַ קליינע צאָל מאחינו בני ישראל, ווייל אידן האָבן זייערע אייגענע געשעפטן צו באַזאָרגן; אַ קלער טאָן וועגן פרנסה, וועגן לייזן אַ דאָלער, וואָס מאַכט

זיך דאָרט איצט ניט אַזוי לייכט ווי אין די פעטע יאָרן; און האָבן זיי אַ פרייע שעה, איז אַנציענדיקער אַ קערטעלע צו מאַכן, ניט אַזוי? ס'איז נאָר דאָ אַ פּאָר מינוטן ביז דער דערעפענונג, באַטראַכט מען דערווייל די צושויער — אַ טיפּישער עולם פון טעקסעס, דער אַמעריקאַנער מיט דעם ברייטן, הויכן הוט און דעם גרויסן שניפּס. עפּעס זעט מען דאָ אַזויפיל הויכגעוויקסיקע. קאָנטיק אַז זיי זיינען זייער גוטע פריינט פון דער נאַטור און פון דער זון; זיי ווייסן ניט פון אַ לעבן אַ פאַרשטיקטן אין טענעמענט הייזער, וואָס ווערן געלאַסטשעט פון דער זון שטיף־מוטעריש. דאָ איז די זון אַן אמת'ע מאַמע; זי וואַרימט, זי היילט, און גיסט אַריין געזונט און ליכטיקייט אין גוף, אין די הערצער, און אפשר לייטערט זי אויך זייערע נשמות.

ווי זאַרגלאָז חברה פילט זיך דאָ! פריי איז דער געלעכטער, וואַרעם און אָפן די באַגריסונג; כח פילט זיך אין דעם באַוועג און אין דעם גאַנג פון פילע.

גייט פאַרביי אונז איינער אַ הויכער, אפשר אַכט און האַלב פוס, און אפשר מער, מיט אַ ריזיקן קערפּער, און אַזאַ יונגער, אינגלישער פּנים, און איך גיב אַ פרעג זיין עלטער. ערשט, ס'איז אַ בחור'ל פון אַ יאָר אַכצן — אַ פרי פון די ברייטע סטעפּעס און פרייע פעלדער, וועמען די נאַטור האָט אויפ־געהאָדעוועט אַ גבור, מיט אַן אומגעלומפּערטן כח, וואָס וואָלט אין אונזערע מקומות געמאַכט אַ פּוראָר, אַ גערודער. דאָ איז ער אַזוי נאַטירלעך, אין זיין אייגענער סביבה..

דער גאַנצער עולם איז פול מיט דערוואַרטונג: אַזאַ ספּאָרט, אַזאַ פאַר־ווײַלונג! און וואָס מער עס דערנעענטערט זיך די מינוט, אַלץ מער דערפילט זיך אין דער לופט אויפרעגונג, און זי שטעקט אָן אַלעמען ביסלעכווייז.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן:

ווי אַ שטורעם־ווינט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווילדן געלאַף אַ צאָל רייטער; אַ סך בחורים און פיר מיידלעך, און די ערד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דאָס גאַלאָפּירן, דאָס גאַנצע ווילדקייט און פרייקייט האָבן געקראָגן זייער פולסטן אויסדרוק און אין אייניקע מינוטן האָבן די רייטער, און דער־הויפּט די רייטערינס, געפאַנגען דעם עולם.

און די שנעל־פערד האָבן קאָנטיק דערפילט זיך דערהויבן און האָבן צעטראָגן זיך מיט אַ שרעקלעכער ווילדקייט, אַזוי ווי אויף די פליגלען פון ווינט, מיט די רייטערס אויף זייערע רוקנס, געטרייע דינער צו זייערע בעלי בתים; דאָס זיינען געווען פערד וואָס זיינען פון איין זייט צוגעוואוינט געוואָרן צו אַ פריי לעבן, און פון דער צווייטער זייט צוגעבונדן זיך חבריש און געטריי צו זייערע רייטער.

זעענדיק די פערד, באַטראַכטנדיק זייערע באַוועגונגען און אויסדרוק, האָב איך בשעת מעשה דערפילט, אַז ניט אַלע מאָל דאַרף זיך אַ איד אַ חכם

באַליידיקן ווען מען זאָגט אים אַז ער איז אַ פערד, גיכער דאַרפן זיך די פערד באַליידיקן. . . .

דורכגעטראָגן זיך עטלעכע מאָל איבער דעם גרויסן פרייען פעלד האָבן די קאָוּבויס זיך פאַרגעשטעלט פאַרן עולם, מיט אַ ברייטן פאַרנעם, און אַזוי אַרטיסטיש, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען פּראָפעסיאָנעלע שפּילער.

און דער אמת׳ער געוועט האָט זיך צעשפּילט: לאָזט מען מיט אַ מאָל פון איין פלאַץ אַרויס אַ גרויס, געזונט קעלבעלע, און נאָך אים גיט זיך פלוצלונג אַ לאָז אויף אַ פערד אַ רייטער, און לויפנדיק גיט ער אַ וואָרף אַ שטריק אַזוי קונציק אַרום דעם קאַלב, וואָס מאַכט אַן אָנשטרענג זיך צו באַפרייען; שפּרינגט רונטער פון פערד דער רייטער און כהרף עין וואַרפט ער אום דאָס קעלבל און בינד זיינע פיס. אָבער גלייך בינדט ער אָפּ און דאָס קעלבל, אין טויט־שרעק, אַנטלויפט אַזוי ווי אַן אונטערגעשאָסענע.

איין סצענקע געדענקט זיך מיר גוט: לויפט אַרויס אַ קאַלב, און נאָך אים גיט זיך אַ יאָג אַ קאָוּבאָי, אַ העלד, אַ יונג מיט ביינער. גיט ער אַזוי אַ וואָרף דעם שטריק, און עפּעס דורך אַ נס האָט זיך דאָס קעלבל אַרויסגעדרייט. ביים גאַנצן עולם האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי, אין וועלכן עס האָט זיך דערפילט אַ פאַראַכטונג צו דעם רייטער. אַ דורכגעפאַלענעם האָט מען ניט ליב! דער קאָוּבאָי האָט דאָס דערפילט און מיט זיין גאַנצן אימפּעט דעם שטריק פאַרוואָרפן און ווידער ניט געטראָפן. האָט דער עולם ווילד גענומען אָפּלאָדירן, ניט דעם קאָוּבאָי, נאָר זיין נייעם העלד, דעם קעלבל. און מיט פאַרצווייפלונג האָט דער בחור דעם דריטן מאָל פאַרוואָרפן דעם שטריק, דאָס מאָל געטראָפן. האָט איר געדאַרפט זען מיט וועלכער ברוטאַליטעט דער קאָוּבאָי האָט באַהאַנדלט דאָס קאַלב, ווי ער האָט דאָס אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד און געבונדן. סטייטש, אַ קאַלב זאָל גאָר זיגן! און עפּעס האָבן זיך אין קאָפּ „געיאָוועט" געדאַנקען וועגן ברוטאַליטעט, סימפּאַטיע צום שוואַכן. נאָר אַ קוק טועדיק אויפן עולם, האָבן מיר, די פּאָר חברים, דאָרט קיין סימפּאַטיע ניט געזען. בטלניש האָבן מיר זיך דערפילט, און דאָס אייביציקע וואָס מיר האָבן געקענט ווינטשן איז געווען: „לויף, קעלבעלע, לויף!"

דאָס איז געווען דער ערשטער טייל פון געוועט; געוואונען האָט דער געשיקטסטער, דער פלינקסטער.

און מיטאַמאָל ווערט אַ גערויש, אַלע גיבן זיך אַ שטעל אויף! ערשט, עס פליט אויף אַ פערד אַ יונג מיידל, די בלאָנדע האָר צעלאָזן; אַ פּנים בלוט און מילך, אַ פיגור פול מיט גראַציע, חן און צאַרטקייט. זי פליט אויפן פערד שטייענדיק, די הענט אין דער הויך, און מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ זעץ אַנידער, אַ בויג אַריבער און זי הענגט שוין אונטערן פערד׳ס בויך, אויסגעצויגן אין דער ברייט. און דאָס צעהיצטע פערד צעלאָזט זיך און דאָס מיידל הענגט זיך

אַן און מאַכט אַלערליי קונצן. אַט הענגט זי אויף איין זייט, און אַט הענגט זי אויף דער צווייטער זייט, און אַט גיט זי זיך ווידער אַ שטעל, און מיטן קאָפּ אַראָפּ. פון טויזנטער העלזער דערהערט זיך אַ יובל־געשריי, און אויגן־אויפן פּאַלגן נאָך, לויפן נאָך יעדער באַוועגונג. די זון שיינט און שפּילט זיך אָפּ אויף אירע גאָלדענע האָר און גיט צו אַן אומבאַשרייבלעכן רייץ צו דער מיידל; אַזוי פיל ווייבלעכס, און דאָך אַזויפיל קוראַזש און מוט — מען מוז ווערן מיטגעריסן.

און איין בחור נאָך דעם צווייטן לויפט און פּראַוועט שטיק, ווילדע געשרייען צעטראָגן זיך. גאָט מיינער, וואָס איז פון עולם געוואָרן! אויפגערעגטע געזיכטער, ברענענדיקע אויגן, נערוון אָנגעשטרענגטע, אַלץ שרייט און איז ווילד, אין העכסטן עקסטאַז.

און מער קונצן פון אַלע מאַכט אַ בחור אויף אַ וואונדער שניי־ווייסן פערד, געקליידט אין פאַרבנרייכע קליידער, מיט אַ טוך אַרום האַלז, הויך, שייך, קרעפטיק. ער ווערט איצט דער ליבלינג פון עולם. ער און די יונגע, פלינקע אַמאַזאָנקע, וואָס איז פון אים ניט אָפּגעשטאַנען.

איך וועל שווערן אַז דער בחור איז אַ איד. עפּעס מאַכט ער שוין צופיל קונצן. דער פּנים אַזאַ שמייכלענדיקער, און דער אויסדרוק אין די אויגן דאָך ערנסט, און זיין נאָמען קלינגט אידיש. אפשר, איז אייך פאַרלאָרן געגאַנגען אַ לעב־יונג, אַ גוטער ברודער, אַ לאַנדסמאַן!? נו, מן הסתם איז ער מגולגל געוואָרן אין אַ קאָובאָי, ס'איז דאָך אַמעריקע, פאַרשטייט איר מיך!

דער געוועט האַלט אַן. אַנשטאָט קעלבלעך לאָזט מען אַרויס ווילדע אָקסן. ס'איז ניט קיין לייכטער עסק. אַלע מוסקולן פון קאָובאָי זיינען אָנגעשטרענגט. שווער קומט אַן דאָס ראַנגלען זיך און בייקומען, אָבער סוף כל סוף געלינגט דאָס אים. די רעפּוטאַציע ווי אַ העלד שטייט דאָך אין קאָן! נאָר ניט יעדער אָקס גיט זיך אונטער. צוויי זיינען איינגעשפּאַרט, ווילן זיך ניט רירן, כאָטש גיי שריי חי וקים!

וואָס מיינט איר, איז געווען דער סוף? דער קאָובאָי איז אומגעפאַלן. די דאָזיקע סצענעס זיינען געווען ברוטאַלע; עפּעס האָט אין מיר אָנגעהויבן זידן. זאָל דאָס זיין מיין אידיש בלוט? אָבער דער עולם איז געווען פאַרגאַפט, פאַרכאַפּט פון קאַמף. האָב איך בשעת מעשה אַ טראַכט געטאָן איבער דעם גלאַדיאַטאָרן־קאַמף אין אַמאָליקן רוים. די מאַסע בלייבט אַ מאַסע אומעטום און אין אַלע צייטן — „ברויט און פאַרגעניגן" וויל זי.

נאָך אַן אַקט פון קאַמף איז פאַראיבער, די פלינקע זיגער ווערן הייס באַגריסט.

און ווידער אַ געיעג! פון אַ ווינקל גיט זיך אַ ריס אַרויס אַ פערד מיט אַ רייטער. ס'איז אַן אַנדער מין פערד, פון די סאַמע ווילדע, וואָס דולדן ניט

קיין צוים און באַצווינגער אויף זייער רוקן — פריי ווילן זיי זיין! זיי שפּרינ־גען אויף די פאָדערשטע פיס, זיינען צעהיצט, ווילד, און שטרענגען זיך אָן אַרונטערצוואוואַרפן דעם רייטער.

ס'איז באמת אַ געפּאַר פאַר אים, אַ געפערלעכע פּאָר מינוט; מיט זיין גאַנצן כח און ווילן האַלט זיך אָן דער רייטער און וויל דעם ווילדן פערד איינצאַמען, אָבער עס געלינגט אים ניט, און מורא האָבנדיק צו ריזיקירן ווייטער, שפּרינגט ער אַראָפּ. אַ צווייטער פּרובירט און מוז נאָכטאָן דעם ערשטן, און אַ דריטער פּרובירט זיין מזל און ווערט שנעל אַראָפּגעשליידערט.

דער עולם איז צעקאָכט, אויפגערעגט. און אָט באַווייזט זיך איינער אויף אַ פערד, און ווידער מאַכט דער סוס ווילדע אָנשטרענגונגען, הויבט זיך אין דער לופטן, אָבער דער רייטער האַלט זיך אָן און קאָנטראָלירט יעדע באַוועגונג. און וואָס ווילדער דאָס פערד, אַלץ קרעפטיקער די באַוועגונג פון רייטער, ביז ער באַזיגט אים. און אַ וואונדער פּאַסירט! איינגעצאַמט, דערפילט דאָס פערד אַ בעל־הבית איבער זיך און עס צעטראָגט זיך איבערן פעלד אַן אונטערגעגעבענער.

דער געוועט איז פאַרענדיקט, די פרייזן אויסגעטיילט, און דער גרויסער עולם גיט זיך אַ לאָז צוריק אין פעלד. דער ווילדער געזאַנג איז פאַראיבער, און די געשפּרעכן זיינען אַלץ אַרום דער אָדער יענער אַרויסגעוויזענער גבורה.

און קיינעם פאַלט ניט איין צו דערמאָנען זיך אָן די קעלבלעך, וואָס האָבן געצאַפּלט אין טויט־שרעק. און מיר, די פּאָר חברים, אפשר די איינציקע אידן דאָרט, זיינען געגאַנגען אַהיים, אונטער דער ווירקונג פון געוועט. צוזאַ־מען מיט די בילדער פון גבורה און עלעגאַנץ, האָבן מיר זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דער סצענע, אין וועלכער דאָס קעלבל האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, האָט זיך גענומען שטעלן אויף די פיס און איז געפאַלן, ווידער געשטעלט זיך און געפאַלן, און ענדלעך זיך אַ לאָז געטאָן לויפן אין טויט־שרעק.

לויף, קעלבעלע, לויף!

אינם לאַנד פון מאָרמאָנען

איר זייט געווען ביי די מאָרמאָנען? האָבן זיי אַ סך ווייבער? פּראַקטיצירן זיי טאַקע פּאָליגאַמיע? — אַזוי גיבן פילע אַ פרעג ווען זיי דערוויסן זיך וועגן מיין באַזוך אין זייער הויפּט שטאָט, סאָלט לייק סיטי.

זיי אַקצענטירן טאַקע דאָס וואָרט „ווייבער" מיט אַ ציטער אין זייער שטימע און מיט אַ פייערל אין זייערע אויגן. משמעות, אַז די טויזנט נשים פון שלמה המלך פאַראינטריגירן נאָך און דערוועקן חשק צו הערן פּיקאַנטע מעשה׳לעך.

אָבער ניט קיין פּיקאַנטע מעשה׳לעך גיי איך דאָ באַשרייבן, נאָר איבערגעבן אַ ביסל איינדרוקן פון באַזוך און געשפּרעכן מיט אייניקע פירער. ווייל די מאָרמאָנען אין זייער „ציון" (סאָלט לייק סיטי) גיבן אונז אַ ביישפּיל פון קרבנות־גרייטקייט און מאָראַלישן קוראַזש אויף ווי ווייט זיי באַווירקן מענטשן, וואָס פאַלן אונטער דער השפּעה פון אַ באַשטימטער אידייע, מיסיע און רעליגיע.

די מאָרמאָנען זיינען אַ קריסטלעכע רעליגיעזע סעקטע פון אַמעריקאַנער, וואָס האָט געפונען איר ערשטן אָרגאַניזירטן אויסדרוק אין ניו־יאָרק אין 1830. אָנגעהויבן מיט זעקס מיטגלידער, איז זי היינט צו טאָג אַ פאַרצווייגטע רעליגיעזע, סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע מיט פּאָליטישן און עקאָנאָמישן איינפלוס, און ציילט בערך זעקס הונדערט טויזנט נפשות.

די הויפּט־פּונקטן פון זייער אמונה זיינען: א. זיי גלויבן אין גאָט און, להבדיל, אין ישו; ב. שכר ועונש; ג. זיי האַלטן אָן די זעלביקע אָרגאַניזאַציע־פאָרם, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער פּרימיטיווער קירך, נעמלעך: אַפּאָסטאָלן, נביאים, יעוואַנגעליסטן, לערער, וכד׳; ד. זיי פאַרערלעכן די כתבי הקודש, אָבער זיי האָבן גלייכצייטיק זייער אַן אייגן ספר, „דאָס בוך פון מאָרמאָנען"*); ה. זיי גלויבן, אַז די צען שבטים וועלן זיך צוזאַמענקומען און אידן

*) גיט איבער אין אַ ביבלישער שפּראַך אַ געשיכטע פון אַ קאָלאָניע, וואָס האָט פאַרלאָזט ירושלים זעקס הונדערט יאָר פאַר דער אייראָפּעאישער צייט־רעכענונג, אונטער דער פירערשאַפט פון אַ נביא לוי, דער מיטצייטלער פון ירמיהו. די אָ קאָלאָניע איז געבראַכט געוואָרן צו די ברעגן פון אַמעריקע און האָט געשאַפן אַ קערנדל פאַר אַ גרויסער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען נביאים. זיי האָבן עס טאַקע אין העברעאישע און עגיפּטישע צייכנס איבערגעגעבן דור צו דור — אויף מעטאַל־פּלאַטן — זייערע איבערלעבענישן און מעשים. מאָרמאָן — איינער פון זייערע לעצטע נביאים, געלעבט אין 5טן יאָרהונדערט — האָט צוזאַמענגענומען אַלע מאַטעריאַלן אין דעם „מאָרמאָנען־בוך", וואָס איז די געשיכטע פון די אור־אינדיאַנער — די אָפּשטאַמיקע פון שבט יוסף.

וועלן זיך צוריקקערן קיין ירושלים; ו. „ציון" וועט זיין אין אַמעריקע; ז. אמונה איז אַ דבר שבלב. איטלעכער האָט דאָס רעכט אויסצודריקן זייַנע רעליגיעזע געפילן לויט זיין געוויסן, און זיי פאַרלאַנגען די זעלביקע פּריווי־לעגיע פאַר זיך; ח. זיי האַלטן שטאַל און אייזן פון ערלעכקייט, צדקה און גערעכטיקייט צו אַלעמען און זיי זאָגן, אַז זיי פּראַקטיצירן דאָס אין לעבן.

פיל־ווייבעריי — וואָס איז קיינמאָל ניט געווען דער יסוד און תמצית, לויט זייער טענה, פון זייער רעליגיע — איז איצט פאַרווערט פון געזעץ, סיידן עס ווערט פּראַקטיצירט אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, אין די בערג. מאָרמאָנען האַלטן שטאַרק פון קינדלען, ווייל יעדער נייער נפש וואָס קומט אויף דער וועלט, באַפרייט און לייטערט אַ זינדיקע נשמה.

בין איך אין פרומען מאָרמאָנען־לאַנד אַריינגעפאַלן, אין זייער הויפּט־שטאָט געווען, כ'האָב זייער וואונדערלעכן „אוהל מועד" באַזוכט, פון זייערע קאָאָפּעראַטיוון געהערט, זייער 'בית המקדש" פון דרויסן געזען, און אַ שטיק געשיכטע פון מאָרמאָנען לעבן און טעטיקייט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט שמועסנדיק מיט אייניקע פון זייערע פירער.

זיי יחוסן זיך מיט זייער יונגער געשיכטע, וואָס זיי פאַרגלייכן צו דער אידישער. (אַפילו אַן אייגענעם ים המלח האָבן זיי.) אויך זיי האָבן געהאַט קדושים, דורכגעמאַכט רדיפות און נגישות; אויך זיי האָט מען געטריבן פון אָרט צו אָרט, מ'האָט זיי געיאָגט פון זייערע היימען אין נעבראַסקאַ, אילינאָיז, וכד. אויך זיי האָבן געוואַנדערט אין אַ מדבר, געשלעפּט זיך הונדערטער מיילן אין דער וועסט, ביז אַ קליינע צאָל מענטשן — מידע, צעבראָכענע, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם גלענצנדיקן אָרגאַניזאַטאָר בירגהעם יאָנג — האָט זיך דערשלאָגן אין 1847 צו דעם פּלאַץ — וואו עס שטייט איצט די רייכע, שיינע, אינטערעסאַנטע סאָלט לייק סיטי — און ערשט דאָרט האָבן זיי דערזען אַ וויסטעניש. פילע האָבן געוואָלט גיין צוריק, געבענקט נאָך דעם טאָפּ פלייש. פרויען האָבן געמורמלט אַז זיי וועלן ליבערשט גיין נאָך אַ טויזנט מייל איידער פאַרבלייבן אויף דעם ווילדן לאַנד־שטח. אָבער בירגהעם יאָנג האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז דער אומגעגנט איז פון גאָט באַשטימט פאַר זייער ציון און דאָ האָבן זיי זייערע געצעלטן אויסגעשפּרייט. פון דאַמאָלט אָן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ טשעקאַווע טעטיקייט און געגרינדעט פילע אינסטי־טוציעס. זייער משכן — אָדער אוהל מועד — אַ ריזיקע אוידיטאָריע וואָס נעמט אַריין קרוב צו צען טויזנט מענטשן — איז זייער שטאָלץ. און באמת איז עס אַ מערקווירדיקער בנין, אַזוי איינגעאָרדנט איז עס און אַזאַ אַקוסטיק האָט עס, אַז ווען מען וואַרפט אַרונטער אַ שפּילקע הערט מען דאָס פאַלן. און נאָך שטאָלצירן זיי מיט דעם פאַקט, וואָס פאַר דער גאַנצער געביידע האָט מען ניט באַנוצט קיין איין אייזערנעם טשוואָק. זיי זיינען געווען צו אָרעם,

האָבן זיי זיך באַנוצט מיט הילצערנע טשוועקעס, וואָס זיי האָבן אַליין פאַבריצירט.

גאָר געהויבן פילן זיי זיך אין זייער טעמפל, וואו בלויז אמת׳ע, גאָר פאַרפרומטע מאָרמאָנען האָבן די זכיה אַריינצוגיין. דער גייסטלעכער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז זייער בית תפילה איז געבויט לויטן מאָדעל פון בית המקדש. בכלל האָבן זיי ליב צו בויען טעמפלען. זיי זאָגן אַז די אָ — אויך אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן — האָבן זיי איבערגענומען פון די אַמאָליקע אידן.

אויף איינער פון די טעמפל־ווענט זיינען אויסגעמאָלט סימבאָלן פון דער זון, לבנה און שטערן; די מאָרמאָנען דערקלערן זייער באַטייט: זיי האַלטן ניט פון איין גן־עדן, אין וועלכן אַלע וועלן אַריינקומען, זיי נעמען אויך ניט אָן איין גיהנום, אין וועלכן אַלע זינדיקע וועלן אַריינפאַלן. ניט יעדער איינער וועט קריגן דעם זעלביקן שכר און עונש פונקט ווי דער שיין פון זון איז אַנדערש פון דער לבנה, און פונקט ווי דער שעמעריר פון איין שטערן איז נישט ענלעך צום צווייטן, פונקט אַזוי וועט אויך זיין דער תחית המתים. מאָרמאָניזם — דערקלערן זיי — פּרעדיקט די דאָקטרין פון אייביקן וועג, אויף וועלכן דאָס מענטשלעכע לעבן פאַרנעמט אַ קורצן אָבער וויכטיקן שטאַפּל.

איר גייט אַרום פון איין פּלאַץ צום צווייטן, פירט געשפּרעכן מיט די מאָרמאָנען און איר זעט פאַר אייערע אויגן דעם גרויסן איינפלוס פון זייער רעליגיע און זייער אָרגאַניזאַציע. דוכט זיך, די זעלביקע אַמעריקאַנער, און דאָך אַזוי פאַרשידן! איינפאַך ווילן זיי לעבן, און פשטות באַמיען זיי זיך איינשטעלן אין זייערע באַציאונגען צו אַנדערע. גייסטלעכע האָבן נישט געמאַכט פון זייער אַמט אַ קרדום לחפור בה. אייניקע האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי ווילן זיך פירן ווי אַמאָליקע נביאים, וואָס האָבן אויסגעשלאָגן דאָס אויס־קומעניש פון יגיע כפים, און אַ דיסציפּלין האָבן זיי, אַ פעסטע, וואָס איז שטאַרקער, ווייל ס׳ווערט דיקטירט פון זייער געוויסן.

אין אַלץ פילט זיך די שטאַרקע האַנט פון דער מאָרמאָנען־קירך: ידה־בכל! זי האָט אַ פּאָליטישן איינפלוס אין שטאָט, און גרויסע סכומים געלטער פליסן אַריין אין איר קאַסע.

אידעאַליסטיש פילן זיך די מאָרמאָנען אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, אָבער זיי זיינען אויך פּראַקטיקער. זיי האָבן באַוויזן אויפצובויען אַ רייכן שטאָט און אויסנוצן זיינע נאַטירלעכע רייכטימער. (יוטאַ פּראָדוצירט אַ פינפטל זילבער פון גאַנצן לאַנד, אַן אַכטל פון קופּער, און אַ זעקסטל בליי.)

גרויסע אַנהענגער זיינען זיי פון קאָאָפּעראַטיוון, וואָס מאַכן געשעפטן אויף מיליאָנען דאָלער אַ יאָר. מ׳האָט זיי געגרינדעט כדי צו באַקעמפן הויכע

פּראָפיטן. דער גרעסטער און שענסטער האָטעל באַלאַנגט צו דער מאָרמאָנען־קירך.

די מאָרמאָנען גיבן מעשר. אַזוי אײַנגעשטעלט איז עס געוואָרן, אַז נאָענט צו נײַנציק פּראָצענט דערפילן דעם אָ פליכט רעגלמעסיק, אָן אונטערשיד פון אָרעם אָדער רײַך. אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך איז מיר אויסגעקומען צו האָבן וועגן דעמדאָזיקן ענין מיט אײנעם פון זײערע פירער.

אויף מײַן פראַגע ווי אַזוי זײַנען זײ געקומען צום געדאַנק פון „מעשר", האָט ער מיר דערקלערט, אַז די מאָרמאָנען האָבן דאָס איבערגענומען פון אידן, אָבער בעת די בני ישראל האָבן געשאַפן אַזאַ פאָרגעשריטענעם געזעץ און פירן אים ניט דורך אין לעבן, גײען פּראַקטישע אַמעריקאַנער און פאַר־ווירקלעכן עס גראָד אין דער מאַטעריאַליסטישער מדינה פון קאָלומבוס.

זײ באַגרינדן דעם „מעשר" היסטאָריש, טעאָלאָגיש, סאָציאָלאָגיש און פּסיכאָלאָגיש.

היסטאָריש — האַלטן זײ — איז נאָך דער מעשר פּראַקטיצירט געוואָרן פון אברהמ'ן און יעקב'ן. סאָציאָלאָגיש — באַטראַכטן זײ עס ווי אָ גערעכטער פּרינציפּ, ווי אַ הכנסה־שטײער, באַשטימט דורך דער השגחה; ס'איז אָ סאָ־ציאַלע און אינדיווידועלע התחיבות. אַ מענטש וואָס צאָלט מעשר, איז מען גיכער און שנעלער געניגט צו באָרגן געלט. פּסיכאָלאָגיש — ווײַל עס דערמוטיקט, אַנטוויקלט גוטהאַרציקײט, שטאַרקט דעם כאַראַקטער, באַפעס־טיקט דעם גלויבן אין זיך, אין מיט־מענטש און אין דער געזעלשאַפט.

אַזוי דערציט מען די מאָרמאָנען צו פאַרשטײן דעם באַטײט פון מעשר, אַפילו קינדער ווײסן וועגן דעם. האָט טאַקע מײַן מיטשמועסער מיר דערצײלט פון זײַן זון — אַ פערצן יאָריקן בחור'ל — וואָס האָט געבראַכט זײַנע ערשטע דרײ פאַרדינטע דאָלער צו זײַן מאַמען און געבעטן אַרונטערנעמען דרײסיק סענט, אַ צענטל פון זײַנע ערשטע פאַרדינסטן.

און מיליאָנען דאָלערס קומען אַרײַן, אַ ספּעציעלע געבײדע איז דאָ אין סאָלט לײק סיטי פאַר דער זאַמלונג פון מעשר.

דער מאָרמאָנען־פירער — הערנדיק און אינטערעסירנדיק זיך וועגן ארץ ישראל און קרן היסוד — האָט נישט געקאָנט באַגרײַפן, וואָס אין דער איצ־טיקער צײַט „ווען די אידן האַלטן בײַם צוריקקריגן ירושלים", זאָלן זײ אַזוי פאַרנאַכלעסיקן דאָס מעשר פּרינציפּ, דורך וועלכן דער קרן היסוד וואָלט געקאָנט מיליאָנען אַרײַנקריגן. און אַזוי רעדנדיק מיט אים וועגן מעשר, האָב איך געטראַכט, אַז עס וואָלט כדאי געווען מיר זאָלן זיך אַביסעלע נעענטער באַקאַנען זיך מיט דער פרײַוויליקײט און קרבנות־גרײטקײט פון די מאָרמאָנען, וואָס האַלטן אין אײן באַטאָנען אַז זײערע מידות טובות האָבן זײ איבערגענומען פון די אידן, צו וועלכע זײ פילן אַ קרובשאַפט און פרײַנטשאַפט.

אין ארץ ישראל — ווי אַ היים פאַר אידן — גלויבן זיי שטאַרק און האַלטן אַז די צייט איז נאָענט און אידישע האָפנונגען וועלן מקוים ווערן. אינטערע־סאַנט איז וואָס איינער פון זייערע אַפּאָסטאָלן — וועלכער איז געווען אין ירושלים דעם 2טן נאָוועמבער, 1921 און האָט צוגעזען ווי אַראַבער האָבן אידן געשלאָגן, און מיט שטיינער פאַרוואָרפן — האָט דאַמאָלט דערפילט אַז דער אויסלייז פון אידן איז נאָענט. ער האָט עס זיך אויסגעדריקט צו קריסטן און אַראַבער, אַז ניט געקוקט אויף די אַלע רדיפות, וועלן אידן דאָך צוריק־קריגן ארץ ישראל.

אין סאָלט לייק סיטי איז דאָ אַ קליינע אידישע קהילה, אָבער זי איז ניט זייער נאָענט צום אידישן לעבן און נעמט זיך אַראָפּ אַ קנאָפּן ביישפּיל פון זייערע שכנים.

שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט, באַטראַכטנדיק די אַרומיקע נאַטור רייכקייט, די בערג, די מאָנומענטן — דערשפּירט איר ווי אין דער סאַמע האַרץ פון אַמעריקע לעבן זיך הונדערטער טויזנטער אַמערי־קאַנער, וואָס האָבן אויסגעקליבן אַן אייגענעם וועג און גייען אויף אים מיט פעסטע טריט און מיט מאָראַלישער אַנטשלאָסנקייט. זיי פאַלן נישט ביי זיך אַראָפּ און גיבן זיך נישט אונטער נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט צו זיי.

וואָסערן קריטישן איינשטעל איר זאָלט נישט האָבן צו זייער אמונה, מוזט איר אָבער קריגן דרך ארץ פאַר זייער פּראַקטישן אידעאַליזם, מאָראַלישן קוראַזש און גלענצנדיקע אָרגאַניזאַציע פעאיקייטן; ניט ווילנדיק גיט איר זיך אַ קער צו אונזער וועלטל, וואָס איז „רייך" מיט רעזאָלוציעס, חלוקי דעות, רייסערייען און אָרעם מיט אמתער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין דער שווערס־טער שעה אין אידישן לעבן.

(געשריבן אין 1921)

מלחמה שטימונגען

א פינף וואָכן אונטערוועגס. געזען מערב־קאַנאַדע און אַ צאָל שטעט אין אייניקע שטאַטן פון אַמעריקע אויף מיין צוריקקער קיין ניו־יאָרק.

מיינע אַכט יאָר לעבן אין ארץ ישראל, די אָפטע באַזוכן אין לבנון און מצרים האָבן מיין אויפמערק בעיקר קאָנצענטרירט אויף יענעם ווינקל פון דער ערד, וואָס הייסט דער מזרח־הקרוב. נייע דערפאַרונגען, אָפט עקזאָטישע, טיפע איבערלעבונגען, אָפט דראַמאַטישע און סכנות׳פולע — אַ פול אידיש לעבן אין ארץ ישראל — מערערע מאָל פאַרכאַפנדיק און אָנרירנדיק די טיפסטע טיפענישן פון דיין נשמה — האָבן נישט פאַרפעלט זייער ווירקונג. זיי האָבן דיך געלערנט צו זיין ניכטער, צו האַלטן דיינע אויגן אָפן, צו באַאָבאַכטן און איינזאַפּן אין זיך דעם נייעם ריטם פון אידישע שאַפונגען, און דעם טראַגישן געראַנגל פון אונזערע פאָלקס־מאַסן פאַר זייער עצם קיום, פאַר דעם רעכט אויסצושמידן אַן אייגן, פריי לעבן.

אָבער דאָס האָט מיך נישט איינגעשלאָסן אין אַן ענג וועלטל. דאָס האָט נישט געריבט דעם אינטערעס פאַר דער גרויסער אַמעריקע, און פאַר דער אידישער אַמעריקע, וואו איך האָב דעם גרעסטן טייל פון מיין לעבן געלעבט.

נאָך די אַלע יאָרן פון נישט זיין דאָ, איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו זען אונזער אַמעריקע. נישט בלויז ניו־יאָרק, די גרויסע קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט, וואָס פילע פון די וועסט באַטראַכטן זי גאָרנישט ווי אַ טייל פון די שטאַטן, נאָר עפּעס ווי אַ באַזונדערע וועלט, וואָס הייסט ניו־יאָרק.

ס׳איז מלחמה־צייט. אַ ביטערע, אַ שווערע, וואָס האָט אויך אונזער לאַנד אַריינגעשלעפּט. דאָס וועט אַלץ מער און מער איבערגעשטאַלטיקן זיין גייסט, זיינע שטימונגען, זיין לעבנס־שטייגער, פּונקט ווי ס׳האָט שוין געביטן ענגלאַנד און וועט אפשר איבעראַנדערשן רוסלאַנד, וואָס איז געווען געצוואונגען צוליב היטלער׳ס אָנגריף זיך צו פאַרבינדן מיט די לענדער פון דעמאָקראַטיע און אָננעמען דעם אַטלאַנטיק טשאַרטער ווי אַ ריכטונג פאַר דער צוקונפט, פאַר דעם מאָרגן נאָך דער מלחמה.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו כאַפּן היינט אַ שמועס אין די באַנען, איבערהויפּט ווען דו ביזט אויף אַ לאַנגער נסיעה, און דיר קומט אויס צו באַגעגענען זיך מיט פילע נישט־אידן. אין די צוגן פון וויניפּעג צו דער וועסט, צו די פּראָווינצן סאַסקאַטשעוואַן און אַלבערטאַ, טרעפסטו סאָלדאַטן און אָפיצירן, קאַנאַ־

דער און אַמעריקאַנער פּילאָטן, צווישן וועלכע מען באַמערקט פּיל אידישע פּנים׳ער.

מ׳וויל נישטריידן וועגן מלחמה. נישט נאָר מיליטער־מענטשן, נאָר אויך ציווילע בשר ודמס, און די וואָס כאַפּן זיך אַרויס מיט אַ וואָרט, זיינען זייער פאַרזיכטיק. ס׳איז היינט באַטירלעך צו „האַלטן די צונג״, ווייל דו ווייסט נישט ווער ס׳איז דיין מיטפאָרער. ס׳פילט זיך נאָך נישט די פאַר־ביטערונג קעגן שונא. געוויס, וויל מען זען זיין מפלה; אָבער די נצחונות זיינע דערשלאָגן, צערודערן און דערוועקן ביי אַ טייל ספקות וועגן אַן אייגע־נעם זיג. איין גרויסער נצחון וואָלט די אָפּהענטיקע אויפגעטרייסלט, וואָלט זיי טיף באַווירקט, וואָלט זיי מוט צוגעגעבן, אָבער ווען טאָג איין טאָג־אויס הערט מען פון קלעפּ, פון אייגענע מפלות, ווערט מען צערודערט, צעטראָגן, און מען וויל בעסער שווייגן, שטיקן אין זיך דעם ווייטיק, און — באַהאַלטן די אייגענע שאַנדע פון שוואַכקייט.

זעט איר, רוסלאַנד איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן, אידן און נישט־אידן. רוסלאַנד ווירקט, אימפּאָנירט. דעם רוסישן קאָמוניזם פאַרגעסט מען, אָבער דעם העלדישן מוט פון סאָלדאַט, גערילאַ פרוי און מאַן, דעם פויער, דערמאָנט מען. קאָמוניסטן נוצן עס אויס אַרום זייער הילפס־אַקציע פאַר רוסלאַנד, נאַטירלעך, פאַרשטעלטערהייט, אָבער זיי געווינען סימפּאַטיע, פריינט און ציען אַריין אַלערליי שיכטן. אַזוי איז עס אין קאַנאַדע, אַזוי איז עס אין די פאַראייניקטע שטאַטן!

איר ווילט הערן אַ קוריאָז? אין אַ געוויסער שטאָט, אויף מיין רייזע, האָט מען איינגעלאַדן אַ פּראָמינענטע אַמעריקאַנער פרוי צו ווערן אַ מיט־גלידערין אין רוסישן געהילפס־קאָמיטעט. ענטפערט זי: „יאָ, מען דאַרף העלפן רוסלאַנד, אָבער איך קאָן נישט אַריין אין קאָמיטעט, ווייל איך בין דאָך נישט אַ אידישע פרוי״. פילע פאַרבינדן נאָך אַלץ אין זייערע מחשבות רוסלאַנד מיט די אידן. דאָ ווירקט אומבאַוואוסטזיניק די נאַצי פּראָפּאַגאַנדע, די אַנטיסעמיטישע העצע, וואָס האַלט כסדר אָן, אָפּט בקול דממה דקה. דערציילט מען מיר אין אַן אַנדער שטאָט אַז אַ פּאָר אַמעריקאַנער זיינען געזעסן אין אַ רעסטאָראַן, איז צוגעקומען צו זייער טיש אַ יונגערמאַן און האָט זיך צעדרשנט בזה הלשון: „פאַרוואָס קעמפן מיר? די יאַפּאַנעזער און כינעזער זיינען דאָך ביידע פון דער געלער ראַסע, זיי וועלן זיך סוף־כל־סוף פאַראייניקן קעגן אונז ווייסע. רוסלאַנד, אָנגעפירט פון אידן, וויל פאַרניכטן אייראָפּע. אַמעריקע העלפט איר. פאַרוואָס? ווייל די אַמעריקאַנער רעגירונג איז איינ־גאַנצן אין די הענט פון די אידן״. די צושויער האָבן אויסגעהערט דעם פּינפּטן־קאָלומניק און באַמערקט: „ווער ווייסט, אפשר איז ער טאַקע גערעכט״.

אָדער, למשל, האָב איך פון אידישע לופט־פליער, וועלכע האָבן זיך

אַנגעשלאָסן אין קאַנאַדאַ אין גרויסע צאָלן געהערט, אַז אַ טייל גוים, וואַר־שיינלעך באַווירקט פון אַנטיסעמיטישער העצע, האָבן זיך אויסגעדריקט אַז אידן ווערן פּילאָטן, ווייל זיי קריגן אַ העכערן געהאַלט, געניסן פון בעסערע באַקוועמלעכקייטן. זיי פאַרזעען די געפאַרן צו וועלכע פּילאָטן זיינען אויס־געשטעלט, אַבי אַ שטאָך טאָן די אידן.

זאָגט מען מיר אין אַ קאַנאַדער שטאָט: ס׳איז דאָ אַ אידישע פאַמיליע, האָבן זיך שוין פיר זין אַנגעשלאָסן. אַ פינפטער, דער לעצטער, איז געבליבן. איז ער גרויס אין די אויגן פון די גוישע שכנים, און אַלע מאָל פרעגט מען דער מאַמען, ווען שליסט ער זיך אָן. נישטאָ היינט קיין הונדערט פּראָצענט רואיקייט ביי די אידן אין די ישובים פון קאַנאַדאַ, נישט געקוקט וואָס אחינו בני ישראל זיינען פון די אַקטיווסטע ביים קויפן קריגס־אָבליגאַציעס און גיבן אַ גרעסערע פּראָפּאָרץ פון פריוויליקע אין דער מלחמה, לויט זייער פּראָצענט־זאַץ אין קאַנאַדע. מיר איז אויסגעקומען אין פילע שטעט זיך באַגעגענען מיט פאַרטרעטער פון ענגלישע צייטונגען. די מערסטע האָבן מיט גרויס אינטערעס אויפגענומען מיינע באַריכטן וועגן ארץ ישראל, וועגן צושטייער פון ישוב, פון דער הסתדרות צו דער מלחמה. אַלע האָבן געוואָלט ויסן וואָס איז מכח אַ אידישער אַרמיי, און די מאָטיוון הינטער דעם עקשנות׳דיקן נישט־צושטימען מצד די ענגלישע פּאָליטיקער. זיי, די רעפּאָרטערס, האָבן ריכטיק איבערגעגעבן די שטימונגען אין ישוב און פאַרצייכנט, אַז טויזנטער אידישע בחורים אין ארץ ישראל דערקלערן, אַז אויב זיי איז באַשערט צו שטאַרבן פאַלן ווילן זיי שטאַרבן פאַר ארץ ישראל. אַ צאָל רעפּאָרטערס זיינען געווען פריינטלעך, אָבער אייניקע האָבן געזוכט אַ שטאָך טאָן און געזאָגט, אַז די אידן ווילן אַרויסטרייבן די ענגלענדער. איך האָב פאַר זיי אויפגעדעקט די נישט פריינטלעכע באַציאונגען פון דער מאַנדאַטן־מאַכט, אָבער אויך באַטאָנט אַז ס׳זיינען דאָ געציילטע ענגלענדער, וואָס זיינען אמתע פריינט פון אידישן ישוב און וואָלטן גערן געוואָלט זען וועדזשוואוד פּלאַן פון אַ „זיכערער דאָמיניאָן“ אין ארץ ישראל מיט אַ פּראָגרעסיווער אידישער באַפעלקערונג.

געווען אין סאַסקאַטון, סאַסקאַטשעוואַן פּראָווינץ, אין אַן אַגריקולטורעלע פּראָווינץ אויפגעטראָטן אויף דער ראַדיאָ. מען האָט מיר געשטעלט פילע פראַגן, ווידער וועגן דער פאָדערונג פון אַ אידישער אַרמיי, וועגן דער שטע־לונג פון די אַראַבער אין דער מלחמה, וועגן דער צוקונפט פון ארץ ישראל. נאָך מיין ענטפער, האָט מען מיר געמאָלדן פון דער ראַדיאָ סטאַנציע, אַז פילע צוהערער, נישט־אידן, האָבן זיך צוגעהערט צו די שאלות ותשובות, און די מערסטע זיינען געווען איינשטימיק אַז ענגלאַנד האָט נישט קיין בעסערע אויפריכטיקערע פריינט ווי די אידן פון ארץ ישראל.

פערזענלעכקייטן אויף מיין וועג

(לויטן אלף־בית)

(אוועקגעגאנגענע)

* דוב אבערסאָן
* דר. שושנה בוכמיל
* משה גודמאַן
* פנחס גינגאָלד
* חיים גרינבערג
* גרעגאָרי גרשוני
* פרץ הירשביין
* יצחק אייזיק הורוויטש
* יצחק זאַר
* זאב זשאַבאָטינסקי
* דר. חיים זשיטלאָווסקי
* דר. יהודה מאַגנעס
* דר. נחמן סירקין
* הירשע ערענרייך
* פנחס רוטענבערג
* דוד רמז
* וועלוול שוואַרץ

(זאָלן זיי לאַנג לעבן)

* ש. באָנטשעק
* דר. הערמאַן זיידעל
* לואי ליפסקי
* לואי סיגאַל
* יואל ענטין
* דוד פינסקי
* ברוך צוקערמאַן

דוב אבערסאָן

אײנער צווישן די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון פּועלי ציוניסטישן געדאַנק, געקומען קיין אַמעריקע אין 1905. אַ ליבער מענטש געווען. זיין באַריטאָן שטים האָט געדונערט און געגלאַשטשעט. זיינע אויגן, ביים ריידן, האָבן געשאָסן פייער, איבערהויפּט ווען ער האָט פּאָלעמיזירט מיט אַ קעגנער. מיט זיינע ציטאַטעס פון סאָציאַליסטישע בראָשורן און ביכער פלעגט ער „פריטשמעליען" אַ סאָציאַליסטישן קעגנער — אַ „געגנאָסע". אַן אויטאָריטעט צו דערוויזן זיין אמת. אַ גרויסער ענטוזיאַסט, אַ פלאַם־רעדנער אין אַ פּרעכטיק אידיש, אָבער ער איז געווען אַן איבערצייגטער העברעאיסט.

ער איז ניט געווען צופרידן פון זשיטלאָווסקי׳ס איינפלוס אויף די פּועלי ציון, באַזונדערס נאָך דער שיקאַגאָ׳ער פּאַראייניקונגס־קאָנפערענץ אין 1909, וואָס האָט אַריינגענומען אידיש, און אַזוי אַרום געענדערט די פּלאַטפאָרמע — באַזירט אויפן העברעאיש ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך — פון 1905.

כ׳האָב זיך באַקאַנט מיט אים בעת ער האָט באַזוכט פילאַדעלפיע אָנהויב 1906. ער האָט גערעדט אין זאַל פון „היבריו ליטעראַטשור סאָסייעטי". עס האָבן זיך צונויפגעקליבן — צוליב אַ שלעכטן וועטער — אַ זעכציק־זיבעציק פאַרשוין, האָט זיך אבערסאָן אין סאַמע מיטן פון זיין פאָרטראַג צעהיצט און אויסגעשריען: „אין די טויזנטער זייט איר אַהער געקומען". דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. אבערסאָן האָט דאָס באַמערקט, האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגעדונערט: „יאָ, אין די טויזנטער, כ׳מיין סיי די וועלכע זיינען דאָ, סיי די וואָס האָבן געדאַרפט קומען!"

איינמאָל, האָלט ער אַ לעקציע און דערמאָנט לאָרד ביקאָנספילד. בעת דער דעבאַטע, שטעלט זיך אויף אַ געגנאָסע און גיט זיך אַ זאָג: „וואָס דרייט דער רעדנער, אונז פּראָלעטאַריער, אַ ספּאָדעק מיט אַ לאָרד ביקאָנסקי?" מער האָט אים ניט געפעלט, ער האָט זיך איינגעקויפט אַ מפטיר.

ביים ענטפערן, גיט אבערסאָן פּלוצים אַ דונער און ווענדט זיך צום געגנאָסע: „ביקאָנסקי — אַה! איך זאָג אייך, אַז ער הייסט ביקאָנספילד". ער זעצט פאָר זיין פאָרטראַג, און ווידער אַ געשריי: „ביקאָנסקי — אַה? ביקאָנספילד, ניט ביקאָנסקי". מער האָט דער עולם ניט געדאַרפט. דער אַ אויסדרוק האָט זיך צוגעקלעפּט. און מהיום והלאה פלעגט מען אים באַגעגענען מיט „ביקאָנסקי — אַה?"

אין 1921, אַ קימא לן פופצן יאָר שפּעטער, בין איך אין שיקאַגאָ אויף אַ פאַרזאַמלונג. ערשט איך זע אַ באַקאַנט פּנים. כ׳בין צוגעגאַנגען און אַ

פרעג געטאָן: „זייט איר ניט אַ פילאַדעלפיער?" שמייכלט ער גוטמוטיק: „איך האָב דערוואָרט, אַז איר וועט מיך באַגעגענען מיט אַ „ביקאָנסקי — אַה?" נו, מילא! איצט ווייס איך שוין ווער עס איז געווען לאָרד ביקאָנספילד. ער האָט געוואָלט אַ מדינה אין ארץ ישראל. איצט, בין איך איינער פון אייערע".

דוב אבערסאָן האָט זיינע פאַרדינסטן פאַר באַקערן אַ גרויסע צאָל אַר־בעטער און פאָלקס־מענטשן צום פועלי ציוניזם. זיינע אויפטריטן אין פילע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע האָבן אים געשאַפן פאַרערער און פריינט. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ באַוואוסטער פועלי ציוניסטקע, אסתר מינץ, און פאַר אַ צייט זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, וואו ער האָט אַרויס־געגעבן אַ וואָכנבלאַט.

ער איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. אָבער ער איז ניט פאַרגעסן געוואָרן. מען האָט אויף זיין נאָמען פאַרפלאַנצט אַ וואַלד אין ארץ ישראל.

איינער פון די ראשונים. ערלעך, באַוואוסטזיניק, אַ קעמפער, אַ רעדנער, אַ שרייבער — האָט ער פיל בייגעטראָגן צו דער פועלי ציון באַוועגונג אויפן אַמעריקאַנעם באָדן.

דר. שושנה בוכמיל

אנהויב 1909, ווען איך בין געווען סעקרעטאַר פון די פּועלי ציון, האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון ארץ ישראל, אַז ס'קומט קיין אַמעריקע דר. שושנה בוכמיל, מיטגרינדערין פון דער געזעלשאַפט „שילה" (שובה ישראל לארץ האבות), און אַז אונזער באַוועגונג דאַרף איר אין איר שליחות באַהילפיק זיין. ווען דער אַ קערפערשאַפט און אירע צילן האָבן מיר ביז דאַמאָלט ניט געהערט, אָבער אין בריוו איז געווען געשריבן שחור על גבי לבן, אַז יצחק בן צבי, רחל ינאית און מאַניע שוחט גוטהייסן „שילה".

איך האָב באַגעגנט דר. בוכמיל ביי איר אָנקום. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי מיט אידעלע שטריכן און אַן אינטערעסאַנטן פּנים. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַ פּועלי ציוניסטקע, און איר מאַן דר. יהושע בוכמיל איז אַן אַלגעמיינער ציוניסט.

איך האָב איר געהאָלפן זיך איינצואָרדענען און גערופן אַן ענגע חברשע צוזאַמענקונפט, מיטן אָנטייל פון א. ש. וואַלדשטיין, דר. י. אַפּעלבוים, ה. בערלין, ד. אבערסאָן, ה. עהרענרייך, אסתר מינץ און נאָך אייניקע. חברה בוכמיל האָט אונז איבערגעגעבן די צוועקן פון „שילה": דער יונגער ישוב אין ארץ־ישראל האַלט, אַז מען מוז באַווירקן דער אידישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט — „יקא" — זי זאָל קאָנצענטרירן איר טעטיקייט אין ארץ ישראל. ס'איז, בכן, נויטיק דורכצופירן אַ פּלעביסציט און זאַמלען אַ האַלב מיליאָן אונטערשריפטן וואָס זאָלן אויסדריקן דעם פאָלקס־ווילן בנוגע ישוב הארץ. אַחוץ דעם באַצוועקט „שילה" צו גרינדן אויך אַן אַגראַר און היפּאָטעקן באַנק, דערמוטיקן אידן זיי זאָלן עולה זיין קיין ארץ־ישראל, ביליקער מאַכן די קאָסטן פון קאָלאָניזאַציע. מיט איין וואָרט: „מיר טאָרן נישט זיך באַנוגענען מיט אַזאַ נישטיקער עליה און מיט די ביז־איצטיקע מעטאָדן".

דר. בוכמיל האָט גערעדט מיט איבערצייגונג און גלויבן און האָט באַווירקט די אָנוועזנדיקע. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געשטיצט די אַ אַקציע און האָט אינסטרואירט די פאַריינען זיי זאָלן איר געבן זייער מיט־הילף.

איך האָב אויך גערופן אַ קליינע פּרעסע־קאָנפערענץ. זשורנאַליסטן האָבן זיך אָפּגערופן מיט וואַרעמע נאָטיצן. גאַר ענטוזיאַסטיש איז געווען גדליהו בובליק. ער האָט זיך — אין „טאַגעבלאַט" — ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די צוועקן פון „שילה" און געלויבט די שליחה פון ארץ ישראל. שושנה בוכמיל האָט זיך דערפילט דערמונטערט, אויפגעטראָטן מיט פאָרטראַגן אין אַ צאָל שטעט. זי האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר אַרטיקלען וועגן איר שליחות און געבעטן הילף פון אַלע ריכטונגען.ליידער האָט זי געמוזט — מחמת איר געזונט־צושטאַנד — נאָך אַ פּאָר חדשים פאַרלאָזן אַמעריקע. זי

האָט זיך באַקלאָגט וואָס בלויז פּועלי ציון האָבן איר געהאָלפן, אָבער זייער ווייניק דערמוטיקונג האָט זי באַקומען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

פון דער מאַסן־פּעטיציע האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט, „שילה" האָט ניט לאַנג עקזיסטירט. ביידע בוכמילס זיינען פריצייטיק געשטאָרבן.

דערדאָזיקער קורצער און כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד פאַרמאָגט אויך זיין דערציערישע־אויפקלערישן ווערט. און דר. שושנה בוכמיל פאַרדינט דער־מאָנט צו ווערן ווי איינע פון די בעלי חלומות, וואָס האָבן געוואָלט אויף זייער שטייגער מקרב זיין די גאולה.

משה גודמאַן

פון די סאַמע ערשטע פּועלי ציון גרינדער און פירער אין אַמעריקע. זיך באַקאַנט מיט אים צום ערשטן מאָל אין מאַי, 1905. אַ שטרענג פּנים, אויסגעזען ווי אַ גריך, אָבער ווען ער האָט זיך צושמייכלט און אַ קיבעץ געטאָן, האָט מען דערזען אַ וואַרעמען איד און האַרציקן חבר.

ער איז געווען בייסנדיק אין זיין קריטיק, אָן קאָמפּראָמיסן, אַ גראַד־ליניקער. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט באַלאַנגט צו די זעקס „פּאַלעסטינצעס" וואָס זיינען געווען אויפן ערשטן פּועלי ציון צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע.

ווידער האָב איך אים געטראָפן סוף דעצעמבער, 1905 אין באַלטימאָר, וואו ער האָט — נאָך דער שפּאַלטונג פון די פּועלי ציון — געפירט די קאָמאַנדע, געווירקט און באַווירקט די דעלעגאַטן. ער האָט געהאַט גרענעצ־לאָזע אמונה אין פּועלי ציוניזם; ס'איז געווען זיין לעבן, זיין אידעאַל.

גאַנץ אָפט איז ער געווען קריטיש, זיך געבייזערט, ניט געשאַנעוועט קיינעם, אָבער זיינע חברים האָבן אָפּגעשאַצט זיין ערלעכקייט, זיין שכל הישר, זיין געטריישאַפט.

ער איז געווען זייער טעטיק ביים דערשיינען פון דעם ערשטן „אידישער קעמפער", און איבערהויפּט ווען די פּועלי־ציון האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין 1920 די טעגלעכע צייטונג „די צייט". קיין אַרבעט איז פאַר אים ניט געווען צו שווער. אַן אידעאַליסט פון גאָט'ס גנאָד!

ער איז געווען אַ צייט אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן, מיט שוואונג און אַמביציע. ער וואָלט אַוודאי אַסך אויפגעטאָן אויפן עקאָנאָמיש־ווירט־שאַפטלעכן געביט. איז ער אָבער, ליידער, קראַנק געוואָרן, און האָט געמוזט האַמעווען און איינשרומפּן זיין ענערגיע.

בעת מיין פרוי און איך האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל, איז ער אָנגע־קומען און האָט פאַרבראַכט ביי אכט־ניין חדשים אין לאַנד. נישט אַלץ וואָס ער האָט דאָרטן געזען איז אים געפעלן געוואָרן; אָבער גערעדט האָט ער וועגן די דערגרייכונגען און די גוטע זייטן מיט ליבשאַפט און התלהבות.

די שווערע יאָרן פון זיין קראַנקהייט האָט אים זיין פרוי, פעני, געליי־דערט און פאַרלייכטערט מיט איר זעלטענער מוט, איידלקייט און צאַרטקייט ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

אַ וואַלד איז געפלאַנצט געוואָרן אויף זיין נאָמען אין מדינת ישראל.

פנחס גינגאָלד

אין די ווינטער־חדשים פון 1916 איז אין פאַרבאַנד ביוראָ אַריינגעקומען אַ יונגער שעמעוודיקער בחור זיך דורכריידן מיטן סעקרעטאַר. דאָס איז געווען גינגאָלד. אין לויף פון שמועס האָב איך דערקענט דעם יונגן פנחס. ער האָט מיך געוואונען מיט זיין אמת׳ער אידישקייט און גראָדן שכל. ער האָט אָנגעבאָטן זיין אַרבעט, און איך האָב אָנגענומען זיין אָנבאָט. ער איז נאָך געווען „גרין״, אַ קורצע צייט אין לאַנד, אָבער ער האָט זיך שנעל אָריענטירט, איבערהויפּט אין די קולטור־טעטיקייטן, וואָס זיינען געווען אַ גאָר וויכטיקער און צענטראַלער פּונקט אין פאַרבאַנד.

ער איז אָבער ניט פאַרבליבן לאַנג. דאָס אַריינגיין פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער קאַמף פון אידיש־נאַציאָנאַלע קרייזן פאַר צוזאַמענרופן אַ דעמאָקראַטישן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, וואָס זאָל פאָרמולירן אידישע פאָדערונגען פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייט רעכט אין מזרח אייראָפּע און פאַר אַ נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל — די באַוועגונג, צוזאַמען מיט דער הילף־אַקציע פאַר די אידישע מאַסן ישובים אין מזרח־אייראפּע, ווי אויך אַנדערע אויפגאַבן האָבן דעם פאַרבאַנד און די פּועלי ציון געשטעלט אין פאָדערגרונט און געוואונען פאַר אונז דרך ארץ און סימפּאַטיע אין דער אידישער פּענטלעכקייט. ס׳איז געפאַלן דער געדאַנק פון אַ אידישן לעגיאָן. דער יונגער גינגאָלד ווערט מיטגעריסן און ווערט אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפער פאַר די־אַ אידייען.

אין 1917 האָט מען אויך אין אונזערע קרייזן אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן וועגן גרינדן אַ אידישן סעמינאַר, לויטן פאָרשלאַג פון יואל ענטין. אויך אין דער אַרבעט איז פנחס גינגאָלד אַריינגעצויגן געוואָרן.

ער האָט אין פאַרבאַנד און ביי די פּועלי ציון געקראָגן זיין ערשטע אידישע פּאָליטישע דערציאונג. גינגאָלד איז רייף געוואָרן און האָט אָנגעהויבן ציען צו זיך דעם אויפמערק פון אונזערע עלטערע חברים־פירער.

פנחס גינגאָלד האָט געשטאַרקט די באַוועגונג פאַרן לעגיאָן, זיך אין אים אָנגעשלאָסן און אין די ווינטער חדשים פון 1917־1918 אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע לעגיאָנערן. ער האָט פאַר־בראַכט אין ארץ ישראל אַ לענגערע צייט און האָט זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק עטלעכע חדשים נאָך דעם ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. ער איז באַלד צוגעצויגן געוואָרן צו דער קולטור־טעטיקייט און אין 1920 האָט מען אים דערוויילט ווי דעם סעקרעטאַר פון אידישן

לערער־סעמינאַר און פאָלק־אוניווערזיטעט. אויף דעם געביט איז ער געווען טעטיק כמעט 20 יאָר.

מיט לייב און לעבן האָט ער זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט, געמונטערט, געוועקט, אָרגאַניזירט פריינט; געהאַט צו טאָן מיט דער אַקאַדעמישער און אַדמיניסטראַטיווער זייט; געחלומ׳ט פון אַ גרויסן אידישן קאָלעדזש און געאַרבעט אומדערמידלעך, אַז דער סעמינאַר זאָל קריגן אַ טשאַרטער ווי אַן אַקאַדעמישע אינסטיטוציע. דאָס איז געשען אין 1935. פנחס גינגאָלד איז געווען באַשרענקט אין זיינע אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן, אָבער זיין האַרץ און נשמה האָט ער אַריינגעגעבן אין סעמינאַר. מען וועט אים תמיד געדענקען ווי אַ חבר, וואָס האָט געפּרואווט טיפער באַווירקן אונזער אידישע יוגנט און אידיש לעבן אין אַמעריקע; ווי אַ איד, אַ מאמין, וואָס האָט אַריינגעצויגן פיל פריינט. צו זיין פאַרדינסט דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן זיין באַזוך מיט אַ דעלעגאַציע צו פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין. מען האָט געפּועל׳ט און דער אידישער גאון ווערט ערן־פּאַרזיצער פון פריינט פון אידישן לערער סעמינאַר און פאָלקס־אוניווערזיטעט.

ער האָט געקעמפט מיט אָרעמע מיטלען און זיך פאַרלייגט תמיד צו באַגעגענען די נויטן פון סעמינאַר. ער האָט שווער געהאָרעוועט צו קריגן אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט שטודירט מיט התמדה אין קאָלומביאַ־אוניווערזיטעט און געקראָגן אַן אַקאַדעמישן טיטל. איבערהויפּט האָט אים געלאָקט דער לימוד פון פּסיכאָלאָגיע, און ער איז טאַקע שפּעטער געוואָרן אינסטרוקטאָר פון דעם קעגנשטאַנד אין סעמינאַר.

גינגאָלד איז געווען אַ מתמיד און אַן אמת׳ער אידישער אינטעליגענט, סיי אין זיין אידיש וויסן, סיי אין זיין אַלגעמיינער אַקאַדעמישער דערציאונג.

פון 1940 ביז זיין פריצייטיקן טויט איז ער געווען סעקרעטאַר פון צענטראַלן שולן־קאָמיטעט, לייטער פון אונזערע פאָלקס־שולן און פון קולטור־אָפּטייל ביים נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער האָט ניט געהאַט אַ צו לייכטן לעבן. די אַרבעט איז געפאַלן שווער, אַנטוישונג און האַרץ ווייטיק אויף שריט און טריט. אָבער ער האָט אָפּט דערשטיקט אין זיך זיינע פאַרדרוסן און ווייטיקן. ער איז געבליבן אַ מאמין, געהאַלטן אַז אונזער ריכטונג אין דערציאונג האָט וואָס צו זאָגן און געבן. ביי מערערע געלעגנהייטן האָט ער דאָס באַטאָנט. ער איז געוואָרן ליידנשאַפטלעך איבערגעגעבן דעם געדאַנק פון גאַנצע טאָג־שולן, און „כנרת״, די ערשטע טאָג־שול אין ברוקלין, איז אים צו פאַרדאַנקען.

גינגאָלד איז געווען אַ טיף־פילנדיקער איד. ער איז געגאַנגען אין שול, זיך נישט אָפּגעשטעלט פון אָפּהיטן אידישע טראַדיציעס. ס׳איז זיכער אַז ער איז שטענדיק געווען רעליגיעז. קומענדיק פון אַ טראַדיציאָנעלער אידישער

הײם, האָט ער ניט באַהאַלטן זײַנע רעליגיעזע שטימונגען. ער האָט געװירקט, אַז אין אונזערע לער־אַנשטאַלטן זאָל אַרײַנגעבראַכט װערן מער טראַדיציאָנע־לער אינהאַלט, בכדי אונזערע קינדער זאָלן בעסער פאַרשטײן און אױפנעמען אידישע טראַדיציעס. אָבער ער װאָלט דער ערשטער באַקעמפט די מײנונג, אַז אונזערע שולן זאָלן װערן דורכאױס רעליגיעז. ער האָט געזען אין אונזער װעלטלעכקײט דעם סינטעז פון אידישקײט און פרײַען מענטשלעכן געדאַנק.

מיטן אױפקום פון דער אידישער מדינה אין 1948 האָט ער בישט אױפגעהערט צו באַטאָנען, אַז מען דאַרף ענדערן דעם לימוד פון אידישער געשיכטע, אין ליכט פון דער גרעסטער היסטאָרישער געשעעניש זינט דעם צװײטן חורבן. ער האָט געפאָרשט, געאַרבעט און געזוכט צו געפינען דעם אמת׳ן װעג, װי אַזױ אײַנװאָרצלען אידישקײט בײַ אידישע קינדער און אין דער יוגנט און דאָך בלײַבן געטרײַ דער פרײַער מענטשלעכער מחשבה.

און אין מיטן פון זײַן אַרבעט איז ער אַװעקגעפאַלן אַזױ פּלוצלונג, אַז זײַן טױט האָט דערשיטערט זײַנע חברים און פרײַנט. דער גורל איז צו גרױזאַם געװען צו אים און צו אונז. ער האָט נאָך יאָרן לאַנג געקאָנט לעבן און װירקן אין אידישן לעבן מיט זײַנע פעאיקײטן, מיט זײַן װיסן, מיט זײַן אמונה. אײן טרײסט האָט ער געהאַט, װאָס זײַנע צװײ קינדער זײַנען אַװעק קײן מדינת ישראל און דאָרט זעצן זײ פאָר די חלוצישע אַרבעט, װאָס איז פאַקטיש געװען דער אינהאַלט פון פּנחס׳ לעבן.

יאָ, ער איז געװען אַ פּיאָנער דאָ אין לאַנד, און געהאָלפן שאַפן גרינע אָאַזיסן אין היגן מדבר פון גלײַכגילטיקײט און עם־הארצות. ער איז געװען אַ פּיאָנער פאַר מדינת ישראל, װאו ער װאָלט סוף כל סוף זיך באַזעצט.

חיים גרינבערג

קיין נאָמען איז מיר לאַנג געווען באַקאַנט, אָבער אָפּטער האָב איך אים אָנגעהויבן באַגעגענען זייט 1930. איך פֿלעג באַזוכן איייניקע פֿון זייי־נע לעקציעס, איינגעאָרדנט פֿון „צעירי ציון". ווען איך האָב אים דעם ערשטן מאָל דערזען, האָט מיך זיין גאַנצע פֿיגור — איבערהויפּט זיין פּנים — שטאַרק פֿאַראינטריגירט. עפּעס האָט ער אויסגעזען ווי אַ זון פֿון אינדיע. הויך, שלאַנק, מיט וואונדערלעכע געזיכט־שטריכן און קלוגע אויגן. אין מיטן ריידן האָט ער אָפֿט איבערגעהאַקט מיט זיין ברוסט געלעכטער. איר האָט געקאָנט אים הערן שעה'ן לאַנג, און זיינע שמועסן מיט איך, זיינען געווען אַטעם־פֿאַרכאַפּנדיקע, אַ קונסט און אַ תורה שבעל פּה. אין זיינע גייסטרייכע און מיט אינהאַלט אָנגעלאָדענע לעקציעס איז ער געווען אַ יחיד בימנו. ער האָט אין זיי אָפֿט אַריינגעוואָרפֿן אַ טיפּישן אידישן וויץ, וואָס האָט זיך גוט אַריינגעפּאַסט.

אויף דער פּלאַטפֿאָרם איז ער געווען מלא חן. אַ קינסטלער איז פֿאַר איך געשטאַנען וואָס האָט איך אינגאַנצן פֿאַרכישופֿט. אַ גייסטיקער תענוג איז געווען זיין ריידן אין אידיש, העברייאיש און אין רוסיש.

איך האָב אַמאָל בייגעוואוינט אַ „רוסישן אָוונט" געווידמעט וולאַדימיר טשערנאָוו. דאָרט זיינען געווען די געוועזענע רוסישע פֿירער און אָראַטאָרן, ווי צערעטעלי, קערענסקי וכדו, וואָס האָבן גע'שמ'ט אין רוסלאַנד. זיי האָבן אַלע גערעדט אין אַ פּרעכטיקן רוסיש און זיינען שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן. צום סוף איז אויפגעטראָטן דער איד חיים גרינבערג. ער האָט גלייך אַלעמען באַצויבערט סיי מיט זיין פֿאָרם פֿון ריידן, סיי מיטן אינהאַלט. דער עולם האָט לאַנג ניט געקאָנט קומען צו זיך נאָך זיין אויפֿטריט יענעם אָוונט.

איך האָב אים געהערט ריידנדיק העברייאיש אין ירושלים. עס איז געווען אַ ריזיקער עולם, מערסטנס אַרבעטער. זיין העברייאיש איז געווען קלאַסיש, געשליפֿן, וואָס איר הערט אַפּילו ניט צו אָפֿט אין ארץ ישראל. איך בין מסופּק צי דער גרויסער עולם האָט גוט פֿאַרשטאַנען זיין לעקציע, אָבער די מעלאָדיע פֿון זיין שטים, זיין אָפֿט פֿאַרגאַנגענער אין זיך געלעכטער, זיין קאָלירפֿולע שפּראַך און אינהאַלט האָבן געהאַלטן אַלעמען געשפּאַנט. גרינבערג איז געווען אַן אמתער מייסטער פֿון וואָרט.

גרינבערג איז אָנגעקומען אין אַמעריקע, דוכט זיך, אין 1923. ס'האָט אים ניט לאַנג גענומען צו פֿאַרשטיין דאָס נייע לאַנד, זיין דעמאָקראַטישן גאַנג, און אַנטוויקלונג. בעיקר האָבן אים אינטערעסירט אינטעלעקטועלע קרייזן, מיט וועלכע ער האָט געשאַפֿן פּערזענלעכע קאָנטאַקטן. ער האָט אָנגעהויבן

ציען צו זיך דעם אויפמערק אויך פון אַנדערע קרייזן, מחוץ דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. ער האָט שנעל באַהערשט די ענגלישע שפּראַך און האָט געהאַט מערערע אויפטריטן אין ענגליש.

אין 1930 איז ער נאָך געווען דער גייסטיקער פירער פון אַ קליינער, אָבער אַקטיווער גרופּע „צעירי ציון". ער האָט רעדאַגירט זייער זשורנאַל „פאָרן פאָלק". אין 1930 און 1931 האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקן די „צעירי ציון" מיט די „פּועלי ציון". חיים גרינבערג האָט באַאיינפלוסט ביידע זייַ זאָלן זיך סוף־סוף צונויפגיסן אין איין אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1931 אין פילאַדעלפיע. חיים גרינבערג האָט געוואונען פאַר זיך אַ ברייטערע פּלאַטפאָרם אין דער פּאַרטיי, אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און ביי די פּיאָנערן פרויען. ער איז געוואָרן דער אָנגעזעענסטער גייסטיקער פירער אין אונזער בוועגונג.

צוויי יאָר (פון סוף 1931 ביז סוף 1933) האָב איך מיט אים גאָר אָפט און נאָענט צוזאַמענגעאַרבעט און אים ליב געקראָגן. איך האָב געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען אַז אין 1932 זאָל פון דאָס ניי אויפלעבן „דער אידישער קעמפער" און חיים גרינבערג זאָל ווערן רעדאַקטאָר. די וואָכנבלאַט האָט געוואונען נייע קרייזן און איז געוואָרן אַ וויכטיקער פּאָליטיש־פּובליציסטישער אָרגאַן. דאָרט זיינען יאָרן לאַנג, כמעט ביז זיין פריצייטיקער פּטירה אין מערץ 1953, דערשינען זיינע עסייען, אויף וועלכע לייענער האָבן מיט אינטערעס און אומגעדולד געוואַרט יעדע וואָך. אין די דריי דערשינענע ביכער זיינען אַריינגעגעבן געוואָרן די וואָגיקסטע און אינטערעסאַנטסטע אַרטיקלען פון גרינבערג'ן, וואָס זיינען פּובליקירט געוואָרן אין „אידישן קעמפער".

חיים גרינבערג איז אויך געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער מאָנאַטשריפט „די דזשואיש פראַנטיר", אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט אַן אָפענעם בריוו צו גאַנדי, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין פילע קרייזן, אײנגעשלאָסן הינדו אינטעלעקטואַלן, מיט וועלכע גרינבערג האָט אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען.

אין 1935 האָב איך זיך באַגעגנט מיט גרינבערג'ן אין דער שווייץ אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. נאָכן קאָנגרעס האָבן מיר פאַרבראַכט אייניקע טעג. ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זיין מיט אים בעענטער. איך וועל ניט פאַרגעסן אַ סצענע אין לוגאַנאָ גאָרטן. מיר האָבן שפּאַצירט צוזאַמען מיט אונזערע פרויען. פּלוצים גיט ער אַ זאָג: „לאָמיר אַוועק אין אַן אַנדער אַלייע". מיר האָבן דאָס געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און ס'איז געפאַלן זיין וואָרט: „ווי אוממאָראַליש אַ פּאַרטיי־מענטש איז", געבליבן פאַרטראַכט אַ האַלב מינוט און האָט ווידער גערעדט: „איך האָב פון דערווייטן דערזען זשאַבאָטינסקי'ן, מיט וועמען איך בין געווען אַמאָל באַפריינדט. איצט, האָב איך

געפילט, אַז מיר וועט זיין שווער זיך באַגעגענען מיט אים אויף אַן אינטימען שפּאַציר. אַט אַזוי מאַכט פון אונז אַ פּאַרטיי!" מיר האָבן פאַרשטאַנען זיין געמיט און אומרואיקייט. עפּעס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונזער יום־טוב'דיקן שפּאַציר אין דער וואונדער שיינער לוגאַנאָ.

מיין פרוי און איך זיינען אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל. גרינבערג מיט דער משפחה האָבן געדאַרפט אָנקומען אַ וואָך שפּעטער. איך האָב פאַר זיי געקראָגן אַ פּאָר צימערן אין אַ ירושלים'ער פּאַנסיאָן. ירושלים האָט אים פאַרכשופט. איין מאָל האָב איך אים איינגעלאַדן צו פאָרן קיין „עין כרם", וואָס איז דאַן געווען אינגאַנצן אַראַביש. דאָרט האָבן מיר זיך פאַרזאַמט עטלעכע שעה און פאַרבראַכט אויף אַ טעראַסע פון אַ רוסישער קירך, וואו מיר האָבן געטרונקען טיי. אַ צויבער בילד האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט — די בערג און טאָלן אַרום ירושלים. חיים גרינבערג איז אַריין אין התלהבות. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען אַז ער פלעגט נעמען זיין זון און פאָרן מיט אים אָפט אין „עין כרם".

חיים גרינבערג איז געווען אַן אמתער עסטעט, האָט ליב געהאַט די נאַטור, ליב געהאַט מענטשן. געוויס, איז ער געווען אַ פּאַרטיי מענטש, אַ פּאָליטיקער, אַ גרינטלעכער קענער פון ציוניזם און זיינע פּאַרטייען, אָבער ער איז געווען אַ פריי־גייסט, ניט ליב געהאַט דאָגמאַטיקער, ניט אַלעמאָל מסכים געווען מיט פּאַרטיי־פירער און זייער טאַקטיק, און דאָך זיך אַליין דיסציפּלינירט.

איך האָב ניט פאַרגעסן אַ סצענע ביים ציוניסטישן קאָנגרעס. ס'איז גע־ווען אַ דיסקוסיע איבער אַ געוויסער פראַגע. אונזער פראַקציע האָט געדאַרפט שטימען קעגן מיט אויפהויבן די דעלעגאַטן־קאַרטן. גראָד איז גרינבערג אַריין אין זאַל ווען מען האָט שוין גענומען שטימען. ער האָט דערזען ווי מיר נעמען אַרויס די קאַרטן און הויבן זיי אויף, האָט ער אַרויסגענומען אויך זיין קאַרטע און געשטימט מיט אונז. שפּעטער איז ער זיך מודה: „איך האָב ניט געוואוסט וועגן וואָס מען שטימט, אָבער איך האָב דערזען אייערע קאַרטלעך, בין איך אויך געגאַנגען אין שפּאַן". געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַ שמייכל און מיט אַ פאַרבאָרגענער איראָניע.

חיים גרינבערג איז געווען א צאָל יאָרן פרעזידענט פון אידישן לערער־סעמינאַר, אַ וויכטיקער מיטגליד פון דער אידישער אַגענטור, ווי אויך דער פאָרזיצער פון איר קולטור־אָפּטייל. ער האָט געהאָלפן אויסטרעטן דעם וועג פאַר ישראל־קורסן אין קאָלומביע אוניווערסיטעט און אין אַנדערע העכערע אינסטיטוציעס. ער האָט געהאַלטן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג מוז זיך מער אָפּגעבן מיט אידישער דערציאונג. ער האָט באַטאָנט כסדר די חשיבות פון העברייאיש לימוד, אָבער געהאַט אויך אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אידיש. זיין

רעפעראַט אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים אין 1951, האָט אַרויסגערופן דעם גרעסטן אינטערעס, אָבער אויך ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס.

דער פאַרבאַנד האָט אים מערערע מאָל איינגעלאַדן פאַר אַ לעקציע־טור. ווען ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער וועכנטלעכער „עונג שבת“ אָנגעפירט פון חיים גרינבערג, פלעגן הונדערטער קומען זיך צוהערן צו זיינע אַריינפירן און לעקציעס.

צו פרי איז פאַרשניטן געוואָרן זיין לעבן. ער האָט נאָך געקאָנט יאָרן ווירקן, אָבער דער ביטערער מזל, זיינער און אונזערער, האָט ליידער אויסגעלאָשן אַ ליכטיקע פערזענלעכקייט.

גרעגאָרי גרשוני

אין די יאָרן 1906־1908, נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען אויף אידן, זיינען אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע מערערע דעלעגאַציעס פון די רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטן, בונד און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. צווישן די לעצטע האָבן זיך געפונען באַבושקאַ בזשעשקאָווסקאַיאַ, דר. חיים זשיטלאָווסקי און גריגאָרי גרשוני. וועגן גרשוני זיינען אַרומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס, ווי דער קאָפּ און פירער פון דער „שלאַג־אָרגאַניזאַציע", וואָס האָט דורכגעפירט אַ ריי אַטענטאַטן אין רוסלאַנד.

חוץ עפנטלעכע אויפטריטן, וואָס פלעגן זיך ענדיקן מיט גרויסע געלט זאַמלונגען, האָט די ס.ר. דעלעגאַציע באַזוכט פּראָמינענטע אַמעריקאַנער, אידן און ניט־אידן, צו קריגן ביי זיי גרעסערע סומען פאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד. מען האָט איבערגעגעבן מפּה לאוזן, אַז יעקב שיף און אַנדערע האָבן בייגעשטייערט ביד רחבה. די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען דאַמאָלט געווען זייער פּאָפּולער, איבערהויפּט די באַבושקאַ און גרשוני.

איך האָב ביז האַרבסט 1908 געוואוינט אין פילאַדעלפיע, וואו איך האָב געאַרבעט, שטודירט און בין געווען טעטיק פאַר פּועלי ציוניזם. איינמאָל — דוכט זיך סוף 1907 — האָב איך זיך דערוואוסט, אַז גריגאָרי גרשוני איז אַראָפּגעקומען קיין פילאַדעלפיע. איז מיר איינגעפאַלן צו בעטן ביי אים אין נאָמען פון פּועלי ציון, אַ באַגעגעניש. גרשוני האָט צוגעשטימט אונז אויפנעמען. איך מיט חבר קירפּיטשניקאָוו זיינען אַוועק צו אים אין האָטעל.

ער האָט אונז פריינטלעך אויפגענומען. פאַר אונז איז געשטאַנען אַ פעסטגעבויטער איד מיט קלוגע אויגן. מיר האָבן אים באַגריסט. דער שמועס האָט זיך געצויגן תחילת אין רוסיש, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן אַ מחיה׳דיקן מינסקער אידיש. ער האָט אונז געפרעגט וואָס טוען די פּועלי ציון אין אַמעריקע; ער האָט אונז דערציילט, אַז די פּועלי ציון אין רוסלאַנד זיינען זייער טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער איז גוט באַקאַנט מיט זייער זעלבסטשוץ ווי אויך מיט די טעטיקייטן פונם בונד, ס. ס. (סאָציאַליסטן סיאָניסטן). ערשט האָט ער זיך נאָכגעפרעגט וועגן אונזער פּאַרטיי דאָהי. איך האָב אים בקיצור אינפאָרמירט און דערקלערט, אַז מיר העלפן דעם זעלבסטשוץ, פירן אָן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר ארץ ישראל און סאָציאַליסטישן ציוניזם. ביני לבינו האָב איך זיך דערוואָרעמט און חוצפּה׳דיק אים אַ פרעג געטאָן: „חבר גרשוני, איר זייט באַקאַנט ווי אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער. איר גיט אָפּ אייער מוח און כוח צו באַפרייען רוסלאַנד פון שקלאַפערייִ.

פאַרוואָס העלפט איר אויך ניט דער אידישער רעוואָלוציע — דעם קאַמף פאַר ארץ ישראל און אַ אידישער אַרבעטער־געמיינשאַפט דאָרט?"

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און א זאָג געטאָן: „יונגער מאַן, איך בין בלב ונפש אַריינגעטאָן אין דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס וועט אַרונטערוואַרפן דעם צאַריזם און ברענגען פרייהייט צו אַלע פעלקער. נאָך דעם זיג וועל איך אָנהויבן שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו „אייער רעוואָלוציע". זשיט־לאָווסקי רעדט מיט מיר אָפט וועגן אַ לאַנד פאַר אידן און וועגן אַ פּראָגרעסיוון אידישן נאַציאָנאַליזם".

מיר זיינען געבליבן זיצן אויפגערודערט און דערמוטיקט פון זיינע ווערטער און פריינטלעכקייט. מיר האָבן אים געדאַנקט פאַר דעם קבלת פנים. ער האָט אונז געדריקט די האַנט, געגעבן זיין בילד און אונז געוואונטשן דערפאָלג. — — —

וויפיל אידישע רעוואָלוציאָנערן זיינען אין דער פאַרלאָפענער צייט פאַר אונז פאַרלאָרן געגאַנגען, האָבנדיק אילוזיעס אַז אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט לייזן די אידישע פראַגע.

דאַרפן מיר אַ בעסערן ביישפיל פון דער איצטיקער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד און איר באַציאונג צו אידישער קולטור און מדינת ישראל?

פרץ הירשביין

הירשביין איז געווען איינער פון די טאַלאַנטירטע אידישע שרייבער, אָבער אויך פּערזענלעך אַן אינטערעסאַנטער מענטש. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַביסל שפּעטער פלעג איך זיך מיט אים אָפט צוזאַמענטרעפן, ווען ער האָט געוואוינט אין ניו־יאָרק. ער האָט שטענ־דיק געהאַט עפּעס פּיקאַנט איבערצוגעבן. עס ווילט זיך דערציילן אַ פּאָר זאַכן וועגן אים.

איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן זיך אינטערעסירט מיט ספּאָרט און גע־גרינדעט אַן אַטלעטישן קלוב. איינמאָל, זיץ איך אין פּאַרבאַנד ביוראָ און טענה אײַן מיט אַ פּאָר חברים זיי זאָלן נישט פאַרפעלן די אַטלעטישע איבונגען. פּלוצלונג קומט אַריין פּרץ הירשביין. ער הערט זיך צו צו אונזער שמועס, מישט זיך אַריין און פרעגט: „מעג איך זיך אויך אָנשליסן אין דעם קלוב?" איך בין געווען איבעראַשט וואָס אַ אידישער שרייבער טראַכט אויך וועגן אַזוינע ענינים.

איך האָב אים געזאָגט, אַז ער קאָן זיין אין אָוונט אין „פּאָבליק סקול", וואו מיר וועלן האָבן אונזערע גימנאַסטישע איבונגען. „דאַרף איך ברענגען קורצע מייטקעס?" פרעגט ער מיר. „יאָ", האָב איך געענטפערט. ער איז געקומען דער ערשטער פּינקטלעך, האָט זיך איבערגעטאָן אין די קורצע הויזן און איז צוגעקומען צו מיר. איך בין אַ פּאָר מינוט געשטאַנען געפּלעפט, ווען איך האָב דערזען זיינע מוסקולן־בערג און טאַלן. ער איז געווען פיזיש גוואַלדיק אַנטוויקלט. ער האָט באַמערקט מיין איבעראַשונג, און געזאָגט צו מיר: „איר זעט מיינע הענט? זיי זיינען אַזוי ווי שטאָל און אייזן!" דערווייל האָט ער מיר דערציילט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד.

ער איז געווען אין פּעטערסבורג אויף אַ פאַרזאַמלונג ביי באַראָן גינזבורג אין הויז. ווען ער איז אַריין, האָט דער שווייצאַר צוגענומען ביי אים זיין הוט און מאַנטל. ער איז געגאַנגען אויף די שטיגן און האָט געבויגט, גייענדיק, די פּאָרענטשע, ווען ער איז אָנגעקומען צום צווייטן שטאָק האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ גרויסן רינג, וואָס ער האָט געמאַכט פון דער מעשענער פּאָרענטשע.

זומערצייט האָבן מיר געוואוינט אין בעלמאַר. דוד פּינסקי — אין לאָנג ברענטש. איך האָב איינמאָל געזאָגט צו פּינסקי'ן, אַז מיין פרוי און איך וועלן מאַכן אַ שפּאַציר פון בעלמאַר קיין לאָנג ברענטש, וואָס איז אַן ערך פופצן־זעכצן מייל. פּינסקי איז געווען מסופק. אַ זונטיק אינדערפרי האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. ס'איז צו אונז צוגעשטאַנען חבר פּרענקל. מיר

זיינען געגאַנגען כמעט די גאַנצע צייט ביים ברעג פון ים, אָפּט אויסגעטאָן די שיך צו קילן די פיס. אַ פינף שעה שפּעטער זיינען מיר אָנגעקומען. אונז האָבן מקבל געווען די פּינסקיס, יוסף שלאָסבערג און זיין פרוי, און פּרץ הירשביין. מיר האָבן פאַרבראַכט יענעם נאָכמיטיק עטלעכע שעה צוזאַמען. חברה פּינסקי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ שפּאַציר. מיר האָבן זיך פאַרנומען רעכטס. זאָגט האָדל: „לאָמיר גיין לינקס, ווייל רעכטס איז דאָ אַ גרויסער כלב, וואָס בילט מוראדיק און וואַרפט אָן אַ שרעק".

פּרץ הירשביין האָט דאָס דערהערט און געזאָגט: „אויב אַזוי, גייען מיר טאַקע רעכטס און איר וועט עפּעס באַלד זען". ער האָט זיך געלאָזט פאָראויס, און מיר הינטער אים. ווען מיר זיינען שוין געווען נישט ווייט פון יענעם מקום מוכן לפורעניות, האָט זיך פּרץ הירשביין אַ לאָז געטאָן אין זיין גאַנצן גרויס, און שנעל אויפגעהויבן די הענט גלייך אויפן הונט אַרויף. די אַ בייזע חיה האָט איינמאָל אַ ביל געטאָן, זיך איינגעבויגן און איז געבליבן שאַ־שטיל. קאָנטיק זיך דערשראָקן פאַרן צוויי־פיסיקן פּרץ הירשביין. דאַן האָט ער אונז דערציילט אַ סך דערפאַרונגען וואָס ער האָט געהאַט אין לעבן מיט הינט. זיי האָבן אים אַרויסגעוויזן גרויס „דרך ארץ".

איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט פּרץ הירשביין — דעם אינטערע־סאַנטן מענטשן. איינמאָל, שפּאַצירנדיק מיט אים אין לאָס אַנדזשעלעס, קומען אונז אַנטקעגן אַ פּאָר איינגלעך. ווען זיי האָבן דערזען מיין בן־לויה האָבן זיי אויסגעשריען: „דאָ גייט מאַרק טוועין". הירשביין האָט אַ שמייכל געטאָן, עס האָט אים די מעשה הנאה געטאָן. ער האָט טאַקע געהאַט דעם פּיזישן אויסזען פון דעם דערמאָנטן אַמעריקאַנעם שרייבער.

מיר איז תמיד געווען ניחא צו פאַרברענגען שעהן מיט אים. ער איז געווען פּונקט אַזאַ אינטערעסאַנטער שמועסער ווי אַ גייסטרייכער שרייבער.

מיט גרויס צער און עגמת נפש האָב איך נאָכגעפאָלגט זיין קראַנקהייט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

ער האָט איבערגעלאָזן אַן אינטערעסאַנטע פרוי, די באַגאַבטע אסתר שימיאצער און אַ זון עמוס.

יצחק אייזיק הורוויטש

יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי איש הורוויטש! א לאנגער נאמען און א פסעוודאנים ניט פון א פרומען איד, נאר פון א סאציאליסטישן טעארעטיקער און רעדנער — יצחק אייזיק, ווי מען האט אים גערופן פארקירצט.

ער איז תמיד געגאנגען זיין אייגענעם וועג — זעלבסטשטענדיק, ערלעך, קריטיש, איז א צייט געווען פראפעסאר אינעם שיקאגע־אוניווערסיטעט. זיין הויפט געביט איז געווען סטאטיסטיק. ער איז געווען א וויסנשאפטלער. ער האט געקעמפט קעגן אימיגראציע באשרענקונגען. ער איז א צייט געווען טעטיק אין .I. L. G. W. U און פירער פון דעם רעוואלוציאנערן לאקאל 9. ער פלעגט שרייבן אידיש מיט גרויסע אותיות. ער איז געווען א גוטער מסביר און זיינע לעקציעס פלעגן צוציען א גרויסן עולם. ער האט זיך פאסמאקעוועט מיט אידישע מאכלים, און ביי א באנקעט פלעגט ער אפט אויפעסן דריי־פיר פארציעס געהאקטע לעבערלעך און פארבייסן מיט געפילטער קישקע. ער האט געמאכט אן איינדרוק פון א קרעפקן מענטש, אבער „כי האדם יראה לעינים"... ווען די בונדיסטן האבן אראפגעבראכט, אין 1906, זייער פארשטייער, מאקסים, און אים פארגעשטעלט, אז ער איז געווען דער צייטווייליקער פרעזידענט פון דער לעטישער רעפובליק, האט יצחק אייזיק געטענה׳ט להד"ם! נישט געשטויגן־נישט געפלויגן! געלייקנט אז ס׳איז בכלל געווען אזא רעפובליק און מאקסים איר פרעזידענט. ער האט זיך דערנענטערט צו דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג בהדרגה׳דיק. אויפגעטראטן ביי א צאל פארזאמלונגען, זיך באטייליקט אין „קעמפער". ער האט געהאלטן, אז ארץ ישראל מוז ווערן אינדוסטריאליזירט, אויב מען וויל האבן א גרויסן אידישן ישוב.

אין 1913 האט אים דער נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד געשיקט ווי איינעם פון זיינע פארשטייער ביים קאנגרעס פארהער וועגן אימיגראציע. ער איז געווען גוט באהאוונט אין די ענינים און גערעדט ווי אן אויטאריטעט. אין סעפטעמבער, 1916, אויף דער פארבאנד־קאנפערענץ אין דעטרויט, איז ער דערוויילט געווארן פרעזידענט. דאס אננעמען דעם אמט — וואס ער האט אנגעהאלטן מיט כבוד צוויי יאר — איז געווען דער בעסטער באוויז פון זיין צוטרוי און גלויבן, וואס ער האט געהאט פאר אט דער ניט לאנג געגרינדעטער ארגאניזאציע.

ער האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט דערציאונג פאר דערוואקסענע. ער, דר. יהודה קויפמאן און איך, האבן אויסגעארבעט א קולטור־אנקעטע, וואס איז צושיקט געווארן צו די פארבאנד־מיטגלידער. דער אפרוף איז געווען א מערקווירדיקער. צוועלף הונדערט חברים האבן געענטפערט, ארויסווייזנדיק אינטערעס פאר ממשיך זיין זייער אויסבילדונג. אויפן יסוד פון

דער אַנקעטע האָט דער פאַרבאַנד — מיט גרויס דערפאָלג — אַרויסגעגעבן צוועלף קאָרעספּאָנדענץ־קורסן וועגן אידישער געשיכטע.

יצחק אייזיק איז געווען אַן אמת'ער דעמאָקראַט. ער האָט פיינט געהאַט תכלית שינאה יעדע פאָרם פון דיקטאַטאָרישקייט און דעספּאָטיזם. געווען אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס. הגם, ער האָט זיך באַצויגן מיט ניט פיל צוטרוי צו אייניקע פון זיינע אָנפירער.

ער איז געווען אין רוסלאַנד בעת ס'איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. מיר שיינט, אַז ער איז געלאָפן ווי אַ דעפּוטאַט אין דער „דומאַ". ער האָט זיך צוריקגעקערט גוואַלדיק אַנטוישט אין דעם באָלשעוויסטישן רעזשים, וועלכן ער האָט שאַרף קריטיקירט.

אינטעלעקטועל ערלעך און געוויסנהאַפט, האָט ער געהאַסט היפּאָקריטן און דעמאַגאָגן און ער האָט זיי געלאָזט וויסן אויף זיין שטייגער.

יצחק אייזיק האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל נאָכפאָלגער און חסידים. מיט זיין פריצייטיקן טויט איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ קאָלירפולע פערזענלעכקייט אין אידיש־אַמעריקאַנעם לעבן. ער האָט געלאָזן אַ צוואָה מען זאָל זיין קערפּער פאַרברענען. איך בין געווען ביי דער קרעמאַציע, און האָב מיט וויטיק צוגעזען ווי אַ פלאַם האָט פאַרצערט זיין גוף, און כהרף עין איז געבליבן בלויז אַש פון אַ ערלעכן, גרויסן אידישן מענטש.

יצחק זאַר

יצחק זאַר — איינער פון די ראשונים אין דער פועלי־ציון באַוועגונג — איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט, אַ פרייער גייסט. נאָך אין זיינע גאָר יונגע יאָרן, אין רוסלאַנד, איז ער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טעאָרעטי־קער, וועלכער האָט בייגעטראָגן צו די אידייאישע יסודות און מחשבה פון פועלי־ציוניזם און צו דער שטודיע פון אידישע און אַרבעטער־פּראָבלעמען בכלל. זיינע אַרטיקלען און בראָשורן זיינען געשריבן געוואָרן אין רוסיש און האָבן באַווירקט אידישע סטודענטן, די אַרבעטער און רוסיש־ריידנדיקע, אידישע אינטעליגענץ. ער האָט, צוזאַמען מיט ב. באָראָכאָוו, באַרייכערט די ציוניסטישע אַרבעטער־ליטעראַטור. זיין נאָמען איז אויך באַקאַנט געוואָרן אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד.

יצחק זאַר איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אָבער ניט קיין דאָגמאַ־טיקער. אַ שאַרפער און קלאָר־אַנאַליטישער מח, האָט ער זיין לאָגיק באַנוצט סיי פאַר פעסטשטעלן די גרונט־יסודות פון פועלי־ציוניזם, סיי אין פּאָלעמיק מיט זיינע אידייאישע קעגנער.

אין 1907 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון אַמעריקאַנער פועלי־ציון צענטראַל־קאָמיטעט איבערצונעמען די רעדאַקציע פון „אידישער קעמפער".

איך האָב זיך באַקאַנט מיט זאַר'ן אין פילאַדעלפיע באַלד נאָך זיין אָנקום. ער האָט אויסגעזען אַרום 23־24 יאָר אַלט. ביי זיין ערשטער לעקציע האָט ער אויסגענומען, זיין פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן אין די פועלי־ציון רייען און ביים אידישן עולם. זאַר איז געווען מער לעקטאָר ווי אַגיטאַטאָר; ער האָט תמיד געזוכט טעאָרעטיש צו באַגרינדן דעם אַרבעטער־ציוניזם, אידישע פּראָבלעמען און דעם קאַמף פאַר ארץ־ישראל. ער, מער ווי אַ ריי אַריבער־געקומענע, איז באַווירקט געוואָרן פון אַנגלאָ־זאַקסישער קולטור. ער האָט זיך שנעל אויסגעלערנט ענגליש, כמעט איינגעשלונגען ווערטער־ביכער. עטלעכע יאָר נאָך זיין קומען האָט ער באַהערשט די שפּראַך סיי אין ריידן עפנטלעך, סיי אין שרייבן.

יאָרנלאַנג איז ער געווען אַ מיטגליד פון פועלי־ציון צענטראַל־קאָמיטעט און האָט צוזאַמען מיט אונז דורכגעמאַכט דעם גערעגנגל פון פועלי־ציון אין אַמעריקע. זיין ביישטייער צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד איז גרויס. ער האָט שנעל באַגריפן, אַז אין אַמעריקע קען מען ניט געווינען בלויז מיט טעאָריע; מען מוז טעאָריעס פּאַרטייטשן אויף אַ פּאָפּולערן אופן.

אין יאָר 1920 האָט ער זיך באַטייליקט אין א דעלעגאַציע צו דער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווין. אין

דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע זיינען געווען ברוך צוקערמאַן, שוכטער פון שיקאַגאָ און איך. מיר זיינען געפאָרן מיט אַ געפיל, אַז די קאָנפערענץ וועט דורכמאַכן פיינלעכע און דראַמאַטישע מאָמענטן. ס'איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה: דער באָלשעוויזם און דאָס אַנטשטיין פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אַנגעפירט פון קאָמוניסטישע עלעמענטן, האָבן אַרויסגערופן אַ ליידנשאַפטלעכן קאַמף פון ווידערשטאַנד אין דער סאָציאַליסטישער וועלט און געפירט צו שפּאַלטונגען. מיר האָבן געפילט, אַז אויך די וועלט־קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון וועט ניט לייכט אָפּשניידן. דאָס איז טאַקע געשען. די וועלט־באַוועגונג האָט זיך געשפּאָלטן.

אויף דער קאָנפערענץ אין ווין זיינען געווען פאַרטראָטן צוויי ריכטונגען פון פּועלי־ציון: איינע וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, געהאַלטן פון באַטייליקן זיך אין ציוניסטישע קאָנגרעסן און מיטאַרבעט מיט אַנדערע עלעמענטן; די צווייטע, און אויסגעשפּראָכענע לינקע, איז געווען ביי דער מיינונג, אַז די פּועלי־ציון דאַרפן זיך אָנשליסן אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל, ניט זיין פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן זיך גערופן לינקע פּועלי־ציון, אונז האָבן זיי גערופן רעכטע פּועלי־ציון.

צו דער ווינער קאָנפערענץ זיינען געקומען אויך צוויי דעלעגאַציעס פון פּועלי־ציון אין רוסלאַנד — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, אונטער דער פירערשאַפט פון חבר קענדזשערסקי און נאָך אַ חבר, דוכט זיך קיווין. די צווייטע, די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון, בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען כאַשין און זיינס אַ חבר, וועמענס נאָמען איך האָב לײדער פאַרגעסן — אַ גייסטרייכער מענטש געווען, אָבער אַ גרויסער האַר־שפּאַלטער.

מיר זיינען געווען נייגעריק צו טרעפן זיך מיט די חברים פון רוסלאַנד. ס'האָט אונז געוואונדערט הלמאי סאָוועטן־רוסלאַנד, וואָס האָט פּאַקטיש דאַן קיינעם ניט אַרויסגעלאָזן, האָט דערלויבט צוויי דעלעגאַציעס פון פּועלי־ציון (דאַן איז נאָך זייער עקזיסטענץ געווען לעגאַל) אַרויסצופאָרן צו אַ קאָנפערענץ אין אויסלאַנד. שפּעטער, במשך פון דער קאָנפערענץ, איז אונז דער ענין קלאָר געוואָרן: זאַר און איך האָבן געזען אַ רוסישן דאָקומענט ביי איינעם פון די חברים פון רוסלאַנד, פון פירער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אַז די אויפגאַבע פון די דעלעגאַציעס איז צו געווינען די וועלט־קאָנפערענץ פאַרן דריטן אינטערנאַציאָנאַל; אויב זיי וועט ניט געלינגען דאָס דורכצופירן, זאָלן זיי שפּאַלטן די קאָנפערענץ („ראַסקאָלאָט" אין רוסיש). און אַזוי איז טאַקע געשען. די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון און זייערע מיט־העלפער פון אַנדערע לענדער האָבן אַנגעווענדט זייער אַרגומענטאַציע און טאַקטיק, בכדי צו פירן צו אַ שפּאַלטונג. זאַר האָט ניט מורא געהאַט צו

דעבאַטירן מיט זיי, אָבער אים איז געווען דערווידער די גאַנצע פּאָליטיק און מאַנעוורעס פון די „קאָמוניסטן".

ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר זיך דערפרייט מיט די חברים פון רוסלאַנד; ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט הערן וואָס ס'טוט זיך אין „רויטן גן־עדן", און וואָס איז מיט די אידן דאָרט, מיט די חברים. בעיקר זיינען מיר נייגעריק געווען צו זען אַלעקסאַנדער כאַשין. מיר האָבן אים גוט געקענט פון די מלחמה־יאָרן אין אַמעריקע. ער איז דאַן געווען זייער באַליבט אין די פּועלי־ציון און ליטעראַרישע קרייזן. אַ וואונדערלעכער לירישער רעד־נער, אַ שיין־שרייבער, אַ קענער פון אידישער און העברעאישער ליטעראַטור, אַ פאַרליבטער אין ארץ־ישראל, אַ ליטעראַרישער עסטעט און פיינשמעקער — און פּלוצלונג האָבן מיר דערזען אַן אַנדער כאַשין אויף דער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין. כאַשין — אַ קאָמוניסטישער פּועלי־ציון: אַן אַנדער שפּראַך, האַרטע אויסדרוקן, דאָגמאַטיש־פאַנאַטיש, וואָס דערלאָזט ניט אַ וואָרט פון קריטיק קעגן רוסלאַנד, אַ קעגנער פון באַטייליקן זיך אין דער ציוניסטישער אַרבעט מיט אַנדערע עלעמענטן.

מיר זיינען געווען איבעראַשט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ווען כאַשין פלעגט אויפטרעטן אין זיין נייער ראָלע. אָבער אויפגעציטערט זיינען מיר אַלע געוואָרן, ווען ער האָט אַ געוויסע באַמערקונג פון קענדזשענסקי'ן אויסגעטייטשט ווי אַ זינד קעגן רוסלאַנד און אַ זאָג געטאָן, אַז דאָס וועט באַקאַנט ווערן צו דער סאָוועטן־מאַכט. מיר זיינען געוואָרן אויפגערעגט, זיך אַ הויב געטאָן פון די ערטער, און איך געדענק נאָך יצחק זאַר'ס אויס־געשריי „פוי!". פון דאַן האָבן מיר זיך מיט כאַשינ'ען מער ניט באַגריסט, און זאַר פלעגט זיך אָפּקערן ווען ער פלעגט אים באַמערקן.

די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג. פאַרשטייט זיך, אַז זאַר איז געבליבן מיט די אַזוי־גערופענע „רעכטע פּועלי־ציון".

נאָך דער קאָנפערענץ איז ער פאַרבליבן אַ צייט אין אייראָפּע, זיך באַ־טייליקט אין נייעם וועלט־פאַרבאַנד „פּועלי־ציון" און אָנגעהאַלטן זיין מיט־אַרבעטערשאַפט אין „צייט" — די טאָג־צייטונג וואָס אַמעריקאַנער פּועלי־ציון האָבן דאַן אַרויסגעגעבן.

נאָך זאַר'ס צוריקקום האָט ער אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין דער וועסט, אין שיקאַגאָ און אין מינעאַפּאָליס, וואו ער האָט רעדאַגירט אַ וואָכנ־בלאַט. ער איז געוואָרן אַמעריקאַניזירט אין דעם שענערן זין. ער האָט זיך טיף אינטערעסירט מיט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן פון אַמעריקע. ווען ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „מאָרגן־זשורנאַל" און שפּעטער אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", פלעגט ער מערסטנס געבן פּאָליטישע

איבערזיכטן און אַרויסווייזן אַ קלאָרע פאַרשטענדעניש אין קאָמפּליצירטע פּראָגן פון לאַנד.

ער האָט זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער פראַגע פון קריגן אַ צוטריט צו אַמעריקאַנער־געבוירענע, ענגליש־ריידנדיקע אידן, און געווינען זיי פאַר ארץ־ישראל־אַרבעט. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ מאָנאַט־שריפט „וועגגאַרד". ער האָט געגלויבט אין דער נויטווענדיקייט פון אָנפירן אַ דינאַמישע ציוניסטישע פּאָליטיק. ער האָט ניט געטרויט ענגלאַנד און געהאַלטן, אַז ניט אומזיסט רופט מען בריטאַניע „דער פאַררעטערישער אלביאָן". דערפאַר האָט ער אויך זיך באַצויגן שטאַרק קריטיש צום חיים ווייצמאַן און געהאַלטן אַז זיין „נאָכגעביקייט" וועט טייער קאָסטן דעם ציוניזם. אידייאיש איז ער געבליבן אַן אַרבעטער־ציוניסט, אָבער ער איז אין זיין קעגנערשאַפט צו ווייצמאַנ'ען און זיין פּאָליטיק פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם רעוויזיאָניזם. אים האָט שטאַרק אימפּאָנירט דער קאַמף פון אירגון און שטערן־גרופּע קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט אין ארץ־ישראל. האָט ער זיך לײדנשאַפטלעך אַריינגעוואָרפן מיט זיין וואָרט און שריפט צו העלפן דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג. ער האָט כמעט פאַרזען דעם קאַמף פון דער הגנה, די מוטיקע אַרויסטריטן פון בן־גוריון, שערטאָק און אַנדערע חברים פון דער אידישער אַגענטור און פון דער הסתדרות. דער קלוגער זאַר האָט צייטנוויז אַרויס־געוויזן נאַאיווקייט אין זיין גלויבן, אַז דער אירגון האָט אַמשטאַרקסטן געהאָלפן שאַפן די מדינה.

ווען מדינת ישראל איז געבוירן געוואָרן אין 1948, האָט ער געמוזט צוגעבן, אַז בן־גוריון האָט זיינע גרויסע פאַרדינסטן, אָבער זאַר האָט נאָך זיין שוואַכקייט פאַרן רעוויזיאָניזם אַרויסגעוויזן ביי אַנדערע געלעגנהייטן. ער האָט אין די לעצטע יאָרן ערנסט געטראַכט וועגן באַזעצן זיך אין מדינת ישראל. דאָרט וואָלט ער זיך געוויס צוריקגעקערט צו זיינע אידייאישע חברים אין דער באַוועגונג, וועלכע ער האָט געדינט אַ פאַר צענדליק יאָר. איז ליידער געקומען זיין סוף אומדערוואַרט.

זיינע לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט צוויי טעג פאַר זיין טויט, אין אַ מסיבה פון בריטאַנער חברים און חברות, וועלכע האָבן געבויט דאָרט אַ ציוי־ניסטישן אַרבעטער־צענטער — „בית־עם" — און אַ טאָג־שול. ער האָט אויס־געדריקט זיין פרייד, געוואונטשן אַז דער צענטער זאָל דינען אונזערע אידייען. אים האָט שטאַרק באַווירקט די איבערגעבנקייט און אידעאַליזם פון די חברים.

ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז יצחק זאַר וועט צוויי טעג שפּעטער מער ניט זיין מיט אונז? באַוויינען מיר זיין אַוועקגיין. ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ ליבער, אידעאַלער מענטש, אַ גייסטיקער וואָרט־זאָגער, אַ מאמין אין מדינת ישראל און אין די אייביקע אידישע ווערטן.

זאב זשאַבאָטינסקי

אין די ערשטע יאָרן פון זשאַבאָטינסקי׳ס אויפטריט אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג פון רוסלאַנד, האָט מען אים גערופן „וואונדער קינד״. אַ היפּשע צייט האָט ער זיך באַטראַכט ווי אַזוינער. אויסערגעוויינטלעך באַגאַבט, ליידנשאַפטלעך און בילדלעך ווי אַ שרייבער, און אָראַטאָר, האָט ער מיטגעריסן אַ טייל פון דער אידישער יוגנט. זיין שרייבן און ריידן איז דאַן געווען אין רוסיש. אין זיינע עפנטלעכע פאָרטראַגן איז געווען היפּש טעאַט־ראַלישקייט, אָבער יונג און אַלט האָבן הנאה געהאַט. די בינע האָט פאַרלאָרן אין אים אַ שוישפּילער. ער איז געווען אַ קינסטלער. אָפט קאַפּריזנע, טראַ־גיש, דראַמאַטיש.

ווען ער איז געוואָרן אַ ציוניסט, האָט ער אין זיין לעבן געזען בלויז איין אידעע — תחית האומה און תחית הארץ. ער האָט זיך אויסגעלערנט העברייאיש אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט ביאַליק׳ס לידער איבערזעצט אין רוסיש. ער איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, און זייער אָפט ניט איינגעשטימט מיט די ציון־פירער. עטלעכע יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין איטאַליע, דאָרט שטודירט, באַווירקט געוואָרן פון גאַריבאַלדי, מאַציני׳ן און, להבדיל, אויך פון מוסאָליני און זיין פאַשיסטישער אַוואַנטורע. שפּעטער האָט ער געוואוינט אין ענגלאַנד, געוואונען פילע פריינט און אַליין באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער נייער סביבה.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער דערזען מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. ער איז געוואָרן מיליטאַנטיש. די גרינדונג פון „אייזל־קאָרפּוס״ אין גאַליפּאָלי, האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיט טרומפּל־דאָרן, וועלכער האָט געחלומט פון אַן אייגענער אידישער אַרמיי, וואָס וועט זיך באַטייליקן אין קריג אויפן צד פון די אַליאירטע.

די גאַליפּאָלי עקספּעדיציע האָט זיך געענדיקט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. אָבער אַביסל שפּעטער איז געקומען דער אידישער לעגיאָן, אין וועלכן זשאַ־באָטינסקי האָט גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל, און וואו ער האָט אויסגעאיבט אַ היפּשן איינפלוס. ביסלעכווייז האָט ער זיך אַנטוישט אין ענגלאַנד.

זשאַבאָטינסקי איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דער באַלפור דעקלאַ־ראַציע. ער האָט געזען אין איר דעם אָנהויב פון דער אידישער גאולה; אָבער זיין אויפהאַלט אין ארץ ישראל, די שמד־שטיק פון די ענגלישע באַאַמטע, האָבן אָפּגעקילט זיין צוטרוי צו דער מאַנדאַטן־מאַכט. נאָך דער לאָנדאָנער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין 1920, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער

ציוניסטישער עקזעקוטיווע. דאָן האָט ער נאָך אָנגעהאַלטן פריינטלעכע באַ־ציאונגען מיט דר. חיים וויצמאַן.

אין 1921 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק ווי אַ מיטגליד פון אַ ציוניס־טישער דעלעגאַציע פאַרן ערשט געגרינדעטן קרן היסוד, און מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אים צו הערן עפנטלעך.

סוף יענעם יאָר האָב איך געהאַט מיט אים אַ פּערזענלעכע דערפאַרונג: איך האָב דאָן באַרייזט אַמעריקע, באַזוכט סאַלט לייק סיטי אין יוטאַ. איך האָב באַשריבן — אין טאָגבלאַט פון פועלי ציון „די צייט" — מיינע באַגעגע־נישן און שמועסן מיט די מאָרמאָנען־פירער וועגן ציוניזם און זייער פּראַק־טיצירן דעם פּרינציפּ פון מעשר. אויף מאָרגן נאָכן דערשיינען פון מיין אַר־טיקל, קלינגט מען מיר פון ציוניסטישן ביוראָ. זשאַבאָטינסקי איז ביים טעלעפאָן: „געלייענט אייער באַשרייבונג וועגן די מאָרמאָנען, לאָמיר זיך באַגעגענען". איך האָב גערן אָנגענומען און מיר האָבן צוזאַמען געהאַט אָנבייסן. אין לויף פון זיינע פראַגן זאָגט ער מיר, אַז מען האָט געדאַרפט דעם מעשר דורכפירן אין אונזער לעבן; ארץ ישראל און ציוניזם נויטיקן זיך אין גרויסע סומען, און מיט געוויינטלעכע ביישטייערונגען וועט מען ניט וויט דערגרייכן. ער וויל באַזוכן סאַלט לייק סיטי און זיך באַקאָנען מיטן אופן ווי די מאָרמאָנען קירך פירט דורך הלכה למעשה דער מעשר. איך האָב אים דערצו שטאַרק דערמוטיקט. אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער דאָרט געווען. אין זיינע רעדעס האָט ער אָפט גענומען באַטאָנען די וויכטיקייט פון מעשר. ער איז געווען גרייט אַלץ אויספּרובירן, אַבי ס'וועט אַ שטויס טאָן דאָס ארץ ישראל אויפבוי־ווערק.

זייט 1933 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ארץ ישראל. כ'בין געווען לייטער פון דער פּאַריזער־געזעלשאַפט „יהודה". איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ צאָל אָנגעשטעלטע, רעוויזיאָניסטן, צווישן וועלכע ס'איז געווען אַ געוויסער בערמאַן, אַ צייט זשאַבאָטינסקי'ס פּריוואַטער סעקרעטאַר. איינמאָל האָב איך אים דערציילט וועגן מיין שמועס מיט זשאַבאָטינסקין וועגן די מאָרמאָנען. גיט זיך בערמאַן אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ און זאָגט: „איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס זשאַבאָטינסקי פלעגט יאָרן נאָכאַנאַנד קריגן בריוו און ליטעראַטור פון די מאָרמאָנען און זיך מיט זיי דורכשרייבן".

איך פלעג גערן גיין הערן זשאַבאָטינסקין. איינמאָל בעת זיינער אַ לעקציע אויף אַן אַלגעמיינער טעמע, האָט ער פּלוצלונג איבערגעריסן און גענומען ריידן וועגן . . . טענץ. דערביי געבראַכט ביישפּילן פון פאַרשידענע לענדער. ס'איז געווען אַ מחיה אים צו הערן. דער מין היפה — באַזונדערס די מיידלעך — האָט איבערהויפּט אָנגעקוואָלן; האָט דאָך דער רעדנער גערעדט צו זיי

וועגן אַן ענין וואָס איז אַזוי באַענט, און געמאָלט מיט זיין וואָרט בילדער, פּונקט ווי אַ מאָלער מיטן פּענזל.

זשאַבאָטינסקי איז געווען דער גרינדער פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט צוגעצויגן אומצופרידענע יונגע ציוניסטן מיט אַ ברייטן פאַרנעם, אויך אַזוינע וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון הויכע דיבורים, און סתם־אידעאַליסטן. זיי אַלעמען האָט געלאָקט די היפּשע דאָזע פון אַוואַנ־טוריזם, וואָס האָט געשטעקט אינם רעוויזיאָניזם. מערערע רעוויזיאָניסטן זיינען אַוועק ווייטער פון זייער רבי׳ן. ער האָט זיי אָפט ניט געקאָנט צוימען. ווער ווייס? אפשר האָט ער אין האַרצן חרטה געהאַט וואָס ער האָט געשאַפן די אָרגאַניזאַציע. אָבער ער האָט געמוזט מער און מער אַקצענטירן דעם רעוויזיאָניזם, ביז ס׳איז געוואָרן פאַר אים שווער מיטצואַרבעטן מיט וויצמאַנען.

די טראַגעדיע און דורכפאַל פון רעוויזיאָניזם איז באַשטאַנען אין די גרויסע פּאָליטישע פאָדערונגען, וואָס מ׳האָט בשום אופן ניט געקאָנט דורכפירן אין לעבן. זשאַבאָטינסקי האָט געוואָלט אַן ארץ ישראל פון ביידע זייטן ירדן, אָבער מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער גופא האָט צוגעשטימט צו טשויר־טשיל׳ס פּלאַן אין 1922, וואָס האָט אָפּגעריסן פון ארץ ישראל דעם עבר הירדן און האָט געגרינדעט דאָרטן אַן אַראַבישע מלוכה. די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך סוף־סוף אָפּגעשפּאָלטן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און געמאַכט שבת פאַר זיך. איך געדענק זשאַבאָטינסקי׳ס מעלאָדראַמאַטישן זשעסט, ווען ער האָט אויף דער בימע פון ציוניסטישן קאָנגרעס צעריסן זיין דעלעגאַטן־קאַרטע און איז אַוועק אַ ברוגז׳ער, אַן אַנטוישטער.

ס׳איז געווען פאַר אים אַ טראַגישער מאָמענט, ער האָט זיך אַליין געשטעלט מחוץ למחנה. זיין ציל צו ווערן דער ציוניסטישער וועלט־פירער — ניט דערגרייכט.

איינזאַמער איז ער געוואָרן ביים סאַמע ראַנד פון זיין קאָלירפולן און טומלדיקן לעבן. פילע פון זיינע רעוויזיאָניסטישע חברים און תלמידים האָבן זיך דערווייטערט פון אים. ער האָט זיי מער ניט באַאיינפלוסט.

איינזאַם איז ער געווען די לעצטע יאָרן, און אין איינזאַמקייט געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. אַ צוואה האָט ער געלאָזט מ׳זאָל אַריבערפירן זיינע ביינער קיין ארץ ישראל, ווען אַ אידישע מדינה וועט געשאַפן ווערן.

ס׳איז אַ פּאַראַדאָקס וואָס ביז היינט איז נאָך זיין לעצטער וואונטש ניט מקויים געוואָרן. אַ פאָלק מעג פאַרגעבן זיינס אַ פירער, וואָס האָט געמאַכט טעותן, אָבער האָט ערלעך געמיינט און ערלעך געדינט.

דר. חיים זשיטלאָווסקי

(אייניקע שטריכן)

פאַרן־לאַנג זיינען מיר זיינע תלמידים געווען, אָבער מיר זיינען קיינמאָל ניט נאָכגעגאַנגען בלינדערהייד דעם רבי'ן. אַפילו, ווען ער איז געווען גאָר נאָענט צו אונז, אַ חבר פון די פּועלי ציון, זיינען אונזערע חלוקי דעות געווען שטאַרק ניכּר.

ער האָט אָבער אויסגעאיבט אַ היבשן איינפלוס אויף אונזער ריכטונג, — וואָס איז געווען באַקאַנט אין די ערשטע יאָרן ווי די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע — אין היגן אידישן לעבן.

ווינטער 1904־1905 איז דר. חיים זשיטלאָווסקי געקומען — צוזאַמען מיט באַבושקאַ ברעשקאָווסקאַיאַ — אויף זיין ערשטן באַזוך קיין אַמעריקע, ווי אַ דעלעגאַט פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

זשיטלאָווסקי'ס דערשיינונג מיט דער באָבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און שפּעטער גריגאָרי גרשוני'ס אָנקום, האָבן איבערגעלאָזן אַ רושם דאָ אין לאַנד און געשטאַרקט מיט סימפּאַטיע און מיטלען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

אָבער, די אידישע ראַדיקאַלע און אַרבעטער־קרייזן זיינען איבערראַשט געוואָרן צו הערן, אַז זשיטלאָווסקי איז ניט בלויז אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך אַ מוטיקער קעמפער פאַרן פּראָגרעסיוון אידישן נאַציאָנאַליזם, פאַר דער אידישער קולטור און אידישער שפּראַך. ער האָט אויפגערודערט אַ טייל פון דער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ און די אַרבעטערשאַפט, וואָס איז געווען אַסימילאַטאָריש, געגלויבט אין קאָסמאָפּאָליטיזם, געווען ווייט פון אידישן דענקען און אידישן קולטור־שאַפן, קעגנעריש צום ציוניזם, צו ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אין יענע צייטן, ממש אַ רעוואָלוציע.

פאַר אונז, פּועלי ציון, האָט זשיטלאָווסקי דאַן באַלויכטן דעם וועג, לייכטער געמאַכט אונזער קאַמף און אויפקלערן. מיר זיינען אַלע דערמונטערט געוואָרן וואָס אַזאַ דענקער און קעמפער ווי ער האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט אונז און מיט אונזערע אידעען, זיי באַקרעפטיקט מיט חריפות און אינהאַלט. אַ פּועלי־ציון איז ער נאָך דאַן ניט געווען, אָבער ווי ער האָט אַליין דערקלערט, איז ער נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם אין 1903 געוואָרן אידעאיש אַ טעריטאָריאַליסט.

זיין קורצער ערשטער באַזוך האָט איבערגעלאָזן אַ טיפע ווירקונג. ער איז אָפּגעפאָרן פון אַמעריקע, אָבער אָנהויב 1908 איז ער געוואָרן דאָ אַ תושב,

און ערשט דאַן אָנגעהויבן קולטורעל, גייסטיק טיף צו באַווירקן דעם היגן לעבן, בעיקר די אידיש־ריידנדיקע קרייזן.

זיינע לעקציעס זיינען געוואָרן אַ קולטור יום־טוב, אַ געווינס, און האָבן געהאָלפן צו פאַרטיפן דאָס אידיש דיינקען. פילע פון דער אידישער אינטעליגענץ האָבן זיך באַקערט צום אידישן נאַציאָנאַליזם. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעהויבן קריגן אַ גרויסע צאָל נאָכפאָלגער.

מיר זיינען יענע יאָרן געווען אַ קליינע אַגרעסיוו־מוטיקע פּאַרטיי; זשיטלאָווסקי האָט אונז דאַן אָנגערופן „די רעליגיעזעסטע ריכטונג אין אידישן אַרבעטער־לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פאַנאַטישער טרייקייט און גליענדיקער איבערגעגעבנקייט צו איר אידעאַל, צום פּועלי־ציוניזם״.

ביי אַ געלעגנהייט האָט ער געשריבן וועגן אונז, אַז „דער גליענדיקער אידישער וואולקאַן פון איבערגעגעבנקייט זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן״.

**
*

די יונגע פּועלי־ציון באַוועגונג, געבאָרן אין אַמעריקע אין 1903, האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן צוזאַמען. אין 1905, נאָך דעם זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען די טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך, — אונטער דער פירערשאַפט פון ישראל זאַנגוויל, — אָפּגעטיילט פון די ציוניסטן, האָט זיך אויך אונזער פּאַרטיי געשפּאָלטן אויף צוויי מחנות: פּועלי ציון און סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. מיר האָבן זיך גערופן פּועלי ציון ־ פּאַלעסטינצעס און זיך גענומען מוטיק צו אָרגאַניזירן. מיר זיינען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט; דאָס זעלביקס האָבן געטאָן די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וועלכע האָבן אַראָפּגעבראַכט ווי הויפּט־רעדאַקטאָר דר. נחמן סירקין. די צוויי מחנות האָבן זיך ביטער באַקעמפט. דר. סירקין איז געווען אומברחמנות׳דיק אין זיין פּאָלעמיק, בעיקר אין זיין אַרטיקל „ציוניזם, אין האַאַג אַריין״, וואָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך שאַרפע אומבאַרעכטיקטע קריטיק. מיר זיינען אָבער ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, און אָנגעגאַנגען ווייטער מיט דער אויפקלער־ און פּראָפּאַגאַנדע ־ אַקטיוויקייט, און שטאַרק געקעמפט פאַרן ארץ־ישראל געדאַנק. דר. זשיטלאָווסקי האָט זיך באַצויגן צו אונז מיט סימפּאַטיע.

אין 1908 איז פאָרגעקומען די יונג־טערקישע רעוואָלוציע, אויף וועלכער מ׳האָט געלייגט פילע האָפנונגען. דאָס, וואָס מען האָט ניט געקאָנט פּועל׳ן ביים סולטאַן אַבדול האַמיד, האָט זיך טייל געדוכט, וועט מען קאָנען אויסווירקן ביי די יונג־טערקן. האָבן דאָך פילע פון זיי דורכגעמאַכט אַן אייראָפּיאַישע וועלטלעכע דערציאונג!

מיר איז אויסגעקומען צו זיין פון הערבסט 1908 ביז הערבסט 1909 דער סעקרעטאַר פון די פּועלי ציון. אין יענעם יאָר האָבן מיר אָנגעהויבן שאַפן פאַרבינדונגען מיט דר. סירקין, דר. זשיטלאָווסקי׳ן, אַב. גאָלדבערג, כדי

זיך דורכריידן וועגן דער מעגלעכקייט ווידער צו פֿאַראייניקן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע כוחות אין איין פּאַרטיי. זשיטלאָווסקי האָט זיך אָנגעהויבן דער־נענטערן צו אונז. ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַטשריפֿט „דאָס נייע לעבן״. פֿון פּריוואַטע געשפּרעכן און אונטערריידונגען איז עס געקומען צו אָפֿיציעלע קאָנפֿערענצן און באַראַטונגען. זשיטלאָווסקי האָט דאַן געהאַט מיט זיך אַ גרופּע, באַקאַנט אונטערן נאָמען „סערפּיסטן״. זיי זיינען געווען, — ווי זשיטלאָווסקי האָט דערקלערט, — אַ געמיש פֿון בונדיזם און טעריטאָ־ריאַליזם, האָבן אַגיטירט פֿאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אָבער אויך געוואָלט דורכזעצן פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿאַר אידן דאָרט וואו זיי האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן. זיי איז אויך ניט פֿרעמד געווען דער טעריטאָריאַליסטישער געדאַנק. די ס. ט., בעיקר סירקין און אַב. גאָלד־בערג, האָבן דערזען אין דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע אַ מעגלעכקייט צו קריגן ארץ־ישראל ווי אַ אידישע טעריטאָריע. די פּועלי ציון האָבן געוואָלט די פֿאַראייניקונג, ווייל זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז ארץ־ישראל קאָן ווידער פֿאַראייניקן די צעשפּאָלטענע רייען. אַ סדרה קאָנפֿערענצן האָט זיך אָנגעהויבן. אין נאָמען פֿון דער פּאַרטיי האָבן געפֿירט די פֿאַרהאַנדלונגען אַ. ש. וואַלדשטיין, דר. אַפּלבוים און איך.

יענע קאָנפֿערענצן אין ווינטער 1908־1909 האָבן זיך געצויגן חדשים לאַנג; מען האָט געדאַרפֿט שווער קבֿעלן. סירקין האָט געפֿאָדערט, אַז „די פּאַרטיי פּועלי ציון שטרעבט צוזאַמען מיטן גאַנצן אידישן פֿאָלק צו קאָנ־צענטרירן דאָס אידישע פֿאָלק אין ארץ־ישראל און אין די שכנותדיקע לענ־דער״. אונטער דעם אויסדרוק האָט ער בפֿירוש געמיינט מעסאָפּאָטאַמיע (היינט איראַק); מיר זיינען ניט געווען שטאַרק נאָכגיביק צו דעם זאַץ „נאָכבאַר־לענדער״. האָט אונז זשיטלאָווסקי גוטמוטיק געמוסרט און געבעטן נאָכגעבן סירקינ׳ען זיין „מעסאָפּאָטאַמישן חלום״. מיר האָבן ענדלעך צוגעז־שטימט, אָבער די רעזאָלוציע זאָל זיך לייענען „קאָנצענטרירן דאָס פֿאָלק אין ארץ־ישראל ווי אַ אידישע אויטאָנאָמע געזעלשאַפֿט (באַמערקונג: אונטער ארץ־ישראל פֿאַרשטייען מיר „ארץ־ישראל און די נאָכבאַר־לענדער״).

די פֿאַרהאַנדלונגען האָבן דערפֿירט צו דער פֿאַראייניקונג־קאָנפֿערענץ אין שיקאַגאָ, אין סעפּטעמבער, 1909, וואו זשיטלאָווסקי איז געקומען ווי אַ דעלעגאַט און האָט זיך אָנגעשלאָסן, — צוזאַמען מיט סירקין, גאָלדבערג, צוקערמאַן, — אין דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיי.

אויף יענעם צוזאַמענפֿאָר האָט זשיטלאָווסקי שטאַרק באַווירקט די פּאַרטיי צו פֿאַרנעמען זיך מיט גלות־אַרבעט, צו באַנוצן זיך אין אירע קולטור־אונ־טערנעמונגען מיט אידיש און העברעאיש. ער האָט געהאָלפֿן רייף מאַכן דעם וועג פֿאַר די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן — היינט הייסט עס פֿאָלקס־שולן.

ער האָט היבש משפיע געווען צו בייטן די פּאַרטיי־פּראָגראַם פון באַלטימאָר 1905, בעיקר וואָס איז נוגע גלות־טעטיקייט. זשיטלאָווסקי איז שוין דאַן געווען אַ הייסער אידישיסט. און צוליב זיין אידישיזם זיינען ניט איינמאָל פּאָרגעקומען שאַרפע סכסוכים אין אונזערע רייען, באַזונדערס צווישן סירקין דעם „העברייאיסט" און זשיטלאָווסקי דעם „אידישיסט".

זשיטלאָווסקי האָט ביי פּאַרשידענע געלעגנהייטן באַטאָנט — אין זיין פּאָלעמיק מיט די טעריטאָריאַליסטן, — אַז ארץ־ישראל קאָן טיילוויז לייזן די עמיגראַציע־נויטן און אַז „די 2000־יאָריקע בענקשאַפט נאָך היימאַט איז אַ געשיכטלעכער כוח; עס לעבט אין פאָלק דאָס באַוואוסטזיין און געפיל, אַז ארץ־ישראל איז זיין פאָטערלאַנד".

נאָך דער פאַראייניקונג האָט זשיטלאָווסקי אין אַ סעריע לעקציעס און אַרטיקלען גערופן אונז צום קאַמף קעגן אַסימילאַציע און צו פאַרווירקלעכן אַ ברייטע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פאַרן גלות. ער האָט געהאַלטן פון קולטור־רעלן פּלוראַליזם און שטאַרק באַקעמפט דעם געדאַנק, אַז אַמעריקע איז אַ שמעלץ־טאָפּ; אָבער קודם כל איז ביי אים געווען, ווי ער פלעגט זיך אויס־דריקן, „דער פולבלוטיקער, קעמפּענדיקער, אַגרעסיווער אידישיזם". און דאָס האָט ער ניט געפונען אין אונזערע רייען, הגם די פּועלי ציון האָבן געווירקט אויפן געביט פון דער אידישער שפּראַך און זיינען געווען פּיאָנערן אין אידי־שער דערציאונג.

אגב, זשיטלאָווסקי און דר. סירקין זיינען געווען קעגן גרינדן דעם פאַרבאַנד, אָבער מיר האָבן אין שיקאַגאָ, אין 1909, געווירקט, אַז דער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר זאָל זיך אַרויסזאָגן גינסטיק פאַר דער גרינדונג פון פאַרבאַנד.

שפּעטער האָט דר. זשיטלאָווסקי און סירקין עפנטלעך מודה געווען, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות, און צוגעגעבן, אַז גערעכט זיינען געווען מיר, די דאַן יונגע פּועלי ציון.

***

זשיטלאָווסקי האָט בכלל ניט געהאַנדלט אַלעמאָל לויט זיינע טעאָריעס. ער האָט, למשל, זיך אויסגעדריקט וועגן ציוניזם, אַז „ער קאָן פאַרווירקלעכט נאָר דאַן ווען אידישע אַרבעט וועט שלאָגן טיפע וואָרצלען און פאַנאַנדערוואַקסן זיך אין דעם אידישן לאַנד, וועט קומען די שעה פון אידישער באַפרייאונג". איז אויפגעקומען אין ארץ־ישראל אַ דור, וואָס האָט פון אַרבעט געמאַכט אַ רעליגיע און ווירקט צענדליקע יאָרן צו שאַפן אַ געמיינשאַפט פון אידישע האָרעפּאַשניקעס. זיי האָבן דורך זייער בלוט און שוויס פאַרווערקלעכט דאָס, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געפּריידיקט. האָט זשיטלאָווסקי ניט געדאַרפט אויס־שטרעקן זיין ברודער־האַנט און מיט פריד באַגריסן דעם אידישן פּויער און אַרבעטער פון ארץ־ישראל? זשיטלאָווסקי איז אָבער געבליבן קאַלט. דאָס

קאָן בלויז דערקלערט ווערן מיט זיין אידישיזם, פאַר וועלכן ער האָט ניט געזען קיין באַדן אין ארץ־ישראל.

ער האָט געשריבן וועגן דער „צוויי־טויזנט־יאָריקער אידישער בענק־שאַפט”, אָבער ביי אים איז ניט געווען ניכר יענע לעכצונג. ביי אים איז אַלץ געווען לויטן קאָפּ, לאָגיק אָבער ווייניק האַרץ. אַנדערש קאָן מען ניט פאַרשטיין זיינע אַרטיקלען „דער דריטער חורבן”, ווען עס איז, אין 1915, אָנגעקומען אַ ידיעה פון אַלעקסאַנדריע, אַז דזשאַמאַל פּאַשאַ האָט אַרויסגע־געבן אַ גזרה צו פאַרטרייבן אַלע אידן פון ארץ־ישראל און פאַרטיליקן די אידישע קאָלאָניעס. יענע אַרטיקלען האָט געמעגט שרייבן אַ פאַרביסענער אַנטי־ציוניסט, אָבער ניט זשיטלאָווסקי. לעאָן כאַזאַנאָוויץ (כתריאל), דאַן רעדאַקטאָר פון פּועלי ציון וואָכנבלאַט, האָט אים שאַרף געענטפערט. אָבער איך ווייס, אַז כתריאל׳ן האָט יענער שרייבן געקאָסט געזונט, ווייל אויך ער איז געווען זשיטלאָווסקי׳ס אַ חבר און וואַרעמער אָנהענגער.

אין דער ערשטער מלחמה זענען מיר אָבער זשיטלאָווסקי׳ן אין די פאָדערשטע רייען ווי אַ שטאַרקער קעמפער פאַרן אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס און פאַר דער פאָדערונג פון אַ אידישער רעפּובליק אין ארץ־ישראל. זיינע פאַרדינסטן פאַר אונזער באַוועגונג אין יענע יאָרן זיינען געווען גרויס.

זשיטלאָווסקי האָט אַמאָל איבערגעגעבן אַ געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיט דר. הערצל׳ען אין יאָר 1903, נאָכדעם ווי דער מחבר פון „יידן־שטאַט” האָט באַזוכט דעם רוסישן מיניסטער פלעווע. נאָכן געשפּרעך האָט זשיט־לאָווסקי זיך אויסגעדריקט פאַר ש. אַנסקין, אַז דר. הערצל איז פּאָליטיש נאַאיוו. אָבער וועגן זשיטלאָווסקי׳ן גופא קאָן מען זאָגן, אַז, ווי גלענצנדיק זיין מוח איז ניט געווען, ווי אויסערגעוויינלעך קלאָר זיין אַנאַליז פון אידישע פּראָבלעמען, איז ער ווי אַ אידישער פּאָליטישער פירער אָפט דורכגעפאַלן און געשטרויכלט געוואָרן.

ער, דער קלאָרער קאָפּ און שאַרפער מוח, האָט גאַנץ אָפט פאַרבלאָנדזשעט. מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו לייענען אַן אויסצוג פון זיינע לעצטע לעקציעס געהאַלטן אין ווינניפּעג. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז „דאָס אידישע פאָלק מוז שטרעבן, אַז אויף דעם קומענדיקן שלום־קאָנגרעס זאָלן דורך אינטערנאַציאָנאַלע רעכט געזיכט ווערן די מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון צוויי ווילנס: דעם ציוניסטישן און טעריטאָ־ריאַליסטיש־אַנטי־ציוניסטישן. איך בין בלויז געווען דערדריקט, וואָס אַזאַ קלוגער מענטש, ווי זשיטלאָווסקי, זאָל קאָנען אין אַזאַ ביטערער צייט אַזוי שרייבן.

די לעצטע יאָרן זיינען מיר געווען גאָר ווייט צעשיידט. זיינע אומבאַ־גרינדעטע אַרויסטריטן קעגן אונז און קעגן דער רעכטער אידישער אַרבעטער־

באַוועגונג זיינען געווען איבערראַשנדיק פאַר אונז אַלעמען, הגם מיר זיינען שוין געוואוינט געווען צו אַזוינע איבערראַשונגען.

עס האָט ווי געטאָן. מיר האָבן געפילט, אַז ער באַגייט שווערע טעות׳ן. אָבער אָפּגעזען פון דעם געפיל, וועלן מיר אים דאָך ניט פאַרגעסן. ער האָט אונז אַ גרויסע גייסטיקע ירושה איבערגעלאָזן. דאָס וואָס ער האָט געשאַפן, וועט פאַרבלייבן. אַ גאַנצער דור האָט זיך דערצויגן אונטער זיין ווירקונג. ער האָט אין אידישן לעבן דורכגעפירט אַ גרויסע קולטור־מיסיע. ער האָט געלערנט דעם אידישן אינטעליגענט דרך־ארץ פאַרן אידישן פאָלק, פאַר דער אידישער קולטור, שפּראַך און קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום.

דר. יהודה מאַגנעס

איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין ניו־יאָרק סוף 1908, אָבער איך האָב וועגן אים געהערט נאָך פריער. אין אונזערע קרייזן האָט מען אים גע־האַלטן ווי אַ נאָענטן מענטש, אַ סימפּאַטיקער.

ער האָט טיכטיק געאַרבעט צו קריגן געלט פאַר „פּועלי ציון"־זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד, שפּעטער האָט ער פינאַנציעל געשטיצט דעם „אידישן קעמפער". זיך געחברט אַ צייט מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי, געווען אַ לייענער פון אידישע צייטונגען, אַ חסיד פון אידישן טעאַטער און אַן אָפטער באַזוכער פון איסט־סייד. ער איז געווען עכט דעמאָקראַטיש, דאָך ווען ס'איז אויסגעקומען צו אַנטשיידן צווישן דער באַוועגונג פאַרן ערשטן „אידישן אַמעריקאַנעם קאָנגרעס" און „אַמעריקאַנעם אידישן קאָמיטעט" פון די „יאהודים", האָט ער זיך געשטעלט אויפן צד פון די לעצטע. מעגלעך, אַז דאָ האָט אים באַאיינפלוסט זיין שוואָגער לואי מאַרשאַל — איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אידן אין אַמעריקע.

דר. מאַגנעס איז געווען אַ ציוניסט. ער האָט זיך באַגעגנט אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס מיט דר. הערצל, וועלכער האָט אים באַצויבערט מיט זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט שטודירט אין די אוניווערזיטעטן פון בערלין און היידעלבערג, איז געווען אייניקע יאָר סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, אָבער גאָר גיך האָט ער פאַרלאָזן דעם אַמט, און איז געוואָרן ראַבינער אין אַ ברוקלינער טעמפּל.

אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ רעפאָרם איד, אָבער ווען ער איז אַביסל עלטער געוואָרן, האָט אים די קאָנסערוואַטיווע ריכטונג געוואונען, אָבער אויך אויף נישט לאַנג. ער פלעגט ליב האָבן זיך אַריינכאַפּן אין אַן אָרטאָדאָקסישער שול און ער פלעגט ווערן מלא התלהבות אין דער סביבה פון חסידים.

ער האָט געהאַט אַ וואַרעמען אינטערעס אין דער איסט־סייד פון ניו־יאָרק. אַ צייט געאַרבעט און געווירקט צו גרינדן אַ דעמאָקראַטישע קהלה אין ניו־יאָרק. האָט ער זיך געסטאַרעט אין יענע יאָרן מיך צוציען צו נעמען אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פון דער קהילה.

ער האָט געמאַכט ביים ערשטן איינדרוק באַצויבערן מענטשן. איידל, מיט גוטע מאַניערן, אַריסטאָקראַטיש און דאָך פאָלקסטימלעך — אַן אידעאַליסט, אַ בעל־חלומות. אַ וואונדערפולער לירישער אָראַטאָר, האָט ער גע־פאַנגען די הערצער פון זיינע צוהערער, באַזונדערס פון מין היפה.

מאַגנעס איז געווען אַ צאָל יאָרן דורכגענומען מיט סתירות. ער האָט

אָפּט פֿאַרבויגן זיין דעמאָקראַטישקייט, זיין ציוניזם, זיין פֿאָלקסטימלעכקייט, ווען דאָס לעבן און די פֿאָדערונגען זיינען געוואָרן צו שטורמיש פֿאַר אים. נישט געקוקט וואָס ער האָט זיך גייסטיק אָפּגעקערט פֿון רעפֿאָרם אידן און זייער מענטאַליטעט, האָט, משמעות, אין אים גובר געווען אַ „יהודישער" עלעמענט.

ער איז געווען אַ מענטש פֿון הויכער מאָראַל. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מאַגנעס געווען אַ פּאַציפֿיסט, גענויגט טיילווייז צום דייטשן צד. זיינע „יאהודים" האָבן זיך גענומען דערווייטערן פֿון אים, און ער איז נאָך איינזאַמער געוואָרן. ער האָט אַנטוויקלט אַ פֿאַרצווייגטע טעטיקייט פֿאַר אידישער הילף־אַרבעט. אין „דזשוינט" האָט ער פֿאַרנומען אַ גאַר בכבודיקע פּאָזיציע. זיינע רעדעס פֿלעגן אויפֿשטורעמען דעם עולם, און אַריינברענגען — לויט די דאַמאָלסדיקע השגות — ריזיקע סומען. אַ צייט איז ער געווען אונטער דער השפּעה פֿון דר. שמריהו לעווין, אָבער ער האָט ליב געהאַט צו גיין זיין אייגענעם וועג און איז אָפּט פֿאַרבליבן צוריקגעצויגן פֿון זיינע חברים און מיטקעמפֿער.

ווען לואי ד. בראַנדייס איז געוואָרן אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַ שטאַרקער קעמפֿער פֿאַרן אידישן קאָנגרעס, האָט עס די „יאהודים" נישט געשמעקט. אין יענער צייט האָט מאַגנעס אַטאַקירט אין דער פּרעסע בראַנדייס׳ן הלמאַי אַ ריכטער פֿון „העכסטן געריכט" מישט זיך אין אידישע ענינים, וועגן וועלכע ס׳זיינען דאָ חלוקי דעות. אומדירעקט האָט דאָס געווירקט אַז בראַנדייס זאָל אָפֿיציעל זיך צוריקציען פֿון ציוניסטישער פֿירערשאַפֿט, הגם ער האָט אָנגעהאַלטן זיין אינטערעס אין ציוניזם און ארץ ישראל.

ער האָט צום סוף פֿאַרלאָזט אַמעריקע, אַוועק קיין ארץ ישראל, אַ צייט געווען פֿאַרטרעטער פֿון „הדסה" און שפּעטער זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן צום העברייאישן אוניווערסיטעט — פֿאַר וועלכן ער האָט גאָר גרויסע פֿאַר־דינסטן — אָבער אויך דאָ איז ער נישט געווען צו פּאָפּולער.

ער איז געווען אַ רודף שלומניק. ער האָט געשטרעבט אַז אידן און אַראַבער זאָלן צווישן זיך דורכקומען. צו דעם צוועק האָט ער געגרינדעט אַן ענגן קרייז מיטן נאָמען „איחוד". די סטודענטן האָבן נישט געהאַלטן פֿון זיינע שלום־אידייען, זיי זיינען געווען טעטיק אין „הגנה" און אָפּט האָבן זיי דעמאָנסטרירט קעגן דר. מאַגנעס און זיין גרופּע וועלכע פֿלעגן קריטיקירן דעם ישוב, דעם ועד הלאומי און די ציוניסטישע פֿירערשאַפֿט.

סוף 1926, ווען איך בין געווען אויף מיין ערשטן באַזוך אין ארץ ישראל, האָט מיך דר. מאַגנעס איינגעלאַדן איך זאָל מיט אים פֿאַרברענגען אַ שבת נאָכמיטיק אין תל אביב. מיר האָבן אַ פּאָר שעה געשמועסט.

איך האָב דערזען אַן אַנדער דר. מאַגנעס! ער האָט געטראָגן אַ האַרץ אויפן קרן קיימת, אויף דער הסתדרות, אויף דער ציוניסטישער פירערשאַפט. און אַלע זיינע טענות זיינען געקומען פון איין מקור — זיין זוכן צו שאַפן אַ דערנענטער צווישן ישראל און ישמעאל. האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: ווי געשיקט זיך עס, דר. מאַגנעס, וואָס איר — וועלכער האָט זיך אַזוי וואַרעם באַצויגן צו דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק — זאָלט זיין אַזוי קריטיש צו דער הסתדרות? האָט ער מיר געענטפערט, ווייל מען באַגייט עוולות קעגן אַראַבישע אַרבעטער, מ׳זאָרגט נישט, אַז דער לוין זאָל זיין דער זעלבי־קער און „כבוש עבודה" מיינט אָפט באַרויבן ברויט פון אַראַבישן פּועל. און דאָ האָט ער גענומען קריטיקירן דעם פּונקט אין די סטאַטוטן פון נאַ־ציאָנאַל־פאָנד, אַז דער באָדן געהערט דעם אידישן פאָלק.

ער איז געוואָרן אַביסל אויפגערעגט ווען איך האָב אים געפרעגט וויפל אַראַבער האָט ער — און זיין „איחוד" — געוואונען פאַרן שלום. ער האָט מיר געענטפערט, אַז אידן מוזן תמיד האַלטן אַ ברודערלעכע האַנט אויס־געשטרעקט, ביז די אייז וועט זיך אַ ריר טאָן. ער פּרובירט דאָס טאָן מיט אַראַבישע סטודענטן אין אוניווערסיטעט. „געלינגט עס אייך?" האָב איך אים אַ פרעג געטאָן. האָט ער ערלעך צוגעגעבן: „זייער ווייניק, אָבער איך האָב די האָפנונג נישט אויפגעגעבן".

מאַגנעס איז אין זיינע לעצטע יאָרן געווען שטאַרק אַנטוישט פון די ענגלענדער, פון די אירגון אַטאַקעס, פון די אַראַבישע אומרוען. ער האָט געלעבט מיט זיך, ער איז געווען פאַרביטערט, און ער איז נישט געוואָרן אויפגעהויטערט ווען מדינת ישראל איז געבוירן געוואָרן.

דר. מאַגנעס איז אָפט געווען פּאָליטיש נאַאיוו. ער האָט געדענקט, אַז ער איז ביכולת לענקען דעם גאַנג פון לעבן מיט זיינע אידייען פון שלום, פּאַציפיזם, מאָראַל.

ער האָט ליב געהאַט ארץ ישראל, און איז פאַרליבט געווען אין ירושלים, ער האָט געלערנט אין זיין פרייער צייט און געפּרואווט צו פאַרגעסן דאָס אַרומיקע. צווישן זיינע פילע באַקאַנטע איז ער אַ פאַראיינזאַמטער געשטאָרבן.

אַ סימפּאַטישע, ליבע פּערזענלעכקייט, אַ בעל חלומות — אין זיין וועלט פון אידייען און טרוימען, נישט געקוקט אויף זיין קאַלירפולן און אינטערע־סאַנטן לעבנס־שפאַן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט הן ביחידות הן בציבור.

דר. נחמן סירקין

דר. נחמן סירקין פאַרנעמט אַ פּראָמינענטן אָרט אין דער געשיכטע פון ציוניזם און אַרבעטער־ציוניזם. ער איז געווען אַ געמיש פון אינטעלעקט און עמאָציע, אַ שטורמישע נאַטור, אַ רעבעלירנדיקער גייסט. שוין אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך אָנגענומען פאַרן אידישן כבוד, און מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון גימנאַזיע. ער האָט אויך פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע.

ער האָט דורכגעמאַכט וואָגל און נע ונד: רוסלאַנד, לאָנדאָן, בערלין. ער האָט שטודירט חכמת ישראל, פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. גאַנץ אָפּט געהונגערט און געליטן. ער איז געווען אויסגעבונדן אין דער אידישער געשיכטע. אין מערב אייראָפּע האָט ער זיך צוגעקוקט צו די אידישע אַסימילאַטאָרן, וואָס אין זייער יום טוב׳דיקן דאַווענען זאָגן זיי — לויט זיין קלאַסיש וואָרט — „אתה מאסתנו״ אַנשטאָט „אתה בחרתנו״. ער איז געוואָרן זייער ביטערער קעגנער. זיין אַמביציע איז געווען אָנצו־שרייבן די געשיכטע פון אידישן פאָלק, אָבער לײדער האָט אים דער טויט פּריצייטיק צוגענומען.

דר. סירקין פלעגט זיך פאַרטיפן אין תנ״ך, אין „מורה נבוכים״, גע־פאָרשט אַלטע ספרים, אָבער אין זיין מהות איז ער געווען און פאַרבליבן אַן אַגנאָסטיקער. ער האָט געהאַסט צבועקעס. זיינע רעדעס פלעגן בליצן מיט אָריגינעלע געדאַנקען, זיינע געדרוקטע פּלעטאָנען — בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פּאָלעמישער שאַרפקייט. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפער פאַרן אמת, און אָפּט זיך אַמפּערן און איינרייסן מיט פרעמדע און אַפילו מיט אייגענע.

דר. הערצל מיט זיין וויזיאָנערישקייט האָט אים פאַרכאַפּט, אָבער שוין דאַמאָלט האָט ער געזוכט אַ וועג ווי צו פאַרבינדן דעם ציוניזם און סאָציאַ־ליזם און שאַפן אַ סינטעז פון זיי ביידע. ער פלעגט אָפּט טענה׳ן: „איך בין אַ ציוניסט צווישן סאָציאַליסטן, און אַ סאָציאַליסט צווישן ציוניסטן״. ער איז געווען אַ געוויסע צייט אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט און האָט שאַרף קריטיקירט די ציוניסטן. זיין אַרטיקל „ציונים, אין האַאַג אַריין״ האָט ניט ווייניק וויטיק און עגמת נפש פאַרשאַפט צו זיינע חסידים און אָנהענגער.

ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל — סוף 1908 — דערזען, האָב איך ניט געקאָנט פאַרבאָרגן מיין איבעראַשונג. ער האָט פיזיש אויסגעזען ענלעך צו מיין פאָטער.

אין 1909, אַ קורצע צייט נאָך דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען צווישן די פּועלי ציוניסטן, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און זשיטלאָווסקיאַנער צו פאַראייניקן זיך אין איין פּאַרטיי. ס׳האָט זיך פאָרמירט אַ קאָמיטעט מיט דר. סירקין, א. גאָלדבערג, א. ש.

וואַלדשטיין, מאיר בראַון, דר. ישראל אַפּלבוים, דר. זשיטלאָווסקי און דר. עלסבערג. עס זיינען געווען אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנטע זיצונגען, ביי וועלכע דר. סירקין פלעגט אָפט אויפטרעטן, און תמיד טרעפן אין פינטל אַריין.

די פאַרייניקונג איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ, סעפּטעמבער, 1909. פון דאַן אָן איז דר. סירקין געוואָרן איינער פון די פאַרדינסטפולע פּועלי ציון פירער.

ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און האָט זיך געפרייט ווען עס איז געעפנט געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם פון היטלעך אין ניו־יאָרק. ער פלעגט די קראָם אָפט באַזוכן און אַלע מאָל געוואָלט וויסן ווי גייט עס.

אין 1919 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס ביי די שלום־פאַרהאַנדלונגען אין ווערסיי, וואו ער האָט מיט שטאָלץ און כבוד פאַרטיידיקט די אידיש נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דעם זעלביקן יאָר איז ער געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט חיים פיינמאַן און פאַרטרעטער פון אַנדערע לענדער אין אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די עקאָנאָמישע אוןווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן אין ארץ ישראל. ער איז דאָרט באַליבט געוואָרן און געהאָלפן לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

סירקין האָט געהאַט דעם אומרואיקן טעמפּעראַמענט פון אַ בונטאַר; דער ציוניזם איז פאַר אים געווען די גרויסע רעוואָלוציע אין אידישן לעבן. עטלעכע מאָל נאָך דער „באַלפור דעקלאַראַציע" איז מיר אויסגעקומען מיט אים צו באַזוכן געוויסע שטעט. איין מאָל, פאָרנדיק מיט אים אין באַן, אויפן וועג קיין ברידזשפּאָרט, זאָג איך צו אים אין שפּאַס: „ווי גוט עס וואָלט געווען ווען אונזער רעגירונג איז גוזר אויף אַמעריקאַנער אידן בייצושטייערן זיך פאַר ארץ ישראל". זאָגט ער: „עס איז שוין גאָר ניט קיין שפּאַס, מען דאַרף אָנהויבן אָן אַגיטאַציע". איך בין איבעראַשט געוואָרן ווען אין זיין עפנטלעכער רעדע יענעם אָוונט האָט ער געפּרואווט צו אַנטוויקלען דעם פּלאַן וועגן אַ אָבליגאַטאָרישן שטייער אויף אחינו בני ישראל און ווי מען מוז באַווירקן אַמעריקע דאָס דורכפירן.

איז עס געווען נאַאיווקייט? שוואונג? נביאות? ווער קען עס וויסן? היינט צו טאָג זעען מיר ווי דער דאָזיקער וויזיאָנערישער פּלאַן איז מקויים געוואָרן אין דער פאָרם פון פינאַנציעלער הילף, וואָס דער היגער אידישער ישוב און די אַמעריקאַנער רעגירונג גיבן מדינת ישראל.

אין יעדן פאַל קאָן מען זאָגן אויף סירקין: „ניבא ולא ידע מהניבא".

הירשע ערענרייך

געקומען איז ער אין אַמעריקע, דוכט זיך, אין 1905, אַ פּועלי־ציון פון דער היים; געטראָפן זיך מיט אים, צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1906, ביי בײַ אונזער צווייטן צוזאַמענפאָר אין באָסטאָן. מיר האָבן דאַן אונטערגעזיג־דיקט מיטן מאַרקסיזם און געגרינדעט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע אין דער פּאַרטיי.

אונז האָט זיך שטאַרק געוואָלט געבן אויסדרוק צום סאָציאַליסטישן כאַ־ראַקטער פון פּועלי־ציון, זיין פּרינציפּיעל מער אויסגעהאַלטן און זיך מער באַהעפטן מיט די אידישע אַרבעטער־מאַסן. אינגיכן האָבן מיר זיך אויסגעע־ניכטערט און פאַרשטאַנען, אַז אין אַמעריקע קאָן מען ניט זיין געבונדן צו דאָגמעס, פריידיקן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און זיך פאַרטיפן אין מאַרקסיזם.

מיר האָבן אָנגעהויבן בעסער צו באַנעמען די היגע ווירקלעכקייט און אומשטענדן, דעם קאַמף און ראָל פון אַמעריקאַנער יוניאָנס. האָבן מיר אָנ־געהויבן פאַרשטיין, אַז אַמעריקאַנער פּועלי־ציון קאָנען ניט גיין אין די וועגן פון זייערע חברים אין רוסלאַנד און פּוילן. מיר האָבן געעפנט ברייט די טירן פאַר יעדן ראַדיקאַל, וואָס וויל זיך פאַרבינדן מיט דער יונגער ציוניס־טישער ריכטונג אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

איז טאַקע מעגלעך געוואָרן אַז ביי די פּועלי־ציון, אין די פאַרמיר־יאָרן, זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן אידישע סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן מכל המינים, וועלכע האָבן אויפגענומען דעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם און ציוניזם ווי זייער נייעם „אני מאמין״. הירש ערענרייך איז געווען אַן עקשנ׳דיקער, ליידנ־שאַפטלעכער קעמפער פאַר פּועלי־ציוניזם, פאַר אידישער דערציאונג און קולטור, פאַר אויסלעבן זיך אין מאַמע־לשון. ער האָט גענוצט אַ פּאָעטישע שפּראַך, געווען אַ גוטער פּאָלעמיקער, אָפט גאַנץ סאַרקאַסטיש.

יאָרן־לאַנג האָט ער ניט געשאָנקען קיין אויפמערק צו ענגליש. פּער־זענלעך איז ער דערצויגן געוואָרן אין דער רוסישער ליטעראַטור, און ווען איך פלעג אים באַזוכן אין דער היים, האָב איך תמיד געפונען אַ ניי רוסיש בוך און זשורנאַל.

ה. ערענרייך איז געווען אַ פאָלקס־אינטעליגענט. דאָס אידישע „קונסט־טעאַטער״ איז געווען זיין ליבלינג. ער איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון אידישע אַרטיסטן, ווי קעסלער, מ. שוואַרץ, זאַץ, ווייזענפריינד (פּאָול מיוני), בן עמי, אַבראַמאָוויץ, בערטאַ גערסטין וכד׳. אַן אמת׳ער טעאַטראַל געווען! ער האָט אויך אַרויסגעוויזן וואַרעמקייט און אינטערעס פאַרן פאַרבאַנד, אידישן

לערער־סעמינאַר און אידישע פאָלקס־שולן. אָבער דער אינהאַלט פון זיין לעבן איז געווען די פועלי־ציון־פּאַרטיי.

יאָרן־לאַנג איז ער געווען דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון פועלי־ציון. מיר האָבן זיך כמעט טאָג־טעגלעך געטראָפן און געוואָרן מיטגעריסן מיט די טעטיקייטן פון דער יונגער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין קאַמף פאַרן ערשטן אידישן קאָנגרעס, אין די פייערונגען פון דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע, אין דער אַרבעט פון אַרויסגעבן די פועלי־ציון טאָג־צייטונג „די צייט" וכד'. די פועלי־ציון און פאַרבאַנד האָבן האַרמאָניש און חבריש צוזאַ־מענגעאַרבעט און געוואונען איינפלוס און פרעסטיזש.

דאָס לעבן פון אַ פועלי־ציון־סעקרעטאַר איז ניט געווען לייכט, ניט מאַטעריעל, ניט אָרגאַניזאַטאָריש. ערענרייך פלעגט זיך חדשים־לאַנג אַרומ־שלעפּן איבער אַמעריקע, געמוטשעט זיך אויף זיינע נסיעות, אָפט ניט דער־שלאָפן; געהאַט דאגות און עגמת נפש. ער איז געווען אַן עמפּינדלעכער, אימ־פּולסיווער מענטש און אָפט פלעגט ער מיט וויטיק זיך אויסשרייען. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון אַ דערדריקנדיקן געמיט. געזונט האָט אים די אַרבעט ניט צוגעגעבן.

ווי שווער דאָס איז אים ניט אויסגעקומען, האָט ער דאָך אויסגעפירט, אַז זיינע צוויי זין זאָלן קריגן אַ דערציאונג אין ארץ־ישראל. דאָס האָט גע־מיינט יאָרן־לאַנג זיין אָפּגעריסן פון דער משפחה. ער האָט גערן געטראָגן די לאַסט.

לעצטנס איז ער געווען דער לייטער פון קרן קימת אַרבעטער־אָפּטייל. דאָס איז געווען די קרוין פון זיין לעבן. מיט ליבע און אויסערגעוויינלעכער איבער־געגעבנקייט האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין נייעם אַמט. דער אַרבעטער־דעפּאַרטמענט האָט אים פיל צו פאַרדאַנקען פאַר די באמת גרויסע רעזול־טאַטן פון נאַציאָנאַל־פאָנד אין אונזער באַוועגונג.

ביזן לעצטן יאָר האָט ער שווער געאַרבעט, שוין זייענדיק אַן ערנסט קראַנקער מענטש. ניטאָ היינט צופיל געטרייע פירער, וואָס זאָלן מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון זייערע נשמות אַזוי דינען ווי הירש ערענרייך האָט דאָס געטאָן.

הירשע ערענרייך איז געווען איינער פון אונזערע ראשונים. זאָל ליכטיקן זיין זכרון אין אונזער געדעכעניש!

פנחס רוטענבערג

ער איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע אין שפּעטן פרילינג פון 1915. פאַר זיין אָנקום האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען צווישן ראַדיקאַלע און אַרבעטער קרייזן, אַז אַ וויכטיקע אידיש־רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּער־זענלעכקייט וועט באַזוכן די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער ניט אין די אינטערעסן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאָר ווי איינער וואָס האָט זיך באַקערט צום קאַמף פאַר ארץ ישראל און אידישע נאַציאָנאַלע רעכט. מען האָט אויך איבערגעגעבן מפּה לאוזן אַז ער האָט אויפגעהאַנגען מיט די אייגענע הענט דעם גלח גאַפּאָן, וואָס האָט אין 1905 אָנגעפירט מיט אַ רעוואָלוציאָנערן מאַסן־מאַרש אין פּעטערסבורג, וואו עס זיינען געפאַלן מע־רערע קרבנות. שפּעטער האָט זיך גאַפּאָן אַרויסגעוויזן ווי אַן אַגענט פון דער צאַרישער רעגירונג. רוטענבערג האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן די ענינים.

מיר האָבן געהאַט די ערשטע באַגעגעניש מיט אים אַ קורצע צייט נאָך זיין אָנקום. פאַר אונז איז געשטאַנען אַ פעסט געבויטער מאַן, מיט אַ ניט־אידישן פּנים און מיט קלוגע אויגן. ער האָט גערעדט אין אָפּגעהאַקטע זאַצן, אָפט מיט רמזים און אין אַ סודות׳דיקן טאָן. עס איז געווען אַ מין ווידוי פון אַ אידיש־רוסישן רעוואָלוציאָנער, וואָס וויל איצט אָפּגעבן זיין גאַנצע צייט און ענערגיע צום אידישן פאָלק. ער האָט אויך דערציילט, אַז אין 1914 האָט ער געגרינדעט אין שווייץ אַ קאָמיטעט פאַר אידישע רעכט. זיין אידיש איז געווען שווער, נישט געהובליעוועט. רוסיש איז געווען זיין מוטער שפּראַך. ער האָט אָנגעשריבן אַ קורצע בראָשור, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ דער געראַנגל פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַ גייס־טיקע איבערקערעניש. ער האָט געניצט דעם אויסדרוק „איך פאַל כורעים פאַרן אידישן מאַרטירער פאָלק", ער האָט געזען אין דער מלחמה אַ מעגלעכ־קייט פאַרן ציוניזם און ארץ ישראל.

אין די אידישע אַרבעטער קרייזן, וואָס זיינען דאַן געווען ווייט פון נאַציאָנאַליזם און ארץ ישראל געדאַנק, האָט די אַ באַגעגעניש אויפגערודערט מערערע, אָבער ניט פילע באַקערט.

אַ פּאָר יאָר איז ער פאַרבליבן אין אַמעריקע, און האָט זיך שטאַרק דערנענטערט צו פּועלי ציון. ער איז געוואָרן אַ גרויסער אָנהענגער פון דעם אידישן קאָנגרעס געדאַנק און, שפּעטער, פון לעגיאָן. ער האָט פּאַקטיש אַליין געשאַפן די מיטלען פאַרן אָרגאַן „דער אידישער קאָנגרעס", וואָס אונזער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין 1916. ער פלעגט באַזוכן אַ צאָל שטעט און פאָדערן פון יחידים גרעסערע סכומים, וואָס אידן זיינען נאָך ניט געוואוינט געוואָרן צו געבן. ער האָט אָנטייל גענומען אין פאָלקס־הילף,

און איז אויף איינער פון די קאָנפערענצן אויפגעטראָטן זייער שאַרף קעגן מאיר לאָנדאָן, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון אידיש־נאַציאָנאַלע האָפנונגען און קאַמף פאַר ארץ ישראל. רוטענבערג׳ס ענטפער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, ניט בלויז אויף אונז, נאָר אויך אויף יענע, וואָס זיינען ניט געווען צו פריינטלעך צו אונז. ער איז געווען אַ מענטש פון באַלדיקע מעשים און האָט ניט געקאָנט דולדן אַ פּאַמעלעכע אַרבעט.

איך בין דאַן געווען סעקרעטאַר פון ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר דער קאָנגרעס באַוועגונג, און האָב געהאַט די געלעגנהייט מיט אים זיך זייער אָפט באַגעגענען. איינמאָל, בעת מיר, אַ גרופּע חברים, זיינען געזעסן אין אַ רעסטאָראַן, מיט רוטענבערג׳ן איז אָנגעקומען די נייס, אַז ירושלים איז איינגענומען געוואָרן פון גענעראַל אַלענבי׳ס אַרמיי. עס איז געווען אַ טאָג פון פרייד און טיפן איבערלעב.

אין רוסלאַנד איז געפאַלן די רוסישע רעגירונג. קערענסקי איז געוואָרן פּרעמיער. מיטאַמאָל גיט רוטענבערג אַ זאָג: „אין אַזאַ צייט קאָן מעגלעך פאַרקומען אַ באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, אָבער עס איז דאָ איין מענטש וואָס קאָן דאָס דורכפירן. עס איז אַ גליק וואָס ער איז נאָך ניט אין רוסלאַנד — זיין נאָמען איז ניקאָלאַי לענין“.

פּלוצים איז רוטענבערג פאַרשוואונדן געוואָרן פון אַמעריקע. אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן מיר געהערט, אַז ער געפינט זיך אין פּעטערסבורג, וואו ער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אַמט פון „גראַדאָ נאַטשאַלניק“, אָבער ער איז געווען אַ צו אומרואיקער געמיט ער זאָל זיין מסוגל צו בלייבן לאַנג אויף איין אָרט. האָבן מיר טאַקע געהערט, אַז ער איז אין איטאַליע, וואו ער דערגאַנצט זיין בילדונג ווי אַן אינזשינער. ער האָט זיך אָנגעהויבן באַ־שעפטיקן מיט עלעקטראָ־טעכנישע ענינים. מיט אַמאָל איז ער עולה קיין ארץ ישראל, גרינדט — מיט דער הילף פון דר. חיים ווייצמאַן, אַלפרעד מאָנד, וכד. — אַ געזעלשאַפט וואָס איר ציל איז צו עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד.

מען האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו אים מיט גרויס דרך ארץ. דוכט זיך, אַז ער איז אַ צייט געווען אויך פירער פון „ועד לאומי“. זיינע מעטאָדן און רעוואָלוציאָנערע דערציאונג האָבן זיך אָבער ניט אַריינגעפּאַסט אין זיינע טעטיקייטן. די עלעקטרישע געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן דערפאָלגרייך זיך צו אַנטוויקלען. ער פלעגט אָפט קומען אין קאָנטאַקט מיט די באַאַמטע פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, פאַר וועלכער ער האָט ניט אַרויסגעוויזן צופיל אָפּשיי. אין צווישן־צייט האָט ער עטלעכע מאָל באַזוכט אייראָפּאַ, געווען אויך אין אַמעריקע, דאָס מאָל, ווי אַ גרויסער אינדוסטריאַליסט.

סוף 1926, האָב איך פאַרבראַכט אין ארץ ישראל דריי חדשים. איך האָב זייער שטאַרק געוואָלט באַגעגענען זיך מיט אים, אָבער ער איז דאַן געווען אין אויסלאַנד. אַ צוויי טעג פאַר מיין אָפּפאָר, האָב איך געלייענט

אין דער פּרעסע, אַז ער איז שוין דאָ צוריק. אין זיין ביוראָ אין תל אביב, האָב איך אים נישט געטראָפן. אָבער אַרויסגייענדיק פון הויף, דערזע איך מיטאַמאָל אַ גרויסן אויטאָמאָביל אַריינפאָרנדיק; איך גיב אַ קוק: אַ באַקאַנט פּנים! איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט און צוגעגאַנגען. מיר האָבןביידע אויסגעשריען, איך — „רוטענבערג", און ער — „בראַון". איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל אים זען. האָט ער געמאַכט פאַר מיר אַ באַשטימונג אַרום עלף ביינאַכט אין זיין ביוראָ. איך בין געקומען פּונקט צו צייט. מיר האָבן פאַרבראַכט ביז זעקס פאַרטאָג.

ער האָט געוואָלט וויסן מער וועגן אַמעריקע, וועגן אונזער באַוועגונג, ציוניזם, אינטערעס פאַר ארץ ישראל. ער האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט אויף פילע חברים און פריינט. איך האָב אים אַלץ איבערגעגעבן, און דערציילט וועגן מיינע דריי חדשים פאַרבראַכט אין ארץ ישראל און וועגן מיינע אויספאָרשונגען פון דער אַרבעטער ווירטשאַפט און מעגלעכער גרינדונג פון דער אַרבעטער פאַרזיכער געזעלשאַפט „הסנה". גיט ער מיטאַמאָל אַ זאָג: „די לאַגע איז איצט אַ שווערע אין לאַנד. מערערע אַרבעטער זיינען אַר־בעטסלאָז און קריגן סיוע (הילף) פון 25 און 50 פּיאַסטער אַ וואָך, אָבער זיי האָבן נאָך די „קאָנצעפּציע פון קובעליק". איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. איך האָב געוואוסט, אַז דער פּאָפּולערער קינסטלער קובעליק האָט דאַן באַרייזט ארץ ישראל און געהאַט שטאַרק באַזוכטע קאָנצערטן. דערקלערט מיר רוטענבערג: „ווי איז דאָס מעגלעך אַז אין אַזאַ צייט זאָלן אידישע אַרבעטער הונגערן און דאָך אויסגעבן די לעצטע פאַר פּיאַסטער אויף אַ קאָנצערט פון קובעליק? דאָס טאָר ניט זיין! קאָנצערטן וועלן זיי קאָנען באַזוכן ווען זייער מאַטעריעלע לאַגע וועט ווערן בעסער".

ער איז געווען אַ פריינט פון הסתדרות אָבער געהאַט מיט איר מיינונגס פאַרשידנהייטן. ער האָט געהאַלטן אויך, אַז די נאַציאָנאַלע אינטערעסן דאַרפן שטיין העכער פון פאַרטיי אינטערעסן. איך האָב אים אַ פרעג געטאָן וועגן זיין עלעקטרישער געזעלשאַפט. פירט ער מיך צו צו אַן ארץ ישראל בראַנ־זענער מאַפּע און זאָגט צו מיר: „מיין סטאַנציע גיט איצט אַרויס זיבן טויזנט עלעקטרישע פערד קראַפט. גאַר אינגיכן וועט זיין מעגלעך צו פּראָדוצירן פופציק טויזנט, אָבער עס איז נויטיק אַ גרעסערע אינדוסטריע, אַ טיפערער אינטערעס פון אַמעריקאַנער אידן פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד. אויב מיר ווילן זען אַ געזונטערע עקאָנאָמיק דאָ. זאָגט די אַמעריקאַנער אידן אין מיין נאָמען, אַז זיי טאָרן זיך ניט באַגנוגענען מיט מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אַפּלאָדיסמענטן פאַר ארץ ישראל און בראַוואָ געשרייען פאַר רעדנער. זאָלן זיי אינוועסטירן געלט און קומען קיין ארץ ישראל. מיר דאַרפן זיי האָבן, באַזונדערס פאַכלייט". עס איז געווען פאַר מיר אַ נאַכט פון טיפער איבער־לעבונג.

איך האָב דערזען אַן אַנדער רוטענבערג, אַן אַנטשלאָסענעם, אָבער גלייכצייטיק אַן אומצופרידענעם מיט דער ציוניסטישער פירערשאַפט פון יענער צייט.

פנחס רוטענבערג האָט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונזער אויפבוי־ווערק. זיין עלעקטרישע געזעלשאַפט איז היינט איינע פון די וויכטיקסטע אין לאַנד. אַ מערקווירדיקער גלגול פון אַ רעוואָלוציאָנער — בעל חלומות און רעאַליסט. ער האָט געפונען זיין תיקון אין ארץ ישראל!

דוד רמז

איד — אַ פּיקח געווען און אַ תּלמיד חכם.
דעם ערשטן מאָל זיך מיט אים געטראָפן אין 1926. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין אַ וויכטיקער שליחות פון ועד הפּועל און דער הסתדרות. די אַמעריקאַנער אידן האָבן נאָך דאַן ניט גע׳חלומ׳ט וועגן גרויסע סכומים פאַר אונזער אויפבוי-אַרבעט. דער קרן-היסוד האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסטרעטן פאַר זיך אַ וועג. ער איז אויפגעטראָטן אויף אַ קאָנפערענץ פון ציוניסטן מיט אַ גראַנדיעזן פּלאַן צו שאַפן מיליאָנען און געוואונען פילע פריינט, צווישן וועלכע ס׳איז געווען בערנאַרד ראָזנבלאַט. אָבער ווייניק איז געווען די צאָל פאַרמעגלעכע אידן, וואָס האָבן געהאַט אָפענע אויערן, שוואונג און וויזיע פאַר אַ גרויס-צוגיקער ארץ ישראל טעטיקייט. בלויז שמואל אונטערמייער איז געוואונען געוואָרן פאַרן פאַלקס-פאָנד. די ציוניסטישע פאָנדן האָבן זיך נאָך אַלץ געשטיצט אויף „עמך״.

דוד רמז איז געווען אי אַ טרוימער, אי אַ רעאַליסט. אַחוץ זיין נאָך וויכטיקע שליחות, איז ער אויך געווען פאַראינטערעסירט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, פּועלי ציון, „פאַרבאַנד״, פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, — וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן צו שטעלן אירע ערשטע טריט. באַגריסנדיק דעם 10טן צוזאַמענפאָר פון „פאַרבאַנד״, האָט ער געמונטערט מ׳זאָל גרינדן אַן אַרבעטער פאַרזיכער-געזעלשאַפט אין ארץ ישראל. דער צוזאַמענפאָר האָט אַזוי אַרום מיך דעלעגירט אויסצופאָרשן די דאָרטיקע מעגלעכקייטן פאַר אַזאַ געזעלשאַפט.

די דריי לעצטע חדשים פון 1926 האָב איך פאַרבראַכט אין ארץ ישראל, געקריגן חברשע הילף פון רמז, אליעזר קאַפּלאַן, א. מונטשיק, וכד׳. איך האָב זיך באַקאָנט גענויער מיט די אַרבעטער-אינסטיטוציעס, מיטן עקאָנאָמישן מצב פון לאַנד, מיטן אַרבעטס-לוין, און מיט דער שטעלונג פון דער מאַנדאַטן-מאַכט לגבי דער הסתדרות. די לאַגע איז דאַן געווען אַ ביטערע, פילע תּושבים האָבן פּשוט ניט געהאַט אויף חיונה. מען האָט געשטיצט די אַרבעטסלאָזע מיט לעכערלעכע סומען, אָבער די ארץ ישראלדיקע האָבן געהאַלטן, אַז די קאָניוקטור וועט זיך בייטן לטובה. דוד רמז איז געווען איינער פון די אַ מאמינים.

אין מערערע שמועסן מיט אים, האָב איך ניט פאַרבאָרגן די שוועריקייטן וואָס אַזאַ פאַרזיכער-געזעלשאַפט וועט האָבן אין די ערשטע יאָרן. אָבער איך האָב רעקאָמענדירט אַ גענויעם פּלאַן, בתנאי די הסתדרות זאָל זיין באמת פאַראינטערעסירט אין דעמדאָזיקן אונטערנעם. רמז האָט גערופן אַ ספּעציעלע זיצונג פון ועד-הפּועל, מיטן אָנטייל, צווישן אַנדערע, פון חבר א. קאַפּלאַן, חבר ברודנאַי, מנהל פון בנק הפּועלים, מונטשיק, וכד׳. ער האָט

אַרויסגעוויזן וויזיע און געהאַלטן, אַז אין דער איצטיקער ביטערער צייט וועט „הסנה״ — אַזוי האָט מען באַשלאָסן צו רופן די געזעלשאַפט — מיט דער הילף פון פאַרבאַנד סטימולירן די אידישע אַרבעטער ווירטשאַפט פון לאַנד.

רמז האָט זיינע פאַרדינסטן פאַר „הסנה״. ער האָט געהאַט זיינע שווערע טעג באַזונדערס מיט „סולל בונה״. אַ צייט איז ער געבליבן אָן אַן אַמט, ביז ער איז געוואָרן לייטער פון ועד הפועל ביי דער הסתדרות. איך פלעג זיך מיט אים באַגעגענען אין די מלחמה יאָרן פון 1939 ביז 1941. ער פלעגט אָפט טענה׳ן, אַז „מיר לעבן אויף געבאָרגטער צייט״. נישט איינמאָל איז ער געווען פעסימיסטיש געשטימט. ער איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט, אָבער ער האָט נאָך זוכה געווען צו חתמענען זיין נאָמען אויף דער מגילה פון עצמאות ישראל און זיין איינער פון די מיניסטאָרן פון דעם ערשטן קאַבינעט פון מדינת ישראל.

וועלוול שוואַרץ

מען האָט אים זעלטן גערופן מיט זיין פולן נאָמען, וועלוול שוואַרץ. „וועלוול" איז ער געווען פאַר פילע פון אונז.

ער איז אַוועק פון דער וועלט אין 1932, פלוצלונג, — אַ האַרץ־אַטאַקע. אַ סך פון די ניי־צוגעקומענע חברים האָבן אים אינגאַנצן ניט געקענט. אָבער צו די ראשונים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך אין ליטעראַרישע און אַרבעטער־קרייזן, איז ער געווען גוט באַקאַנט.

וועלוול איז ניט געווען קיין רעדנער, ניט קיין שרייבער; דאָך איז ער געווען אָנזעעוודיק. מיט אים האָבן זיך גע׳חבר׳ט דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער גרויסער שניידער־יוניאָן, דוד דובינסקי; אַזאַ פיין־שמעקער און ליטעראַט ווי דר. קאַראַלניק; צו אים האָבן זיך צוגעהערט דר. נ. סירקין, ב. באָראָכאָוו, דר. חיים זשיטלאָווסקי, ל. כאַזאַנאָוויטש, י. זאר און אַנדערע פירער פון פּועלי־ציון און נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

אין וואָס איז באַשטאַנען זיין כח און איינפלוס? ער האָט געהאַט אַ שאַרפע צונג; ער פלעגט ניט מורא האָבן אויפטרעטן קעגן „גדולים", ווען ער האָט געפילט, אַז זיי זיינען ניט גערעכט. און אָפט האָט אַ „גדול" צוגעגעבן: „וועלוול, איר זייט גערעכט!"

ער איז געווען דער געוויסן, קעמפער און ריטער פון אַמעריקאַנער פּועלי־ציוניזם. ער האָט געהאַט אַ געפיל פאַר יושר. קליין געוואוקסיק, פעסט געבויט, האָט ער גראָד געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קרעפקן מענטשן. ער איז געווען אַן אמת׳ער פּראָלעטאַריער, אַ צושניידער אין זיין פאַך, אַ טוער אין זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

אין אים איז געווען אַן איינגעבאָרענער דרך ארץ פאַר תלמידי חכמים, צו אידן פון גייסט און שעפערישקייט; אָבער ער פלעגט ניט פאַלן „כורעים" פאַר זיי.

אַ שטאָלצער איד געווען, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּשוט׳ן פאָלקס־מענטש, אָבער וואָס־וואָס, אַן עם־הארץ איז ער ניט געווען. ער האָט פיל געלייענט, און אין ענגע קרייזן פלעגט ער אַרויסזאָגן מיינונגען וועגן אידישער ליטעראַטור, אַרבעטער־ענינים, פּועלי־ציוניזם, צו וועלכע ס׳איז געווען כדאי זיך צוהערן.

ביי זיצונגען פון פּועלי־ציון צענטראַל־קאָמיטעט, ווען ס׳פלעגט ווערן שווער אויפן האַרץ און איניקע חברים זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ געדריק־

טער שטימונג, פלעגט װעלװל׳ס װאָרט, — אָפט מיט אַ ביסל חוצפּה, אָבער תמיד ניכטער, רעאַליסטיש, — לינדערן דאָס געמיט.

ער איז געװען אַ מאמין. קײן אַרבעט איז פאַר אים ניט געװען צו שװער. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אידישן לעגיאָן אין 1917; בין איך מסופּק אויב ער האָט זיך אויסגעטויגט װי אַ סאָלדאַט.

איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין 1908, װען איך בין אַרײַן אין סעקרע־טאַריאַט פון דער פּאַרטײ, און איך פלעג זיך אָפט־אָפט באַגעגענען מיט אים.

אַ צײַט האָב איך אים געלערנט ענגליש. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און שאַרפן זכרון. ער איז געװען געטרײַ און איבערגעגעבן דער באַװעגונג און פלעגט זיך אינטערעסירן מיט יעדן חבר באַזונדער. אַ זעלטענער טיפּ „װעלװל״. צו פרי איז ער אַװעק!

ש. באָנטשעק

א פּאָפּולערער נאָמען, כשר פאַרדינט, צוליב באָנטשעק׳ס מענטשלעכ־קייט, גוט־ברודערשאַפט, ברויזנדיקער ענערגיע, אידעאַליזם און... זיינע וויצן.

איך קען באָנטשעק׳ן אַרום אַכט און פערציק יאָר. ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין 1910 אין ניו־יאָרק, איז פאַר מיר געשטאַנען אַ יונג בחור׳ל. דער ערשטער איינדרוק איז געווען פון אַ נאַאיוון, — און ער וואָלט נאָך צוגעגעבן באַשיידן — אַז ער „ווייסט גאָרניט, פאַרשטייט ווייניק״. אָבער זיינע קלוגע אויגן און באַהאַלטענער שמייכל האָבן פאַר מיר אַנטפּלעקט דעם אַנדערן באָנטשעק. איך האָב דערפילט, אַז ער וועט מיט דער צייט פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין דער באַוועגונג און אין היגן אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ער איז געקומען פון טאָלידאָ, וואו ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ פאַרבאַנד־צווייג. היינט איז ער איינער פון די פירנדיקע חברים.

צענדליקע יאָרן פון צוזאַמענאַרבעט, זכרונות פון די ערשטע צייטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָפענונגען, נצחונות און מפּלות האָבן אונז שטאַרק דערנענטערט. איך האָב אים ליב געקראָגן פאַר זיינע מעלות, פאַרגעבן זיינע חסרונות און... די פעפערדיקע וויצן, פאַר וועלכע ער זוכט תמיד נייע קרבנות. באַזונדערס איז ער מיר נאָך טייערער געוואָרן, ווען איך האָב געלייענט דעם מאַנוסקריפּט פון זיין בוך „ווי ס׳געדענקט זיך״. אַ נאַכט בין איך ניט געשלאָפן. איך האָב דערזען די וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, די מורא׳דיקע נויט, זיין וועג פון פּיין און ליידן. עס האָט זיך אויסגעשיילט פאַר מיר אַ לעבן פון אידישע קינדער אין פּוילן, פון אָרעמע אידישע היימען; פון אַ טאַטן, אַן ערלעכן, אַ פאַנאַטיקער; אַ שטיף־מאַמע, וואָס האָט דורכגעמאַכט ביטערע יאָרן און אָפט אויסגעלאָזט איר ביטערקייט אויף דעם שוואַכן אינגעלע. באָנטשעק׳ן איז געלונגען אין פּשוט׳ער מענטשלעכער שפּראַך איבערגעבן דעם אַ שטילן געראַנגל אויפן וועג צו ווערן אַ בעל מלאכה. ער האָט געררעדט ניט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר צענדליקע טויזנטער ווי ער, דערצויגן אין דחקות און הונגער, און וואָס האָבן דאָך געהאַט די גבורה צו שאַפן די מעכטיקע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג און אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין פּוילן.

באָנטשעק האָט אין זיינע יונגע יאָרן לייכט געקאָנט געשטרויכלט ווערן, זינקען אין אָפּגרונט, און ווערן אַ טייל פון דער אונטערוועלט. ס׳האָט אָבער אַנדערש פּאַסירט; ער איז געוואָרן מיטגעריסן מיט אידעאַלן, וואָס ער האָט

דאַן ניט זייער קלאָר פאַרשטאַנען, אָבער מיט זיין געזונטן אינסטינקט האָט ער דערפילט אַז ער גייט אויף אַן אמת'ן וועג. ער איז געוואָרן אַ פּועלי־ציון, נאָך אין וואַרשע, און דער אָ אידעאַל גיט אים אַ גייסטיקן אינהאַלט, אַ סיפּוק נפש און אָנשפּאַר ביז היינט־צו־טאָג.

באָנטשעק האָט שטאַרק ליב אידיש. לייענט מיט הנאה יעדן נייעם אידישן בוך, אידישע צייטונגען, וואָכנבלעטער. ער איז ניט קיין „אידישיסט", אָבער זיין גאַנצע דערציאונג האָט ער פּאָקטיש געקראָגן אין מאַמע לשון, חוץ זיינע קינדער־יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין חדר און ביי זיין טאַטן.

באָנטשעק איז שטאַרק אויסגעוואָקסן אין אַמעריקע, געוואָרן אַ פּאָלקס־רעדנער. אים ציט כסדר צו דער פּלאַטפאָרם. ער באַ'טעמ'ט זיינע רעדעס מיט אַ וויץ, אַ גלייכווערטל, אַ מעשה'לע. ער איז אַקטיוו די אַלע יאָרן פאַר ארץ־ישראל און פאַר אידישער דערציאונג. אין זיין געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט פאַרגעסט ער אָבער קיינמאָל ניט „עמך", דעם פּשוט'ן מענטשן און חבר. אַ נאָטיץ־ביכעלע מיט אַדרעסן פון באַקאַנטע און פריינט פאַרמאָגט ער. איז עמיצער אין נויט — ווייסט מען שוין, אַז באָנטשעק וועט זיך נעמען צו זיין ביכעלע און אַרויסקוועטשן געלט פאַר אַן אָרעמען שרייבער, אַ חבר אין אַן עת צרה. פאַר מיר דערשיינט ער ווי דער „קליינער באַראָנדעס" מיט זיינע טובות, הילף און אמת'דיקער האַרציקער וואַרעמקייט. באָנטשעק איז אַ גוטער ברודער סיי מיטן פּשוט'ן חבר, סיי מיט פילע פון גדולי ישראל, שרייבער, טוער, פירער.

זיין פּאָפּולאַריטעט האָט ער פאַרדינט מיט זיינע טעטיקייטן לטובת הכלל און לטובת הפרט. וויניק־וויניק פאַרמאָגן מיר ביי אונז ווי די באָנטשעקס. זיין ווערן אַ „גדול" האָט ניט געמינערט זיין פּשטות, זיינע גוטע מידות, זיין האַרציקייט און מענטשלעכקייט.

אַ גאָר זעלטענע מידה פון הכנסת אורחים ווייזט ער אַרויס צוזאַמען מיט זיין ליבע פרוי און חבר'טע — ווער קען עס ניט גנענדל? זייער הויז איז אָפן פאַר געסט פון ישראל און פאַר היגע חברים, פריינט, קינסטלער און שרייבער.

אַ טייערער מענטש, איד און חבר איז ש. באָנטשעק.

דר. הערמאַן זיידעל

דר. הערמאַן זיידעל האָט הינטער זיך אַ לעבן פון שעפערישע מעשים ווי אַ איד, מעדיקער, ציוניסטישער אַרבעטער פירער און וויכטיקער כלל טוער. ער האָט גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער הסתדרות העובדים און אירע ווירטשאַפט אינסטיטוציעס, ווי דער באַנק הפועלים, אַמפּאַל און אויך פאַרן פאַרייניקטן אידישן אַפּיל, ישראל באָנדס, וכד׳.

דר. זיידעל איז קיינמאָל ניט געווען קיין ווינקל־מענטש. אין דעם גרויסן קרייז פון אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, איבערהויפּט אין זיין וואוין־פּלאַץ באַלטימאָר, פאַר איבער פיר און פערציק יאָר, פאַרנעמט ער גאָר אַ חשובן פּלאַץ.

איך האָב זיך מיט אים באַקענט צום ערשטן מאָל אין דעצעמבער, 1905 אין באַלטימאָר, אויף דעם ערשטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון די דאַן געגרו־פענע „פועלי ציון פאַלעסטינצעס". יענע קליינע צאָל דעלעגאַטן זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן פון אַ צאָל שטעט, ליידנשאַפטלעך איבערגעגעבן זייער איבערצייגונג, אַז ארץ ישראל איז דער איינציקער ענטפער אויף אידישער נאַציאָנאַלער היימלאָזיקייט. זיי זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי ראָמאַנטיקער פון זייערע נעכטיקע חברים, די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן מיט וועלכע זיי האָבן זיך טראַגיש צעשיידט צוליב דעם טעריטאָריאַליזם, וואָס האָט געזוכט ערגעץ וואו פאַרן אידישן פאָלק אַ טעריטאָריע. די פועלי ציון האָבן געשפּירט מיט אַלע זייערע חושים אַז ארץ ישראל איז דער איינציקער טערי־טאָריאַלער ענטפער און אַז דער היסטאָרישער בונד פון עם ישראל מיט ארץ ישראל וועט פון דאָס ניי אַרויסרופן אין אידישן לעבן גרויסע כחות און נייע שעפערישע ווערטן.

איך בין געווען דער איינגסטער דעלעגאַט. ס׳האָט געהאַלטן אַז איך זאָל שיעור פאַרפעלן יענע היסטאָרישע פאַרזאַמלונג. איך בין דאַן געווען באַ־שעפטיקט אין אַ גרויסער כעמישער פאַבריק, און איך וואָלט פאַרלאָרן מיין שטעלע ווען איך קום ניט צו דער אַרבעט. גיי דערצייל די „גוים" אַז אַ בחורל וויל פאָרן צו אַ צוזאַמענפאָר פון פועלי ציון! אַ חבר האָט מיך געראַטעוועט. ער האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע אַז איך מוז צוליב דרינגענדיקע פאַמיליען סיבות קומען קיין באַלטימאָר. דאָרט האָב איך געטראָפן משה גודמאַן, י. עדעלשטיין, דר. י. קאַפּעלאָוויץ, י. ראַזאָווסקי און אַנדערע, צו וועלכע די יונגערע דעלעגאַטן האָבן אַרויפגעקוקט מיט דרך ארץ און פאַר־טרויען. צווישן זיי האָב איך באַמערקט הערמאַן זיידעל ביי דער אַרבעט, ווי אַ חבר מיט אַ ניכטערן בליק, קלאָרן מח און גרענעצלאָזער אמונה אין ארץ ישראל.

חבר זיידעל האָט געבראַכט פון דער אַלטער היים אַ ישיבה־דערציאונג און אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו העברייאיש. האָט ער טאַקע געקעמפט צוזאַמען מיט אַנדערע אַז דער צוזאַמענפאַר זאָל אָנערקענען העברייאיש ווי די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן פאָלק. איינציקע יאָר איז ער געווען אַ העברייאישער לערער און גלייכצייטיק האָט ער שטודירט און דורכגעמאַכט נישט קיין לייכטן וועג ביז ער האָט געענדיקט אַ מעדיצינישע שולע אין באָלטימאָר. ער האָט זיך באַליבט געמאַכט ווי אַ דאָקטאָר און אַ גוזעלשאַפט־לעכער טוער אין זיין שטאָט.

דר. זיידעל גייט צו צו אַן ענין ווי אַ פּראַגמאַטיקער, אָבער ער האָט תמיד דעם מוט פון זיינע אידיאישע איבערצייגונגען, פון זיין אידישער און מענטשלעכער לעבנס־פילאָזאָפיע; ער איז אַ איד, וועמען חכמת היהדות איז נישט פרעמד.

ווען ער איז געוואָרן אַ מנהיג פון דער נאַציאָנאַלער ליגע פאַרן אַרבעטנדן אַרץ ישראל, האָט ער זיין אַרבעט געטאָן מיט איבערצייגונג, אַז דער אַרבעטער ציוניזם מוז זיך אָנשפּאַרן אויף נייע, ליבעראַלע כחות פון הי־געבאָרענע. דאָס וויל ער זען אויך אין די פּועלי ציון רייען. ער רעדט עפנטלעך כמעט תמיד ענגליש, צייטנווייז העברייאיש, זעלטן אידיש, אָבער איך גלויב, אַז ער האָט ניט אַ ביטול־באַציאונג צו מאַמע־לשון.

איך קאָן אונזער חבר זיידעל ווי אַ רעאַליסט מיט אַ ניכטערן בליק, וואָס וויל דערגרייכן דעם רוב מנין ורוב בנין פון די הי־געבוירענע אידן פאַר די אידעאַלן, וואָס זיינען זיין לעבנס־וועג.

לואי ליפסקי

ער איז שוין אַריבער דעם גבול פון „גבורה״, אָבער זיין מח איז נאָך — קיין עין הרע — שאַרף און זיינע געדאַנקען קלאָר. ער ווירקט שוין ווי אַ ציוניסט אין אַמעריקע קרוב צו זעכציק יאָר. ער איז איינער פון די גאָר ווייניקע, וואָס האָבן טיף טעאָרעטיש פאַרשטאַנען דעם זין פון ציוניזם.

ער שטאַמט פון ראָטשעסטער. געבוירן ביי אַן אָרימער משפחה. ער איז אַ מייסטער פון ענגליש און גלענצנדיק אין זיינע באַאָבאַכטונגען. ער האָט זייער ליב געהאַט טעאַטער און דראַמע, און אין אים איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ באַדייטנדיקער ליטעראַטור-פאָרשער און טעאַטער קריטיקער. ער האָט באַאיינפלוסט עטלעכע דורות אַמעריקאַנער. ער פלעגט זייער שאַרף אויפטרעטן קעגן די „יאהודים״. אין דער צייט פון שטרייט צווישן ריכטער בראַנדייס און ווייצמאַן, האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון לעצטן, צו וועלכן ער האָט געהאַט אַ וואַרעמע באַציאונג. ער איז פאַרבליבן זיינער אַ חסיד אַלע זיינע יאָרן און האָט שטענדיק געפּרואווט אויפקלערן פאַר ציוניסטן די וועגן, איינשטעל און ראָלע פון דר. חיים ווייצמאַן.

דר. שמריהו לעווין האָט אים שטאַרק באַאיינפלוסט. ער האָט תמיד אויסגעדריקט אָנערקענונג די פּועלי ציון, וואָס ער האָט באַטראַכט ווי אַ געזונטן שעפערישן עלעמענט אָנגעלאָדן מיט אומרו וועגן גורל פון אידישן פאָלק. ער האָט הנאה געהאַט פון אַ גוטער אידישער רעדע. זיין בוך „געשטאַלטן אין ציוניזם״, פאַרמאָגן יסודות פון אַ קולטור-היסטאָרישן ווערט.

ער איז געווען אַ צאָל יאָרן פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. לעצטנס האָט ער — צוזאַמען מיט אַנדערע — געשאַפן אַ באַזונדערע ליגע.

לואיס ליפסקי האָט אַריינגעשריבן אַ וויכטיק בלאַט אין דער געשיכטע פון אידישן ישוב. ער איז אַ סאָציאַליסט לויט זיינע איבערצייגונגען, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געפּאָרט ציוניזם און סאָציאַליזם. ער וואָלט זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, צו וועלכער ער וואָלט געקאָנט פיל ביישטראָגן און לייסטן.

ווען איך בין געווען דירעקטאָר פון דער „פּאַרזיכער געזעלשאַפט״ „יהודה״ אין ארץ ישראל, פלעג איך אָפט קאָרעספּאָנדירן מיט אים. אין 1934 האָב איך אים באַגריסט צום ערשטן מאָל אין העברייאיש ביים קבלת פּנים, וואָס מ׳האָט איינגעאָרדנט פאַר אים אין תל אביב. ליפסקי ווערט שטאַרק אָפּגעשאַצט אין ישראל ווי אַ וויכטיקער, קאָלירפולער אַמעריקאַנער ציון פירער און איבערגעגעבענער פריינט פון דער הסתדרות.

לואי סיגאַל

אַ באַוועגונג אַרבעט ניט אין אַ חלל. ס׳מוז זיין פאַרוואָרצלט אין לעבן. ס׳מוז האָבן אַ בראשית און אַ שורש. די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט איר אָנהויב אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע. די כמעט 50 יאָר פון דעם אַרבעטער־ציוניזם האָבן געלאָזן זייער ווירקונג אויף צוויי אידישע דורות; האָבן אַרויסגעבראַכט היסטאָרישע ווערטן, וואָס האָבן פיל בייגעטראָגן צום געבורט פון מדינת ישראל און וואָס האָבן געשיכטלעך אָפּגעשאַצט די אידישע נויטן, די אידישע פּראָבלעמען און טיף באַווירקט דעם געדאַנקענגאַנג און די עמאָציעס פון אידישע מאַסן און פון דער אידישער אינטעליגענץ.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט תמיד אָפּעריִרט מיטן באַגריף, אַז ס׳איז דאָ איין אידיש פאָלק, וואָס לעבט אין פאַרשידענע לענדער; אַז דער אידישער אַרבעטער, אין וועלכן לאַנד און סביבה ער זאָל נישט ווירקן, האָט אַ בשותפותדיקן גורל, געמיינשאַפטלעכע אויפגאַבן און אינטערעסן וואו ער זאָל זיך נישט געפינען.

דער אַרבעטער־ציוניזם האָט דערפאַר, פון זיין אַנטשטייאונג ביז היינטצו־טאָג, זיך פאַרמאָסטן אויסצושפּרייטן אין אַלע לענדער, וואו עס זיינען געווען אידישע ישובים; ניט געזשאַלעוועט קיין מי צו דערציען דעם אידישן פאָלקס־מענטש און אַרבעטער; אים דערהויבן קולטורעל; אים מאַכן באַוואוסטזיניק און באַהעפטן מיטן קאַמף פאַר ארץ־ישראל און פאַר אַ פּראָדוקטיוו אידיש לעבן עקאָנאָמיש, קולטורעל, גייסטיק.

אין אַרבעטער־ציוניזם האָבן געווירקט פאַרשידענע טעאָרעטישע אויסטייטשונגען פון דער אידישער פראַגע און פון אַרבעטער פּראָבלעמאַטיק.

ס׳זיינען געווען די היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין באָראָכאָוו׳ס שאַרפן אַנאַליז און אויספיר, אַז ארץ־ישראל וועט ווערן די עקאָנאָמישע באַזע פאַר אַ אידישן אַרבעטס־פאָלק, באַשאַפן דורך אַ סטיכישן פּראָצעס פון אידישן איינוואַנדער קיין ארץ־ישראל.

ס׳זיינען געווען די ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן), וואָס האָבן באַטאָנט די שאַרפע אידישע נויטן אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט. זיי האָבן ניט געזען די באַלדיקע מעגלעכקייט פון אַ גרויסער עליה קיין ארץ־ישראל און די גרינדונג פון אַן אויטאָנאָמען אידישן ישוב — האָבן זיי אויפגעהויבן דעם קאַמף פאַר אַ אידישער טעריטאָריע און געזוכט אויפן ערד־קוגל שטחים פון לאַנד, וואו דער טעריטאָריאַליזם זאָל קענען פאַרווירקלעכט ווערן.

דעם דורכפֿאַל פֿון טעריטאָריאַליזם האָבן מיר נאָך געקאָנט מערקן אין זיינע ערשטע יאָרן. ס׳זיינען געווען שטרעמונגען פֿון סיימיסטן, וואָס האָבן גע־וואָלט שאַפֿן אַ אידישן סיים, אַ פּאַרלאַמענט, און דורך דעם דערגרייכן זייער ציל.

אָבער דער געזונטער קערן איז געווען פֿאַרבאָרגן אין פּועלי־ציוניזם, וואָס האָט געזען אין ארץ־ישראל דעם היסטאָרישן, פּראַגמאַטישן ענטפֿער און לייזונג פֿון נאַציאָנאַלער היימלאָזיקייט.

די צווייטע עליה, באַלד נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע פֿון 1905, האָט געלייגט דאָרט דעם אמת׳ן יסוד פֿאַר אַ אידישער אַרבעטער־געמיינשאַפֿט, האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פֿאַר חלוציות, פֿאַר הגנה און האָט דערפֿירט אין אַ גרויסער מאָס צו מדינת ישראל.

די ערשטע טעאָרעטיקער, גרינדער און פֿירער פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, — ניט געקוקט אויף דעם שניידנדיקן אַנאַליז פֿון דער אידישערווירקלעכקייט, בעיקר אין מזרח־איי־ראָפּע, — אַז די אַ ווירקלעכקייט וועט אָננעמען אַזאַ קאַטאַסטראָפֿאַלן כאַראַק־טער, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין די מורא׳דיקע יאָרן פֿון נאַציזם און פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

קיינער האָט ניט געקענט פֿאָראויסזאָגן, אַז מיר וועלן זען אין אונזערע יאָרן דעם אומקום פֿון אַ דריטל פֿון אונזער פֿאָלק, און דאָס אויסראָטן פֿון גרויסע מאַסן־ישובים אין פּוילן, ליטע און אַנדערע גלות־לענדער.

***

דער היגער פּועלי־ציוניזם איז קיינמאָל ניט געווען דאָגמאַטיש, נאָר איז גיכער געווען אַ פֿרייער בונד פֿון דער אידישער אינטעליגענץ און פֿון אידישן אַרבעטער־מענטש, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן דאָ צו ווירקן, דאָ צו שאַפֿן און אין דער זעלביקער צייט זיך ענג פֿאַרבינדן מיט דער יונגער אידישער אַרבעטערשאַפֿט, וואָס האָט אין ארץ־ישראל געזוכט אַ באָדן פֿאַר זיך און פֿאַר די געזונטע אידייען פֿון חלוצישן ציוניזם.

דער היגער פּועלי־ציוניזם האָט מיט דער צייט זיך אויסגעברייטערט. אונטער זיין ווירקונג איז געבאָרן געוואָרן דער אידישער נאַציאָנאַלער אַר־בעטער־פֿאַרבאַנד; שפּעטער דער געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין, די פּיאָנערן פֿרויען־אָרגאַניזאַציע און אַנדערע כוחות, וואָס שטעלן צוזאַמען די ציוניסטישע אַר־בעטער־באַוועגונג.

אין זיין גאַנצן איינשטעל פֿאַר ארץ־ישראל און פֿאַר דער הסתדרות, מיט זיין פֿולער געטריישאַפֿט, שטיצע און חברישער מיטהילף אין קאַמף פֿאַר אַ אידישער מדינה, האָט דער פֿאַרבאַנד ניט פֿאַרזען דאָס היגע אידישע לעבן און תמיד אין זין געהאַט, אַז ער מוז דאָ אַריינברענגען נייע ווערטן און אינהאַלט.

דערפאַר האָט דער פאַרבאַנד געמאַכט כסדר אַלע אָנשטרענגונגען זיך אויסצולעבן אידיש־קולטורעל, באַטאָנט די וויכטיקייט פון אידישער קינדער־דערציאונג און פון יוגנטלעכע, באַמיט צו ברענגען איבערן לאַנד דאָס אידי־שע וואָרט, דאָס אידישע ליד, אידישע קונסט און קינסטלער; דערפאַר האָט ער זיין וואַרעמען אינטערעס פאַר אַ געזונט אידיש־דעמאָקראַטיש לעבן, אידי־שע קהילות וכד׳.

***

ס׳איז אַ ברכה פאַר אַ באַוועגונג, פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, ווען זי האָט פאַר זיך קלאָרע צילן און אַ פירערשאַפט, וואָס ווייסט ווי צו פירן.

איינער פון די חשוב׳סטע פירער איז חבר לואיס סיגאַל, דער סעקרע־טאַר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

לואיס סיגאַל פאַרמאָגט איינגעבאָרענע פעאיקייטן פון פירערשאַפט, אַ געזונטן חוש שנעל אויפצונעמען פּראָבלעמען און זיי פאַרשטיין; ער איז שאַרף, אַ חריף, און צייכנט זיך אויס מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע און אַרבעטסזאַמקייט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין לאָוויטש, פּוילן, אין אַן עכט־טראַדיציאָ־נעלער היים, מיט אַן איינגעוואָרצלטער אידישקייט, פון אַ פרומער סוחרישער משפחה. אָבער ער איז אין די יונגע יאָרן געבליבן אַ יתום און האָט געדאַרפט פאַרדינען זיין ברויט פאַר זיך און פאַר די בני בית.

מען קען זיך משער זיין די געפילן פון אַ מאַמע, ווען איר זון דאַרף אַזוי יונג שוין טראָגן דעם עול פון אַ בעל־פרנסה. וועלכע מאַמע, — איבערהויפּט נאָך ווען איר קינד, דער יתום, איז פון רבנישן אָפּשטאַם, — האָט ניט גע־וואָלט, אַז איר „קדיש" זאָל ווערן אַ רב?

סיגאַל האָט נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן זיך באַטייליקט אין אַן אַרבע־טער־קאַמף, און געוואָרן דער פירער, דער ראש המדברים פאַר די יונגע סטרייקערס; שפּעטער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די פּועלי־ציון.

מען קען גוט פאַרשטיין די פרייד פון יונגן סיגאַל, ווען ער מיט אַ גרופּע חברים זיינען געפאָרן קיין וואַרשע באַגעגענען מענדעלע מוכר ספרים. זיי האָבן דורכגעמאַכט התלהבות׳דיקע מינוטן, ווען זיי האָבן זיך איינגעשפּאַנט צו פירן די דראָזשקע, אין וועלכער „דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַ־טור" איז געפאָרן.

אַזעלכע איבערלעבונגען אין די יונגע יאָרן לאָזן טיפע שפּורן. זיי באַ־שטימען אָפט ביי די דערוואַקסענע זייער איינשטעל און טעטיקייטן.

זיין אָפּפאָר פון דער היים און זיין אָנקום קיין גאַלוועסטאָן, טעקסעס, זיינע דערפאַרונגען מיטן „אינדאַסטריעל רעמואוועל אָפיס" פון די יאַהודים

האָבן דעם יונגן סיגאַל'ן דערדריקט. ער איז גאָר גיך מגולגל געוואָרן אין סט. פּאָול; געוואָרן אַ היטל־מאַכער, אַנגעפּירט אַ סטרייק, וואָס האָט זיך גע־ענדיקט מיט אַ געוויסן נצחון פאַר די אַרבעטער.

אין צווישן־צייט האָט ער זיך אַנגעשלאָסן אין שלום עליכם־צווייג 16 פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און איז געוואָרן זיין פירער.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט סיגאַל'ן הויבט זיך טאַקע אָן פון סט. פּאָול. איך קען אים שוין אַרום 45 יאָר.

בעת מיינע אָפטע נסיעות איבערן לאַנד, אין מיין אַמט פון פאַרבאַנד־סעקרעטאַר, פלעג איך באַזוכן סט. פּאָול כמעט יעדן יאָר. איך האָב געוואוסט, אַז סיגאַל וואַרט שוין אויף מיר מיט אַ צאָל פראַגן און פּראָבלעמען פון אַ ברייטן פאַרנעם. מיר פלעגן האָבן אינטערעסאַנטע מיינונגס־אויסטוישונגען. איך האָב אים שנעל דערקענט און אים אָפט דערמאָנט אין מיינע באַריכטן צו דער פאַרבאַנד־לייטונג, אַז מען דאַרף דעם חבר אַריבערנעמען קיין ניו־יאָרק, ווייל ער פאַרמאָגט מעלות און פעאיקייטן פון אַ פירער.

אָבער סיגאַל איז אויך געווען אַקטיוו אין דער היטל־מאַכער־יוניאָן, זיך דאָרט אַנגעהויבן אָנזען. ס'איז מעגלעך, אַז אויב מ'וואָלט אים ניט איינגע־לאַדן, אין האַרבסט 1922, צו ווערן געהילף־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, וואָלט ער געוויס פאַרנומען מיט דער צייט אַ גאָר אַנגעזעענעם אַמט אין זיין יוניאָן.

ס'איז געווען אַ קעגנזייטיקער געווינס פאַר אונז און פאַר חבר סיגאַל'ן, וואָס ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן פאַרבאַנד.

ער האָט אין די ערשטע דריי און האַלב יאָר ווי געהילף־, און אין די לעצטע 32 יאָר ווי דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר, אָפּגעגעבן דעם פאַרבאַנד זיינע פעאיקייטן און איז געוואַקסן צוזאַמען מיט אים. ער איז געוואָרן איי־נער פון זיינע וויכטיקסטע פירער.

אין פאַרבאַנד האָט ער געקראָגן מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען און פאַר־טיפן זיך; צו דינען די אידעאַלן און אויפגאַבן וואָס האָבן אונזער באַוועגונג געוואָרעמט צענדליקער יאָרן, געשטאַרקט מאָראַליש און גייסטיק.

סיגאַל איז אַ דינאַמישער מענטש. ער רוט ניט. ער איז ווי אַ קוואַל, וואָס קאָכט כסדר. ער האָט אַ שטאַרקע אמונה אין זיך. ער שטעלט אָפט אויף זיך. ער שאָנעוועט זיך ניט.

אָפט פילן זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, אַז ער טאָר זיך ניט לאָזן אַליין עקספּלואַטירן אַזויפיל; אַז ער מוז זיך מער אָפּהיטן, און ניט זיין אַן אכזר צו זיך אַליין.

אָבער גיי שטעל אָפּ זיין ענערגיע, גיי צאַם אים איין! ס'באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז וואָס שווערער ער אַרבעט, אַלץ ליבער איז אים די אַר־בעט. פאַרגעסט ער וועגן מידקייט און גייט ווייטער זיין וועג.

סיגאל איז אַן אַמביציעזער מענטש. זיין מוח איז פלינק. ער פילט, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן. זיין קאָפּ איז פול מיט פּלענער וועגן ארץ־ישראל, וועגן אידישער קולטור, דערציאונג, קהילה־לעבן, קאַמף פאַר דעמאָקראַטיזירונג, א. אַז. וו. ער פּלייסט זיך זיינע מיינונגען, געדאַנקען און פּלענער ברענגען צום אויסדרוק, אין וואָרט און אין שריפט.

ער איז קיינמאָל ניט געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, און דאָך האָט ער אָנגעשריבן אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר, בעיקר אין דער לעצטער צייט, אַן אַ שיעור אַרטיקלען וועגן די וויכטיקסטע ארץ־ישראל־פראַגן, געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און אַרבעטער־פּראָבלעמען.

ער האָט דורכגעמאַכט אינטערעסאַנטע יאָרן ווי דער פאַרבאַנד־סעקרעטאַר און אָנגעזעענער אידישער פירער, איצט מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע.

ער האָט געזען מיט זיינע אויגן אונזער חורבן אין פּוילן. ער האָט זיך געטראָפן מיט די פליטים אין די לאַגערן. ער האָט געטרונקען פון ביטערן בעכער פול מיט אידישע צרות און אומגליקן.

ער האָט געזען מערערע מאָל דעם געראַנגל פון ישוב פאַר קיום און גאולה. ער האָט געזען מדינת ישראל, טיף אויפגענומען די זאָרג און די פרייד, די ליידן און שאַפונגען פון די אָנגעקומענע עולים. די דערפאַרונגען, די באַגעגענישן האָבן אים רייכער געמאַכט, אים פאַרטיפט.

דער יחיד אין פאַרבאַנד האָט אים באַזונדערס ליב, ווייל דינענדיק דעם כלל, פאַרגעסט ער ניט דעם איינצלנעם חבר.

פאַר מיר איז סיגאל אַ טייערער מענטש, אַ געטרייער חבר, אַ טיף־פילנדיקער איד. ס׳איז מיר צום האַרצן זיין פּינקטלעכקייט, זיין וואַרעמער אָפּרוף, זיין וואַכזאַמקייט. אין די כמעט 45 יאָר זינט איך קען אים בין איך קיינמאָל ניט אַנטוישט געוואָרן אין מיין ערשטן איינדרוק וועגן אים. ס׳איז גוט מיטצואַרבעטן מיט אַזאַ חבר און איד!

יואל ענטין

פילע רופן אים אַסקעט. איך דענק, אַז ער האַלט פון עולם הזה, שוין צו־ליב דעם אַליין וואָס ער איז יאָרן־לאַנג געווען צוגעבונדן צום אידישן טעאַטער און אים קולטיווירט, אַפילו ווען ער האָט שאַרף קריטיקירט אַ פּיעסע, אָדער שוישפּילער.

יואל ענטין איז שטרענג צו זיך און שטרענג צו אַנדערע. ער פאָדערט אַסך — נישט פאַר זיך — און באַקומט ווייניק. זיינע רעדעס זייַנען אָפט שטראָף־רייד. זיין ליטעראַטור־קריטיק, ווען ער האָט זיך פאַרנומען מיט דעם, פלעגט תמיד אַרויסרופן אויפזען, אָפט אַ שאַרפן ענטפער.

פאַר מיר איז אָבער יואל ענטין פריער פון אַלץ אַ חבר, אַ פירער, אַ לערער. נישט אַלעמאָל פאָלגט מען אַ פירער — איבערהויפּט אין אַ פאָלקס־באַוועגונג — אָבער זיינע ווערטער ווערן אויפגענומען חבריש, ווייל מען ווייסט, אַז דאָס זייַנען דברים היוצאים מן הלב, הגם זיי ווערן געזאָגט אָפט אין אַ בייזן טאָן.

ענטין איז שוין אין אַמעריקע באַלד זיבעציק יאָר. אים, מער ווי אַנדערע, איז באַקאַנט די אַנטוויקלונג פון היגן ישוב. יאָרן לאַנג האָט ער געווירקט מיט זיין פעדער און וואָרט אין די דאָן גערופענע קרייזן פון געגנאָסן.

ווי אָפט האָט ער געמוזט פילן דאָרט זיין איינזאַמקייט, זיין נשמה געראַנגל, ביז ער האָט געפונען זיין וועג צו דער האַרץ און נשמה פון חברים, וואָס האָבן מיט אים געבויט אונזער אידישן שול־וועזן.

אַן אייגן קונסט־קינד האָט ער געהאָלפן שאַפן אויף דער איסט־סייד אין ניו־יאָרק — דעם דראַמאַטישן קרייז, פון וואַנען ס'זייַנען אַרויס באַקאַנטע אידישע אַרטיסטן.

אָבער זיין ענערגיע און איבערגעבנקייט האָט ער אָפּגעגעבן דער דער־ציאונג פון אידישן קינד. און נאָכדעם ווי די ערשטע שול איז געשאַפן געוואָרן מיט אַכט און פערציק יאָר צוריק אין ניו־יאָרק, און שפּעטער, ווען ס'איז אויסגעשפּרייט געוואָרן אַ נעץ פון אונזערע חינוך־מוסדות, האָט ער זיך פאַרנומען מיט גרינדן דעם אידישן לערער סעמינאַר, וואָס האָט זיך געעפנט אין מערץ 1918, מיט פערציק סטודענטן.

יואל ענטין האָט זיך באַטייליקט אין דער אָלבאַנער קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד, סוף 1912. מיר האָבן אים באַגעגנט מיטן ליד „שאַ־שאַ דער רבי גייט", האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט. און ווען ער האָט גערעדט וועגן דער־ציאונג, האָט ער זיך באַקלאָגט, וואָס ס'זייַנען דאָ אין אונזערע שולן ווייניק

קינדער ווייל — „איר האָט נישט חתונה". די דעלעגאַטן האָבן די באַמערקונג אויפגענומען מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

פאַר אים איז דערציאונג די צענטראַלסטע פראַגע פון אונזער געזעל־שאַפטלעכן און קולטור־לעבן. און אָפט רעכנט ער זיך נישט מיט די ענדע־רונגען און די נייע ווינטן פון דער צייט. ער איז אַ שטרענגער מאָנער און פאָדערער. ער איז, אויב איר ווילט, אונזער געוויסן. דער פאַרבאַנד — וועמענס וויצע־פּרעזידענט ער איז געווען אַ צאָל יאָרן — איז זיין ליבלינג, אָבער ער האָט צו אים שטאַרקע טענות, אַז ער טוט נישט גענוג פאַר אונזערע שולן.

יואל ענטין געהערט נישט צו די משוללי הגלות, הגם ער איז בלב ונפש איבערגעגעבן דעם אויפבוי און אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל. ער איז אַ אידישיסט אין בעסטן זין פון וואָרט. ער האָט ליב אידיש, האָט געקעמפט אַ לעבן־לאַנג פאַר מאַמע־לשון, אָבער ער האָט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו העברייאיש און קען גוט די שפּראַך. ער רעדט זעלטן ענגליש. איך האָב, אין יעדנפאַל, אים קיינמאָל נישט געהערט אין ענגליש. אָבער ווען אין 1913 האָט דער פאַרבאַנד אינטערוועניִרט מ׳זאָל גרינדן אידישע אָפּטיילן אין די עפנטלעכע ביבליאָטעקן, האָט יואל ענטין פאַרפאַסט אַ קאָנדענסירטע אָפּ־האַנדלונג אין ענגליש וועגן אידיש און אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען און געדינט דער אינטערווענץ.

יואל ענטין איז מיט אַ צייט צוריק געוואָרן אַ בן־שמונים. זיין געזונט מצב איז נישט צו גוט, אָבער ער איז נאָך אַלץ אַ פלייסיקער לייענער, און שרייבט ער אָן אַן אַרטיקל, איז נאָך זיין וואָרט אינטערעסאַנט, זיין מח שאַרף און פריש.

אויף אונזער יונג־אַלטן רבי, יואל ענטין, איז מקויים געוואָרן דער מאמר חז״ל: „תלמידי חכמים כשמזקינים — דעתם מתישבת עליהם".

דוד פינסקי

דוד פינסקי, דער פאַרפאַסער פון „פאַמיליע צבי", „דער אוצר", „דער אייביקער איד", „דער שטומער משיח", „גאַברי און די פרויען" און אַנדערע דראַמען, וועלכע האָבן אים באַרימט געמאַכט אין דער אידישער אַמעריקע, האָט אין 1913 געמאַכט אַ שריט, וואָס איז געווען אַ ווענד־פונקט אין זיין לעבן: ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן די אַמעריקאַנער פועלי־ציון. פאַר דער פּאַרטיי און פאַר דעם דאָן ערשט ניט לאַנג געשאַפענעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד איז דער־אַ אַנשלוס געווען אַ גרויסע געשעעניש. מיר האָבן געהערט פון פינסקי'ס ליידנשאַפטלעכער געטריישאַפט צום סאָציאַליזם. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ צייט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בונדיסט, און ער האָט היפּש מיטגעהאָלפן דורך זיינע שריפטן צו פאַרשפּרייטן אין רוסלאַנד רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

אָבער פינסקי, דער אַרבעטער־דיכטער, דער פאָלקס־קינסטלער, האָט ניט געקאָנט פאַרבלייבן אַ גלייכגילטיקער צושויער צו אידישע פאָלקס־ליידן און צום קאַמף פאַר ארץ־ישראל. ער איז תמיד געווען טיף באַווירקט פון דער אידישער געשיכטע און ער איז אויך בלי ספק שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון אַרבעטער־ציוניזם סיי אין ארץ־ישראל, סיי אין אַמעריקע. ער איז געוואָרן אַן אמתער חבר!

כ'קאָן ניט פאַרגעסן די האַרציקע אויפנאַמע וואָס ער האָט געמאַכט פאַר חברים אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי ער איז דערוויילט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין צענטראַל־קאָמיטעט. ער, צוזאַמען מיט זיין ליבער און געטרייער פרוי, האָדל, האָבן תמיד אַרויסגעוויזן די שענסטע מידה פון הכנסת־אורחים. געסט פון ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער האָבן פאַרבראַכט אין זייער היים שיינע שעה'ן, וואָס זיי האָבן לאַנג־לאַנג באַהאַלטן אין געדעכעניש.

פינסקי'ן דעם קינסטלער שאַצט מען אָפּ. ער האָט פאַרדינט דעם אויבן־אָן אין דער אידישער ליטעראַטור ווי אַ דיכטער און שריפטשטעלער. ער האָט דעם אידישן טעאַטער באַרייכערט ווי אַ דראַמאַטורג. ער איז אויך באַקאַנט מחוץ די גרענעצן פון אידישן לעבן. ווייניק ווייס מען וועגן דוד פינסקי'ן דעם חבר. דער פיינער קינסטלער און גייסטיקער אַריסטאָקראַט איז עכט דעמאָקראַטיש, פשוט אין זיינע באַציאונגען צו חברים. זיי דערפילן עס, און זיי רינגלען אים אַרום מיט גרויס צוטרוי און ליבשאַפט.

פינסקי האָט זיך שנעל דערוואָרבן אַ פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי, וואו ער האָט אַ צייט רעדאַגירט דעם „אידישן קעמפער". ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער טאָג־צייטונג, „די צייט", צו וועלכער ער איז

געווען ליידנשאַפטלעך איבערגעגעבן און צוליב איר האָט ער אַ געוויסע צייט געמוזט אָפּשטעלן זיינע קינסטלערישע שאַפונגען.

אין אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד איז חבר פּינסקי אַריין פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איר אים האָבן מיר געטראָפן אַ וואַרעמען מיטהעלפער. מיר פלעגט אויסקומען אָפט באַגעגענען זיך מיט אים אין דער פּינסקי־מזל דרוקעריי, וואו מ'האָט געזעצט „די אידישע אַרבעטער־שטימע". האָט ער אויך אונזער קליינעם באַשיידענעם אָרגאַן געדינט שריפט־לעך מיט קורצע דערציילונגען און אַרטיקלען. ער האָט אפילו איינגעשטימט זיך שטעלן בראש פון אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום.

מיר פלעגן אָפט פירן שמועסן מיט פּינסקי'ן, און ער איז נענטער אַריינ־געצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט, אַזוי אַז ער האָט איניקע יאָר געדינט ווי קאַסירער פון פאַרבאַנד, און פון סוף 1933 ביז 1949 — פּרעזידענט.

ער איז געווען זייער אַקטיוו אין דער אַרבעט פאַרן אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס, פאַרטרעטנדיק אָפט די פּאַרטיי און דעם פאַרבאַנד. מיר האָבן געזען פּינסקי'ן אין אַ נייער ליכט, ניט בלויז ווי אַ דיכטער, נאָר אויך ווי אַן אָנפירנדיקן חבר, וועלכער האָט שטענדיק באַטאָנט דאָס שענסטע און אי־דעאַליסטישע אין אונזער באַוועגונג.

פּינסקי האָט אָנגעהאַלטן דעם ערשטן אַמט פון פּרעזידענט ביז דער באָסטאָנער קאָנפערענץ אין יוני, 1922, ווען איך בין דערוויילט געוואָרן אויף זיין פּלאַץ. אין 1921 האָט די לייטונג דעלעגירט ח' פּינסקי און מיר צום צוזאַמענפאָר פון „אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג" און מיר זאָלן זיי פאַרלייגן אַ פאַראייניקונג. די דעלעגאַטן האָבן שפּעטער צוגעגעבן, אַז אַזעלכע שיינע מאָמענטן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין דער צייט ווען מיר האָבן אַדרע־סירט יענעם צוזאַמענפאָר, האָבן זיי זעלטן געהאַט.

ווען פּינסקי האָט רעזיגנירט אין 1922, האָט עס ניט געהייסן אַ דערווייטערונג. ער איז געבליבן נאָענט צו דער לייטונג און צו די אַקטיוויטעטן. ס'איז דערפאַר געווען נאַטירלעך, אַז פּינסקי זאָל צוריק פאַרנעמען זיין פּאָזיציע ווי פּרעזידענט פון פאַרבאַנד אין נאָוועמבער, 1933, ווען איך בין אָפּגעפאָרן אויף אַ לענגערער צייט קיין ארץ־ישראל.

איך האָב פּינסקי'ן געזען אין ארץ־ישראל אין די טעג פון די אַראַבישע אומרוען. איך האָב געהאַט די פרייד אים אויפצונעמען ביי זיך אין דער היים אין ירושלים, וואו אַן אינטימער קרייז פון אינטעליגענץ האָט זיך פאַרזאַמלט און מיט אינטערעס זיך צוגעהערט זיין פאַרלייענען.

פּינסקי, דער קעמפער און חבר, איז געבליבן געטריי צו זיך אַליין און ער האָט אויך געוואונען די ליבע פון די ארץ־ישראל אַרבעטער.

זיין 50־יאָריקן ליטעראַרישן שאַפן און זיין ווערן אַ בן שבעים־יובל האָבן

מיר מיט פרייד געפּייערט אין 1942. מיטן אויפקום פון מדינת ישראל האָט ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי האָדעל, עולה געווען און זיך באַזעצט אין חיפה, וואו ער איז ממשיך זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען.

ווען איך האָב אים באַזוכט, אין זומער, 1957, האָט מיין האַרץ געוויינט. ער האָט מיך דערקענט, מיר האָבן צוזאַמען געגעסן, און איך האָב אינערלעך זיך ניט געקאָנט באַרואיקן. „פאַרגעסט ניט די טרערן פון דוד", האָט ער גע־זאָגט ביים אָפּשייד מיט ה. לייוויק'ן. קאָן איך ניט פאַרגעסן אונזער דוד'ן און זיינע טרערן. און אַ פּיינלעכע פראַגע עגבערט אין מוח: רבונו של עולם! פאַרוואָס קומט זיי — אים און זיין פרוי — אַזוינע ליידן אין זייער טיפן עלטער?

ברוך צוקערמאַן

זיך באַגעגנט מיט אים אין פילאַדעלפיע סוף ווינטער 1904. ער איז נאָך געווען יונג, אַ יאָר זיבעצן. אָבער פאַר איז געשטאַנען אַ פעסטער בחור, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר, דוכט זיך מיט וואָנצעס, האָט ער אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן. ער האָט שוין דאַמאָלט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו טעריטאָריאַליזם, און איז טאַקע אין 1905, אַריבער צו דער מחנה „ס. ט.״ (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן). שפּעטער אין לויף פון צענדליקע יאָרן חברשאַפט, איז מיר געווען אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס ער — פּונקט ווי דר. נ. סירקין און אב. גאָלדבערג — האָט געקאָנט ווערן אַ טעריטאָריאַליסט.

צוקערמאַן איז גרונטיק באַהאַוונט אין אידישער געשיכטע, גלויבט אין דער היסטאָרישער נצחאת פון אידישן פאָלק, האַלט טייער אידיש, דאָך נישט קיין אידישיסט; ער איז פאַרקאַכט אין העברייאיש, און אַ געבוירענער אַגיטאַטאָר, וואָס האָט תמיד געוואוסט די השפעה פון ארץ ישראל אויפן אידישן לעבן. מיט דער צייט האָט ער פאַרטיפט מער און מער זיינע ידיעות, איז געוואָרן קורא וותיק פון ציוניסטישער, אידישער און העברייאישער ליטעראַטור.

אמת, ניט לאַנג איז ער פאַרבליבן מיט די „ס. ט.״. אין 1909, האָט ער זיך פון דאָס ניי אַנגעשלאָסן אָן פּועלי ציוניזם, וואָס ער דינט אַזוי געטריי און ליידנשאַפטלעך עד היום.

אינם בראשית פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט ער געהאַט אַ טבע צו שרייען אויף די העכסטע אָקטאַוועס, בעת אַן עפנטלעכן אויפטריט. פלעגט ער אָפט הייזעריק ווערן. אָבער זיין הייזעריקייט האָט ניט געשטערט, אַז חברים זאָלן מיטגעריסן ווערן און כאַפּן התפעלות פון זיינע פלענער און געדאַנקען.

צוקערמאַן לעבט איצט אין דער אידישער מדינה. ער און זיין פרוי, נינאַ, האָבן נאַטירלעך געגעבן זייערע צוויי טעכטער, אביבה און נעמי, אַ גרונטיקע אידישע דערציאונג. בייטע טעכטער זיינען געראָטן, פּייאיק און פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ברוך צוקערמאַן האָט אַסך פאַרדינסטן אויפן געביט פון ציוניסטישער פּובליציסטיק. ער איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דר. נחמן סירקין, וועמען ער האָט באַטראַכט פאַר זיין רבי׳ן. אָבער אויך דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אים היפּש באַווירקט. נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע אין נאָוועמבער 1917, פלעגט ער אָפט באַרייזן דאָס לאַנד צוזאַמען מיט זשיטלאָווסקי׳ן. ס׳איז

גערוען אַ גוטע קאָמבינאַציע: ר׳ חיים דער אַנאַליטיקער און וואונדערפולער לעקטאָר; און ר׳ ברוך — דער ליידנשאַפטלעכער, הייסער רעדנער, וואָס איז ניט געווען פון די משוללי הגלות, אָבער וועלכער האָט תמיד קלאָר באַטאָנט, אַז אָן ארץ ישראל וועלן די תפוצות איינדאַרן — איינקוואָרן און פאַרלירן זייער זאַפטקייט.

צוקערמאַן איז געווען איניקע יאָר דער דירעקטאָר פון „פאָלקס־הילף קאָמיטעט״. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן ראשו ורובו אין קאָנסטרוקטיווער הילף לטובת אידישע ישובים אין מזרח אייראָפּע. ניט איינמאָל האָט ער געהאַט צוזאַמענשטויסן מיט די „יאַהודים״ פון דזשוינט, און זייער אָפט איז ער פון זיי שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן.

צוקערמאַנ׳ס השפעה איז געוואַקסן. אָפט פלעגט ער קומען מיט פאַר־שלאָגן און פּלענער, וואָס האָבן אויסגעזען פאַנטאַסטיש, אָבער ער האָט ערלעך געגלויבט אין זיי. ער פלעגט ברוגז ווערן, ווען זיינע פאַרשלאָגן זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן.

ער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער פּועלי ציוניסטישער צייטונג „די צייט״. ניט ווייניקער לויב קומט אים פאַרן העלפן אויפשטעלן דעם „געווערקשאַפטן קאַמפּיין״ (איצט נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט פאַר ישראל). ער האָט משפיע געווען אויף די אַרבעטער פירער מאַקס פּיין, שיפּליאַקאָוו, מ. פיינסטאָון, אַלעקס קאַהן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט אויפן שטח פון סאָציאַלער הילף.

צוקערמאַן האָט זיך ליב צו גריבלען און פאַרטיפן (קאָנטיק, אַ סרח העודף פון די ישיבה יאָרן). אין זיין בוך „מיין וועג״ זיינען אָנגעוואָרפן אַסך אינטערעסאַנטע אויטאָביאָגראַפישע שטריכן וואָס גיבן דעם שליסל צו זיין געמיט און כאַראַקטער. ער ווערט ניט נתפעל פון „גדולים״ און האָט ניט מורא צו קריטיקירן. איז ער דאָך אַליין אַ „גדול״. ער האָט ליב אַמעריקע, דעם אידישן ישוב, גלויבט אין אים, אָבער אָפט חלומ׳ט ער, אַז הונדערטער טויזנטער אידן וועלן פון די פאַרייניקטע שטאַטן עולה זיין און זיך באַזעצן אין מדינת ישראל. ווער ווייסט? אפשר וועט אַמאָל זיין חלום מקוים ווערן? ער איז שטאַרק קעגן די, וועלכע ווילן אָנוואַרפן אַ פּחד אויף אַמעריקאַנער אידן אַז „ס׳קאָן טרעפן אויך דאָ״. פאַר אים איז ציוניזם מער ווי היימלאַנד, דאָס איז אַ שטרעבונג — אָדער ווי ער רופט עס אָן „כיסופים״ — פאַר אידישער דעמאָקראַטיע, פאַר פולער פאַרטיפטער אידישער דערציאונג, פאַר אַ געזונטן פאָלקס לעבן אומעטום און אין ארץ ישראל. דערפאַר איז ער געווען אַזוי ליידנשאַפטלעך אַריינגעטאָן אין קאַמף פאַרן ערשטן אידישן קאָנגרעס, און פאַר דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ.

צוקערמאַן איז אַ סענטימענטאַלער איד, האַרציק און גוט־ברודעריש. ער לעבט סיי אין דער וועלט פון אידישער מחשבה, סיי אין דער וועלט פון רעאַליטעט. די לעצטע פאַר יאָר וואוינט ער אין מדינת ישראל.

בראַ צו פאַרצייכענען

* מחשבות
* דער טאַטע און דער זון . . .
* וואָס דאַרף באַצוועקן אידישע דערציאונג ?
* קולטור און דערציאונג אין מדינת־ישראל
* אַרום אידישן קולטור־קאָנגרעס
* „ניו יאָרק טיימס"
* אין שפּיטאָל
* מיינע טאָג־נאָטיצן

מחשבות

אין 17טן יאָרהונדערט האָט אונדזער פאָלק געציילט איינס און אַ האַלב מיליאָן אידן. ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914, האָבן מיר שוין געציילט קרוב צו זיבעצן מיליאָן. דער גרעסטער אידישער ישוב איז געווען אין רוסלאַנד. צוזאַמען מיט די אידן אויפן אַמע־ריקאַנעם קאָנטינענט האָט די אידישע באַפעלקערונג באַטראָפן קרוב צו צען מיליאָן. די איבעריקע זיבן מיליאָן זיינען געווען צעוואָרפן אין פוילן, רומעניע, מערב־אייראָפּע, ענגלאַנד, אַפריקע, אַראַבישע לענדער און אויסטראַ־ליע. היינט זיינען מיר נומעריש וויניקער פון צוועלף מיליאָן, מיט אַ דריטל אָרעמער געוואָרן.

זאָלן מיר רעכענען די פּאָר מיליאָן אידן אין סאָוויעט רוסלאַנד ווי פאַרלוירענע? גייסטיק זיינען זיי דערווייל מחוץ למחנה. אָבער מיר טאָרן זיך ניט זעגענען אין אונזער מחשבה מיט די עטלעכע מיליאָן אידן אין רוסלאַנד און הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. ענדערונגען וועלן מוזן קומען, און דאַן וועלן די אידן פון סאָוויעט־לענדער זיך מעגלעך קאָנען באַ־העפטן מיטן אידישן פאָלק און מדינת ישראל. די גרויסע צאָל פּראָדוקטיווע אידישע עלעמענטן פון רוסלאַנד קאָן אַמאָל שטאַרק צונוץ קומען מדינת ישראל.

היטלער האָט אָפּגעמעקט איבער 150 יאָרן פון אידישער עמאַנציפּאַציע. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען ניט געקאָנט אַפילו ריידן וועגן די פאָדערונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה בנוגע נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידישע מינאָריטעטן. ס'איז ניט געווען מער רעאַליסטיש. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די אידישע פּאָזיציע געווען שטאַרקער.ביידע צדדים האָבן קאָנקורירט צו געווינען די סימפּאַטיע פון אידן.

היטלער האָט צעשטערט די לעגענדע פון אידישן וועלט־כוח.

ווי האַלט דאָס מיט אונזער אידישן פאָלק היינט? אַמעריקע און ישראל זיינען אונזערע וויכטיקסטע זיילן. אַנדערע אידישע ישובים ווערן פון זיי באַווירקט. די אידישע אַמעריקע האָט ניט די פאַרוואָרצלטקייט וואָס עס האָט דאָס אייראָפּעאישע אידנטום. דאָס האָבן מיר געזען אין דער פייערונג פון דריי הונדערט יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע און אין די פאַרשידענע פאַזן פון אידישער איינוואַנדערונג — שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער, דייטשיש־אידישער און מאַסן־אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע.

עס זיינען אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע גרויסע אידישע צענטערן. אָבער יאָרהונדערטער וועלן אַוועק ווען ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, לאָס־אַנדזשעלעס וועלן האָבן די פאַרוואָרצלונג וואָס עס האָבן געהאַט ווילנע, וואַרשע, קאָוונע און אַנדערע שטעט אין מזרח־אייראָפּע. דאָס אידיש לעבן דאָ איז אָרגאַניזירט, אָבער עס טראָגט ניט דעם כאַראַקטער פון די קהילות אין מזרח־אייראָפּע. די אידישקייט, וואָס איז דאָ ביים יונגן אַמעריקאַנעם אידן, איז מער אַן עמאָציאָנעלע ווי אַ באַוואוסטזיניקע.

אין לעצטן צענזוס האָבן אַ מיליאָן מיט זיבן הונדערט טויזנט אידן אָנגעגעבן אידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך. וואָלט דאָס געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט, וואָלטן מיר געקאָנט באַגריסן די רעזולטאַטן פון צענזוס ווי אַ דערפרייענדיקן און דערמונטערדיקן פאַקטאָר, וואָס וואָלט אונז געקאָנט מונטערן צו גרעסערע מעשים.

עס איז אָבער פּראָבלעמאַטיש צי קאָנען מיר בכלל אָפּערירן מיט אַ גרעסערער ציפער פון דריי־פיר הונדערט טויזנט אידן, וואָס קאָנען אידיש, — ריידן, לייענען און פירן בכלל אין זייערע היימען אַ אידישן לעבנס־שטייגער. דאָס מאַכט די אַרבעט צווישן דער אידישער יוגנט — שווערער. די יוגנט איז ניט אַ האָמאָגענע מאַסע. זי דאַרף גענומען ווערן לויט די סאָציאַלע שיכטן, אָרגאַניזאַציעס און אידישקייט אין די היימען. יעדע ריכטונג זוכט צו געווינען די יוגנט — אייניקע מיט מער, אייניקע מיט ווייניקער דערפאָלג. עס שיינט, אַז די קאָנסערוואַטיווע ריכטונג ציט צו אַ גרעסערע צאָל יוגנט.

די רעפאָרם־אידישקייט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט און וואָס האָט אויסגעשניטן אַ סך עלעמענטן פון אַלטן גלויבן, האָט גע׳חלומ׳ט אַז זי וועט ווערן דער שטאַרקסטער כח אין אַמעריקע.

אויף אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון די רעפאָרם־אידן, וואו מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן אין אַמסטערדאַם דעם זומער, האָב איך געהערט אַ שאַרפע זעלבסט־קריטיק און אַנאַליז. איינער פון די רעפאָרם־פירער, ראַביי אייזנדראַט, האָט בפירוש באַטאָנט, אַז דער גורל פון אידן מוז זיין פאַרבונדן מיט ארץ ישראל און ער גלויבט ניט, אַז די מיסיע פון רעפאָרם־אידן איז צו זיין אַ מוסטער פאַר די פעלקער. ער האָט דאָס געטאָן אויפן גרונט פון באַאָבאַכטונגען און שטודיום, און ניט מורא געהאַט צו זאָגן, אַז פילע רעפאָרם־אידן האָבן זיך איזאָלירט פון אַלץ וואָס איז אידיש אין גייסט, טראַדיציע און שפּראַך — ס׳מוז קומען אַ דערנענטערונג.

אַן אינטערעסאַנטע באַוועגונג איז די רעקאָנסטרוקציע באַוועגונג, אָנגעפירט גייסטיק פון פּראָפעסאָר מ. קאַפּלאַן. פאַר אים איז אידישקייט אַ רעליגיעזע פילאָזאָפיע. העברעאיש ווירקט ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך. ציוניס־

טיש־אידישע קולטור און אידישע ליטעראַטור, קונסט און אַנדערע צווייגן פון פאָלקס שאַפן, — זיינען אינטעגראַלע טיילן פון אידישקייט. אָבער די באַוועגונג האָט אויך ניט געפונען צופיל אָנהענגער.

די אָרטאָדאָקסישע ריכטונג שיינט צו האָבן אַ טיפערע ווירקונג אויף דעם דורכשניטלעכן אידן.

אונזער וועלטלעכע אידישקייט איז אַן אַנדערע. זי איז ניט געווען געבויט אויף רעליגיע, נאָר מער אויף אידישן נאַציאָנאַליזם, ארץ ישראל, אידישער קולטור און דער מאָדערנער אידיש־העברעאישער ליטעראַטור. די וועלטלעכע אידישקייט האָט ניט נעגירט די שאַפונגען אין די גלות־לענדער.

אידישקייט שטייט היינט על פרשת דרכים. יעדער וויל געווינען די יוגנט. אויך די וועלטלעכע אידן טאָרן ניט אָפּלייקענען דעם באַדייט און ווערט פון אידישע מנהגים און טראַדיציע, אַפילו ווען זיי האַלטן זיך ניט ביי די דאָגמעס. ווער עס וועט געווינען די נייע דורות אידן אין אַמעריקע, איז שווער פאָראויסצוזאָגן. אָבער מיר טאָרן ניט פאַרזען די ראָלע וואָס וועלטלעכע אידישקייט, אין ליכט פון צייט־ענדערונגען און אויפקום פון מדינת ישראל, קאָן שפּילן דאָ אין לאַנד.

איבערהויפּט, מוזן מיר באַפרייען אַ צאָל יונגע אידן פון אידישן זעלבסט־האַס. דאָס קאָן אַמבעסטן געטאָן ווערן דורך אַ געזונטער, שטאָלצער אידישער אידענטיפיקאַציע. די אידישע היים מוז ווערן אידיש אין אינהאַלט.

דער טאַטע און דער זון...

אין די ווערק פון טאַלאַנטפולן אידישן דראַמאַטורג פּרץ הירשביין, איז דאָ אַ דראַמע, „דער לעצטער". ווערט דאָרט אַרויסגעבראַכט דער טיפּ פון ר' בנימין — אַ פרומער האַרציקער איד, אַ גרויסער מאמין און אַ בעל ביטחון. ער איז גרייט אויסצושטיין די גרעסטע יסורים, און ווערט ניט צוריקגעשטויסן פון זיין פעלזן־פעסטער פּאָזיציע. פאַר יעדער נייער אידישער צרה געפינט ער אַ טרייסט, אַז דאָס איז בלויז אַ נסיון פון זיין ליבן באַמען. ער פרעגט גאָר קיין קשיות ניט, ער גלויבט, ער גלויבט...

אָן איינציק זון האָט ער, יחיאל'ן, וועמען ער ליבט הייס און האַרציק, ווי אַ פאָטער קאָן ליבן אַ בן־יחיד, וואָס איז קלוג, פעאיק, באַגאַבט, און אַ בן תורה, מיט וועלכן ער פלעגט אין די יונגע יאָרן אָפּזיצן גאַנצע נעכט און לערנען מיט שמחה, אין הייליקן התלהבות און האַרציקן געזאַנג פון דער נשמה.

יחיאל, — דער יונגער איד, — לעבט דורך אַ טראַגישן געראַנגל. ער זעט פאַר זיך דעם מורא'דיקן אָפּגרונט פאַר וועלכן זיין פאָלק שטייט: פּאָגראָמען, יסורים, פיזישע און גייסטיקע, — אָן אַ סוף און אָן אַ שיעור, — האַלטן אין מאַטערן דעם אידישן גוף, די אידישע נשמה. עס פייניקט זיין האַרץ און עגבערט זיין מח די אידישע לאַגע.

צום סוף רעוואָלטירט ער קעגן דעם געדאַנק פון זיין פאָטער, אַז דאָס אידישע פאָלק לעבט טויזנטער יאָרן, און זיין גרויסקייט באַשטייט אין דעם וואָס עס ווייסט צו דערציילן און ציילן וויפל מאָל מען האָט אים אויפן פייער געברענט; וויפל מאָל מען האָט זיין לייב געריסן. ער וויל ניט זיין מער דער שליח, וואָס דאַרף מיט דער וועלט קנעלן די תורה. זאָל די וועלט אַליין דערגיין צו די קוואַלן פון דער אידישער עטיק דורך די אייגענע ליידן, ניט דורך אידישע. קומט ער צו אַ שלוס: ער וועט קיינע נייע דורות נישט אויפברענגען, און נאָך אים זאָל קיין געדעכעניש ניט בלייבן. ער וויל זיין דער לעצטער, פון זיין טאַטנס הויזגעזינט, דער לעצטער...

אַזוי וועט ער לייזן, ווי אַ יחיד, די אידישע פראַגע. ער דערציילט עס זיין טאַטן, זיין מאַמען, זיין ליבער און געטרייער יונג־פרוי, דינה, וואָס בענקט נאָך אַ קינד. איטלעכער ליידט פון זיין באַשלוס. זיי קאָנען אים ניט פאַרשטיין, באַזונדערס דער אַלטער, ביי וועמען גלויבן הייסט אַרויסברענגען די שיינקייט פון דער נשמה אין דער גאַנצער גרויסקייט. ער זאָגט: „שיין איז דער קוואַל

וואָס קוועלט אין פעלד צווישן די גרינע גראָזן; שיין איז דאָס שטראָמיקע וואַסער ווען די זון שיינט; שיין איז דער הימל ווען דער ווינט האָט פון זיין אויסגעשטערנטער בלויקייט די וואָלקן פאַרטריבן. נאָר שענער פון אַלעמען איז די נשמה פון מענטשן אין דער מינוט ווען זי גלויבט . . . דאַמאָלט שפיגלט זי זיך אָפּ אין דעם לויטערן קוואַל צווישן די גרינע גראָזן; אין דעם מעכטיקן טייך ווען ער שטראָמט צווישן זייַנע ברעגן, און אַמאָל נאָך ווייט איבער זייַנע ברעגן גרייכט ער; אין אַלע זיבן הימלען מיט אַלע זייערע ליכטיקע שטערן שפיגלט דאַמאָלט אָפּ די מענטשלעכע נשמה אין זיך דאָס לעבן און גלויבן. גלויבנדיק זאָל די נשמה זינגען, און גלויבנדיק זאָל זי זיך דערהויבן און בליען...״

וויפיל ר׳ בנימינ׳ס און וויפיל יחיאל׳ס זייַנען הייַנט דאָ אין דעם אידישן לעבן? הייַנט, ווען אונזער קיום איז איין גרויסער שרעק, ווען די ליידן אונזערע שטייגן אַריבער די פינצטערסטע מאָמענטן פון דער אידישער געשיכטע; ווער איז הייַנט גערעכט? ר׳ בנימין אָדער יחיאל?

אָן אומרו האָט דורכגעגנומען אַ גרויסן טייל פון אונזער יוגנט. צווייפל אין דעם אייגענעם כוח, אין אייגענעם גלויבן, מען פאַרלירט די האָפנונג, בטחון, מען זעט פאַר זיך אַ פינצטערע אייביקע נאַכט. דאָס לעבן צעדריקט, צעשמעטערט אַ סך פון אונז.

ווער איז גערעכט, ר׳ בנימין אָדער יחיאל?

פון פוילן קומט דער ענטפער. פון אוקראַינע, פון ליטע, פון גאַליציע, פון רומעניע קומט ער. פון די פאַרפייניקטע און ליידנדיקע הערט זיך די שטימע. אַ שטימע פון אויסדויער, מוט, גלויבן, האָפנונג. ניין, דאָס אידישע פאָלק וויל ניט פאַרשווינדן; זיי, די פאַרפייניקטע קעמפער ווילן נישט, אַז דער איצטיקער דור זאָל זיין דער לעצטער; זיי ווילן קעמפן פאַר אַ בעסערער קעגנוואַרט, פאַר אַ ליכטיקערער צוקונפט, זיי גלויבן, זיי גלויבן.

זיי זייַנען יונגע ר׳ בנימינ׳ס, מיט זייער גלויבן. זייערע שטימען שטאַרקן די שוואַכע, די וואַקלדיקע, די שרעקעוודיקע. זיי גיבן צו אַ פרישן מוט דער אידישער יוגנט.

יחיאל׳ס באַשלוס ניט אויפברענגען קינדער אויף דער וועלט איז ניט דער ענטפער, ניט אַ לייזונג.

גערעכט איז ר׳ בנימין מיט זיין גלויבן. און די יונגע גייען אויפן דעמדאָזיקן וועג. זיגן וועט בנימין, ניט יחיאל. אונזער פאָלק וועט אויפגעריכט ווערן; ס׳וועט שלאָגן די שעה פון גאולה, און ארץ ישראל וועט פון דאָס ניי ווערן אַ אידישע מדינה.

יאוש איז ניט דער אידישער וועג!

1941 —

וואָס דאַרף באַצוועקן אידישע דערציאונג?

(ראַדיאָ רעדע אין 1951)

מיר זיינען איין אידיש פאָלק אומעטום, אין אַלע לענדער, וואו ס'זיינען דאָ אידישע ישובים. מיר זיינען אַלע דורכגענומען מיטן זין פון „קיום האומה".

מיר זיינען אידן. מיר ווילן פאַרבלייבן אידן.

לעבן מיר דאָ אין אַ לאַנד פון אַ רייכער אַנגלאָ־סאַקסישער קולטור, וואָס באַאיינפלוסט אונזער געמיט און שטייגער און פון וועלכער ס'געניסן אויך אונזערע קינדער, אונזער יוגנט. די פראַגע איז, צי קאָנען מיר זיך אויסלעבן ווי אידן אין אַ פרייער מדינה, ווי אַמעריקע? צי וועלן מיר זיין ביכולת איבערגעבן דעם וואַקסנדיקן אידישן דור אונזערע עטיש־מאָראַלישע און נאַציאָנאַלע ווערטן? צי וועלן מיר זיין אין שטאַנד אין זיי איינפלאַנצן אידישקייט מיט ליבשאַפט און אינטערעס פאַר אונזערע גייסטיקע שאַפונגען?

מיין ענטפער איז, יאָ, אָבער מיר דאַרפן ניט נעמען דעם ענין צו לייכט.

אין דער אַלטער היים האָט מען ניט געדאַרפט שטעלן אַזאַ פראַגע. אידן האָבן ממשיך געווען די טראַדיציע פון פאַרגאַנגענע דורות, איבערגענומען די גייסטיקע ירושה פון זייערע עלטערן און זיך באַמיט זיי איבערצוגעבן דעם קומענדיקן דור. דאָס האָבן געטאָן דער חדר, די ישיבה, די אידישע שולע, תרבות־אינסטיטוציעס; יעדער איינער, לויט זיין איבערציוגונג און ריכטונג. די היים, די גאַס זיינען געווען וויכטיקע פאַקטאָרן צו באַרייכערן און דערגאַנצן דעם אידישן חינוך.

דער גורל פון אידישער געשיכטע האָט געפירט דערצו, אַז דאָ אין לאַנד זאָל אויסוואַקסן אַ אידישער ישוב פון פינף און אַ האַלב מיליאָן; אין צווישן האָבן מיר אָנגעוואָרן דעם זאַפטיקן טייל פון אונזער פאָלק אין מזרח־איראָפּע. און אין אונזערע טעג איז געבוירן געוואָרן מדינת ישראל.

מיר וואָלטן געווען נאַאיוו צו דענקען, אַז די יאָרן פון פיין און אומקום, ווי אויך די פרייד פון תקומת ישראל און דער אויפשוואונג פון אידישן לעבן דאָ, זאָלן ניט באַווירקן אידישע דערציאונג, אידישע מחשבה, אידישע געפילן.

יעדער אידישער דור נעמט אויף דערציאונג און זיין געשיכטע אין ליכט פון זיין צייט און סביבה. דאָס מערקט זיך שוין היינט אויך דאָ אין אַמעריקע,

הגם בלויז אַ דריטל פון אונדזערע קינדער באַקומען אַ יידישע אויסשולונג, און דאָס אויך אין קליינע דאָזעס. דער רוב געניסט גאָרניט פון אונדזערע קולטור־אוצרות; און אויב מען וועט זיך ניט כאַפּן באַצייטנס און מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אָרויסרוקן די פראַגע פון אידישן חינוך אין סאַמע פאָדערגרונט פון היגן לעבן, מוז עס פירן צו אַסימילאַציע, צו גייסטיקער איינדאַרונג און פאַראָרעמונג פון גרויסן אַמעריקאַנעם אידישן ישוב.

ס'איז כדאי אָבער צו באַטאָנען, אַז די פילאָזאָפיע און פראַקטיק פון דערציאונג קאָנען ניט גיין אַזוי שנעל ווי דאָס לעבן. ס'פאָדערט זיך מער איינגעוואָרצלטקייט און סטאַבילקייט כדי געגוי פעסטצושטעלן און פאָרמולירן היינט די צוועקן און תכלית פון אידישער לערנונג, וואָס זאָל באַווירקן אויף אַ דויערהאַפטן אופן אונדזערע קינדער. איז טאַקע דער וועג געווען לייכטער אין דער אַלטער היים. און דערפאַר טאַפּט מען אָפט אין דער פינצטער דאָ, וואו דער אידישער ישוב איז לפי ערך יונג.

אויב מיר לייענען אָפט ווי די אויטאָריטעטן באַקלאָגן זיך וואָס סטודענטן פון אַלגעמיינע הויך־שולן וויזן אַרויס עם־הארצות אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, וואָס די לימודים האָבן ניט קיין רעאַלע שייכות מיט די דערפאַ־רונגען און אַקטיוויטעטן פון די שילער אין דער היים און אין דער גאַס, מוזן מיר בכלל זיך אָפּשטעלן און ערנסט אַ פרעג טאָן: צו דערציאונג דערפילט היינט אירע אמתע אויפגאַבן, וואו די שילער זאָלן זען אַן ענגערע פאַרבינדונג צווישן זייערע לימודים און ווירקלעכקייט אין לעבן? ס'איז בכן קיין חידוש ניט וואָס אַמעריקאַנער ערנסטע דערציער טראַכטן היינט, אין דער אומ־רואיקער צייט, ווי אַזוי איינצופלאַנצן אין די קינדער אמתע דעמאָקראַטישע אידעען — די פרייהייט און חשיבות פון יחיד.

וואָס איז דאָך דער צוועק און אינהאַלט פון אידישער דערציאונג אין אַמעריקע? רעליגיעזע אידן האָבן אַן ענטפער, הגם ער איז דאָגמאַטיש. פּראָ־גרעסיווע אידן זוכן אַ וועג און אופן אַז די אידישע דערציאונג זאָל אי זיין פּראָגרעסיוו־מענטשלעך, אי אידיש פאָלקסטימלעך. און אין דער זעלביקער צייט זאָל זי ניט פאַלן ווי אַ לאַסט, נאָר צונויפפאַלן מיט די בעסטע טראַ־דיציעס פון דער אַנגלאָ־סאַקסישער קולטור; מיט אַנדערע ווערטער, אידישע דערציאונג דאַרף העלפן און שאַפן אַ דור אידן וואָס זאָלן זיך דערקאָנען ווי אידן מיט פליכטן, אויך ווי אַ טייל פון אידישן אַמעריקאַנעם לעבן. פריער פון אַלץ, מוז מען דערוועקן ביי די קינדער און יוגענטלעכע אַן אינטערעס און ליבע צו אידיש וויסן.

אידישקייט דאַרף פאַר די אידישע קינדער אַנטפּלעקן אַ רייכע אידישע געשיכטע, אַ אידיש לעבן ווי ס'האָט זיך געשאַפן אין פאַרשיידענע לענדער;

ארץ־ישראל ווי ס׳האָט באַווירקט אידישע דורות און ווי אַזוי מדינת ישראל קאָן באַווירקן דעם היינט.

מיר קאָנען ניט פאַרבאָרגן פון די קינדער אידישע טראַדיציעס; מיר דאַרפן די קינדער און יוגענטלעכע אַריינפירן אין דער צויבער־וועלט פון אידישער און העברעאישער ליטעראַטור. אידישע קינדער טאָרן ניט זען אין אידישקייט בלויז צרות, דערשלאָגנקייט, אידן־האַס, נאָר אויך די פרייד די שעפערישקייט און אונדזער ווילן זיך אויסלעבן ווי פרייע אידישע מענטשן.

אָבער, אויב אידישע דערציער וועלן גלייכצייטיק ניט האָבן אין זינען די אידישע היים און העלפן באַהויכן זי מיט אידישן אינהאַלט, איינפירן פייערונגען פון שבת און יום־טוב, ברייננגען מער קולטור אויך צו די דער־וואַקסענע, וועט דער יונגער דור פאַרגעסן וואָס די אידישע־שול האָט אים געגעבן און אַ פרעג טאָן: צוליב וואָס האָב איך געדאַרפט זיך מאַטערן און אויסלערנען זיך לייענען אַ ביסל אידיש אָדער העברעאיש, אַז אין מיין היים איז ליידיק און וואָכעדיק.

אין בעסטן פאַל איז היינט אידישע דערציאונג דאָ אַ דערגענצונג צו דער אַמעריקאַנער שול־דערציאונג. די גרעסטע צאָל פאָלקס־שולן און תלמוד־תורות זיינען נאָכמיטיק־שולן, און אַ גאָר גרויסע צאָל זיינען בלויז זונטיק־שולן, וואו מען קומט אָפּ מיט אַ קלייניקייט.

דערפאַר מוז אָפּגעשאַצט ווערן דער מוט פון די שול־טוער און שול־לערער, וואָס גייען אָפּט קעגן שטראָם און זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן דער־נענטערן אונדזערע קינדער צום קוואַל פון אידישן לערנען.

און ס׳דאַרף באַגריסט און געשטיצט ווערן יעדער פאַרזוך צו שאַפן גאַנצע אידישע טאָג־שולן וואו אונדזערע קינדער זאָלן קריגן סיי די אידישע און סיי די אַלגעמיינע דערציאונג; דערווייל זיינען אָבער אידישע טאָג־שולן גאָר ווייניק אין צאָל. די איבערוועגנדע מערהייט פון אידישע קינדער באַ־זוכט און וועט באַזוכן די אַמעריקאַנער שול, וועלן מיר מוזן דערפאַר יאָרן לאַנג זיך באַנוגענען מיט נאָכמיטיק־שולן.

מיט דער קינדער־שול הייבט זיך ערשט אָן דער פּראָצעס פון אידישער דערציאונג, אָבער ער איז ווייט ניט פאַרענדיקט. מיטל־שולן און העכערע אידישע דערציאונגס־אינסטיטוטן מוזן זיך אויסברייטערן און פאַרשטאַרקן, צו קאָנען זיכערן אַ אידישע פאָלקס־אינטעליגענץ, אַ אידישן לערער, אַ געזעלשאַפטלעכן און קולטור טוער.

שולן פון אַלע ריכטונגען האָבן זיך געמוזט צוזאַמענקומען צו באַטראַכטן יסודות׳דיקע אויפגאַבן פון אידישער דערציאונג, און ס׳דאַרף אַרויס אַ קול־קורא, צוזאַמען מיט סיסטעמאַטישער אויפקלערונג, צו אַלע אידישע

קהילות אין אַמעריקע, בפרט אין די קלענערע שטעטלעך, אויפנעמען מיט דער פולסטער אחריות די זאָרג פאַר אידישער דערציאונג.

אָן אידישער דערציאונג וועט אונדזער לעבן דאָ ווערן אָרעמער, אָן אַ ציל און אָן אינהאַלט. דער דעת־הקהל האָט געדאַרפט זיין אַזוי שטאַרק אַז יעדער אידישער פאָטער און מאַמע, וואָס האָבן פאַרפעלט צו דערציען זייערע קינדער — אידיש, זאָלן זיך פילן פאַרשעמט און פאַרלאָזן.

בקיצור, קאָן איך פאָרמולירן די אויפגאַבן פון אידישער דערציאונג אויף אַזאַ אופן:

מיר מוזן געבן אונדזערע קינדער אידישע לימודים, בכדי זיי זאָלן באַקומען וויסן און דערפילן אַז זייערע אידישע ידיעות וועלן באַרייכערן זייער נשמה, זייער וועלט און פאַרבינדונג מיטן אידישן פאָלק.

דאָס אידישע קינד מוז באַווירקט ווערן פון דער אידישער מאָראַל, עטיק און אידישן לעבנס־שטייגער, דאָס וועט שטאַרקן אונדזערע קינדער צו באַגעגענען זיך אויך מיט די מענטשלעכע פּראָבלעמען. אונדזער יונגער אידישער דור מוז גייסטיק געשטאַרקט ווערן.

דערפאַר, דאַרפן פאַרנעמען אין אונדזער דערציאונג, דאָס לערנען פון אידישע געשיכטע, אַלטע און נייע, אַזאַ וויכטיק אָרט; מיטן וויסן וועט זיך דערוועקן ביי אַ צאָל קינדער און יוגענטלעכע מער חשק צו לערנען און זיך גייסטיק פאַרטיפן.

דאָס אידיש פאָלקס־לעבן וועט לעבן אַזוי לאַנג, ווי אידן וועלן קאָנען זייער געשיכטע און פאַרשטיין דעם זין פון קאַמף פאַרן אידישן קיום. איך בין איבערצייגט אַז נאָר אַ גרינטלעך קאָנען אידישע געשיכטע האָט געשטאַרקט די אַנטשלאָסנקייט פון אידן אי צו קעמפן פאַר ישראל, אי, געפינען כבוד און אינהאַלט אין אידישער שעפערישקייט אין אַלע דורות און לענדער, וואו אידן האָבן געלעבט און געווירקט.

איך בין מיין גאַנצן לעבן געטריי דעם קאַמף פאַר ארץ־ישראל, אָבער איך האַלט אַז דער אמת׳ער בונד פון מדינת ישראל מיט די אידן אין אַמעריקע איז מעגלעך נאָר דאַן וועןביידע וועלן אויפנעמען דעם בשותפות׳דיקן גורל פון אידישן פאָלק און זיך גייסטיק באַווירקן און באַדינען. אַ גייסטיק־אידיש־לעבן אין אַמעריקע וועט אויך באַרייכערן ישראל; אַ שעפעריש אידיש לעבן אין ישראל וועט אויסאיבן אַ ווירקונג אויף די אידן דאָ. כל־זמן אידן לעבן און שאַפן אידישע ווערטן, און כל זמן אידיש און איר ליטעראַטור איז אַ מעכטיקער זייל קעגן אַסימילאַציע, טאָר מען ניט דערלאָזן דאָ אַ גרינגשעצונג פון חשיבות פון אידיש, מוזן אידישע קינדער קאָנען מאַמע־לשון, און וואָס ס׳ווערט פון אידיש געשאַפן.

העברעאיש איז היינט געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם אויפקום פון דער

מדינה; העברעאיש האָט היינט אַ גרעסערן אינטערעס ביי דער יוגנט. העבּ־רעאיש האָט אַ וועלט פון אידישן גייסט און ״שעפערישקייט. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַלטן פון קאַמף צווישן דיביידע שפּראַכן פון אונדזער פאָלק. ביידע שפּראַכן דאַרפן געלערנט ווערן דאָ, ביידע שפּראַכן זיינען אונדזערע כלי־זין קעגן אַסימילאַציע, אין ביידע שפּראַכן איז אָנגעפילט דער בעכער פון אידיש וויסן.

אונדזערע קינדער דאַרפן ניט באַטראַכטן אידישע דערציאונג ווי אַ מינדערוויכטיקייט־קאָמפּלעקס פּראָבלעם.

אידיש וויסן האָט באַווירקט די מענטשלעכע ציוויליזאַציע; אונדזערע קינדער דאַרפן דערפילן אַ גליק ווען זיי שעפּן פון אידישן קוואַל; זיי וועלן דאַן זיין בעסערע אידן און בעסערע אַמעריקאַנער בירגער. אידישע דערציאונג קאָן שאַפן אַ דינאַמישן, אַ באַוואוסטזיניקן, אַ געטרייען אידישן דור פון אַמעריקע.

אידישקייט איז ניט בלויז וויסן און גלויבן, נאָר אַ וועג אין לעבן.

קולטור און דערציאונג אין מדינת ישראל

(איבערבליק ביים קולטור־קאָנגרעס אין 1956)

קולטור פון אַ פאָלק ווערט פאַרשטאַנען פון היס־טאָריקער און אַנטראָפּאָלאָגן ווי אַ קאָמפּלעקס פון מנהגים, שטריכן, שפּראַך און גייסטיקע שאַפונגען, וואָס זיינען כאַראַק־טעריסטיש פאַרן באַטרעפנדיקן פאָלק.

צו ריידן וועגן קולטור און קולטור־פּראָבלעמען אין מדינת ישראל איז ניט אַ לייכטער ענין, ווייל מדינת ישראל איז היינט אין אַ פּראָצעס פון שאַפן, פון זוכן איר אייגנאַרטיקייט, פאַרדייען הונדערטער־טויזנטער אימיגראַנטן פון פאַרשידענע לענדער און מענטאַליטעטן, שאַפן פון זיי איין פאָלק און איין מדינה.

ביזן געבורט פון מדינת ישראל האָבן מיר געהאַט אַ מער־ווייניקער האָמאָגענע באַפעלקערונג, אַ ישוב באַווירקט מערסטנס פון אַריבערגעקומענע אידן פון מזרח־אייראָפּע, מיט איינגעוואָרצלטע מנהגים און באַגריפן, מיט אַ אידישקייט, אין וועלכער ס׳האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דער איינפלוס פון מאָדערנער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור, פון ציוניזם צוזאַמען מיט דער ווירקונג פון דער אייראָפּעאישער קולטור.

היינט האָבן מיר מאַסן אידן־איינוואַנדערער, וואָס זיינען ווייט ניט נאָר פון אייראָפּעאישער, נאָר אויך פון העברעאישער און אידישער קולטור און ליטעראַרישע ווערטן. זיי פאַראייניקט מיטן אַלטן ישוב דער באַגער פון אַן אייגענער מדינה, די טראַדיציעס פון אַ רעליגיעזן לעבן, און אַ וואונטש זיך אויסצולעבן ווי פרייע בירגער אין אַ אידישער מדינה.

אין דער מדינה פילט זיך דער גוואַלדיקער איינפלוס פון אַרבעטנדיקן ישראל, וואָס האָט די גרעסטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון דערציאונג און בילדונג, פאַר קינדער און דערוואַקסענע.

ס׳זיינען דאָ הונדערטער אידישע אַרבעטער־דערפער, און אין זייערע בודזשעטן פאַרנעמען דערציאונג און בילדונג אַ גאַר וויכטיק פּלאַץ.

מען זעט שוין אין פילע דערפער דעם צווייטן דור, וואָס זעצט פאָר די טראַדיציעס פון זייערע עלטערן, — דעם פריערדיקן דור פון פּיאָנערן.

אַ בוך און אַ צייטונג פאַרנעמען אַ בכבודיק פּלאַץ אין די אַרבעטער־רייען. אַ ביבליאָטעק און לייען־צימער ווערן אויפגעשטעלט צוזאַמען מיט אַן

עס־צימער און קיך. הונדערטער ביבליאָטעקן וועט איר טרעפן אין די דער־פער, מיט איבער זעקס הונדערט טויזנט ביכער, חוץ דער גרויסער וואַנדערנדער ביבליאָטעק, וואָס ווערט געשיקט פון ועדת־התרבות, די קולטור־קאָמיסיע פון הסתדרות. דער בית־עם, פאָלקס־הויז, ווערט גענוצט ווי אַ קולטור־צענטער. כאָרן און אָרקעסטערן ווערן אויפגעשטעלט. ס׳זיינען שוין היינט דאָ איבער צוויי הונדערט כאָרן און פופציק סימפאָנישע אָרקעסטערן. דראַ־מאַטישע קרייזן ווערן דערמוטיקט, קינסטלערישע אַרבעט ווערט ניט פאַר־נאַכלעסיקט.

טענץ, אייגנאַרטיקע ישראלדיקע, אויך פאָלקס און חסידישע טענץ, זיינען אַ טייל פון לעבן. אַ ריזיקער טאַנץ־ספּעקטאַקל „דליה" ווערט דורכגעפירט לעצטנס, באַזוכט פון דרייסיק טויזנט מענטשן; ס׳איז דאָרט דאָ דער געפיל פאַר שיינקייט, פאַר עסטעטישע ווערטן. זאָל איך ניט וואונדערן ווען פרייטיק פאַרנאַכט וועט איר זען אידן, אַרבעטער און ניט אַרבעטער, זיך איילן אַהיים צו באַגעגענען דעם שבת, און ביי יעדן פון זיי וועט איר זען אַ בוקעט בלומען.

מען לערנט מיט התמדה, מען לייענט פיל און מיט געשמאַק. ס׳זיינען דאָ רייזנדיקע סעמינאַרן און אוניווערזיטעטן. דער אוניווערזיטעט אין ירושלים, צוזאַמען מיטן בילדונגס־מיניסטעריום, און קולטור־קאָמיסיע פון דער הסתדרות און מוניציפּאַליטעטן, באַזאָרגן נאָענטע און ווייטע פּונקטן מיט פּראָפעסאָרן און לעקטאָרן. אין אַ יאָר ווערן געגעבן איבער פינף טויזנט לעקציעס, און ס׳ווערן דורכגעפירט אייניקע הונדערט טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

די קולטור פון דער אַרבעטערשאַפט אין ישראל קאָן מען אָנרופן די קולטור פון לעבן. אַ לעבן פון פּשטות, אַרבעט, נאָענטקייט מיט דער נאַטור און זוכן צו שאַפן אַ פּראָדוקטיווע אַרבעטס־געמיינשאַפט. די חשיבות פון יחיד, זיין פרייהייט און אמתן, דער חלוצישער גייסט זיינען געפּריידיקט געוואָרן פון גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי א. ד. גאָרדאָן, י. ה. ברענער, בערל קאַצענעלסאָן; זיי האָבן איבערגעלאָזן אַ גרויסע קולטור־ירושה. די אינטעליגענץ איז געגאַנגען אין פאָלק, געלעבט מיטן אַרבעטער, אים געלערנט און געדינט ווי אַ וועגווייזער.

האָט די אַרבעטערשאַפט און די גאַנצע מדינה היינט ערנסטע פּסיכאָ־לאָגישע פּראָבלעמען, פּנים לפּנים מיט דער ריזיקער צאָל פון נייע עולים און מיט דער פאַרגרעסערונג פון דעם שטח פון זייער מדינה. מען זוכט צו אַבזאָרבירן ניט בלויז פיזיש, עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, נאָר אויך גייסטיק די ניי־אָנגעקומענע פון טריפּאָלי, איראַק, מאָראָקאָ, טערקיי, איראַן און פון אַנדערע לענדער.

יע, ישראל האָט היינט אַ קנויל פּראָבלעמען, וואָס מען קאָן זיי לייזן בלויז

מיט מסירת נפש, אהבת ישראל, שכל, מיט פּאַסנדיקע מענטשן און גרויסע מיטלען.

אין ישראל לערנען זיך היינט אין די שולן כמעט אַ האַלב־מיליאָן קינדער. ס׳איז דאָ אַ געזעץ וואָס באַטראַכט דערציאונג ווי אַ חוב.

קאָנט איר אייך פאָרשטעלן וואָס ס׳מיינט פאַר דער יונגער מדינה אַט דער גרויסער נעץ פון קינדער־שולן, מיטל־שולן, סעמינאַרן און אַנדערע דערציאונגס־אינסטיטוציעס?

לאָגיש וואָלט געדאַרפט זיין אַן איינהייטלעכע רעגירונגס שול־סיסטעם. אָבער דאָס טוט זיך ניט אַזוי לייכט. די רעליגיעזע עלעמענטן, מזרחים און אגודת ישראל, ווילן אָפּהיטן זייער דערציאונג, ווי זיי רופן דאָס אָן, תורה־דערציאונג.

תנ״ך לערנען פאַרנעמט אויך אין די אַרבעטער־שולן אַ וויכטיק פּלאַץ, מען זוכט צו פאַרבינדן דעם עבר מיטן היינט, אָבער ס׳ווערט אויך באַטאָנט דער סאָציאַלער ווערט פון די נביאים. מען לערנט דאָרט אויך דאָס לעבן פון אידן אין אַנדערע לענדער.

אין אַרבעטס־סעזאָן גייען אַרויס לערער און תלמידים צו אַרבעטן אין פעלד, אין גאָרטנס. ס׳ווערן אַרויסגעגעבן זייער פיל ביכער. אין די לעצטע אַכט יאָר האָט מען פאַרקויפט אין לאַנד מער פון אַ מיליאָן מיט אַ פערטל ביכער.

ס׳זיינען דאָ גרויסע פאַרלאַגן, דער „עם עובד״, „מוסד ביאַליק״, רעלי־גיעזע און אַלגעמיינע פאַרלאַגן. מער פון צוויי־דריטל פון די ביכער זיינען אָריגינעלע שאַפונגען, וויניקער פון איין־דריטל באַשטייט פון איבערזעצונגען.

מיר האָבן היינט אין ישראל דעם אמתן קבוץ־גלויות. איר טרעפט אין שטעט, דערפער און מעברות אַלערליי אידן, וואָס הויזן צוזאַמען, לעבן און אַרבעטן צוזאַמען. איר זעט דאָס אין רמלה, לוד, באר שבע; איר זעט דאָס אין די מינען פון שלמה המלך, וואָס ווערן איצט צוגעגרייט.

צו לייכט איז ניט דער פּראָצעס פון איינגלידערונג, סיי עקאָנאָמיש און סיי גייסטיק. ווי אַזוי עס וועט זיך פאָרמירן דער כאַראַקטער פון דער מדינה און פון דער באַפעלקערונג, איז שווער היינט צו זאָגן.

ישראל פון היינט האָט ליכט און שאָטנס. אָבער דאָס לעבן איז אויסער־געוויינטלעך אינטערעסאַנט, אַפילו ווען ס׳זיינען דאָ יסורים, אַפילו ווען ס׳איז שווער.

פאַר סאָציאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן, דערציער און עקאָנאָמיסטן איז מדינת ישראל היינט אַ גוואַלדיקער שטודיום, ווי אַזוי פון אַ קבוץ גלויות ווערט דער מיזוג גלויות, און אַ מדינה ווערט אויסגעקריסטאַליזירט.

אַרום אידישן קולטור־קאָנגרעס

די טעג פון 16טן ביזן 12סטן סעפּטעמבער 1948 זיינען געווען טעג, געווידמעט צו אידישע קולטור־פּראָבלעמען פון גאָר דער וועלט, צו אַן אָפּשאַצונג פון אידישע גייסטיקע ווערטן, — דאָס זיינען די טעג, ווען עס איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, צום ערשטן מאָל, אַ וועלט־קאָנגרעס פאַר אידישער קולטור.

דעלעגאַטן זיינען געקומען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, איטאַליע, שווייץ, שוועדן, פון די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, פון דרום־אַפריקע, שאַנכאַי, אויסטראַליע; פון אַרגענטינע, בראַזיל, טשילי, אורוגוואַי, באָליוויע, טרינידאַד, קובאַ, מעקסיקאָ און אויך אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים.

עס זיינען געווען פאַרטרעטער פון די וויכטיקסטע קולטור און געזעל־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

אויך מדינת ישראל איז געווען פאַרטראַטן דורכן העברעאישן אוניווער־זיטעט, פאַרבאַנד פון שרייבער און זשורנאַליסטן פון תל־אָביב, און פון דער ועד־התרבות פון דער הסתדרות העובדים.

אַ קאָלירפולער צוזאַמענפאַר און אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן! עס זיינען געקומען אָנגעזעענע שרייבער פון אַ צאָל לענדער, פאַרטרעטער פון היסטאָרישע און פאָרשונגס־קאָמיסיעס פון פראַנקרייך, איטאַליע, דייטשלאַנד. עס זיינען געווען דערציער און שול־טוער פון מערערע לענדער. עס זיינען געקומען באַקאַנטע אידישע געלערנטע און אָנערקענטע קולטור־פירער.

איבער פינף הונדערט דעלעגאַטן זיינען געווען ביים וועלט־צוזאַמענפאַר.

אָנגעלאָדן מיט זאָרג, טיף באַווירקט פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט באַפאַלן דאָס אידישע לעבן אין די מוראדיקע יאָרן פון נאַצי־רעזשים און מלחמה; אָרעמער, צוליב די גרויסע אידישע גייסטיקע פאַרלוסטן אין די ישובים פון מזרח־איראָפּע, וואו עס האָט געלעבט און שעפעריש געווירקט אַ גרויסער אידישער קאָלעקטיוו, — זיינען געקומען קולטור־אידן ניט יום־טוב׳ן, נאָר צו מאַכן אַ חשבון הנפש, אָפּצושאַצן די אידישע גייסטיקע כחות, פּרובירן אויפבויען נייע אידישע קולטור־פּאָזיציעס, הויבן די חשיבות פון דעם אידישן לשון און ליטעראַטור; אַרומריידן פראַגן פון אידישער קינדער־דערציאונג, פון בילדונג פאַר דערוואַקסענע און זוכן אָנצופילן מיט גייסטיקן

אינהאַלט דאָס אידישע לעבן. קאָמיסיעס פון קאָנגרעס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אידישע גייסטיקע פּראָבלעמען.

געווען אַ קאָמיסיע פאַרן שול־וועזן, וואָס זאָל העלפן פאַראייניזאַמטע אידישע ישובים צו זאָרגן פאַר אידישער דערציאונג. די קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט קאָאָרדינאַציע פון די עקזיסטירנדיקע וועלטלעכע שולן און אַ פאַר־אייניקטן אידישן לערער־סעמינאַר, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַרויסגעבן מער לערער, איינגערע, אַמעריקאַנער געבוירענע. די שול־פראַגע איז געווען איינע פון די צענטראַלסטע פּראָבלעמען אויפן קאָנגרעס. די רעפעראַטן און אַ מיינונגס־אויסטויש האָבן פאַרזוכט אָנווייזן דעם וועג פאַר מער ווירקנדיקע אַרבעטן און רעזולטאַטן אויף דעם געביט. עס זיינען אויך געווען קאָמיסיעס פאַר אידישער יוגנט, פאַר פּראָפּאַגאַנדע, פאַר אידישער קונסט, פאַר דראַמאַטישע סעקציעס און כאָרן; אַ קאָמיסיע צו פאַראייביקן דעם זכרון פון די קרבנות פון מוראדיקן אידישן אומקום אין די מלחמה־ און נאַצי־יאָרן.

קאָמיסיעס פאַרן אידישן בוך, אידישער פּרעסע, אידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן באַצוועקט צו שאַפן ממשותדיקע קולטור־מעשים אין אידישן לעבן און צו שטאַרקן די הענט פון קולטור־טוער, אידישע שרייבער און דערציער אומעטום.

די איניציאַטאָרן פון קאָנגרעס האָבן ניט געזוכט צו מאַכן פון קאָנגרעס אַן איינמאָליקע דעמאָנסטראַציע, נאָר געקלערט וועגן דויערנדיקע ווערטן, וועגן צענטראַליזירטער קולטור־אַרבעט, וועגן געבן אידישע קולטור־הילף צו לענדער און אינסטיטוציעס, וואָס נויטיקן זיך אין אַזאַ הילף.

עס האָבן זיך באַגעגנט אויף דעם קאָנגרעס אידן פון פרייע לענדער מיט אידן, וועלכע זיינען ניצול געוואָרן פון בלוט־מבול, וועלכע האָבן אין די לאַגערן מיט מסירת נפש און אומרו געוועקט, געשריבן, געשאַפן אַ פּרעסע, שולן, און כסדר געטראָגן דעם לאָזונג „עם ישראל חי" סיי אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, סיי אין הויבן דעם קולטור־ניוואָ פון די געראַטעוועטע.

עס זיינען געווען אויפן קאָנגרעס פאַרטרעטער פון ישראל. זיי זיינען געקומען ווי ברידערלעכע דעלעגאַטן צו באַגריסן דעם אידישן קולטור־קאָנגרעס און צו באַריכטן וועגן דער גרויסער קולטור און דערציאונגס־אַרבעט, וואָס ווערט געפירט אין העברעאיש. זיי זיינען געווען ליבע געסט אויפן קאָנגרעס. מען האָט באַטאָנט, אַז עס וועט דאַרפן געפונען ווערן איין גייסטיקע שפּראַך פאַר אונזער קולטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן.

דער קולטור־קאָנגרעס איז ניט געווען אַ לוקסוס־ענין פאַר אַ גרופּע אינטעליגענטן, שרייבער, באַוועגונגס־פירער. ער האָט אָנגערירט טיפע וואונדן

פון אונזער לעבן. אין צייט פון קריזיס האָבן אידן געבויט. איז נאָך געווען אַ שאַרפערער קריזיס ווי ביי אידן פון היינטיקן דור?

דער קאָנגרעס האָט אויפגערודערט פילע לענדער, דערוועקט האָפענונג און גלויבן ביי פילע, וועלכע זיינען געווען אויפן שוועל פון יאוש.

דער ווערט פון קאָנגרעס דאַרף ווערן אָפּגעשאַצט אין ליכט פון זיינע קולטור־טאַטן. ס'איז צייט צו רופן אַ צווייטע וועלט־צוזאַמענקונפט און מאַכן אַ חשבון הנפש פאַר די פאַרגאַנגענע צען יאָר.

„ניו יאָרק טיימס״

פּרעסע איז אַ וויכטיקער אינסטרומענט אין די הענט פון רעדאַקטאָרן און שרייבער אין די פרייע לענדער. ווען אַ צייטונג איז געל און סענסאַציאָנעל, לאָזט זי זיך אַרונטער און ווירקט שלעכט אויפן לייענער.

ס׳זיינען דאָ צייטונגען, וואָס פאַרגיפטן די מחות און הערצן. דאָס האָבן מיר געזען אין די יאָרן פון נאַציזם און פאַשיזם. ס׳זיינען דאָ צייטונגען ,וואָס ווערן דיקטירט פון די הערשער אין לענדער, אונטערן טאָטאַליטאַרן רעזשים, אין רוסלאַנד און אין די לענדער הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג.

טראָץ דער פאַרשפּרייטונג פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע אין אַמעריקע, שפּילן די היגע צייטונגען אַ וויכטיקע ראָלע צו באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג. איינע פון די גרויסע צייטונגען איז „די ניו יאָרק טיימס״, וואָס האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געפייערט איר הונדערטן געבוירן־יאָר. ס׳איז אַ קאָנסערוואַטיווע צייטונג אָבער אויסערגעוויינטלעך אינפאָרמירענד. די אַרויסגעבער זיינען אידן, באַלאַנגען סאָציאַל צום „יאַהודים׳שן״ קרייז. „די נ. י. טיימס״ גיט אָפּ אין די לעצטע יאָרן אַ צאָל שפּאַלטן פאַר באַריכטן איבערן אידישן לעבן דאָ און וועגן מדינת ישראל.

די רעדאַקציאָנעלע שטעלונג פון „טיימס״ איז יאָרן־לאַנג ניט געווען פריינטלעך צום ציוניזם, אָבער זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל איז די פאַרשפּרייטע און איינפלוסרייכע צייטונג געוואָרן פריינטלעך און שטיצט ביי מערערע געלעגנהייטן די אידישע מדינה אין קאַמף פאַרן קיום און אַנטוויקלונג. האָט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד באַשלאָסן אין צענטן יאָר פון מדינת ישראל צו געבן אַן אָנערקענונגס־טאָוול צו „ניו יאָרק טיימס״ פאַר אירע דינסטן לטובת מדינת ישראל. אין די קומענדע יאָרן ווען אַזעלכע אָנערקענונגען אויסגעדריקט ווערן צו אַנדערע ענגלישע צייטונגען און צו די צוויי אידישע צייטונגען „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ און „פאָרווערטס״, וואָס זיינען זייער געטריי דער אידישער מדינה און שפּילן אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָלע, סיי מיט זייערע אויפקלערונגען, סיי מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע און הילף פאַרן פאַראייניקטן אידישן אַפּיל, ישראל באָנדס, קרן קימת, הסתדרות און אַנדערע ישראל טעטיקייטן.

ס׳איז ביי מיר געווען אַ פראַגע, צי די ערשטע אָנערקענונג דאַרף גע־

געבן ווערן אַן אַלגעמיינער אַמעריקאַנער צייטונג, ווי „די טיימס". דער באַשלוס פאַר „ניו יאָרק טיימס" איז באַווירקט געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל ענגליש־ריידנדע פאַרבאַנד־מיטגלידער, וועלכע לייענען ליידער ניט קיין אידיש.

דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, ניט ווי אַ גרינגשעצונג פון דער אידישער פרעסע. וואָס־וואָס, אין דעם קאָן מען דעם פאַרבאַנד ניט באַשולדיקן. ער איז טיף פאַראינטערעסירט אַז די אידישע צייטונגען זאָלן האָבן אריכת ימים און צוקריגן נייע לייענער. זיינע מיטגלידער זיינען לייענער פון ביידע צייטונגען.

אין אויגוסט 1958 האָט דער פאַרבאַנד געגעבן אין „אונזער קעמפ" די אָנערקענונג צו „ניו יאָרק טיימס". איך האָב געהאַט דעם כבוד צו ריידן וועגן דער אָנערקענונג. ס'איז כדאי איבערגעבן אין אידיש מיינע ווערטער:

מיר זיינען היינט פאַרזאַמלט צו אַ וויכטיקער געשעעניש — אויסדריקן אונזער אָנערקענונג צו „ניו יאָרק טיימס" פאַר איר רעדאַקציאָנעלער פריינטלעכער שטעלונג צו מדינת ישראל. איך בין אַ לייענער פון דער צייטונג איבער 50 יאָר. געלייענט „די נ. י. טיימס" אויך ווען איך האָב געלעבט אין ארץ ישראל. ניט מיט אַלץ אין דער צייטונג בין איך מסכים, אָבער ס'איז אַ וויכטיקע טאָג־בלאַט.

פאַר מיר איז די צייטונג ניט בלויז אַן אַמעריקאַנער צייטונג, ס'איז אַ וועלט־צייטונג; כמעט אַן אינסטיטוציע וואָס באַווירקט דעם ערנסטן לייענער. „נ. י. טיימס" איז אינטערנאַציאָנאַל אין איר אָנשויאונג, אַ קלאָרער אויסדרוק פון דאָס בעסטע וואָס ס'איז דאָ אין אַמעריקאַנער זשורנאַליסטיק.

וויל איך באַקענען דעם פאַרטרעטער פון „טיימס" מיטן כאַראַקטער פון פאַרבאַנד, וואָס איז אַ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע מיט סאָציאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. איר האָט געזען אונזער „קינדערוועלט", די הונדערטער קינדער. אַזוינע קעמפס זיינען דאָ אין אַנדערע שטעט און געגנטן. דער פאַרבאַנד איז אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטרעבט צו פאַראייביקן אידישע ווערטן, אַלטע און נייע.

מיר האָבן אויסגעפונען אַז אין דעם לאַנד פון אַנגלאָ־סאַקסישער קולטור און ציוויליזאַציע איז דאָ פּלאַץ פאַר עטנישע גרופּן זיך אויסלעבן. ברענגען מיר אַריין דאָ אונזער אידישע קולטור און דערציאונג. מיר האָבן געשאַפן אַ נעץ פון קינדער שולן און גיבן אונזערע קינדער דעם זין פון אידישקייט.

דער פאַרבאַנד איז אַן אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע וואָס שאַצט אָפּ איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט און באַטאָנט אַן אַמעריקאַניזם אין בעסטן זין. אַמעריקע איז באמת אַ לאַנד פון דעמאָקראַטיע, וואָס דערלויבט דעם יחיד זיך

אויסלעבן און זיין פריי, נישט אונטערן טעראָר פון טאָטאַליטאַריזם, ווי ער זאָל זיך ניט רופן.

ס'וואָלט גאָרניט געשאָדט ווען אַזאַ צייטונג ווי די „נ. י. טיימס" שיקט פון צייט צו צייט אירע פּעאיקע שרייבער צו באַזוכן אידישע און אַנדערע קולטור אינסטיטוציעס און באַקענען אירע לייענער מיט די טעטיקייטן פון גרופּן אַמעריקאַנער בירגער און תושבים, וואָס זוכן אויפצוהאַלטן זייער קולטור דאָ אין לאַנד. מיר האָבן אויסגעקליבן „נ. י. טיימס" צו קריגן אָנער־קענונג אין אַ צייט ווען מיר פייערן דעם צענטן געבוירן־יאָר פון מדינת ישראל. ס'איז אַ פריילעכער יאָר פאַר אידן אומעטום. פון אַלע לענדער וואו אידן זיינען פריי, יום טוב'ט מען און מען פרייט זיך וואָס מדינת ישראל האָט דערלעבט די ערשטע צענדליק יאָרן טראָץ שוועריקייטן, שטערונגען און פיינטשאַפט. ס'איז די דריטע אידישע מדינה אין ארץ ישראל. געוויי־סערמאָסן איז דאָס נאָך וויכטיקער ווי דער אויפקום פון דער צווייטער מדינה, וואָס איז אַנטשטאַנען בלויז 49 יאָר זינט מען האָט די אידן פאַר־טריבן אין בבל און 42 טויזנט אידן זיינען צוריקגעקומען פאַרן בנין פון דער צווייטער מלוכה. ס'איז מערקווירדיק וואָס מדינת ישראל, געבויט אין אונזערע טעג, איז אויפגעקומען 1900 יאָר נאָך חורבן ירושלים און דער פאַרשפּרייטונג פון אידן אין אַזוי פיל לענדער.

מיר איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו באַזוכן רוים און דורכגיין דעם טויער, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לכבוד טיטוס'ן. דאָרט איז אויס־געקריצט די מנורה מיט טיפּן פון אידישע געפאַנגענע און ס'זיינען דאָרט דאָ די ווערטער „יודעאַ קאַפּטאַ" (יהודה אין געפאַנגענים). די איטאַליענער זיינען פאַררעכנט פאַר אונזערע פריינט. האָף איך צו דערלעבן דעם טאָג ווען דער סימבאָל פון אידישער געפאַלנקייט וועט פאַרביטן ווערן מיט אַ סימבאָל פון אַ פרייען פאָלק ישראל און ס'וועלן אויסגעקריצט ווערן די ווערטער „יודעאַ ליבעראַטאַ" (פרייע יהודה).

„ניו יאָרק טיימס" איז ניט די איינציקע צייטונג וואָס איז פריינטלעך צו מדינת ישראל. איך געדענק נאָך די צייט ווען די „טיימס" איז געווען קעגנעריש צום ציוניזם און ווען מיר האָבן אָפט געהאַט האַרצווייטיק פון דער „טיימס". קאָנען מיר דאָס איצט דערמאָנען אין אונזער שעה פון פרייד, אין צענטן געבוירן־יאָר פון ישראל. האָט די „טיימס" באַשלאָסן אַז מדינת ישראל איז אַ פאַקט און דאַרף עקזיסטירן, האָט זי גענומען אַ קלאָרע שטע־לונג פון געבן איר פריינטשאַפט און שטיצע פאַר דער אידישער מדינה.

איך האָב מיט יאָרן צוריק געהאַט מערערע אַראַבישע פריינט, ווען איך בין געווען אַ תושב פון ארץ ישראל און איך פלעג אָפט באַזוכן מצרים. מצרים איז אַמאָל ניט געווען אידן־פיינטלעך. לעבן מיר היינט אין אַן

אומרואיקער צייט, אין אַן אומרואיקער וועלט. אַ וועלט איז צעטיילט אויף מזרח און מערב. מענטשן האָבן מורא פאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה. די, וועלכע האָבן נאָך גלויבן אין דער מענטשהייט און אין דעם פּאָרשריט פון דער וועלט, האַלטן, אַז אַ דריטע וועלט־מלחמה וועט ניט קומען. אָבער, דעמאָקראַטישע לענדער מוזן זיין שטאַרק און צוגעגרייט פאַר יעדער מעג־לעכער געפאַר.

איך גלויב אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג פון שלום צווישן ישראל און אַראַ־בער, און מען וועט זיך אַוועקזעצן ביים שלום־טיש. אָבער ריכטיק האָט אַמאָל געזאָגט משה שרת, געוועזענער פּרעמיער און אויסלאַנדס מיניסטער פון מדינת ישראל: „איך גלויב אויך אַז מיר וועלן זיך אַמאָל אַוועקזעצן מיט אונזערע אַראַבישע שכנים און פּלאַנירן אונזער וועלט און פּראָגרעס אין מזרח הקרוב, אָבער ווען יענער טאָג וועט קומען, וויל איך זען אַן עקאָ־נאָמיש־שטאַרקע ישראל, בכדי מען זאָל אונז ניט באַטראַכטן ווי אַ שוואַכ־לינג, נאָר ווי אַ שטאַרק דעמאָקראַטיש פאָלק, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון נאָענטן מזרח צו בויען און זיך אַליין איבערבויען, צו שאַפן פון דאָס ניי אונזער ציוויליזאַציע און קולטור״.

אין אונזער יום טוב ווילן מיר אויסדריקן אָנערקענונג צו אונזערע פריינט. דער פאַרבאַנד איז נומעריש קליין אין פאַרגלייך מיט דער צאָל לייענער פון „טיימס״, וואָס האָט ניט מורא פאַר קאָנקורענץ מצד ראַדיאָ און טעלעוויזיע און וואַקסט כסדר.

אָבער אונזער אָרגאַניזאַציע, געטריי צו אירע אידעאַלן און צו איר ראָלע אין אידישן לעבן דאָ און אין איר אַרבעט פאַר ארץ ישראל נאָך איי־דער ס׳איז אויפגקומען מדינת ישראל, פילט גרויס באַפרידיקונג צו געבן אָנערקענונג צו איינער פון די גרעסטע וועלט־צייטונגען, דער „ניו יאָרק טיימס״.

אין שפּיטאָל

סוף פעברואַר 1929, האָט זיך פאַרוואָלט מיין פרוי באַזוכן אונזער הויפּט־שטאָט וואַשינגטאָן. זי האָט געזאָלט אָפּפאָרן מיט אונזערע שכנים, וואָס האָבן געהאַט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל. איך האָב ניט געהאַט אַ צו גרויסן חשק פאַר דערדאָזיקער נסיעה. האָט די „עזר כנגדי״ געמאַכט אַ „קאָנספּיראַציע״ מיט די שכנים און געזאָגט, אַז זיי וועלן מיך נעמען אין אָוונט צו אַ פאַרזאַמלונג. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן. מיין באַקאַנטער, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, איז געווען אַן אינטערעסאַנטער שמועסער, האָט ער מיך אַריינגעצויגן אין אַ שמועס. און איידער וואָס ווען, זיינען מיר מחוץ לניו־יאָרק. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן צו שפּעט. מילא, וועל איך שוין מיטפאָרן.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין טרענטאָן. עפּעס געפילט ניט מיט אַלעמען. איז באַשלאָסן געוואָרן איבערנעכטיקן אין אַ האָטעל. אינדערפרי גיט מיין פלונית׳טע אויף מיר אַ קוק: דאָס פּנים געל ווי וואַקס, די אויגן פאַרגלייזט! זאָגט זי צו מיר: „לאָמיר אפשר מאַכן השיבנו־באָזאַד, קיין ניו־יאָרק?״ בין איך אָבער אַ „כוואַט״, און האָב געענטפערט: לאָ — מיט אַן אַלף! און מיר פאָרן ווייטער. דער אויטאָמאָביל איז געפלויגן. פּלוצלונג גיב איך אַ זאָג: „איך וועל אָפּשטייגן אין באַלטימאָר״. זיינען מיר צוגעפאָרן צו אַ האָטעל. מיין פרוי האָט אָפּגערופן אַ באַקאַנטן דאָקטער. ער האָט מיך אונ־טערגעזוכט, געגעבן פּילן, און גוזר געווען אַז איך זאָל זיך אויסרוען. אויפ־צומאָרגנס אינדערפרי, האָב איך געפילט אַ פאַרלייכטערונג. דער דאָקטער האָט מיך נאָכאַמאָל באַטראַכט און גע׳עצה׳ט איך זאָל פאָרן אַהיים — „וועסט קריגען אַביסל היץ, אָבער אינדערהיים איז בעסער ווי אין אַ האָטעל״. מיין פלימעניצע, אַ תושב אין באַלטימאָר, האָט מיך בשום אופן נישט געלאָזט פאָרן קיין ניו־יאָרק. כ׳האָב געמוזט בלייבן ביי איר אַ טאָג און זיך אויסרוען.

איידער מיר האָבן געזאָלט אָפּפאָרן, נעמט מיין פרוי די טעמפּעראַטור, און זאָגט מיר גאָרניט. שפּעטער אַ ווייל באַווייזט זיך אַ דאָקטער, אונטערזוכט מיך און . . . רופט אָפּ אַן אַמבולאַנס. פאַרשטיי איך, אַז מיט מיר איז גאָרניט פויגלדיק. אָבער גראָד דאַן הויב איך אָן זיך צו וויצלען און באַרויקן מיינע אייגענע.

בקיצור, ביי מיר האָט געפּלאַצט די „בלינדע קישקע״, און ס׳איז געווען אַ געפאַר פון פּעריטאָניטיס. פּעניסילין איז נאָך דאַן ניט געווען. מען האָט מיך צוגענומען אין אַ קאַטוילישן שפּיטאָל, און אַ האַלבע שעה אַרום בין

איך שוין געלעגן אויפֿן אָפּעראַציע־טיש. און ווידער האָב איך אָנגעהויבן שפּאַסן. הער איך ווי דער כירורג זאָגט: „מיר געפֿעלט זיין מצב רוח".

***

אויפֿן פערטן טאָג האָט מיין פרוי געדענקט, אַז ס'איז אויס מיט מאיר'ן. איך האָב רחמנות געהאַט אויף איר. גאַנצע טעג און נעכט איז זי ניט אַרויס פון צימער. אַ וואָך צייט האָט מען קיינעם צו מיר ניט צוגעלאָזט. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן מיך באַזוכן די קינדער, חברים, חברות פון באַלטימאָר און אַנדערע שטעט. בריוו און טעלעגראַמען האָבן ניט אויסגעפעלט. קרוב אַ חודש בין איך אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל, די באַהאַנדלונג אַ וואונדערפולע, די באַציאונג אַזאַ וואַרעמע. זיי, די קאַטאָליקן, ווייסן ווי אַזוי אומצוגיין מיט מענטשן.

דעם לעצטן אָונט פאַר מיין פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, עפֿנט זיך די טיר פון מיין צימער, און אַ גלח באַוויזט זיך.

— אַ גוטן אָוונט, מיין זון.

— אַ גוט אָוונט".

— מעג איך פאַרבלייבן מיט דיר אַביסל?

— פאַרוואָס ניט?

איך בעט אים זיצן און ער גיט מיר אַ פרעג:

— ווער ביזטו?

— אַ פּאַציענט! ענטפער איך.

שמייכלט ער און פרעגט ווידער: „ווער ביזטו?"

— אַ איד!

אָבער ער לאָזט ניט אָפּ: — פאַרוואָס קומען אַזוי פיל דיך באַזוכן?

זאָג איך אים, אַז איך בין פּרעזידענט פון אַן אידישער אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אידישער דערציאונג, קולטור און אַרבעט פאַר ארץ־ישראל.

ער שטאַמלט אויס: „ביזטו אַ ציוניסט?"

— יאָ!

דאָ פאַרלירט ער זיין געלאַסענעם טאָן און רופט זיך אָפּ: — איר וועט קיינמאָל ניט קריגן צוריק פּאַלעסטינע. גאָט האָט אייך פאַרשאָלטן צו זיין אייביקע וואַנדערער, ווייל איר האָט צוריקגעוויזן דעם „דערלייזער".

ענטפער איך: „אויב איך פאַרשטיי ריכטיק, איז די לעגענדע פון אייביקן אידישן וואַנדערער כמעט אַ זייל פון אייער אמונה. בין איך זיכער, אַז דער־אָ זייל וועט זיך אַ טרייסל טאָן, און פּאַלעסטינע וועט זיין אַמאָל אַ אידישע מדינה".

פּרובירט ער מיט מיר איינטענה'ן. וואָס־וואָס, אַן עם הארץ איז ער ניט געווען, דעם חומש גוט געקענט, אויך העברייאיש. פּלוצים קומט אַרויס מיט טענות, אַז „אידן זיינען ניט קיין ערד־אַרבעטער, און בויער, נאָר סוחרים

און קרעמער. און אַזאַ מלוכה ווילט איר האָבן? ווער וועט טאָן די שוואַרצע אַרבעט?״

איך האָב דערפילט כמעט אַן אַנטיסעמיטישע נאָטע אין זיינע ווערטער. זאָג איך צו אים: „איך בין דאַנקבאַר דעם שפּיטאָל פאַר באַהאַנדלען מיך אַזוי האַרציק, כ׳וועל עס ניט פאַרגעסן. ווען דו פּרובירסט מיך איבערצייגן, אַז אַ אידישע מדינה קאָן נישט געמאָלט זיין, ווייל אַזוי זאָגט דיר דיין רעליגיע, האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו דיסקוטירן; אין אַ טעאָלאָגישן וויכוח וועל איך זיך ניט אַריינלאָזן. אָבער ווען דו שטעלסט אַרויס פּראַקטישע טעמים צו באַגרינדן דיין קעגנערשאַפט, באַווייזט עס, אַז דו ווייסט ניט וואָס ס׳קומט פאָר אין דער אידישער וועלט, און וואָסערע רעוואָלוציע ארץ ישראל האָט געמאַכט אינעם לעבן פון דער אידישער יוגנט״.

און דאָ דערצייל איך אים וועגן דער אידישער קאָלאָניזאַציע, אידישע פּויערים, חלוציות, נאַציאָנאַל־פאָנד און וועגן די אויפטועכץ פון דער הסתדרות.

ער האָט זיך צוגעהערט מיט אינטערעס צו מיינע רייד, און צום סוף אַ זאָג געטאָן: „היינט האָב איך עפּעס געלערנט. איך וועל מוזן באַזוכן דאָס הייליקע לאַנד און זען מיט מיינע אויגן די וואונדער וואָס דו שילדערסט. ס׳איז גוט צו זען אַ איד, פאַראַנקערט אין זיינע איבערצייגונגען. זיי געזונט מיין זון. אויב דו וועסט זיין אַמאָל דאָ, קום מיך באַזוכן״.

אַרום צוויי שעה זיינען מיר געזעסן צוזאַמען. כ׳האָב געטראַכט ווי בויטיק עס איז מער אויפקלער וועגן אידישע און ארץ ישראל ענינים אין דער קריסטלעכער וועלט, און ווי ווייניק מען פאַרשטייט דעם רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון ציוניזם.

מיינע טאָג־נאָטיצען

מצרים

נאַסער איז דער אויסדריקער פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם. אים חלומט זיך אַ גרויסע אַראַבישע אימפּעריע, ער טריאומפירט. האָפט אויך צו פאַרניכטן מדינת ישראל.

כמעט אין איין צייט איז די רעפּובליקאַנער אַדמיניסטראַציע אַריין אין מאַכט ווען מלך פאַרוק איז אַרונטערגעזעצט געוואָרן. דאַלעס האָט פּרובירט ענדערן די פּאָליטיק פון טרומאַן. האָט ער באַזוכט מצרים און זיך באַגעגנט מיט נאַגיב׳ן, וואָס איז דאַן געווען דער פירער פון עגיפּטן. היינט איז נאַגיב אַ פאַרגעסענער מענטש. דאַלעס האָט אין נאָמען פון פּרעזידענט אייזענהאַוער, געבראַכט אַ מתנה נאַגיב׳ן — אַ רעוואָלווער.

אָט דער רעוואָלווער פון דער גרויסער דעמאָקראַטישער מדינה איז געוואָרן סימבאָליש פאַר די פירער פון מצרים. „מען מעג שיסן״. שיסט מצרים, אַטאַקירט אירע שכנים, שאַפט באַנדעס פון מערדער, וואָס האָבן אַ צייט געמאָרדעט אומשולדיקע איינוואוינער פון ישראל. נאַסער איז געוואָרן דער אַראַבישער העלד. געווען ווען אַ צייט ווען מצרים האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו אַראַבער.

מיר פלעגט אין די יאָרן 1934 ביז 1941 אויסקומען צו זיין צוויי מאָל אַ יאָר אין מצרים, געהאָט דאָרט מערערע באַקאַנטע, אידן און ניט־אידן.

פלעגט איר שמועסן מיט אַ עגיפּטיאַנער וועגן די אַראַבער, פלעגן זיי מיט פאַראַכטונג ריידן וועגן די לעצטע און שטאָלץ באַטאָנען, אַז זיי זיינען עגיפּטיאַנער, ניט אַראַבער. איבערנאַכט האָבן זיי זיך איבערגעקוליעט און געוואָרן אַן „אַראַבישע״ מדינה. אַמאָל איז מצרים געווען פריינטלעך צום אידישן ישוב, זיך באַטייליקט אין ארץ ישראל „אויס־שטעלונגען״, געלאַדן אידישע אינדוסטריאַליסטן צו קומען אין מצרים. וואָס פּאָליטיק און אַמביציע קאָנען אויפטאָן!

דער נאַצי־יוריסט

די וועלט קאָן ביז היינט ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי אין צענטער פון אייראָפּע, אין דער „קולטורעלער״ דייטשלאַנד, האָט געקאָנט אַזאַ מאָנסטער ווי היטלער קומען צו מאַכט און שיעור ניט פאַרברענען אַ וועלט.

אָבער ניט לאַנג איז מיר אויסגעקומען צו לייענען וואָס דער הויפּט יוריסט פון נאַצי־געסטאַפּאָ האָט געשריבן וועגן פעלקער־מאָרד (גענאָסיד). דאָ זיינען זיינע ווערטער: „ס׳איז ניט אוממאָראַליש און ניט קעגן נאַטור־געזעצן צו פאַרניכטן מינדערהייטן, אָבער די פאַרניכטונג מוז זיין פולשטענדיק״.

דאָס האָבן געוואָלט היטלער און דער נאַציזם. קאָן מען פאַרשטיין די „וויסנשאַפט־לעכע״ באַגרינדונג פון דער אויסראָטונג פון מיליאָנען אידן און אַנדערע מינאָריטעטן. און מען קאָן פאַרשטיין דעם בעסטיאַלישן סאַדיזם פון די נאַצי־דאָקטוירים און „וויסנ־שאַפטלער״.

רוזוועלט און די אידן

פרענקלין רוזוועלט איז געווען אַ גוטער פּרעזידענט. אָבער אידן האָבן צו אים ניט געהאַט קיין מזל. ער איז זיכער ניט געווען אַן אַנטיסעמיט, אָבער אויך ניט אַ צו גרויסער אוהב ישראל. אין ערשטן יאָר פון היטלער׳ס קומען צו מאַכט, האָט ער געקאָנט אָפּשטעלן די וואַקכאַנאַליע קעגן אידן, אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָן!

ווען אידישע און דעמאָקראַטישע דעלעגאַציעס האָבן פּרובירט ווירקן אויף אים צו

נעמען שריט, האָט ער זיי געגעבן „ליפּן דינסט". און האָט געוואַנדערט די שיף „סט. לואי" מיט טויזנט אַנטלאָפענע אידן, פון פּאָרט צו פּאָרט, האָט רוזוועלט ניט געמאַכט אַפילו אַ זשעסט פון כאָטש ציטווייליק אַריינלאָזן די אידן אין אַן אַמעריקאַנער האַפן.

און איז אין עוויאַן פאַרגעקומען אין 1938 אַ קאָנפערענץ פון מלוכות וואָס צו טאָן מיט אידן־פאַרפאָלגונגען און פּרובירן עפענען די טירן פון מערערע לענדער, האָט מען חוץ וואַרעמע ווערטער פון רחמנות גאָרניט געהערט. ווען רוזוועלט וואָלט באַוויזן נאָר אַ ביישפּיל פון גרייטקייט עפּעס צו טאָן.

דערמאָנט זיך מיר אַ פאַרשטעלונג פון אַ סאַטירישן אי"ר־טעאַטער וועגן עוויאַן: זיצן דיפּלאָמאַטן ביים טיש. הייסט דער פאָרזיצער אַריינרופן דעם אידן. קומט אַריין דער איד און הויבט אָן דערציילן וועגן אידישן אומגליק, נעמען אַרויס די דיפּלאָמאַטן זייערע טיכלעך און ווישן זיך די אויגן. דער איד רעדט ווייטער. שרייט אויס איין דיפּלאָמאַט: „ס'זאָל זיין גענוג, איך האָב מער ניט קיין כח צו פאַרגיסן טרערן". זאָגן אַנדערע דיפּלאָמאַטן דאָס זעלבע. האָט איינער רחמנות געהאַט אויף די דיפּלאָמאַטן און האָט אַריינגעבראַכט אַ קראָקאָדיל. גיסן זיך ווידער טרערן, אָבער דאָס זיינען שוין קראָקאָדילן־טרערן.

פּרימיטיוו, יאָ? אָבער ווי טרעפלעך. עוויאַן האָט געבוירן אַ מויז!

ווער ווייסט אויב רוזוועלט וואָלט געהאַט דעם מוט צו האַנדלען ווי טרומאַן, דער ערשטער צו אָנערקענען מדינת ישראל.

זיין אלמנה עליאָנאָר רוזוועלט, איז אַן אמת'ער ישראל פריינט, אפשר זוכט זי גוטמאַכן דאָס וואָס איר מאַן האָט פאַרפעלט?

„פאַר אַ קאַמעראַד טו איך דאָס"

נאָכן וועלט קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל אין בערלין, יאָר 1930, האָט מיר חבר אריה קובאָוויצקי (איצט ישראל'ס אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע) איינגעלאַדן פאַר עטלעכע טעג אין בעלגיע, געווען אין אַנטווערפּן און בריסל. געהאַט גרויסע פאַרזאַמלונגען. זיך באַגעגנט מיט אַ גרופּע פלעמישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן אונזער אידישער קולטור אַרבעט אין אַמעריקע. זיי האָבן זייערע אייגענע קולטור פּראָבלעמען אין בעלגיע. מיר האָבן פאַרבראַכט שיינע עטלעכע שעה צוזאַמען, דערנאָך מיט חברים.

דעם זעלביקן אָוונט האָבן מיר געזאָלט אָפּפאָרן מיטן באַן צו אַ פראַנצויזישן האַפן בכדי צו נעמען אַ שיף קיין ארץ ישראל. זאָגט אַ חבר: „אוי, דער באַגאַזש צימער פון דער באַן סטאַנציע איז שוין געשלאָסן, איר וועט ניט קאָנען אַרויסנעמען אייערע זאַכן". מיר האָבן אָבער געמוזט אָפּפאָרן. צוגעפאָרן צו דער באַן סטאַנציע. אַלץ פאַרשלאָסן. מיר זיינען געוואָרן נערוועז. האָט דער חבר גענומען זוכן אַ באַן־באַאַמטן. קוים מיט צרות אים געפונען און פּרובירט ווירקן אַז ער זאָל עפענען דעם צימער, וואו אונזערע זאַכן זיינען געלעגן. דער באַאַמטער וויל ניט הערן. זאָגט צו אים צום סוף דער חבר: „די צוויי, מיין פרוי און איך, זיינען קאַמעראַדן פון אַמעריקע און פאָרן אין ארץ ישראל". גיט דער באַאַמטער אויף אונז אַ קוק, אַ שמייכל, דריקט די הענט און זאָגט: „איך וואָלט דאָס ניט געטאָן, אָבער פאַר אַ קאַמעראַד פון אַמעריקע, וועל איך דאָס טאָן אויף מיין פרייער צייט".

אונז איז לייכטער געוואָרן, מיר האָבן אים באַדאַנקט און געקאָנט פאַרלאָזן בעלגיע מיט אונזערע זאַכן.

נו, לוינט זיך ניט זיין אַ „קאַמעראַד"?

אַמעריקאַנער קאָנסולס אין ירושלים

אין די יאָרן פון מיין וואוינען אין ארץ ישראל, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט פון צייט צו צייט צו באַזוכן די אַמעריקאַנער קאָנסולס. די קאָנסולאַטן האָבן געהאַט אַ גוטע „אינטעלידזשענס" דינסט, איבערהויפּט אין די אַראַבישע לענדער. ניט איין

קאָנסול איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון אַראַבער און געשיקט אָפּט ניט גינסטיקע באַריכטן וועגן אידישן ישוב, ציוניזם און קעגנערשאַפט צו דער אידישער נאַציאָנאַלער היים.

צוויי קאָנסולס האָב איך אָפּטער באַגעגנט — הערן פּאַלמער און וואַדסוואורט. מיטן ערשטן האָב איך זיך באַקאַנט אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג אין 1934 און ער האָט מיך איינגעלאַדן אים באַזוכן. איך האָב דאָס געטאָן עטלעכע מאָל. אין דער צייט פון דער קריג צווישן סאַודיע און תימן, האָט בן צבי מיר געבעטן אויסגעפינען וועגן דער לאַגע פון אידן אין תימן. איך האָב זיך געווענדט צום קאָנסול פּאַלמער און ער האָט מיר געגעבן די אינפאָרמאַציע. ער איז געווען אַ פיינע פּערזענלעכקייט און פריינטלעך. איך קאָן דאָס ניט זאָגן וועגן צווייטן גענעראַל קאָנסול י. וואַדסוואורט.

העפלעך איז ער געווען, אָבער אַ קנאַפּער פריינט פון אידישן ישוב. שטאַרק באַאיינפלוסט פון די אַראַבער — אַן אמת׳ער אַראַבאָפיל.

אין 1941 איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ העכערן אַמט אין רוים. ער האָט אונז איינגעלאַדן צו אַן אָפּשיד־אָוונט, געפירט זיך פּערפעקט. אָבער אייניקע טעג שפּעטער האָט דער הויך־קאָמיסאַר טשענסעלאָר געמאַכט פאַר אים אַן אָפּשיד־אָוונט. ס׳זיינען געווען מערערע רעגירונגס־באַאַמטע. נו, האָט משקה ניט געפעלט. וואַדסוואורט האָט זיך אַביסל פאַרשניאַשקעט, און איר ווייסט דאָך דעם אויסדרוק: „וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג, איז ביי אַ שכורן אויפן צונג״. האָט ער אָנגעהויבן מאַכן ניט שמייכלאַהפטע באַמערקונגען וועגן אידן. דאָ האָט זיך אַ בויג געטאָן צו אים אַן ענגלישער באַאַמטער און אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן: „זיי פאָרזיכטיק, דאָ זיצן אייניקע אידישע באַאַמטע״.

איז דער קאָנסול רויט געוואָרן, פּרובירט דרייען מיטן צונג אויף צוריק, אָבער ס׳איז געבליבן אַ ביטערער טעם אין מויל.

שטעל איך זיך פאָר, וועלכע באַריכטן ער פלעגט שיקן צום סטייט דעפּאַרטמענט.

מיין שוואַרצער חבר

אין 1907 און אין 1908 איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַ כעמישער פאַבריק אין פילאַדעלפיע. דאָרט האָב איך זיך באַפריינדעט מיט אַ יונגן שוואַרצן כעמיקער, דעניס. מיר פלעגן אָפּט שמועסן וועגן אידישע און נעגערשע פּראָבלעמען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט מיינע דערקלערונגען וועגן ציוניזם און ארץ ישראל און פלעגט מיר זאָגן אַז די באַוועגונג איז ענלעך צו דער באַוועגונג פון די שוואַרצע, וואָס האָט געפירט אין 19טן יאָרהונדערט צו דער אַנטשטייאונג פון דער רעפּובליק ליבעריע אין אַפריקע, וואָס איז באַזעצט געוואָרן פון אַ צאָל געוועזענע תושבים פון אַמעריקע.

„אָבער ליבעריע האָט ניט געלייזט די נעגערשע פּראָבלעם אין אַמעריקע, און די היגע שוואַרצע איינוואוינער מוזן באַקעמפן ראַסן־דיסקרימינאַציע, די באַהאַנדלונג אין דרום (סאַוט־אַמעריקאַנישע שטאַטן)״ — האָט ער מיר געזאָגט.

די שמועסן זיינען געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט און פאַר מיר קלאָר געמאַכט די מענטאַליטעט פון דער נעגערשער אינטעליגענץ.

יאָרן זיינען אַוועק, מיר האָבן זיך מער ניט געטראָפן.

איינמאָל, אין 1927, גייענדיק אין שיקאַגאָ, הער איך ווי איינער רופט אויס מיין נאָמען. איך האָב זיך אומגעקוקט. ערשט איך זע אַ שמייכלדיקן שוואַרצן. איך האָב אים ניט דערקענט. זאָגט ער מיר: „דו געדענקסט ניט דעניס׳ן פון פילאַדעלפיע?״ האָב איך זיך דערמאָנט און מיר האָבן זיך וואַרעם געדריקט די הענט. איך האָב אים איינגעלאַדן אין אַ רעסטאָראַן פאַר אַ טעפּעלע קאַווע. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן ארץ ישראל. האָב איך אים איבערגעגעבן וועגן מיין באַזוך אין ארץ ישראל מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. פרעגט ער מיך אויב איך וויל בייוואוינען אַ נעגערשע קאָנפערענץ פון פּראָפעסיאָנאַלן און אינדוסטריאַליסטן. איך האָב גערן אָנגענומען.

געטראָפן ביי זייער באַראַטונג אַ פינף און זיבעציק שוואַרצע — אייניקע פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, לערער און אינדוסטריאַליסטן. ס׳זיינען געהערט געוואָרן באַריכטן וועגן דער לאַגע פון די שוואַרצע, וואָס האָבן מיר, אַ ווייס־הויטיקן און איד, ניט געמאַכט פילן צו גוט.

אָבער פלוצלונג האָב איך דערהערט אַנדערע ווערטער: אַ רעדנער האָט אַנטוויקלט אַן עקאָנאָמישע פּראָגראַם פאַר די שוואַרצע, פאַר אייגענע אינדוסטריעס, פאַר קאָאָפּעראַטיוון, צו באַקעמפן ראַסן־דיסקרימינאַציע און העלפן פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע.

דערביי האָט דער רעדנער אָנגעוויזן אויף אָנהויבן אין דער ריכטונג; די אָנוועזנדע האָבן מיט באַגייסטערונג אָנגענומען די פּראָגראַם.

זיי האָבן אין לויף פון יאָרן געמאַכט גרויס פאַרשריט. איך באַדויער בלויז וואָס איך האָב ניט אונטערן האַנט ציפערן און סטאַטיסטיקעס.

אפשר, איז די פּראָגראַם איינער פון די ענטפערס אין קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע. ווי זאָגט זיך: אם אין אני לי, מי לי?

די באָמבעס

האָט אַ באָמבע אויפגעריסן אַ אידישן רעפאָרם טעמפּל אין אַטלאַנטאַ און דערוויזן אַז אידישע שונאים פירן אַן זייער פינצטערע אַרבעט ניט בלויז דורך פאַרשפּרייטן אַנטיסע־מיטישע ליטעראַטור, נאָר זוכן אויך אָנוואַרפן אַ שרעק אויף אידן מיט זייערע באָמבעס.

ווי האָט געזאָגט איינער פון די אַרעסטירטע, פאַרדעכטיקטע אין צוגרייטן דעם אויפ־רייס: „איך בין אַן אָנהענגער פון היטלער׳ס לערע, ער איז געווען אַ גרויסער מענטש און פירער״.

און אַ זשורנאַליסט פון „ניו־יאָרק פּאָוסט״, אין זיינע אויספאָרשונגען אויפן אָרט אין אַטלאַנטאַ, האָט געשטעלט אַ פראַגע און אַליין פאַרענטפערט: — ווי קומט דאָס דאָס די עף. בי. איי. (פעדעראל ביוראָ אָוו אינוועסטיגיישאָן) האָט געשיקט אירע מענטשן און זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף די אַטלאַנטער? — ענטפערט ער אַליין, אַז אַ צאָל פּאָליציי־באַאַמטע זיינען אין זייערע יונגע יאָרן געווען קו־קלו קלעניקעס און זייערע סימפּאַטיעס זיינען ניט מיט די אידן, וועלכע ווילן זען אַז גערעכטיקייט זאָל געטאָן ווערן צו די שוואַרצע.

פיר און פערציק יאָר זיינען אַוועק זינט דעם פראַנק לינטש אין אַטלאַנטאַ. אידן־האָס איז, ס׳ווייזט אויס, ניט פאַרשוואונדן. ס׳קאָכט איצט מיט דער אינטעגראַציע פון די שוואַר־צע אין די שולן, איז אַ גוטע געלעגנהייט זיך אָפּרעכענען אויך מיט „פרעמדע״, ווי זיי באַטראַכטן די אידן.

ס׳איז גוט וואָס אידן זיינען ניט אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק שטימונג, אָבער פאַר־באָרגן די זאָרג טאָר מען אויך ניט. באָמבעס וואַרפן קאָן ווערן אָנשטעקנד. פינצטערע כחות ווילן אויסלעשן דאָס ליכט דאָ אין לאַנד. זיי וועט דאָס ניט געלינגען, אָבער אַ בי־טערער נאָך־טעם איז פאַרבליבן.

היטלער׳ס בייזער גייסט באַווירקט נאָך אַ צאָל צערודערטע, קראַנקהאַפטע נפשות אויך דאָ אין אַמעריקע.

אַ וועלט אזאַ

אין היסטאָרישן טאָג פון 29טן נאָוועמבער, 1947, זיינען מיר געווען צוגעשמידט צו דער ראַדיאָ אַ גאַנצן טאָג און אָוונט. די זיצונג פון „פאַראייניקטע פעלקער״ האָט געדאַרפט באַשטימען דעם גורל פון ארץ ישראל.

פלוצלונג, האָב איך דערהערט אַ רעדע אין רוסיש. דער סאָוועטן־פאַרטרעטער, אַנדריי גראָמיקאָ, האָט גערעדט. איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויערן. דער קאַלטער לונג און לעבער גראָמיקאָ האָט גערעדט וועגן דער אידישער לאַגע, אידישן מאַרטירער פאָלק און זיין רעכט אויפצושטעלן אַ מלוכה (אין רוסיש „גאָסודאַרסטוואָ״) אין פּאַלעסטינע. ס׳איז געווען אַ וואַרעמע רעדע, מיט האַרץ און שטימונג.

מיין האַרץ האָט געפלאַטערט. איך האָב דערפילט אַז אַ גרויסער מאָמענט קומט אָן. אַמעריקע און רוסלאַנד האָבן זיך געאייניקט, און די אָפּשטימונג איז געווען 33 קעגן 13. אוממעגלעך איבערצוגעבן מיין שטימונג אין יענעם מאָמענט.

איך בין ניט געווען דער איינציקער. צענדליקע טויזנטער אידן האָבן זיך צוגעהערט און געפילט די פרייד.

„מזל טוב" האָבן מיין פרוי און איך זיך געוואונטשן. טרערן פון פרייד האָבן גערונען פון אונזערע אויגן.

בעווין און די אַראַבער האָבן פאַרלאָרן. דעם 14טן מאַי 1948 איז געבאָרן געוואָרן די דריטע אידישע מדינה פון ארץ ישראל. די געשיכטע קאָנען מיר אַלע. דער ישוב פון ישראל האָט באַוויזן דעם נס און באַזיגט די אַראַבישע מלוכות. די אַראַבער קאָנען אָבער ניט פאַרגעסן זייער מיליטערישע מפלה. זיי ריידן וועגן נקמה און אַ נייעם אָנגריף אויף מדינת ישראל. אָבער מצרים׳ס מפלה אין 1956 האָט די אַראַבער געלערנט אַז ישראל איז ניט אַ לייכטער ביסן. קוויקט מען זיך מיט העצעס אויף דער ראַדיאָ, מיט באַיקאָט און מיט פלאַנצן שנאה איבערהויפּט אין די לאַגערן פון אַראַבישע פליכטלינגן, וואָס ווערן דעמאָראַליזירט. און דאָך, ווען ניט דער קאַלטער קריג צווישן רוסלאַנד און אַמעריקע, און נאַסער׳ס עפענען די טויערן פון נאָענטן מזרח פאַר רוסלאַנד, וואָלטן ניכטערע עלעמענטן ביי די אַראַבער אפשר אָנגעהויבן ווערן דרייסטער און ריידן וועגן שלום. אָבער סאָוועטן־רוסלאַנד האָט איצט אַנדערע חשבונות, און דער זעלביקער גראַמיקאָ אַטאַקירט מדינת ישראל ווי אָנגרייפער און ווערקצייג פון „אַמעריקאַנעם אימפּעריאַליזם". וואָס פאַר אַ וועלט מיר האָבן היינט, און וואָס פאַר אַ צייט! אָבער, ס׳וועט מוזן קומען אַ בעסערער טאָג, זאָלן מיר נאָר האָבן כחות צו שטאַרקן מדינת ישראל.

אונדזער מרים

עלטערן פרייען זיך מיטן געבוירן און האָדעווען די אייגענע קינדער, און שווער ווערן זיי געטראָפן ווען אַ קינד גייט אַוועק אויף אייביק פון זיי.

מיר האָבן געהאַט אַ וואונדערבאַרע מיידעלע, מרים, און אין 1920 האָבן מיר זי פאַר־לוירן אין דער עפּידעמיע.

עטלעכע וואָכן פאַר איר אַוועקגיין, האָבן מיר זי גענומען אין שפּיטאָל אין דער האָפענונג אַז זי וועט געזונט ווערן.

דער דאָקטאָר האָט אונז געבעטן וואַרטן אַ האַלבע שעה. ער איז אַריין שפּעטער און זאָגט אונז: איך זע אַז איר זייט ביידע אינטעליגענטע מענטשן, וויל איך זיין אָפנהאַרציק. ניטאָ פאַר אייער קינד קיין הילף, אין דריי וואָכן וועט זי גיין. מיר זיינען דערשיטערט געוואָרן. דאָס קינד איז אַוועק, און יאָרן האָט אונז געמאַטערט דער געדאַנק: האָט דער דאָקטאָר אונז געדאַרפט אויסזאָגן?

מיר האָבן יאָרן דורכגעלעבט יסורים.

טעות־אויסבעסערונג

1. דער נאָמען פון בראַון׳ס מוטער, ז״ל, איז ח י ה, ניט ח ו ה.
2. זייט 23 — 1טע שורה פון 2טן פאַראַגראַף, רעכענענדיק פון אונטן, דאַרף זיך לייענען: „1958 איז נישט בלויז מיין 70סטער געבוירן־יאָר"...
3. זייט 33 — 1טע שורה פון לעצטן פאַראַגראַף דאַרף זיך לייענען: „אין דאָרף קאָן דער ייד ניט גיין"..
4. זייט 49 — 24סטע שורה דאַרף זיין: „מ י ר" במקום „מער".
5. זייט 52 — 1טע שורה פון 5טן פאַראַגראַף דאַרף זיך לייענען: „איך האָב מיט דער גרופע ניט געהאַט קיין מגע ומשא"...
6. זייט 73 — דאַרף זיך לייענען אין דער לעצטער שורה: „ארץ ישראל, דעצעמבער, 6 2 9 1"...
7. זייט 81 — 6טע שורה דאַרף זיין: „ג אַ ש אַ ש י ב י", ניט „גאַשאַשופּו".
8. זייט 120 — 2טע שורה, לעצטער פאַראַגראַף, דאַרף זיך לייענען: „250 מיליאָן דאָלער".
9. זייט 132 — 19טע שורה, דאַרף זיך לייענען: „ז ש י ט ל אָ ו ו־ ס ק י אַ נ ע ר".